STEVEN SPIELBERG DIGITAL
YIDDISH LIBRARY NO. 18974

ATLANTIDISH

Lev Berinsky

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18974-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189747T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

לעוו בערינסקי



אַטלאַנטידיש

לעוו בערינסקי / געקליבענע ווערק
צוויי בענדער

באַנד צוויי

פּראָזע

דאָס בוך גייט אַרויס אַ דאַנק דעם איציק און געניאַ מאַנגער־פֿאָנד
און דעם בית שלום עליכם

פּראָזע

א

די רוסישע וועלדער וואָס באַטראַכטן מיך שטום

ב

אַמפּיטעאַטער

ג

דאָס צעטרייסלען די לופטן

פֿון די ייִדישע זשורנאַלן און צײַטונגען:

״סאָוועטיש היימלאַנד״
״נײַע וועגן״
״טאָפּלפּונקט״
״פֿאָרווערטס״

אויטאָר־איבערזעצונגען פֿון רוסיש און דײַטש

פֿון די אויסגאַבעס:

"Иностранная литература"
"Дикое поле"
"Вести"
"Der Literat"
"Momente in Jerusalem"
"Mark Chagall. Träume und Dramen"

לעוו בערינסקי

אַטלאַנטידיש

שער־בלאַט: ל.ב.
קאָרעקטור: אליעזר ניבאָרסקי
צוגעגרייט צום דרוק: לעאָניד רחמן

עכו, 2015

LEV BERINSKY / SELECTED WORKS

in two volumes

VOLUME II

PROSE

ATLANTIDISH

Cover: L.B
Proof-reading: Eliezer Niborski
Prepress: Leonid Rahman

ISBN 978-965-7348-43-7

©
All rights reserved

Akko, 2015



①

אַזוי וווּנדערלעך געגאָסן האָט נאָך קיינער נישט...

ס׳איז געווען אַ זעלטענע דערפֿאַרונג צו דערשפּירן דעם דויערנדיקן כּוח פֿון ייִדיש אין דעם נײַעם נוסח, וואָס לעוו בערינסקי האָט געפֿונען און האָט געשאַפֿן אין דעם לשון; כ׳וויל ניט זאָגן ״מאָדערן״, ס׳איז ניט גענוג, ווײַל זײַן נײַער טאָן אין ייִדיש איז גלײַכצײַטיק וווּנדערלעך אַלט. ס׳איז דאָ אין אים נאָך איין שטריך – אַ זעלטענער – דער שטריך פֿון פּשוטער חכמה, וואָס איז אַזוי וויכטיק. אַ שטריך, וואָס איך זע און פֿיל אין זײַן שעפֿערישקייט.

דער פֿאַקט איז, אַז זײַן אַ שרײַבער און זײַן אַ חכם איז אַ זעלטענע מידה. לעוו בערינסקי איז אַ פּאָעט מיט אַ זעלטענעם נוסח, ער רעדט אַנדערש און גלײַכצײַטיק רעדן פֿון אים אַרויס דורות ייִדישע דיכטער. אָבער דורות. ער אָטעמט מיט געשיכטע, מיטן נעכטן, מיטן הײַנט, און דעם מאָרגן, און אַלע דרײַ גיבן אים אַ טאָן פֿון צײַטן און דויער, פֿון איבערצײַט, וואָס איז אַ וווּנדערלעכע זאַך און זעלטן אין דער קונסט. ער שרײַבט כּמעט אין מאָרגן און איז אײַנגעוועבט אין נעכטן, און ער הערט דאָס ניסן פֿון זײַן טאַטן אין יאָר צוויי טויזנט אַכציק – מחמת טאַטעס און מאַמעס לעשן זיך ניט אויס ווען זיי לאָזן אונדז איבער.

זײַן שרײַבן איז פֿול מיט פֿרײַער אַסאָציאַציע און פֿאַרמאָגט אַ זעלטענע דיכטערישע דיסציפּלין... כ׳וויל לייענען אײַך אַ פּאָר שורות, וואָס איך האָב פֿאַרצייכנט, ווען כ׳האָב געהאַט אַ טעלעפֿאָן־געשפּרעך מיט אַבֿרהם סוצקעווער. ווי געוויינלעך, איז אונטערגעקומען די פֿראַגע: ״וואָס הערט זיך אין ניו־יאָרק?״ און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז בערינסקי איז דאָ, האָט ער, סוצקעווער, אָנגעהויבן רעדן וועגן בערינסקין, און איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרשרײַבן. זאָגט סוצקעווער וועגן בערינסקין אַזוי: ״אַן אויסערגעוויינלעכער אינטעליגענטער מענטש, אַ גרויסער פּאָעט, אַ גדול אין דער ייִדישער פּאָעזיע״. בפֿירוש אַבֿרהם סוצקעווערס ווערטער: ״עפּעס פֿון משה־לייבן איז דאָ אין אים. אַ פּערזענלעכקייט און אַ טײַערער פֿרײַנד. זאָלן זיי וויסן ווער ס׳איז געקומען קיין ניו־יאָרק״. און ס׳איז געווען גוט צו הערן סוצקעווערן, ווען ער איז געווען אַזוי זעלטן פּאָזיטיוו. כאָטש איך האַלט, אַז דער פֿאַרגלײַך מיט משה־לייבן איז אין בערינסקיס פֿאַל ניט קיין גאַנץ פּאַסיקער, דאָס איז צו ווייניק. און איך וויל ענדיקן מײַנע רייד מיט בערינסקיס אַ ליד. דאָס ליד הייסט ״אַ פּראָיעקט פֿון אַ דענקמאָל מײַן טאַטן בעת זײַן אייביק לעבן״, פֿון דעם בוך ״פֿישפֿאַנג אין ווענעציע״, און עס פֿאַרענדיקט זיך טאַקע מיט דעם נאָס פֿון זײַן טאַטן אין יאָר צוויי טויזנט אַכציק – ״אַ־אַ־אַפּטשכי...״

אַזוי וווּנדערלעך געגאָסן האָט נאָך קיינער נישט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

איטשע גאָלדבערג, 1999

פּראָזע

די רוסישע וועלדער
וואָס באַטראַכטן מיך שטום

וו׳הין פֿאַרטרײַבסטו, וו׳הין טרײַבסטו אונדז, רוסלאַנד, צי זענען דען מײַנע טריט אויף דײַן דופּטיקער ערד שווערער, ווי זי עס אויסהאַלטן קאָן, צי סטײַעט שוין ניט פֿאַר די צוויי מײַנע קינדערלעך קיין אָנגעבריאַקעוועטע איבעגערײַפּטע יאַגעדעס אין דײַנע מאַלינע־געשטרויכער, וואָס שטייען, ווי אויף אַ בילד, אַרום דער שמאַראַגדיקער וואַלדלאָנקע מיטן בלויען קרײַז הימל פֿון אויבן, און מיטן גרילן־געגרילץ און פֿייגל־געטומל אין דער פֿאַנטאַסטישער אַנדערפלאַנעטישער פּלאָרע? נו, ״באָג ניע ווידאַסט״, ווי זיי זאָגן עס, וועט דער חזיר אונדז ניט אויפֿפּרעסן: די וועלט איז גרויס, די פֿאַונע – און אויך די מענטשישע, ברוך השם, איז פֿאַרשידן.

דער לעצטער גן־עדן־סעזאָן

רויטער נסיון

אַ רויטער פֿלאַם פֿון דרויסן האָט אַ פֿלאַקער, אַ פּאַכע געטאָן, אָפּגעשׂרפֿעט דאָס גלאָז, און דוד האָט אין פֿענצטער דערזען: ער פֿליט. דער שׂרף איז געפֿלויגן איבערן דאָרף, לאַנגזאַם אַראָפּלאָזנדיק און אויפֿהייבנדיק אַ פּאָר שׂרפֿות, אַ פּאָר גרויסע און פֿאָרמלאָזע, און קאָליוכאַ איז שוין געשטאַנען אויפֿן דאַך אינדערווײַטנס, הויך אויפֿן סאַמע קאַם פֿערדשטאַל, און אָפּגעטריבן, ווי עפּעס אַן אײַנגעגעסענע פֿליג, צי ווי איינער שטייט בײַ זײַן טויבנשלאַק און דרייט מיט שטעקן אין הימל, – אַוועקגעטריבן פֿון זײַן נחלה דעם פֿײַערגעפֿערלעכן יענוועלטלעכן גאַסט. און דאָס פֿערד דאָרט אינעווייניק, אין דער אָבאָרע, האָט אָן אַן אויפֿהער געהירזשעט. אַן אייגענעם זשערעב האָט קאָליוכאַ געהאַלטן מיט פֿולע רעכט – ווי אַ וואַלד־שומר האָט ער געקענט האָבן צוויי אָגערס אַפֿילו. צום איינציקן אָבער האָט ער אויך ניט דערלייגט, אַ סימן – די גערוימע פּיאַטיסטענקע זײַנע אונטערן בלוי אויסגעפֿאַרבטן בלעך; דער ליוקס־קילקאַסטן "ביריוסאַ" אינעם פּרידעל, אין דעם ריכטיקן פֿאָרצימער, גרויס ווי אַ האָל אין האָטעל; דער קאָליריקער טעלעוויזאָר אין צווייטן צימער, גראָד אונטער דער איקאָנע, אינעם ווינקל, וווּ ער ווײַזט אַם בעסטן. דעם טעלעוויזאָר האָט אים געבראַכט מיט דער אייגענער מאַשין זײַן עלטערער זון פֿון באָלשעוואָ. און דער שווערוואָגיקער איזשעווסקער מאָטאָציקל מיטן שוואַרץ־לאַקירטן בײַוועגעלע! – כּסדר אָנגעגרייט, איז ער געשטאַנען בײַם טויער, אונטער אַ ברעזענטעוון איבערדאַך, מיט דרײַ קאַסקעס, שטענדיק צוגעבונדענע צום רול: טאָמער וואָס עפּעס; מיט אַ פֿולן באַק בענזין, מיטן גוט אויסגעפּרוּווטן טאָרמאָז: זעץ זיך און זשמי![1] און דאָס פּי זײַנס: די ביידע בהמות מיט אָנגעקאַטשעטע, ביז צו דר׳ערד אַראָפּהענגענדיקע אײַטערס, די זעקס שאָף מיטן שעפּס אין דער מיט, און קאָליוכאַס שטאָלץ – דער גאַלאַגאַנער האָן אין געוויינלעכער באַגלייטונג פֿון דער אימפּאָזאַנטער דאַמען־סוויטע, די קוואָכטשענדיקע און דעם גאַנצן לאַנגן טאָג נישטערנדיקע פּעדערנע אייער־זעקלעך... איין פֿונק – גאָט זאָל אָפּהיטן! – און אַלץ גייט קאַפּוט צום טײַוול אַוועק.

דעריבער שטייט דער מאָגערער הויכפּיסיקער גוי אויפֿן שפּיץ דאַך און דרייט, שמײַסט מיט דער האָלאָבליע אין דער לופֿטן אַרײַן. אַ חידוש דען? ווען דוד, חוץ זײַן כאָפּטע אויפֿן קאָרעק, זאָל געוועזן האָבן אַ פֿערטל וואָס קאָליוכאַ פֿאַרמאָגט, וואָלט ער מסתּם אויכעט נישט געשטאַנען איצט בײַם פֿענצטער געליימטערהייט, ווי סע זאָגט זיך, ער וואָלט זיך אַוודאי אויך אַ וואָרף צום לייטער געטאָן, אָדער אויפֿן ווײַט אַרויפֿגרייכנדיקן בוים – נאָר אַזוי? אַבי אויפֿהייבן אַ טומל, לויפֿן, ברעכן דעם קאָפּ, אויפֿרײַסן די קינדער פֿונעם שלאָף? ווען זעלבסט משיח קומט, גיט ער זיך, דוד, דאָ ניט קיין ריר: ברענט עס אַלץ אָפּ... האַ, אַזאַ פֿאַרגעניגן: צוטוליען דעם ליסן שיידל צום קאַלטן פֿענצטערגלאָז און קוקן, און שטאַרן, און גלאָצן...

---

[1] קוועטש! יאָג! (רוס׳).

דער שׂרף, אַ סך גרעסער פֿון אַ בושל אין סטעפּ און עטוואָס קלענער פֿון אַן אײנאָרטיקן ספּאָרטיװן עראָפּלאַן, – דער זעלטענער, װײַטהימלישער רױבפֿױגל האָט שטיל געשאָטן מיט בלױע פֿונקען און אָנגעצונדן אין פֿלוג צעצױגענע קרײַזן איבערן דאָרף. זינאָװי פּאַנטעלײמאָנאָװיטש, דער דאַטשניק פֿון סמאָלענסק, איז שױן געװען אַרױס אױף דער שװעל און געשטאַנען װי אַ מת, פֿאַרריסן דעם קאָפּ אין הימל און פֿאַרשטעלנדיק מיט בײדע דלאָניעס דעם צעעפֿנטן קראָק בײַ די גאַטיעס. שלאָפֿן פֿלעג ער זיך לײגן פֿרי אױף דער נאַכט, מען קאָן זאָגן בײַ טאָג נאָך, װען די זון האָט נאָך רױט און הײס אַרױסגעשטעקט פֿון די יאָלקעס אין דעם מערבֿדיקן באַרגשפּאַלט, און ליגנדיק אין די פֿײַכטע לײַלעכער, דער דושנער קאָלדרע – זיך פֿאַר די קאָמערן פֿאַרבאָרגנדיק – איבערן קאָפּ אַרױפֿגעצױגן, פֿלעג זינאָװי װאַרטן געװײנלעך, װען טאַמאַראַ ניקיטישנאַ, דאָס װײַב זײַנס, װעט פֿאַרענדיקן מיט אירע אומענדלעכע טעגלעכע זאָרגן: די הינער און קאַטשקעס אין קאָטוך אַרײַנטרײַבן, דעם הונט אױף דער גאַנצער נאַכט אָפּבינדן, אונטערשפּאַרן מיט דער לאָפּעטע דאָס טירל אין גאָרטן, װוּ די קעץ צי די האָזן קענען אױסטרעטן דאָס גרינס, װאָס פּונקט הײַיאָר, װער װײסט איבער װעלכע סיבות – אפֿשר מחמת די דרום־װינטן אַזש פֿון טשערנאָביל – האָט עס זיך אױפֿגעהױבן פֿאַרן זומער אומגלײבלעך גרױס, װי בײמער, די זאַפֿטיקע שטענגלעך פֿון ציבל און קריפּ, מערן, קנאָבל, און אױף די ריבן האָט זיך צעלאָזט אַזאַ געדיכטע היטשקע, אַז די װעלט האָט נאָך מסתּם אַזױנס ניט געזען! באַזונדער, פֿון דער אַנדער זײַט הױף, איז געװען קאַרטאָפֿל פֿאַרזעצט – אױפֿן ברײטן, צום טײַכל אַראָפּגעקראָכענעם פֿעלד, האַרט צו דער פֿאַרזומפּיקטער נידעריש, װוּ פֿריִער, דערצײלט מען, האָט זיך דאָס דאָרפֿישע פּי געפּאַשעט, די טשאַטעס און סטאַדעס, פֿון װעלכע ס׳איז הײַנט איבערגעבליבן אין גאַנצן אַ גאָרנישט, צװײ דאַרע װי שפּענדלעך ראַטװירטישע קי און עטלעכע אױסגעבײנערטע, תּמיד פֿאַרמרה־שחורהטע ציגן, װאָס זײ געדענקען און בענקען, קאָן זײַן, נאָך די װײַטע כרושטשאָװס צײַטן, װען זײ פֿלעגן פֿאַרבלאָנדזשען – אַך, יענע נאַרישע קינדער־יאָרן! – אין די עקזאָטישע פּאַפּשױעס־געדיכטענישן...

טאַמאַראַ ניקיטישנאַ האָט פֿון דודס פֿענצטער, אױסגעזען װי עפּעס אַן אַבסורדיסטישער מאָנומענט: ז׳האָט זיך פּונקט אָנגעבױגן דעם הונט אָפּצולאָזן – און אין אַזאַ פּאָזע אונטערן פֿונקענפֿאַל פֿאַרגליװערט געװאָרן, דערמאָנענדיק פֿון דער װײַטנס, אין אײנעם מיטן כּלבֿ, אַ מין מיטאָלאָגישע בריאה, אַ משונה־נײַעם קענטאַװער, װאָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿרױיִשן קאָפּ־און־בריסט און אַ הינטישן הינטערקערפּער. העכער, אױף דער שװעל, האָט איבער זײ אַרױסגעשײַנט, פֿאַרשטעלנדיק, װי געזאָגט, מיט די דלאָניעס דעם קראָק, זינאָװי – אַ מעשענער פּראָפֿיל, אַן אָנגעשטרענגט פּנים, אַקוראַט דער לעגענדאַרער גרענעצלער קאַראַצופּאַ, װעמענס נצחון־פֿיגור מיט דער אומרחמנותדיקער אָװטשאַרקע בײַם פֿוס פֿלעג אַ מאָל אױף אַלע װענט אין דער שקאָלע אױפֿװאַקסן פֿאַר דודס אױגן, – אַך, יענע נאַרישע קינדער־יאָרן!

אַ ראָזעװער נעפּל האָט זיך שװעבנדיק געצױגן צום װײַטערן היגל אױפֿן צװײטן עק דאָרף, לײַכט װיגנדיק זיך דאָרט איבערן געשלענגלטן שמאָלן טײַכל. אומדײַטלעך פֿאַרביקע קאָנטורן, דאָרט הױכע און דינע, עטװאָס װײַטער שטײַפֿע און קלײנװוּקסיקע; פּוסטלײַביקע אָדער אָנגעפּאַקטע, װי זעק מיט ערד, מענטשן האָבן זיך אָנגעזען שטײענדיק לעבן די שטיבער; אַ גװאַלדאָװנער אָקס, שװימענדיק אין דער שאַרלעך רױטלעכער פּאַרע אױף פֿיר ברײט און

שרעג צעשטעלטע פּיס, האָט ווידער און נאָך אַ מאָל אַרויסגעגעבן פֿון זײַן אָפֿענער געמבע אַ מיסטישן, ווי גבֿריאלס שופֿר געברום. נאָענטער, אונטערן באַרג, אויף וועלכן דודס הויז איז געשטאַנען, האָט פּלוצעם אויפֿגעבליצט און גלײַך זיך צעפֿלאַקערט אַ קוסט, און ניט שוין אַ סך איז געבליבן מסתּם, האָט דוד אַ טראַכט געטאָן, אַז אַ באַסאָווע קול זאָל זיך פֿון דאָרטן דערהערן: ״צי אַראָפּ דײַנע שיך פֿון די פּיס דײַנע, ווײַל דאָס אָרט ווו דו שטייסט אויף אים איז אַ הייליקער באָדן״.

גאָט זײַ געלויבט, האָט זיך דוד דערמאָנט, וואָס מײַנע זעען׳ס ניט: דאָס ייִנגל, אַ נפֿשל, שלאָפֿט, אַרומגעכאַפּט מיט די הענטלעך די מאַמקע, און סיושקע, שוין אַ גרויס טאַקע מיידעלע, נאָך אַ יאָר צוויי – דאַרף זי שוין אָנטאָן אַ ליפֿטשיק, סיושקע נעמט זיך נאָך ניט, לאָזט זיך אויס, דאָס געלעגער צו מאַכן: זיצט הינטערן אויוון אויף דער טאַבורעטקע און סקריפּעט אויפֿן אַקאָרדעאָנדל די ״טאַטשאַנקע״, און זינגט זיך אַליין אונטער, אַגבֿ, גאַנץ פֿאַלש און דערבײַ איבערדרייענדיק אַלע ווערטער: אָנשטאָט ״ראָסטאָוטשאַנקאַ״, וואָס מיינט ״פֿון ראָסטאָוו״, מאַכט זי, הערט נאָר, ״ראַסטאַטשאַנקאַ״:

״עך, טאַטשאַנקאַ־ראַסטאַטשאַנקאַ״. ״ראַסטאַטשאַנקאַ״ – אַזאַ גאָר אומזין...



דאָס שטיבל אויפֿן היגל – שטום, פֿאַרוואַקסן, 20 יאָר אַרום...

בערג פֿלייש

– קום, – זאָגט זי, – דיעד פּאַשקע פּאַרקויפֿט פֿלייש!

– נו, ווייסטו ניט, ווּ דאָס געלט ליגט? – גיט איר אַן ענטפֿער אָפּ דוד, הייבט זיך אָבער אויף, וואַרפֿט אָן דאָס העמדל אויף די פּלייצעס, ציט אָן די אָפּגעריבענע דזשינסן, פֿאַרבינדט די שנירלעך אויף די שווערע, פֿון עמעצן דאָ איבערגעלאָזטע באָקאַנטשעס – צו דיעד פּאַשקען איז פֿאָלג מיר אַ גאַנג, איבערן שוואַרצן געמויזעכץ און ווײַטער, ווײַטער, אויף יענער זײַט פֿעלד. איבעריקנס, קלערט ער, שפּאַנענדיק שוין מיטן ווײַב פּאַזע בלאָוובלומיקן פֿלאַקס, העט פֿון דאָרף אַרויס, טאַקע גוט צוגעטראָפֿן, בײַ פּאַשקען וועט זיך מערטשעם דער עולם צונויפֿגיין, אַ קלייניקייט: פֿלייש! זיי ווייסן דאָך, די היגע ערלים, זיי מוזן וויסן, וואָס אַזוינס איז דאָס נעכטן געווען, דער שׂרף, דאָס פֿײַער, ווייניקסטנס – ווי אָפֿט קומען דאָ פֿאָר אַזעלכע אַטמאָספֿער־דערשײַנונגען, וואָס ער אָבער האָט נאָך אין ערגעץ וועגן אַזוינע אָפּגלאַנצן פֿון פֿאָלאַרשײַן, אין די מיטל־רוסלענדישע געגנטן, נאָר פֿיר הונדערט קילאָמעטער ביז מאָסקווע, – ניט געלייענט...

אַהער קיין ווייענאָ איז ער אַרײַנגעפֿאַלן, קאָן מען זאָגן, צופֿעליק. נאָר אויב דאָס, אַוודאי, אין אַ ברייטערן זין באַטראַכטן... אויפֿן פּאַפּירבלאַט, אָנגעקלעפּט אויף דער וואַנט בײַם מעטראָ־אַרויסגאַנג, האָבן שוין פֿון ווײַטנס זיך אין די אויגן געוואָרפֿן ווילדע אותיות – אַן אויפֿרוף צום רוסישן פֿאָלק: שלאָגן ייִדן. פֿרײַ און פֿראַנק. קלאָר און פּשוט. מיטן קאָנקרעט אָנגעוויזענעם טאָג: דעם פֿינפֿטן מײַ. הײַנט איז דער צווייטער. דוד האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דאָס פּאַשיסטישע בלעטל, שטיל און ווי כמעט באַפֿרידיקט זיך אויסגעדרייט, צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אין מעטראָ, אַרויס בײַם ביעלאָרוסקי וואָקזאַל, אין דער קאַסע גענומען אַ בילעט פֿאַר זעקס רובל, אַלץ וואָס ער האָט געפֿונען אין בײַטל, און צען מינוט שפּעטער – אויסגעשטרעקט זיך אויף דער פֿרײַער אונטערשטער פּאָלקע אין וואַגאָן, אָפּגעדרימלט עטלעכע שעה, אַראָפּגעשטיגן איין סטאַנציע פֿאַר סמאָלענסק, וויפֿל דער בילעט האָט דערלויבט, זיך אַרײַנגעזעצט בײַם פֿאַרמאַכטן שלאַבאַן אין דער קאַבינע פֿון אַ מאַשין, אַ מילך־ציסטערנע, אַרויס אין קאַמענקע, ווי דער שאָפֿער האָט אים געעצהט, אַרײַנגעגאַן אין סעלסאָוועט און דערוואַרט זיך אויפֿן פּרעדסעדאַטעל[1]... שפּעט בײַ נאַכט, אַרום דרײַ, טויט מיד, פֿון קאָפּ ביז פֿיס פֿאַרשטויבט און מיט בלאָטע פֿאַרשפּריצט, האָט ער צוריק קיין מאָסקווע זיך אומגעקערט, געיאַוועט אַהיים און געהייסן פֿאַרפּאַקעווען דאָס סאַמע נייטיקסטע.

אויף מאָרגן האָבן זיי שוין אַלע גענעכטיקט אין ווייענאָ, אויף דער אייגענער דאַטשע, אין אַ ממש עכטער איזבאַ[2], אין אַן אמתן דאָרף, עק וועלט, ווײַט פֿון דער פּרעכטיקער הויפּטשטאָט און פֿון דער פֿאַרנאַנטער ״פּערעסטרויקע״...

---

[1] פֿאָרזיצער (רוס׳).

[2] אַ פּויערשטוב פֿון ברעווענעס (רוס׳).

בײַ דיעד פֿאַשקען אין הויף, בײַם סאָווכאָזישן פֿאַסטעך האָט זיך רױשיק געשטופּט ס׳גאַנצע דאָרף – קוישן און עמערס אין די הענט, אַ זאַק אויף די אַקסל... דערזען דאָס אָנקומענדיקע פֿאָרפֿאָלק, זענען מיט אַ מאָל אַלע פֿאַרשטומט געוואָרן, אָן אַן איבעריק וואָרט זיי געמאַכט אַ וועג ביז צו דער שוועל, ווו אויף רעכטס און אויף לינקס פֿון דער אַרײַנגאַנגס־טיר זענען אָנגעוואָרפֿן געלעגן – נאָך רײַכערנדיק זיך מיט פֿרישער לעבנס־פּאַרע – גלײַך אויף דר׳ערד און אויף פּאַניר־שערבלעך, שטיקער רוי פֿלייש, פּעטע און מאָגערע, אָנגעשניטענע ווי־סע־ניט־איז, קרום און שרעג, רױטלעכע, ניט ביזן סוף איבערגעהאַקטע ביינער, אַ האָריקער פֿאַרבלוטיקטער אויער אָדער אַ קאָפּיטע אין מיטן דערינען, אַן אויג, וואָס גלאַנצט אַרויס פֿון אַ הויפֿן קישקעס...

דערפֿילנדיק, אַז סע ווערט אים שלעכט, האָט דוד איבערגעפֿירט דעם בליק אויף די ווײַטע וועלדער, זיך שטיל אויסגעקערעוועט און מיט ברייטע ניט ספּעשעוודיקע טריט אַרויס פֿונעם הויף.

ביזן פֿעלד, ווי אין חלום, דערגאַנגען, האָט ער ס׳רעקל אַ וואָרף געטאָן אין די רויטע און בלויִקע בלומען, מיט ווי געליימטע הענט אַראָפּגעצויגן די אָנגעווייקטע שיך, און צוגעזעצט זיך, אַ ראַמאַשקע בײַ דער צעפּאַרעטער באָרוועסער פּיאַטע, וואַרטן אויפֿן ווײַב מיט איר שיינער מציאה. די בערג פֿלייש זענען אַלץ נאָך געשטאַנען אים פֿאַר די אויגן. לא תירצח? ווי הייסט עס דאָס אין דער לויטערער תורה? זאָלסט ניט קוילען, ניט מאָרדן, ניט הרגענען... דעם אייגענעם זון האָט געבראַכט אַבֿרהם צום מזבח, אויפֿן באַרג מוריה. האָט אים גאָט נאָר געוואָלט אויספּרוּוון, אויף דער האָצקע נעמען? וועגן וואָס? דער איבערשטער ווייסט דאָך אַלצדינגס, לייענט אין די זעלן פֿאַר פֿריִער, וועמען דאַרף ער נאָך עקזאַמענירן? אַבסורד. דאָ איז אָט וואָס: אַדושם האָט, מסתּם, מיט דער גרויליקער סצענע דערקלערן געוואָלט, אַז קיין מענטשן טאָר מען ניט מקריבֿ זײַן, ווען ס׳איז אַפֿילו ״דײַן אייגנס״, דײַן אייגענער זון! יאָ, און וועמען זשע מעג מען, אַ לעמל? אַ שעפּעלע, דאַכט זיך, האָט אים, דעם אַלטן אַבֿרהם, אונטערגערוקט רבונו־של־עולם, אָנכאַפּנדיק דעם עובֿר־בטל בײַם מעסער, אָבער... ניין־ניין, ניט גאָט אַבֿרהמען, נאָר פֿאַרקערט, יענער, דער אָקאָרשטיקער געצנדינער, דער נעאָפֿיט, האָט אויסגעפּרוּווט, צו נסיון געבראַכט דעם בורא: איז ער אין דער אמתן אַן אַלגנעדיקער און גערעכטיקער, אָדער קאָן ער אַזוינס דערלאָזן, אַז אַ פֿאָטער זאָל שטעכן זײַן זון? אַך, נאָך אַ רגע, נאָך אַ קורצער אויגנבליק – און קיין שום עם ישׂראל, קיין שום עשׂרת־הדיברות, קיין שום מאַראַל־געזעצן און הײַנטיקע ציוויליזאַציע... יאָ, אָבער וואָס פֿאַר אַ וועלט וואָלט מיר איצט אפֿשר געהאַט, ווען די אוראייניקלעך, דער שטאַם אַבֿרהמס, די גרויסע פֿאַרגעסער, וואָלטן דעמלט, אַז שוין זייער שעה איז געקומען, ניט געבראַכט געהאַט דעם באַשעפֿערס זון צום באַרג, צו די צוויי פּאַפּערעק צונויפֿגעקלאַפּטע – צי וואַקסן אויך אין ארץ־ישׂראל בערעזעס? – ברעווענעס. אַך דו נאַרישער גאָט, האָסט געמיינט אַז דו האָסט צו טאָן מיט חשובֿע דזשענטלמענער... יענער, פֿאַרשטייט זיך, האָט אַוודאי געהאַט זײַן רעזערוו־לייזונג: תּחית־המתים. אָבער דעם גורל פֿון אַ מענטשישער נשמה וועט ער פֿאַרגעדענקען אויף אייביק... בערג פֿלייש... אויסגעקוועטשטע אויגן אויף דער ערד... אָפּגעהאַקטע, איבערגעבראָכענע פּיס... אַרויסגעריסענע קישקעס... און דער אַנטיכריסט־קריסט מיט דער אָפֿענער אין דער האַנט אַנטי־תּורה, מיטן ערשטן געבאָט זײַנעם: ביי![1]

---

[1] שלאָג! (רוס׳).

אַ פֿאַרבלאָנדזשעט ליבעלע, דערפֿליִגן אַהער מסתּם פֿון דער ריטשקע, אַ מערישקע, וואָס וויל אומבאַדינגט אַרויפֿקריכן אויפֿן שפּיץ שטרויעלע; בלויער פֿלאַקס מיט רויטע, ווילדע מאָנבלימלעך; די געלע פֿליסיקע זון – צעשמאָלצן גאָלד.

וואָס באַצייכנט מיט זיך, וואָס באַטײַט דער בײַנאַכטיקער שׂרף? ווען מען אָנהעצן, אויף ווען עמענס שפּור האָט ער געוואָלט זיי אַרויפֿפֿירן – אויף דודס הויז? אַ פֿײַערפֿלאַם אין פֿינצטערן הימל, איבערן לאַנד מיט אויסגעלאָשענע שטערן – אָדער האָט ער אפֿשר גערופֿן אים, דודן, נאָכפֿליִען? אפֿשר איז ער אַ גרוס געווען, אַ העלער סיגנאַל פֿון די הייכן, פֿון עפּעס אַ פֿרעמדן פּלאַנעט? זעקס פֿליגל, ווי ישעיה דערציילט, "מיט צוויי האָט ער באַדעקט זײַן פּנים, און מיט צוויי האָט ער באַדעקט זײַנע פֿיס, און מיט צוויי איז ער געפֿלויגן". זיי מאַכן זיך, די אַבאָריגענען, אַז עס האָט זיך דאָ גאָרנישט געטראָפֿן. קויפֿן אײַן קוישן פֿלייש, מעלקן זייערע קי, באַוואָרענען זיך אויף ווינטער מיט האָלץ – אָט, עס הערט זיך שוין ווידער די קוויטשיקע "דרוזשבאַ", די בענזין־זעג...

אויפֿהייבנדיק דאָס רעקל פֿון דער ערד, האָט דוד דערהערט פֿריילעכע קולער אין דער ווײַטנס און אַ גראָב געלעכטער: עטלעכע שווער אָנגעגרוזעטע ווײַבער, צווישן זיי – זײַן לאַריסאַ, זי שלעפּט נאָך ס'קליינע וועגעלע באַרג אַרויף, ווי דער וועג פֿירט. ווי גרינג אָבער, מיט אַ מין אויפֿגעפֿלויגענער ווײַבלעכקייט, שפּאַנט זי, הוידענדיק מיט אירע צוויי קלובעס, פֿילנדיק זיך אַזוי היימיש און לײַכט מיט די באַביאַנקעס, צווישן אייגענע, – ווי זי פֿילט זיך תּמיד ווען זי בלײַבט אַליין מיטן פּראָסטן פֿאָלק, ווען ער, דוד, דער טשוזשאַק, דער פֿרעמדער, נערוסקי, שטערט זיי ניט מיט זײַן פֿאַרדעכטיק שווײַגן, מיט זײַנע גרויסע אויגן...

אַכצן יאָר פֿאַרראַט...

אַ פֿאַרראָטן לעבן...

שוין אָבער ניט ווײַט...

אַ סטויג היי, נאָך פֿון פֿאַר אַ יאָרן דאָ איבערגעבליבענער. אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אָפּטרײַבנדיק דעם געדאַנק וועגן שלענג, האָט זיך דוד אַרײַנגעשטופּט אין דעם דושנע שטעכנדיקן מקום־מיקלט, טיף אינעווייניק, ניט איבערגעלאָזט קיין דורכלויכט, קיין לעכל אין דער אויסערלעכער וועלט, זיך אײַנגעקאָרטשעט אין דער וואַרעמער צוגעפֿוילטער פֿינצטערניש, אויף דער לינקער זײַט זיך געלייגט, די קני אַרומגענומען מיט ביידע הענט, פֿאַרזשמורעט די אויגן און זיך צוהערן גענומען, ווי סע פּליעסקעט אין האַרצן אַן איין־און־איינציקער ביטערער ווונטש, אַ מין פֿאַרזשאַווערט וואַסער אין עמער: שטאַרבן. "ווי אַ הונט", – האָט ער נאָר אַ טראַכט געטאָן[1], – און דערהערט שווערע ווײַבערישע טריט אויף דער סטעזשקע און אַ ווולגאַרער געלעכטערל, אַ קויטיקע שטים: איינע פֿון די טאָוואַרקעס[2] האָט בײַ לאַריסען נאָר געוואָלט וויסן, וויפֿל שנײַדט מען "בײַ זיי" אָפּ – אַ פֿערטל? אַ האַלבן?

---

[1] דער מחבר ווייסט ניט, ווו האָט זײַן פּערסאָנאַזש געלערנט, וואָס איז זײַן פֿאַך אָדער האָבי, אָבער סימנים פֿון אַ הומאַניטאַרן דענקען האָבן מיר דאָ בלי־ספֿק: "ווי אַ הונט", צום בײַשפּיל, זענען געווען די לעצטע ווערטער פֿון יאָזעף ק., דעם הויפּטהעלד אין פֿראַנץ קאַפֿקאַס ראָמאַן "דער פּראָצעס".

[2] הבֿרטעס (רוס').

דעם שטילן ענטפֿער האָט ער ניט גאַנץ קלאָר פֿאַרשטאַנען, "מיר סטײַעט" צי עפּעס אַזוינס – און אַ גרויזאַמער גרימל, אַ כאַכעניש האָט ווי אַ דונער זיך דורכגעקאַטשעט פֿאַרבײַ.

קיין תּפֿילות האָט דוד, נאַטירלעך, ניט געקענט, נאָר דאָס צעמישטע, דאָס פֿולע מיט בושה און ייִאוש מורמלען זײַנס וואָלט איצט דערמאָנט איינעם אַ תּהילים־זאָגער אין אַ שרײַענדיקן צום הימל פּסוק: "יהוה אלהי בך חסיתי הושיעני מכל־רדפי והצלני"[1].

דער רוסישער בער

קאָליוכאַ האָט נאָר געוואָלט וויסן: וואָס האָבן זיי אַלע, דוד מיט זײַן כאָפּטע, געזוכט אויפֿן זומפּ?

דוד איז געזעסן מיט אים אין הויף, הינטער אַ סטויג אונטערן צוגעבוי, און קאָליוכאַ, גלאָצנדיק ווי אַ סאָווע מיט די צוויי שוין רויט אָנגעגאָסענע אויגן, האָט געהאַלטן אין איין פֿרעגן און איבערפֿרעגן: קאַי טשאָרט האָט זיי פֿאַרשלעפּט צום זומפּ? די פֿלאַש אַלבאַנישער קאָניאַק, דודס בײַטראָג אין דער ניט־פֿאַרגעזענער שׂימחה, האָט זיך געוואַלגערט אַ ליידיקע אין גראָז, דער צווייטער פֿוןביידע בוטלען סאַמאָהאָן, וואָס דער גוי האָט מיט זיך געבראַכט אין די טיפֿע, ווי דער תּהום שרעקלעכע בוזעם־קעשענעס, שוין אויך אויסגעזויפֿן געווען, און די לעצטע, די דריטע – אויף האַלב פּוסט. און קאָליוכאַ, אָנפֿילנדיק מיט דער אַמבראָזיע אַ גריבל אין קלאָץ, ווי אַ לאַמפּאַדע מיט אייל, האָט נערווירנדיק זיך אָנגעצונדן אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע: סוף־כּל־סוף מוז ער דערווײַזן, וואָס אַזוינס זײַן פּערוואַטש איז – ער ברענט! דאָס פֿאַסקודסטווע האָט אָבער ניט געוואָלט ברענען, און דוד, זאָל אים אָפּגאָט באַכוס מוחל זײַן, האָט אָנגעהויבן חשד האָבן, אַז דער, "לוטשי דרוג"[2] האָט אים דעם גאַנצן זומער ניט מיט קיין עכטער מאַשקע, נאָר מיטן דרעקישן דרוגאַטש כּבֿוד אָפּגעגעבן, הייסט עס מיטן אַווירדיקן שוואַכן אָפּזאַץ, וועלכער פֿאַרבלײַבט אינעם כיטרע אַפּאַראַט, ווען מען זײַעט אָפּ די ערשטע, די אָטעם פֿאַרכאַפּנדיקע פֿליסיקייט – דעם פּערוואַטש – צום פֿאַרקויפֿן. ער, דוד, איז טאַקע ניט קיין גרויסער בקי אין די אַליין־געמאַכטע טרינקעכץ־מאַכלים, אָבער פֿאָרט אָפּגעלעבט נײַן און פֿערציק יאָר אין רוסלאַנד, זינט דעם העלן פֿײַערטאָג, ווען די סאָוועטן האָבן באַפֿרײַט אים, אין איינעם מיט טאַטע־מאַמע, אַרויסגעריסן דאָס שטעטל און דעם גאַנצן קאַנט פֿון דעם קייסער קאַראָלס האָריקע לאַפּעס. פֿאַר אַזוי פֿיל שוואַרצע און זוניקע שנים און ימים האָט ער, דוד, פֿאָרט עפּעס צו באַגרײַפֿן באַוויזן אין דער פּיפּיקער חכמה פֿונעם פֿאָלק, מיט וועלכן ער יום־טובֿט איצט, מאַכט אַ סעודה בײַם מאָכיקן קלאָץ, אָמן!

איז וואָס פֿאַר אַ רוח, מיינט ווידער זײַן פֿלאַש־ברודער, האָט זיי צום זומפּ פֿאַרשלעפּט? און בשעת ער פֿרעגט עס, שוין דאָס ווילפֿלטע מאָל, גיט ער איצט אַ הייב אויף זײַנע אויגן אויף דודן – אַ פּאָר קלאָרע און ערנסטע אויגן, און דוד פֿילט, אַז סע ווערט אים ניט גוט: קאָליוכאַ איז לחלוטין ניט שיכּור, אַבסאָלוט, און די אומזיניקע רייד זײַנע, הייסט עס, זענען כּלל ניט פּיזמונות, ס׳איז פֿאַרהוילט אין זיי אַ גענויער און געפֿערלעכער זין.

---

[1] "אָ הער, מײַן גאָט, אין דיר באַשיץ איך מיך, העלף מיר פֿון אַלע וואָס יאָגן מיך נאָך, און זײַ מיך מציל".

[2] בעסטער חבֿר (רוס׳).

דעם ליעסניק, דעם פֿאַרבובדזשעטן וואַלד־שומר, האָט מען, הייסט עס, אונטערגעשיקט, אָוואַ־טובֿה: גיי, מאַט־פּערעמאַט דײַנע, צו דײַן יעוורײ, וואָס ד׳האָסט אים אין דאָרף אויף דײַן אייגענעם "איזש" אַרײַנפּאַסאַזשירעוועט, גיי און קלאָר אַלצדינג אויס – וואָס און ווי? אַ מוזשיק, נו, בלײַבט אַ מוזשיק, נאָך אין אַזאַ לאָך, ווי דאָס ווייענאָ, עלף־צוועלף הייפֿלעך, איבערגעבליבענע נאָך פֿון פֿאַן ליסניצקיס אַ מאָל גרויסער פּאָסעסיע מיט זיבעציק פּויערישע ווירטשאַפֿטן, מיט אַ מיל בײַ דער הרעבליע, מיט דער אָנפֿאַנגשול אויף דער ברייטער אָבאָרע, ווו סע רוישן נאָך הײַנט די ריזיקע ווײַסע בערעזעס, קלינגען, שיטן נאָך, דאַכט זיך, מיט געזאַנג און געטומל פֿון יענע קינדערשע קולעכלעך.

די ציוויליזאַציע רוקט זיך אָן, בלי־ספֿק, אויף די לופֿטיקע רחבֿותן, פֿעלדער און וועלדער, און דער מענטש טרעט אָפּ – אין זיך, אין דעם פֿליישיקן גוף זײַנעם, אין דער אוראַלטער ווילדעניש פֿון זײַן פּסיכיק, אין אָבערגלויבעכצן, אין בין־השמשות. דער בײַנאַכטיקער וויזיט פֿונעם שׂרף האָט זיי אַלע דאָ אויפֿגערודערט אַוודאי, דערשראָקן. אין דעם אַפֿריקאַנישן דזשאָנגל וואָלט מען אים, דודן, דעם אָנגעקומענעם טשוזשאַק, מסתּם פּשוט פּריטשמעליעט און דערנאָך אפֿשר אויפֿגעפֿרעסן; אין עפּעס אַ חסידיש־בעל־שם׳סקע שטעטל וואָלט ער אַמאָל אין חרם אַרײַנגעלייגט און אָן לענגערע דבֿרים־בטלים אין דעם אויסערן חושך אַרויסגעשמיסן געוואָרן; אינעם גרין־פֿינצטערן תּוך, אין סאַמע האַרצן פֿון וואַלדיקן רוסלאַנד, וואָס איז דאָ באַשטראַלט פֿון אויסן ווי אַ הילצערנער אויסהויל, באַלויכטן מיט דער טעלעוויזיע־שײַן און דעם באָלשעוויסטישן פּחד, דאָ שיקט מען דודן אונטער אַ פֿרײַנד אַן אויסשפּירער, און מען וואָרנט, מע גיט צו פֿאַרשטיין: זע, ייִד, מיט אונדז גייען אײַערע חכמות ניט דורך!

– נו? – טוט דוד אַ פֿרעג און דערנעענטערט זײַנע אויגן און שטערן צום בלאַסן, קלײַענדיקן פּנים אַנטקעגן,– נו?

– נאַ כּויִו באַראַנקי גנוּ![1] וואָס האָבן זיי פֿאָרט טאַקע דאָרטן גענישטערט, ער מיט זײַנע צוויי וויבלודקעס און מיט דער קאַרדימאָווער מכשפֿהס טאָכטער, דאָ אין ווייענאָ ווייסן זיי אַלץ, מ׳האָט זיך שוין אָנגעפֿרעגט אין קאַרדימאָוואָ, זאָל ער, דוד־יאָלד, איצט געוווּר ווערן: די שוויגער זײַנע איז אַ וועדמאַטשקע! קאָי טשאָרט האָט זיי אַלע געבראַכט אויפֿן זומפּ, וועמען האָבן זיי געוואָלט דאָרט אויפֿוועקן?

⮝

קאָליוכאַ איז אַלץ מער אַגרעסיוו געוואָרן. יעדעס וואָרט זײַנס האָט ער בייז און שאַרף אָפּגעהאַקט מיט אַ קלאַפּ פֿונעם שטעקן אין דר׳ערד: לויט זײַן טבֿע אַרומצוגיין איבער די וועלדער מיט עפּעס אַ געווער, האָט ער זיך, דער קרעפֿטיקער יאַט, נאָך קיין פֿופֿציק ניט, אויך אין דאָרף מיטגעשלעפּט מיט אַ גראָבער, נישט ביז גאָר עלעגאַנט אויסגעשניצטער דעמבענער צווײַג, אַ מין שפּאַציר־דובינע.

– עך!

---

[1] בייג עך בייגלעך אַפֿן פּ־ץ! (רוס׳).

אַ גוואַלדיקע גראָזגריל האָט אַ שפּרונג געטאָן פֿון אונטערן שטעקן, און דוד, דערפּילט פּלוצעם, ווי די הויט אויף דער פּלייצע ציטערט אים, האָט שטיל זיך אַרומגעקוקט.

די זון, ווי ס'וואָלט גאָרניט געטראָפֿן, האָט אין בלויען הימל געברענט, איר שײַן איז צעגאָסן געווען איבער דער וועלט ווי פֿלאַמענדיק אייל, טראָפּנס זאַפֿט אָדער ליכט האָבן שווערלעך געטריפֿט אויף דער ערד... דער וואַלד, אַ געדיכטער און הויכער, אַן אוראַלטער, אַ דעמערדיקער, שוואַרצער כמעט, האָט זיך קוים־קוים געהוידעט, ווי אַ גרויסער שאָטן, איבערן וועג, אויף יענער זײַט פֿונעם ליימיקן בײַשליאַך, וועלכער האָט זיך פֿונקט דאָ, הינטער דודס הויז אויף דעם גרינעם באַרג, אויסגעבויגן, ווי אַ צעקוועטשטע שלאַנג אין אַ שטויביקער קאָלייע, נאָך געאָטעמט בײַם וואַלדס געפּוס און ניט געוואָלט שטאַרבן.

און טאַקע, – האָט דוד געטראַכט, – טאַקע אמת, וואָס האָט זי איִם, זײַן בהמה, אַזוי געשלעפּט צום פֿאַרשטונקענעם זומפּ? מאַלינע דאַרף זי! מאַלינע! די אָנגעווייקטע אין דער בלאָטיקער פּאַרע אונטערגעפֿוילטע מאַלינע, די וואַסעריקע יאַגעדע, וואָס מע פֿאַרקויפֿט זי אַן עמער אַ דרײַערל. די קינדער, זעט איר, מוזן נעענטער זײַן צו דער נאַטור, צום היימישן לאַנד... וואָס זשע ביסטו, אידיאָטקע, אַליין אין "אָוויר"[1] מיט אַלע אונדזערע פּאַפּירן געלאָפֿן? וואָס הייסט, איינס צום צווייטן האָט ניט קיין שײַכות?... מאַלינע... כ'בין, אַוודאי, אויך אַ שוואַנץ, זיך נאָכגעשלעפּט מיטן בידאָן... און דעם זעלבן טאָג, שפּעט אויף דער נאַכט – דער פֿלאַמיקער שׂרף, דער פּענאָמען...

קאָליוכאַ זיצט שוין באַרויִקט אַ ביסל, אײַנגעשטילט. ביידע גלעזער אין איינעם געשטעלט, אַזוי, אַז זיי האָבן אַ פּוסטן קלאַנג געטאָן, האָט ער צעגאָסן דאָס לעצטע זויפּעכץ, מיט דער פֿלאַש פֿירנדיק אויף לינקס און אויף רעכטס, און ווידער צוריק, אַרויסטריפֿנדיק פֿונעם שמאָלן גלענצנדיקן העלדזל, ווי אין אַן אַפּטייק, אַ דין שטראָמעלע, סטאַרענדיק זיך, דער סאַמאָהאָן זאָל וואָס לענגער און לאַנגזאַמער קאַפּען און שאַפֿן אַן אילוזיע פֿון שפֿע און אומאויסשעפּלעכקייט.

אַ ניט־געוויינלעכע שײַן אין דער לופֿט האָט זיך מער געפֿילט איידער אָנגעזען; אַ וווּנדערבאַרער, עטוואָס אויף אַ זײַט אַראָפּגערוקטער שטראַלן־געבוי איז געשטאַנען אין אַטמאָספֿער. זיי האָבן פֿאַרענדיקט מיטן דריטן מסוכּנעם פֿלעשל – און ווי נאָך ניט אָנגעהויבן. קאָליוכאַ איז געזעסן, אַלע כּוחות פֿאַרלוירן אין די אייגענע געדאַנקען, פֿינצטערע ווי אַ פּאָר בוזעם־קעשענעס, פֿאַרזונקען, שטום. ווײ צו דעם נאָמען זײַנעם, ער האָט זיך נעבעך ניט געספּראַוועט מיטן אויפֿטראָג פֿון דער געמיינדע, ווי וועט ער'ס דעם עולם דערקלערן? אַ רחמנות צו קוקן אויף אים, האָט דוד געטראַכט, אַ פֿײַנער יאַט דאָך, זיי וועלן אים איצטער די יאָרן דערגיין: ער, קאָליוכאַ, ער האָט דודן ס'ערשטע מאָל מיט זײַן מאָטאָציקל אין דאָרף געבראַכט... אויב זיי ווייסן עס ווירקלעך ניט, וואָס אַזוינס ס'איז דער שׂרף און פֿון וואַנען ער האָט זיך גענומען, וועלן זיי קיין אַנדער סיבה און דערקלערונג, אַחוץ בייזע ייִדישע געגנג און כּוונות – פֿאַר זיך ניט געפֿינען. דווקא מיט אָ־דער גאַנצער ציוויליזאַציע און אפֿשר אַ דאַנק טאַקע דער אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער טעלעוויזיע...

---

[1] די מלוכישע אָרגאַניזאַציע אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס האָט "אַרויסגעלאָזט" אָדער ניט אַרויסגעלאָזט דעם סאָוועטישן בירגער פֿון לאַנד.

– סלושאַי[1], ניקאָלײַ, – דוד האָט אים אַ ריר געטאָן און אַ פּיק מיטן פֿינגער אין זײַן טיק־טאַקלאָזן עלעקטראָנישן זייגער. ניט פֿאַרענדיקט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, אויפֿגעהויבן זיך אויף די פֿיס און געמאַכט עטלעכע שפּאַן אין גראָז, הין און צוריק. די האַרטע, קריסטאַליזירטע שײַן אין דער לופֿט, ווי עפּעס אַ ראַדיאַציע־אויסשטראַלונג, האָט אַרומגעצייכנט זײַן קערפּער, אָנגעפּילט דעם סילועט זײַנעם מיט פֿינצטערניש, מיט אַנטי־ליכט.

קאָליוכאַ, טײַערער מײַנער, ווי קאָן איך עס דיר אַלדינגס אויפֿקלערן? וואָס ווייסטו וועגן דער ייִדישער אַנגעלאָלאָגיע, ענגל־לערע? צי האָסטו געלייענט דען ניוטאָנס אַלטע פֿאָרשונגען וועגן דעם געטלעכן וועלטאַל, געזען פֿון אים אויסגערעכנטע טראַיעקטאָריעס, מיט וועלכע עס קומען צו אונדז מלאָכים צו פֿליִען? דער קאָסמאָס, פֿאַרשטייסטו, איז סטרוקטורירט רעלאַטיוו, אָבער נישט נאָר אין פֿיזישן זין – אויך אין דער גײַסטלעכער דימענסיע. אַך, קאָליוכאַ... אַך, קאָליוכאַ, ביסט אַ גליקלעכער מענטש... אַן אומגליקלעכער...

– מעדוועד, – האָט אַ מורמל געטאָן ניקאָלײַ, נאָר דוד האָט אים שוין ניט געהערט, ניט צוגעגעבן קיין שום באַטײַט זײַן אומזיניקן בורטשען...

דו, קאָליוכאַ, דו, ברודער מײַנער, דו גיב אַ קוק זיך אַרום אויף דער וועלט, וואָס פֿאַרנעמט אַזאַ פּרעכטיקן, ריזיקן צײַט־רוים, פֿאַרמאָגט אַזעלכע לאַנדשאַפֿטן און יאָרהונדערטער, און וואָס – בעסער צי ערגער – האָט זי דערלעבט ביזן הײַנטיקן טאָג, ביז דער זעלבער שעה, ווען מיר זיצן מיט דיר דאָ אין איינעם, זשליאָקען דעם פֿײַערדיקן סאַמאָהאָן...

איינצלנע ווערטער פֿון דעם שטומען מאָנאָלאָג דודס האָבן זיך יאָ מסתּם הערן געלאָזט, ווײַל דער פֿאַרמרה־שחורהטער גאַסט זײַנער האָט פּלוצעם אַ שמייכל געטאָן: ״אַנגעלי־וראַנגעלי״, צי ווייסט ער, דוד, אַז אויפֿן אַנדערן טאָג, אין דער פֿרי, ווען זײַן לאַריסע האָט נאָך אפֿשר ניט דערקאָכט געהאַט די צונויפֿגעקליבענע מאַלינע, איז אַרויס אַ בער פֿונעם זומפּ און צעריסן צוויי קי בײַ פּאַשקען אין דער סאָווכאָזישער סטאַדע?

גירוש־אספּמיה[2]

יציאת – דאָס איז אָבער אויך תּמיד אַ ווילד אַרויסשלײַדערן, אַן אַכזריותדיק פֿאַרטרײַבן.

ווען ער האָט שוין זײַן שיינע לאַריסע, דאָס ווײַב זײַנס, מיט פֿיל טירחה אײַנגערעדט זיך פֿאָרט ווי־ס׳ניט־איז דורכנאָדלען אין דער בייזער געדיכטעניש קראָפּעווע, וואָס ס׳האָט שטײַף פֿאַרשלאָגן מיט זיך דעם צוגאַנג, די טיר אין באָד, און וואָס וואַליושאַ האָט געבעטן דערווײַל ניט שנײַדן, ווײַל ז׳וועט דאַרפֿן האָבן דאָס גראָז פֿרישערהייט אַ פּאָר טעג שפּעטער, פֿאַר די גענדז, די גענדז, זאָגט זי, פֿרעסן עס גערן, אָנגעהאַקט אין דער קאָרעטע, – ווען ער האָט שוין פֿון אינעווייניק פֿאַרקייטלט געהאַט דאָס פֿאָדערשטע טירל פֿון דעם באַרימטן רוסישן פּרעדבאַניק[3] מיט

[1] הער אויס (רוס׳).

[2] ספּמִיָה – (פֿאַרקריפּלט) שפּאַניע. ״חלומות באספּמיה״ – טרוימען אויף דער וואָר.

[3] אַ קליין פֿירהויזל ווו מען טוט זיך אויס פֿאַרן גיין זיך בעזעמען אין דער פּאַרע.

קלאַפּנדיקע דורך די שפּאַלטן זונען־שטראַלן און מיט דער אייביקער פּאָוועטינע אין די טונקעלע אייבערשטעווינקלעך, – ווען ער האָט זי שוין, די לאַריסע, כמעט מיט געוואַלד אַרײַנגעשטופּט אין פֿינצטערן, פֿון ברעווענעס אויסגעלייגטן קעמערל מיט אַ פּיצינקל פֿאַררויכערט פֿענצטערל און אַ גרויסער הרובע מיט אַן אײַנגעמויערטן באַק אויף צו וואַרעמען וואַסער, און אַ ברייטער פּאָלקע אונטער דער סטעליע, וווּ מע דאַרף זיך, לויטן שטייגער, בײַם וואַשן אַוועקלייגן שוויצן און בעזעמען, און מיט אַן אויסגעריבענער פֿון נאַקעטע גויִישע פּלייצעס און תּחתער באַנק פֿון אונטן, אויף וועלכער, גאָטעניו, ער האָט זיך שוין ענדלעך צוגעזעצט און קוים־קוים, מיט פּײַן און אומגעדולד, אַרײַנגעכאַפּט זיך אינעם זיס־נאָגנדיקן ווײַבערשן שויס אירן, די צאַרטקייט פֿון וועלכער ער האָט כמעט שוין אין גאַנצן פֿאַרגעסן געהאַט, ווי עפּעס אַן אַלטן חלום, גראָד טאַקע איבער די אומענדלעכע קריגערײַען און די אײַנגעגעסענע דערקוטשליווע קינדער: ״מאַמע, מיר גייען מיט אײַך נאָך מאַלינע?״, ״טאַטע, נעמט אונדז מיט איבערשאַרן דאָס היי אין סאַרײַ״, ״מאַמע, נעכטן איז סיושקע געשלאָפֿן מיט דיר, הײַנט וויל איך!״ – ווען אים, אויף דער גלאַנציקער באַנק זיצנדיק, האָט שוין גענומען שווינדלען אין מוח, ווי פֿאַרן חלשן, ווען דער אָטעם האָט זיך אים שוין איבערגעריסן, אָט־אָט, האָט ער – ניט אויפֿעפֿנדיק די אויגן – דעם גרימל דערהערט: אַן עראָפּלאַן, אַ געפֿערלעכער פֿלוג־אַפּאַראַט האָט גערעוועט, אויף אַ זײַט, ווײַזט אויס, זיך געבייגט, אָנגעהאָנגען איבערן קאָפּ, אפֿשר שוין אָנגערירט דודן מיט די אַרויסגעלאָזטע רעדער, פֿאַרשטאָפּט אים אַלע אויערן מיט אַ קײַלעך־געהילך, אויף צענדליקער פֿײַערדיקע שטיקער צעריסן דעם האָניק־קלעפּיקן און פֿאַר תּאווה טונקל געוואָרענעם מוח זײַנעם. לאַריסע האָט אַ שפּרינג אונטער געטאָן, אַראָפּ פֿון די קניִעס בײַ אים:

– שטאָ עטאָ?[1]

שוואַרץ־גאָלדענע גרויסע וועספּן, אַ גרויליקער שוואָרעם, אַ פֿילגופֿיקער באַפֿליגלטער המון, אַן אויפֿגערעגטער, קאָן זײַן, פֿון דער הייסער ביאָלאָגישער כוואַליע, וואָס האָט קרעפֿטיק און שאַרף פּלוצעם אַ פּליעסקע געטאָן אין דער הייך, צו דעם בוידעם פֿול מיט שפּאַלטן, אַ פֿאַרצויגענעם פֿון אונטן מיט פֿאַניר, וווּ דורך אַ חלל האָט העל געשײַנט אַ גוואַלדאָוונע וועספּן־נעסט, אַרום וועלכער ס׳האָט רעווענדיק אומגעקרײַזט און געווירבלט דער שוואָרעם.

דאָס איז עס: זיסע ליבע אין פֿינצטערן גלות.

נו־נו...

אויסגעקאָסיעט די קראָפּעווע, האָט דוד גענומען זיך גרייטן צו דער אַקציע.

אַרײַנגעקראָכן מיט די פֿיס אין צוויי פֿאַרדאַרטע קערזאָווע שטיוול, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַ פּאָר וואַטענע הויזן, אויסגעפֿונענע אינעם טשולאַן[2], דעם פּעלץ אויף די פּלייצעס, אַ קאַפּיושאָן – אָפּגעשפּיליעט פֿונעם רעגן־מאַנטל – אויפֿן קאָפּ, אַ פּאָר שיצברילן אויף די אויגן און הענטשקעס ביז די עלנבויגנס, אַרויסגעצויגן אַ לאַנגע זשערדינע פֿון דער פֿאַרצוימונג אַרום דעם שטיק ערד, אויף אַ העלפּט פֿאַרזעצטן מיט קאַרטאָפֿל, מיט דער פֿרי־רײַפֿנדיקער ״סינעגלאַזקאַ[3]״.

---

[1] וואָס איז עס? (רוס׳).

[2] שפּײַזקאַמער (רוס׳).

[3] די ״בלוי־אויגיקע״ – אַ קאַרטאָפֿל־סאָרט (רוס׳).

עך, דו פֿאָדלע דו לעבן מײַנס!

אין אַן עמער אַרײַנגעשטעקט אַ צווייטן מיסטעמער, אַרײַנגעפּערעט עטלעכע קנייטלעך צונויפֿגעראָלט היי, צוגעדעקט מיט אַן אָפּדריבל בלעך, און אַרײַן מיט דער גאַנצער קאָנסטרוקציע אין דער זשומיקער באָד, אַ רײַב געטאָן מיטן שוועבעלע, אונטערגעצונדן, אויפֿגעהויבן די אויגן צום בוידעם, א האַק געגעבן, ווי משה רבנו, מיטן שטעקן אין דער ווײַסער זשומיקער נעסט, באַלד אַרויסגעלאָפֿן, צוגעקלאַפּט און אונטערגעשפּאַרט די טיר מיט אַן אַלטער האָלאָבליע.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער ווײַטנס און געקוקט, ווי אַ שוואַרצער רויך, און שפּעטער – גרויסע גאָלדענע וועספּן, אַ סטראַשידלע נאָך אַ סטראַשידלע, קומען אַרויס און ציִען זיך דורכן אייבערשטן אָפֿענעם פֿענצטערל, אויסגעשניטענעם אין אַ פֿאָרם פֿון אַ הערצעלע. דאָס באַפֿליגלטע שרעקלעכע ווערזנדל, אַרויסרײַסנדיק זיך פֿונעם פֿאַררויכערטן שטיבל, האָט אויף אַ פּינטל־רגע נאָך פֿאַרהאַלטן זיך אינעם אויסגעשניטענעם הערצל, געהאָנגען אין דער לופֿט, ווי אַ ציטערנדיקע נשמה אין דער אַלוועלטיקער אָנוואָגיקייט, שוין אפֿשר מיושבֿדיק, פֿאַר פֿריִער אָנהייבנדיק צו בענקען נאָך דער היימישער נעסט, נאָך די קרובֿ־טײַערע נשמהלעך און גופֿימלעך אין דער איין־און־איינציקער אויף דער וועלט היים, אין דער זיסער און תּענוגדיקער אַטמאָספֿער. נאָר שוין אַנדערע זשומיק־הייזעריקע נשמות האָבן פֿון הינטן אָנגעשפּאַרט, מיט קראַפֿט און געשטויס, אין אַ פּאַנישן פּחד אַרויסלאָזנדיק זייערע גיפֿטיקע שטעכלקעס. הענגענדיק איינע איבער דער אַנדערער, האָבן זיי זיך שווער אָנגעלייגט מיטן גרויסן גאָלדענעם קאָפּ אויף דער פֿעדערשטער, אויף איר אויסגעצויגן פּלייצעלע, געבוצקעט זי אין איר בײַכעלע, נאָך אַן אָנגעפֿילטס מיטן פֿרימאָרגנדיקן נעקטאַר, געריסן שטיקלעך פֿון איר צאַפּלדיק פֿליגעלע: דאַווײַ־דאַווײַ![1]

וואָס סע טוט מיט אַ העלער נשמה דער אומגליק!

אָבער דער פֿאָלקס־שׂכל!

גייט זויעוו פֿאַרבײַ, דער וואָנצעוואַטער וועטעראַן: אומזיסט אַלע טועכצן, שרײַט ער, אפֿשר, שרײַט ער, ווען דו צינדסט אונטער דעם דאַך־קאָניעק...
– גיי, זויעוו, שפּאַן ווײַטער!

די וועספּן פֿליִען און פֿליִען, וויפֿל זענען זיי דאָרטן? זעט אויס, ווי אַ גאַנצער מיליאָן. אָדער אפֿשר גאָר צוויי? דוד, באַגאָסן מיט שווייס – אויסטאָן טאָר מען זיך ניט, דאָס פֿאַרשטייט ער, – דוד לייגט זיך צו אינעם גראָז, שפּאַרט אונטער די באַק מיט דער דלאָניע און קוקט, וואַרט און דרימלט.

הינקט דורך עפּעס אַן אַלטיטשקע, אַ מכשפֿה: ניט אַזוי, – שטעלט זי זיך אָפּ, – ניט אַזוי, סינאָטשעק![2] די נעסט האָסטו געדאַרפֿט מיט אַ נאַסער שמאַטע אַרומכאַפּן און אַלע זיי דערטרענקען, מיט איין מאָל...
– גיי זיך, באַבושקע...

[1] ריר זיך שוין! (רוס׳).
[2] זונדעלע (רוס׳).

די קליינע טינע קומט צו לויפֿן, דעם וואָלקאָדאַווצעווס אייניקל: די וועספּן זענען אָנגעפֿלויגן צו זיי אין הויף, מאַטערן און דערהרגענען זייערע בינען, קריכן אַרײַן אין די בינשטאָקן.

אַ ליגן, טראַכט דוד, ווען עפּעס אַזוינס, וואָלט דער דיעדושקע שוין אַליין דאָ געווען.

– דער דיעדושקע זאָגט, – טענהט ווײַטער די טינע, – ס׳וועט סײַ ווי סײַ ניט העלפֿן, ווײַל די וועספּן וועלן זיך, ביאָנאַ מאַמאַ, אַזוי זאָגט דער דיעדושקע, אַלע אומקערן, ווײַל ס׳איז דאָ זייער היים, אַזאַ מין אינסטינקט האָבן זיי...

– לאַדנאָ[1], טינאָטשקאַ, זאָג דעם דיעדן, דיאַדיאַ דוד וועט מער נישט, דיאַדיאַ דוד האָט ניט געוווּסט...

דער רויך פֿונעם אויסשניט קלאַפּט אויבן אַלץ שוואַכער, און דוד כאַפּט זיך ווידער אין שטיבל אַרײַן און לייגט אונטער, שוין דאָס ווײַפֿלטע מאָל, דאָס צונויפֿגעדרייטס היי, לויפֿט אַרויס, וועספּן שוועבן, טראָגן זיך אין דער לופֿטן אַוועק, צום וואַלד איבערן וועג, אייניקע, קאָן ער שווערן, דערקענט ער אין פּנים, זיי קערן זיך אום ווער ווייסט ווידער פֿון וואַנען, זעצן זיך אויפֿן סאַמע קאַנט פֿונעם אויסגעשניטענעם האַרץ, שטערן אַרויסצופֿליִען די אַנדערע, טראָגן אַרום זיך אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

אַזאַ גאָר אינסטינקט! אַזאַ פֿאַרעקשנטקייט, פֿאַנאַטיזם. בײַ די מענטשן רופֿט זיך עס ״היימגעפֿיל״, אָדער ״פּאַטריאָטיזם״. אפֿשר האָבן זיי איבערגעלאָזט קינדערלעך דאָרטן, לעלעס אין קעמערלעך, עמבריאָנען אין אייעלעך צי ווי אַזוי קומט עס פֿאָר בײַ זיי, דאָס געבוירן ווערן און די איבעריקע מעטאַמאָרפֿאָזן?

וואָס סע טוט מיט אַ שטילער נשמה דער גזר!

די זון האָט זיך שוין, אַ פּנים, געקליבן אַוועקצוהולכן, שוין צונויפֿגעשאַרט אירע אומריינע לײַלעכער אויף צו בעטן זיך ערגעץ אין ים, ווען צו דודן, מיט אַ גרימלדיקן געלעכטער, איז לאַריסע אַרויס, מיט איר ״יידישן״, ווי תּמיד, ווען זי ווערט פֿריילעך, רעפּערטואַר: ״נו, ווּס ערצעך, ס׳פֿאָרצעך־קריכצעך? האַ־האַ! אָפּגעקיצלט? ס׳וועט דיר מער דיר דאָ ניט פֿאַרגלוסטן?״ בײַם וואָרט ״דאָ״, ער זאָל זי גאַנץ ריכטיק פֿאַרשטיין, האָט זי אַ מין ברייטן קרײַז מיט דער האַנט אין דער לופֿטן געמאַכט, אַרײַננעמענדיק די באָד און דעם טונקל געוואָרענעם הימל, דעם שוואַרצן, שווער פֿאַרפֿינצטערטן וואַלד...

– נו, ניטשעוואָ[2], זײַ ניט ברוגז, – זאָגט זי, – מאָרגן, דאַסט באַג, וועלן מיר מיט דיר די זיסע באַר, די גן־עדן־פּרי פֿאַרענדיקן, דו נאַשער דו... קום, די קינדער ווייסן שוין ניט וואָס צו מיינען און האָבן מורא צו גיין דיך אַהיים רופֿן, דער הויף איז פֿול מיט וועספּן, רעכטע בעסטיעס! אַך, און אַלץ, זאָלסטו וויסן, אומזיסט. דו האָסט מיך געדאַרפֿט פֿרעגן, קאַק־ניקאַק[3] בין איך אין דאָרף אויפֿגעוואַקסן... דער נאַראָד טוט עס קלוג: מע נעמט אַ זאַק צי אַ גרויסן קויש, מ׳נעצט אים אָן, ס׳מעג זײַן אַ פּראָסטע שמאַטע אַפֿילו, מ׳גרייט אָן אַ פֿאַס וואַסער...

[1] גוט, בסדר (רוס׳).

[2] נישקשה (רוס׳).

[3] ווי־זוי ס׳ניט איז (רוס׳).

– סלושײַ, גײ שוין ק.ב., – גיט זי דוד אַ שיק אָפּ, און זי, דעם גוטן געמיט ניט פֿאַרלירנדיק, מאַכט אַ פּאָר גרױסע אױגן:

– ק.ב.? אפֿשר ק.ג.ב? אַהאַ, דו מײנסט דאָס ק.ב., דײַן קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ! נו דאַ, פּראַװילנאָ[1], סע באַפֿרײַט זיך אַ טיש דאָרטן, װײַל דיך, נאַר זיך ניט אָפּ, טײַערער, װעט מען ניט הײַנט איז מאָרגן אַרױסשמײַסן – און אױס מיט דײַן אינדיװידועלן אַרבעטספּלאַן, און קײן שום װיטיאַ איװאַנאָװ װעט דיר דאָס מאָל העלפֿן ניט קענען... די באָד פֿאַרגעס ניט פֿאַרשליסן, די באָד, דו סעקס־גיגאַנט, סעקסועלער מאַניאַק װאָס דו ביסט! – װײנט זי שיִער פֿאַר געלעכטער ניט, און די אױגן שײַנען איר, שפּריצן מיט טרערן...

דאָס פֿאָלק האָט אָבער אַ טעות געהאַט: די װעספּן זענען אַנטרונען, ביז דער לעצטער װעספּ – און אױף שטענדיק.

אױף מאָרגן איז דוד געזעסן בײַ דער אָפֿענער באָד און געפּרוּװט צונױפֿקלעפּן פֿון שטיקלעך די צעפֿליקטע נעסט: װײַזן די קינדער.

מאַלינע זאַמלען

– ס׳פּערעפּאָיו, – גיט אים לאַריסע אַ זאָג אַרײַן, – פֿון אַזאַ זױפֿן איז נאָך אַ חידוש װאָס די גרינע רוחות האָבן זיך אים ניט געיאַװעט. מאַכט זיך אַלע אַלײן משוגע מיט אײַערע שׂרפֿים און בערן, איך גײ מיר נאָך מאַלינעס, אין אַ װאָך אַרום איז שױן דאָרט ניטאָ װאָס צו קלײַבן. זי טוט אָן װאַרעם די קינדער, די ראָסע אין אַזאַ פֿאַרטאָג שפּריצט און פֿליסט, װען דו גײסט אַרײַן אין געדיכטע, נאָך פֿאַרשלאָפֿענע גרעזער, און די פֿיס װערן דיר תּיכּף קאַלט און נאַס, אָנגעזאַפּט מיט פֿינצטערניש, מיטן נאַכטזאַפֿט, אָפּגעזעצטן אין אונטערערדישע װאָרצלען. הײַנט, דאַנקען גאָט, האָט זי זײ כאָטש אָנגעטאָן שטיװועלעך.

דוד, אָנגעשטעקט אױף די װאָלענע זאָקן אַ פּאָר שװערע, פֿונעם פֿאָריקן באַלעבאָס פֿאַרבליבענע באָקאַנטשעס, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט און אַ קאַצן־יאָמערשן װײטיק אין קאָפּ, טיאָפּקעט, שלעפּט זיך נאָך אינעם טױ איבערן קלעװער־פֿעלד: אַ ברירה האָט ער? די ערשטע הונגעריקע בינען פֿונעם דאָרף, די פֿון בײמער־שפּאַלטן און אױסהױלעענישן אין װאַלד אַרױסגעפֿלױגענע ערדפֿליגן ברומען, זעצן זיך אױף רױטע מאָכיקע בלומען, לאַנג־גופֿיקע ליבעלעך מיט זײערע גראָבע קעפּ און אױסגעסטאַרטשטע אױגן לאָזן שטיל זיך אַראָפּ אױף דעם פֿאַרבײַגײערס אַקסל, הױדען מיטן װאָרעם־פֿאָרמיקן בױך...

רוסלאַנד! װי שײן איז, װי דאָס האַרץ מיר פֿאַרקלעמט דײַן נאַטור, װי רײַך און טיפֿזיניק, מיט װעלכן באַגרײַפֿדורשט קוקן מיך אָן, װי צעעפֿנטע אױגן, דײַנע גײַסטפֿולע פּײזאַזשן – װאָס קאָן איך אױף זײערע װאָרטלאָזע פֿראַגעס ענטפֿערן? ניט דאָ, ניט אױף גרעזלעך און בלומענשטענגלעך אָנגעשטעקט, ניט אױף בערעזעװע בלעטעלעך אָנגעקלעפּט, ניט אין דעם פֿעלד װאַקסן אױף, װאַקסן אָן, װי קױטיקע מאָכפֿלעקן, יענע פּאַפּירלעך אױף די װענט אַרום מאָסקװער פּושקין־פּלאַץ: אָבער אױך דאָ ביסטו עס, רוסלאַנד, װי אױך אין די שטאָטגערטנער בײַ דער נעװאַ, און אַרום

---

[1] ריכטיק (רוס׳).

צענדליקער דײַנע טריומף־אַרקעס, אויף הונדערטער באַנהויפֿן, אין טויזנטער האַנדל־ און קולטור־צענטערס, סטאַדיאָנען, מערק און פּאַרקן. וו'הין פֿאַרטרײַבסטו, וו'הין טרײַבסטו אונדז, רוסלאַנד, צי זענען דען מײַנע טריט אויף דײַן דופּטיקער ערד שווערער, ווי זי עס אויסהאַלטן קאָן, צי סטײַעט שוין ניט פֿאַר די צוויי מײַנע קינדערלעך קיין אָנגעבריאַקעוועטע איבעררײַפֿיקע יאַגעדעס אין דײַנע מאַלינע־געשטרויכער, וואָס שטייען, ווי אויף אַ בילד, אַרום דער שמאַראַגדיקער וואַלדלאָנקע מיטן בלויען קרײַז הימל פֿון אויבן, און מיטן גרילן־געגרילץ און פֿייגל־געטומל אין דער פֿאַנטאַסטישער אַנדערפּלאַנעטישער פֿלאָרע? נו, "באָג ניע ווידאַסט"[1], ווי זיי זאָגן עס, וועט דער חזיר אונדז ניט אויפֿפּרעסן: די וועלט איז גרויס, די פֿאַונע – און אויך די מענטשישע, ברוך השם, איז פֿאַרשידן...

– גבֿרת רבֿקה, איפֿה רחובֿ מצדה?[2] – שרײַט פֿריילעך, שטייענדיק מיט אַ פֿולן מויל מאַלינע אונטער דעם קוסט, דער צעניאָריקער וועניאַ, דער פּלוידערזאַק.

– Please, take the second turn to the right? and – רופֿט זיך אָפּ סיושקע, – איפֿה מספּר תּשע?...

ער וויל איר ענטפֿערן אויף ענגליש, קלײַבט אונטער די פֿרעמדלעכע ווערטער, זיך איינצײַטיק אַרײַנקוקנדיק אין דער צעקוועטשטער צווישן די פֿינגער יאַגעדע, באַטראַכטנדיק, ווי סע קריכט איבער פֿון איין האַרט קערנדל אויפֿן אַנדערן אַ ווײַס ווערעמל – פֿו, גאַדאָסט קאַקאַיאַ![3]

פֿרייט זיך, קינדערלעך, קוויקט זיך און נאַשט! די וועלט, זאָג איך, איז גרויס, גאָט, זאָג איך, האָט שוין פֿאַר אײַך ערגעץ אָנגעפֿלאַנצט אַן אַנדער מאַלינע, צי אפֿשר קיזיל, צי גאָר, קאָן זײַן, אַ מאַנדלבוים...

דער בידאָן בײַ לאַריסען איז פֿול, ער הענגט איר שווערלעך אַראָפּ פֿונעם בויך, אונטערגעבונדן מיט אַ בענדל אַרום, ביידע גלעזערנע סלאָיִקלעך בײַ די קינדער – צוויי אָנגעפּאַקטע מיט רויטס און מיט זון האַלאָגראַפֿיעס. לאַריסע איז אָבער נאָך אַלץ ניט צופֿרידן: מען דאַרף גיין ווײַטער, צום זומפּ, דאָרטן, דאָרט איז די אמתע מאַלינע! זי האָט נעכטן, דערקלערט זי, איבערגעשמועסט זיך מיט באַבקעס: פֿון קיין בער, פֿון קיין אַנדער שום טײַוול האָט דאָ קיינער קיין מאָל ניט געהערט, צוויי פֿאַרלוירענע שיכורים זײַט איר, דו מיט דײַן ניקאָלײַען, אָט וואָס! און זינאָווי פֿאַנטעליימאָנאָוויטש, וואָס דו האָסט אים געזען שטיין אויף זײַן שוועל ווען דײַן בייזער דעליר, דײַן שׂרף, האָט זיך דיר באַוויזן, – זינאָווי פֿאַנטעליימאָנאָוויטש איז פּונקט דעמלט געזעסן פֿאַרן טעלעוויזאָר, ס'איז פּונקט געלאָפֿן די פֿינפֿטע סעריע "בינאָני אי ראָזאַ". עך, מענטשן לעבן און האָבן הנאה, האָבן נחת פֿון זייער לעבן, זעען עפּעס אַ פֿילם, פֿאָרן זיך דורך קיין סמאָלענסק אויף דעם יאַרמאַרק, גייען אַרײַן מיט די קינדער אין צירק, אין אַ זאָאָקלייט, קויפֿן זיי אַ פּאָר קראָליקעס...

[1] "גאָט וועט, מירטשעם, ניט אויסגעבן" (רוס').
[2] ...ווו איז די מצדה־גאַס? (העבר').
[3] פֿו, אַ פּאַסקודסטווע אַ מין! (רוס').

– רעביט!– רופּט זיך לוסטיק אָן סיושע, – אויף ענגליש איז אַ קראָליק the rabbit, און אויף ייִדיש, פֿאַטי?

– קיניגלעך... אָדער קאַנינכען, ווי אויף דײַטש... נו יאָ, די קינדער וועלן זיך צו אים, צו דעם קראָליק, צוגעוווינען, אים ליב באַקומען, פֿאַרחבֿרן, און אין אַ שיינעם טאָג – נאַט, קינדערלעך, עסט, אַ געשמאַקן גוליאַש האָט איר דאָ פֿון אײַער געוועזענעם פֿרײַנדל...

אויף אויסנווייניק קען ער שוין די פֿאַרקריצטע פלאַסטינקע אירע: האָסט זיי סקאַליעטשעט, אונדזערע קינדער, מיט דײַן פֿאַלשער, כלומרשטיקער ראַפֿינירטקייט. זיי האָבן געדאַרפֿט וואַקסן ווי אַלע ייִנגלעך און מיידלעך אַרום, ווי זי, לאַריסע אַליין, און די זיבן ברידער אירע און שוועסטער זענען אויפֿגעוואַקסן, אָן קיין פֿידעלעך־שמידעלעך, פֿאָרטעפּיאַנעס, טאַקובאָקוס און סאַלוואַדאָרס דאַלי: אירע קינדער האָבן בײַ הײַנטיקן טאָג שוין געדאַרפֿט זיך אויסלערנען לעבן – אַן עמער וואַסער פֿונעם ברונעם אַרויסציִען, אָנבראָקן גראָז פֿאַר די גענדז, אויסשווענקען בײַ דער ריטשקע דאָס גרעט, זען און וויסן, וואָס דאָס לעבן, וואָס אַ לעבעדיק וועזן איז, וו׳זוי מ׳ווערט געבוירן און וו׳זוי מע שטאַרבט, און – יאָ! – וו׳זוי איינער דעם אַנדערן פֿרעסט אויף דער וועלט...

אַך, מיט האָניק און קראָפּעווע שמעקט די מאַלינע, מיט פֿאַרגעסענע זיסע יאָרן, קינדערשע גליקן, באָבע־מעשׂהלעך... בײַם סאַמע פנים דרייען זיך קאָמערן, גוט אויסגעשלאָפֿענע, יום־טובֿדיקע, טאַנצן זיי סאַלאָ און פּאַ־דע־טרואַ, זעצן זיך צו, מיד געוואָרן, אים אויף דער נאָז, אויפֿן אויער, פֿאַלן אונטערן קאָלנער אַרײַן, קיצלען, בײַסן אים, האָדי! עפּעס אַ זשוקל, ווי איבערגעשראָקן, קוים וואָס אפֿשר געראַטעוועט זיך פֿון אַ פֿויגלס דזיוב, וויל זיך נאָר אַרײַנשטופּן אים אונטערן אַרבל, די הינטערשטע פֿיסלעך אָבער, אָנגעווייקטע אין מאַלינע־זאַפּט, האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט צו די הערעלעך אויף דודס האַנט, לאָזן ניט ווײַטער, גיבן ניט דעם פּיצל זשוזשעניש פֿאַרבאַהאַלטן זיך, פֿאַרגעסן זיך, צונויפֿלייגן שטיל די פֿליגעלעך אין אַ זיסלעכן טרוים...

– I am sorry, – קאָגדאַ אַווטאָבוס נאַ כײַפֿו? – שרײַט אַרויס פֿונעם קוסטגעצווײַג סיושקע, און דאָס בחורל, פֿון אַ ווײַטערן ערגעץ מאַלינע־געשטרויך, ענטפֿערט איר מיט אַ מין העט־העט־דרומדיקן ניגון אין קול: רבֿקה ודן גרים בקיבוץ, היום הם בחיפֿה!

בײַ נאַכט האָבן זיך דודן געחלומט מאַלינעס. די קאָליריקע שטרויכן־געדיכטעניש, באַהאָנגען מיט פּרעכטיקע בלוטרויטע פּירות, די צווײַגן, וואָס האָבן געצויגן זיך ביז צום הימל און דאָרטן געשטעקט, דורכלעכערנדיק ווײַסע אומגעהויערע וואָלקנס און אַראָפּהענגענדיק, ווי ווײַנטרויבן־הענגלעך, פֿון די זונענשטראַלן, וועלכע האָבן – אַך, שוין פֿון אונטן! – פֿון אַלע רחבֿות זיך געצויגן אַרויף, צום גאָלדענעם קײַלעך, וואָס ער איז מסתּם געלעגן אויף אַ לופּטיקער דלאָניע בײַם גרויסן רואה־ואינו־נראה.

– דודי! דודי!

דאָס איבערגעשראָקענע ווײַב איז געשטאַנען אין דער פֿינצטער, רופֿנדיק מיט אַ דערשטיקט, שטיל שרײַענדיק קול, נאָר ניט אויפֿוועקן די קינדער. און ווען דוד, נאָך גאָרניט פֿאַרשטייענדיק, האָט זיך אויפֿגעזעצט אין בעט, האָט זי אים אָנגענומען, ווי אַ בלינדן, בײַ דער האַנט און צוגעפֿירט צום פֿענצטער.

דער פֿײַערדיקער שׂרף איז געהאָנגען איבערן הויף, פֿון די פֿליגל האָט געזעצט אַ הייסער פֿלאַם, מיריאַדן פֿונקען האָבן געשאָטן זיך, ווי אַ קאָסמישער שטערנפֿאַל, פֿון דער באַפֿעדערונג זײַנער, פֿון יעדער איינצלנער פֿעדער. די דינע בערעזע מיט דער שטאָרכנעסט אין דער קרוין האָט זיך, זעט אויס, שוין אָנגעכאַפּט: די שפּערלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט ערשט אַ חודש צוריק, ווען די שטאָרכן־משפּחה האָט באַפֿרײַט דאָס שטיבל, – די קליינינקע, שטענדיק נערוועזע שפּערלינגען – זענען איצט נאָר ווי נ׳גאַנצן פֿון זינען אַראָפּ, זיך אין פּאַניק געוואָרפֿן, געקוויטשעט, אָבער אַלץ ניט אַרויסגעפֿליגן און מסתּם זיך דאָרט ערגעץ אין אַווינקל, קיין ברירה, צונויפֿגענומען און אויף גיך געפּאַקעוועט דאָס פֿאַרמעגן.

וואָלט עס אַלצדינג פֿאַרברענט געוואָרן, האָט דוד אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק ווי די גראָבע שראָלן פֿונקען פֿאַלן שוין אויפֿן ראַנד פֿון זײַן דאַך, און דערפֿילנדיק אַ געריך – אַזוי טליִעט דורכגעסמאָלעטער טאָל. לאַריסע איז געשטאַנען אים הינטער דער פּלייצע און מסתּם זיך געוואָרגן מיטן וויינען. די קינדער, זיך אָנגעלאָפֿן דעם לאַנגן טאָג, זענען טיף, ווי אין אַ בערנלאָך, געשלאָפֿן. בעסער נישט וועקן, סײַ ווי סײַ – וואָס קאָן ער, ווער איז ער, רבונו־של־עולם? נאָר שטיין און קוקן, ווי אַ פֿאַרכישופֿטער, ניט אָפּווענדנדיק די אויגן. דער פֿײַערפֿויגל איז שוין, אַ פּנים, אין הויז אַרײַן, שוין צעוואָרפֿן די פֿליגל איבער די ווענט. אָדער אפֿשר פֿאַרקערט? – אַרומגעכאַפּט מיט די פֿליגל, מיט זײַן גאַנצער אומבאַגרענעצטער גרייס, אַרײַנגעשלונגען, אַראָפּגעשטופּט ס׳שטיבל אין זײַן שמאָלן רויך־נעפּלדיקן ווסט, קיין אויסוועג פֿון וועלכן אין אַנדערע וועלטן איז ניטאָ, ניט פֿאַראַן.

ווייענאָ – מאָסקווע, האַרבסט 1990

שטילער אויגוסט. דרײַ זוניקע טעג
(פֿון דעם טריפּטיך)

...אַלץ טיפֿער און שמערצלעכער, אין משך פֿון יאָרן, איז געוואָרן מײַן נאָסטאַלגיע נאָך די גרינע היגלען, שלעפֿעריקע פּייזאַזשן, וואָס האָבן זיך מיר געחלומט זינט 1964, זינט יענעם ווײַטן טאָג, ווען כ׳האָב זיי געזען דאָס ערשטע מאָל, צופֿעליק אַרײַנגעבלאָנדזשעט, מיט אַ רוקזאַק אויפֿן אַקסל, אין מיקולינאָ, מערבֿ־סמאָלענשטשינע. יענע שטילקייט, יענע לופֿטיקע לאַנדשאַפֿטן זענען שפּעטער אַרײַן איז מײַנע לידער, זיי פֿלעגן זיך הערן מיר אין די קלאַנגלאָזע פּאַוזעס פֿון אַ יום־טובֿדיקן געזאַנג, ווען, ווי ס׳פּאַסירט, דו זעצסט זיך צו צום פֿריילעכן טיש און פֿאַרציסט אין איינעם מיט דײַנע גאַסטגעבער אַ ליד וועגן דעם איינזאַמען גלעקל, דעם וועלט־באַרימטן רוסישן ״קאָלאָקאָלטשיק״.

אין 15-10 מינוט האָבן מיר אײַנגעפּאַקעוועט אונדזערע צוויי טשעמאָדאַנדלעך – איך און נאַטאַשע, מײַן פֿערצן־יעריקע טאָכטער, וואָס ז׳איז אויך, ווי זאָגט מען, אַ גרינגער פּאַסאַזשיר...

I

איטאַליע. רוים. עס איז פּונקט דער טאָג, ווען מען דאַרף אַרויספֿירן פֿון דער שטאָט אַלע קינדער. אַלץ קומט פֿאָר פֿאַרן גרויסן אַנטישן טויער. איך זיץ לעבן ברונעם. ס׳איז מיר שווער אויפֿן האַרצן, שיִער וואָס איך וויין נישט. עפּעס אַ פֿרוי – אַ דינסט צי אַ מאָנאַשקע – קומט אָן מיט צוויי ייִנגעלעך און גיט זיי איבער דעם פֿאָטער, און דער פֿאָטער בין ניט איך. דאָס גרעסערע ייִנגעלע איז ענלעך אויף מײַן עלטערן זון. דאָס פּנים פֿון דעם צווייטן ייִנגל זע איך ניט. די פֿרוי וויל אים פֿאַר דער געזעגעניש געבן אַ קוש. זי האָט אַ גרויסע רויטע נאָז, און דאָס ייִנגעלע וויל זיך ניט קושן מיט איר. ער דערלאַנגט איר די האַנט און ווינטשט איר "Auf Geseres"״, און אונדז ביידע (אָדער איינעם פֿון אונדז) "Auf Ungeseres"״. איך פֿאַרשטיי, אָבער נישט גאַנץ דײַטלעך, אַז דאָס צווייטע איז גינסטיקער.

זיגמונד שלמה פֿרויד

אַ שטיל וועלדל, אַ זוניקער פּאַרק, פֿאַר די אויגן – דער טרויער־דענקמאָל, דאָס שטיינערנע פּנים פֿון אַ ייִדישער פֿרוי, וואָס קוקט אַזוי פֿאַרלאַנגזאַמט אַראָפּ צו דר׳ערד. די וואַרעמע ערד איז באַדעקט מיט גראָז, מיט רויטע און ווײַסע בלומען. דעם שטח רינגלען אַרום דאָרנביימלעך, שטעכיקער באָיאַרישניק, ווי ס׳רופֿט זיך בײַ רוסישע ייִדן, גרינער שפּאַרגל – רויטער שיפּאָווניק, די דאָרנרויז.

שטיל, ווי אין אַ ליכטיקן לייענזאַל אין אַ משונהדיקער ביבליאָטעק, ווו אויפֿן בלומיקן דיל זעסטו אויסגעלייגט, אַ ריי נאָך אַ ריי, גלײַך ווי פֿאָרזיכטיק איבערגעקערטע אויף אַ זײַט ביכער־סטעלאַזשן, – שטיינערנע פּאָליצעס, און דו לייענסט ווי אין שלאָף:

СКОБЛО Е.Б. 53 г
СКОБЛО Б.Е. 9 лет

(אַ פֿאָטער מיט אַ קינד? אַ זיידע מיטן אייניקל?)

МЕРЛИН МЕРЛИН МЕРЛИН
МЕРЛИН МЕРЛИН МЕРЛИН
МЕРЛИН МЕРЛИН

(אַכט מערלינס. ווי האָבן זיי געהייסן?)

ШАГАЛ З.Л. 56 лет

(איר הערט, מאַרק זאַכאַראָוויטש, ווער וואָלט עס געקענט זײַן, אפֿשר אַ קרובֿ אײַערער, ס'איז דאָך פּונקט אײַער געגנט? און בלויז צוויי יאָר עלטער פֿון אײַך, ניט איצטער, פֿאַרשטייט זיך, נאָר ווען ר'האָט נאָך געלעבט...)

עלף סינעלניקאָווס:

СИНЕЛЬНИКОВ СИНЕЛЬНИКОВА СИНЕЛЬНИКОВ
СИНЕЛЬНИКОВА СИНЕЛЬНИКОВА СИНЕЛЬНИКОВ
СИНЕЛЬНИКОВ СИНЕЛЬНИКОВА СИНЕЛЬНИКОВ
СИНЕЛЬНИКОВА СИНЕЛЬНИКОВА

פּופּצן כהן'ס – אויף עטלעכע ערטער, צוויי אָדער דרײַ משפּחות?

– לייען, נאַטאַשענקע, לייען!

די גאָלדענע זון שטייט אין מיטן הימל. בינען און פֿלאַטערלעך שוועבן, די בלומען שאָקלען זיך...

און די שווײַגנדיקע אָנדענק־פֿיגור – די טרויעריקע "מוטער היימלאַנד", אַ סקולפּטור פֿון לעוו יעפֿימאָוויטש קערבעל מיט אַ געדיכט אויפֿן פּאָסטאַמענט, פֿון דעם סמאָלענסקער פּאָעט ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש רילענקאָוו, וואָס אויף ייִדיש וואָלט דער טעקסט געקלונגען בערך אַזוי:

״די מוטער היימלאַנד כ׳בין.
דאָס שלאָפֿלאָזע געוויסן.
פֿון די פֿאַרפֿײַניקטע
דעם ווייגעשריי כ׳געדענק.
ס׳איז הייליקער ניטאָ –
די הענקער דאַרפֿן וויסן
פֿון דעם געזעץ
וואָס די נקמה ברענגט״.

БАСИНЫ. 1 год, 2 года, 4 года, 6 лет

БЕРЛИН. 70 лет

ווער און וואָס פֿאַר אַ נקמה וואָלט געקאָנט פֿאַר מײַן איין־און־איינציק לעבן נעמען, דעמלט אָדער איצטער, ווען איך ליג הײַנט דאָ – לויטן אַלף־בית – צווישן די פֿיר קינדער באַסין און דעם אַלטן בערלין? בלויז דורך אַ צופֿאַל, צוליב עפּעס אַ קאָסמישער מיספֿאַרשטייעניש שטיי איך אויבן, אין דער זונשײַן, אַ לעבעדיקער – ל.בערינסקי, 43 יאָר.

נקמה – דאָס איז ראָמאַנטיק, צו מאָל אַ פּאָעטישע, צו מאָל אַ פּאָליטישע. מען דערהרגעט אַ מענטשן, וועלכער האָט דערהרגעט אַ מענטשן. דער ערשטער אָבער, דער קרבן, קערט זיך צום לעבן ניט אום. און ווי קאָן מען עס, ווי איז עס גאָר מעגלעך – פֿאַר מיליאָנען קרבנות נקמה נעמען? און פֿאַר זייערע קינדער, הײַנט דערוואַקסענע יתומים און יתומות – אין וועמען נקמה נעמען? אין דעם הײַנטיקן לײַפּציגער פּריסטער פֿון טאָמאַס־קירך, ווו י. ס. באַך האָט לאַנגע 27 יאָר געשפּילט זײַנע הימישע קאָמפּאָזיציעס? אין האַנס מאַגנוס ענצענסבערגער, דעם מאָדערנעם גרויסאַרטיקן דיכטער? אָדער אין דער יונגער דײַטשקע אסתּר לאָערבראָקס? צי ווייסט זי, אַז זי טראָגט אַ ייִדישן נאָמען, האָב איך זי בײַ אונדזער ערשטער טרעפֿונג, אַפּריל ׳67, אין סמאָלענסק אַ פֿרעג געטאָן.

– Ja-ja, das weiß ich, ein jiddischer Name...

זי האָט ניט געזאָגט ״יודישער״, וואָס ס׳וואָלט הייסן בײַ איר געקאָנט – ביבל־שער, ז׳האָט געזאָגט ״ייִדישער״...

פֿאַר דעם אַליין, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרליבט מען זיך דאָך אין אַ מיידל נישט... און מיט יאָרן שפּעטער – נאָך אַלע בערג בריוו, טעלעגראַמעס, שפּעט־באַנאַכטיקע טעלעפֿאָן־געשפּרעכן (מאָסקוואַ! מאָסקוואַ! אָטוועטשײַטע, זאַפּאַדני בערלין![1]) – מיט פֿיל, זאָג איך, יאָרן שפּעטער, שוין אין בערלין, אויגוסט 1980, בײַ אַ קופֿל ביר אין אַ שענק, פֿרעגט זי מיך פּלוצעם, האַלטנדיק איר פּיצל קינד אויף די הענט, צי האָט זי מיר שוין געשריבן ווי איר טעכטערל הייסט?

[1] מאָסקווע! מאָסקווע, ענטפֿערט! מערבֿ־בערלין! (רוס׳).

– ניין.
– זי הייסט כאַנאַ...
– אויף פֿון דער ביבל? – גיב איך אין זיך אַ בורטשע אויף ייִדיש.
– אַדאָלף היטלער וואָר אָבער קיין קריסט! – ווערט זי אויפֿגערעגט און טראָגט צו דער קליינער חנהלע די קופּל צום נעזל – כאָטש אַ שמעק טאָן און וויסן, אַז די מאַמע לעקט נישט קיין האָניק...

◀▶

באָריס יודאָוויטש, – פֿרעג איך ביים באַלעבאָס, אַ קרעפּטיקן, נאָך ניט אַלטן מאַן, ווען מיר זעצן זיך אַוועק אויף זיין ווערעאַנדע אין גאָרטן, – די משפּחה סקאָבלאָ, איר טראָגט דאָך די זעלבע פֿאַמיליע, זענען דאָס געווען אייערע קרובֿים? איך מיין די צוויי נעמען אונטערן דענקמאָל.
– יאָ, מיין פֿעטער...

ער דערציילט, ווי אַזוי ס'איז אין רודניע אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער מעמאָריאַל, וואָס פֿאַר אַ לאַנגן, יאָרן־לאַנגן וועג האָבן זיי, די איניציאַטיוו־גרופּע, געמוזט דורכמאַכן. ער פֿאַרגעסט אָבער נישט צו דערמאָנען דעם ראַיאָן־פּאַרטיי־סעקרעטאַר, אַ האַרציקער מענטש, און דעם שטאָטישן פּאַרטיי־סעקרעטאַר, אַ פֿיינער מענטש, און דעם פֿאָרזיצער פֿון... און אויך דעם שטעלפֿאַרטרעטער פֿון... און, נאַטירלעך, דעם סקולפּטאָר – דעם באַרימטן לענין־פּריי־טרעגער, אַ נשמה אַ מענטש, האָט אַפֿילו קיין געלט נישט געפֿאָדערט...
רעדן – רעדן מיר אויף רוסיש, אַ כּשרע שפּראַך... אַ פּאָר מאָל פּרוּוו איך איבערגיין אויף ייִדיש־לשון, ס'העלפֿט נישט. צי ווױנען אין רודניע אַ סך ייִדן? עלף אָדער זיבעצן משפּחות, וו'זוי צו רעכענען... נו, אויף יום־כּיפּור קומען צו פֿאָרן ייִדן פֿון אַנדערע מקומות, קינדער, אייניקלעך... מען טרעפֿט זיך ביים דענקמאָל. דערנאָך זיצן מיר דאָ, אויף דער זעלבער ווערעאַנדע, פֿראַנק און פֿריי, מיר האָבן זיך ניט פֿון וועמען צו באַהאַלטן... אויף ייִדיש? – פֿאַרשטייט זיך, אייניקע געדענקען נאָך צו לייענען... וואָס? אַהאַ, "סאָוועטיש היימלאַנד"? ניין, מיר האָבן אַ פּאָר ביכער פֿון שלום־עליכמען, פּרצן... ניין, דעם זשורנאַל דאַרפֿן מיר נישט. ניין, קיין איין עקזעמפּלאַר נישט... אַ דאַנק, אויך אומזיסט נישט... ספּאַסיבאָ[1]...

און פּלוצעם אויף ייִדיש:
– אַ באַנדיט. נאָך זיין זשורנאַל לייענען...

דער דענקמאָל איז אַנטהילט געוואָרן דעם 21סטן אָקטאָבער 1965 אויפֿן מיזרח־דרומדיקן באַרג־אָפּהאַנג הינטער דער שטאָט, ביים ליובאַוויטשער שאָסיי...

◀▶

– דעם ריוו, ווו מ'האָט דעמלט[2] אויסגעשאָסן 1200 ייִדן פֿון מערבֿ־סמאָלענטשטשינע און פֿון וויטעבסקער געגנט, – דערציילט דמיטרי ניקאָלייעוויטש יעלאָו, – קען מען שוין היינט ניט זען, בלויז אַ גרויס פֿעלד וואָס גיט רייכע גערעטענישן...

---

[1] אַ דאַנק (רוס).
[2] דעם 21סטן אָקטאָבער 1941.

דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער שטאָטישער קולטור־אַדמיניסטראַציע איז אין 1941 אַלט געווען 11 יאָר. געלעבט האָבן זיי, – דערציילט ער ווײַטער, – אין קאַפּוסטינאָ, דער טאַנקענריוו האָט זיך געצויגן צווישן זייער דאָרף און דעם דערפֿל ראָזשאַקינאָ. די סיטואַציע איז געווען אַזאַ, אַז אַ סך ייִדן פֿונעם ראַיאָן האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן. די דײַטשן האָבן פּלוצעם אַראָפּגעשאָטן עטלעכע דעסאַנטן – אַזאַ טאַקטיק האָבן זיי געהאַט. אין רודניע האָבן זיי צונויפֿגעבראַכט אַ געטאָ, ייִדן פֿון די אומגעגנטן... אין אַ טאָג האָבן זיי אין קאַפּוסטינאָ דערהערט אַ שיסערײַ און געמיינט אַז דאָס איבן זיך די דײַטשישע סאָלדאַטן. דאַן אָבער האָבן זיך דערטראָגן געשרייען, אַ שרעקלעך געקוויטש... דער טאַנקען־ריוו האָט געהאַט אַ טיף פֿון 3,5 מעטער. די דײַטשן[1] האָבן יעדעס מאָל אויסגעשטעלט אויפֿן ברוסטווער צוואַנציק מענטשן און געגעבן אַ זאַלפּ. אַזוי האָט געדויערט בײַ די דרײַ שעה. ווען ס'איז שטיל געוואָרן, – דמיטרי ניקאָלײַעוויטש מאַכט אַ לאַנגע שווערע פּאַוזע, – זענען די דאָרף־ייִנגלעך, וועלכע האָבן נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען אין וואָס סע גייט, אַוועק צום ריוו אויף צו געפֿינען דאָרט אפֿשר אַן איבערגעלאָזטע פֿון די סאָלדאַטן באַנקע קאָנסערוון, ציגאַר־רעשטלעך... דער ריוו איז געווען שלעכט פֿאַרשאָטן, עטוואָס מיט ערד פֿאַרדעקט, און זיי האָבן דערזען, אַרויסשטאַרצנדיקע פּיס און הענט... אַ וואָך צײַט, – דערמאָנט זיך בעלאָוו, – האָט ער ניט געקאָנט גאָרנישט אין מויל נעמען... וועלף און הינט האָבן אָנגעהויבן צעטראָגן איבער די דערפֿער מענטשישע גלידער, אַזוי אַז די אײַנוווינער האָבן געמוזט סוף־כּל־סוף, שטילערהייט, אײַנשטעלנדיק זייערע לעבנס, פֿאַרשיטן דעם שרעקלעכן ריוו.

– צי קען מען אַהין צופֿאָרן?

– ניין, איר וועט דאָרט גאָרנישט געפֿינען, אַ פֿעלד און גאָרנישט אויף אים.

ער פּערזענלעך, – זאָגט דמיטרי ניקאָלײַעוויטש, – איז געווען קעגן דעם, מ'זאָל אַריבערטראָגן די רעשטן פֿון די קרבנות קיין רודניע. ר'איז אַפֿילו אַרויסגעטראָטן אויף דער זיצונג אין שטאָטסאָוועט מיט זײַן מיינונג, אַז דער מעמאָריאַל דאַרף אויפֿגעשטעלט ווערן דאָרט, ווו די טראַגעדיע איז פֿאָרגעקומען...

– און דאָס אָרט, ווו סע שטייט איצט דער דענקמאָל, איז עס פֿריִער נישט געווען אַ ייִדישער בית־עולם?

– ניין־ניין, דער ייִדישער בית־עולם האָט זיך געפֿונען אָט ווו, – ער פֿירט מיך צו צו אַ פֿענצטער אין קאַבינעט, אויפֿן צווייטן שטאָק פֿונעם קולטורהויז, – אָט דאָרטן, איר זעט? דעם בית־עולם האָבן די דײַטשן צעוואַלגערט און געהאַלטן דאָרט זייערע טאַנקען... און די עטלעכע מצבֿות, וואָס שטייען הײַנט אַ ביסל אין אַ זײַט פֿונעם דענקמאָל, זענען שוין פֿון שפּעטער, קרובֿים ווילן ליגן לעבן קרובֿים, דאָס קען מען פֿאַרשטיין...

בסך־הכּל זענען אין רודניער ראַיאָן פֿאַרניכטעט געוואָרן 4641 מענטשן. און יעדער דריטער – דערשאָסן בײַם שוואַרץ־רויטן ערדישן אָפּגרונט.

[1] זע אין די "דערגאַנצונגען צו די טעקסטן". דעם אויסצוג פֿון די זכרונות פֿון מאַריִאַ טאָלקושינאַ, ווו זי באַשרײַבט די אַקציע בײַם טאַנקען־ריוו און דערציילט וועגן די רוסישע פּאָליצײַען.

II

די גופֿים זייערע זענען מער ווײַס ווי שניי, און מער רויט ווי רויזן, און דאָס רויטע איז בײַ זיי אויסגעמישט מיטן ווײַסן. איך קאָן פּשוט ניט באַשרײַבן זייער שיינקייט. די האָר גיסן זיך זיי ווי כוואַליעס און בלישטשען, און כאַפּן אַרום די אַקסלען און די פּנימער זייערע ווי אַ קראַנץ פֿון נאַרדבלעטער אָדער בונטע בלומען, אָדער ווי אַ רעגן־בויגן אין דער לופֿטן...

אַפּאָקריף פֿון שמעון דעם פֿישער (אַפּאָסטאָל פּעטרוס)

אין מיקולינאָ, וו׳הין מיר זענען אָנגעקומען פֿון רודניע אויפֿן צווייטן טאָג, האָט אונדז אויפֿגענומען דער דירעקטאָר פֿון דע מיטלשול. דער רײַכער בנין איז אויספּלאַנירט געווען פֿאַר עטלעכע הונדערט שילער פֿון די אַרומיקע דערפֿער. די דערפֿער זענען אָבער שפּעטער אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין 3-4 ווירטשאַפֿטן, וועלכע האָבן, פֿון זייער זײַט, אויך געהאַלטן פֿאַר אַן ערע־זאַך אויפֿצובויען אַן אייגענע שקאָלע. און דער מיקולינער שול־פּאַלאַץ איז געבליבן אַ ליידיקער. בײַ הײַנטיקן טאָג לערנען דאָ צוואַנציק תּלמידים, וואָס פֿילן זיך, מיין איך, ניט איבעריק היימיש אין דעם גערוימיקן דרײַשטאָקיקן געמויער מיט אַ ריזיקן ספּאָרטזאַל, מיט ברייטע הילכיקע קאָרידאָרן און אומגעהײַערע קלאַסצימערן.

מיר, הייסט עס, איך און נאַטאַשע, האָבן איבערגענעכטיקט אין דער פּוסטער שקאָלע אויף צוויי שמאָלע אײַזערנע בעטלער, זיך אַלע מאָל אויפֿכאַפּנדיק פֿון עפּעס ווי נאָך אַ קאָסמישן ווידערקול, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופֿן יעדער ווער ווייסט פֿון וואַנען זיך דערטראָגנדיקער שאָרך און סקריפּ אין דער הוילער געבײַדע. און אַז כ׳בין סוף־כּל־סוף, אַן אויסגעמוטשעטער, אײַנגעשלאָפֿן, האָב איך אין חלום דערזען, ווי איך ליג אויף אַ שמאָל אײַזערן בעטל אין אַ פּוסטן קלאַסצימער פֿון דער מיקולינער שקאָלע – טאַקע פּונקט דאָרטן, וווּ כ׳בין אמת געלעגן – און קאָן ניט אײַנשלאָפֿן, און זע, ווי צו די פֿיר פֿענצטער דערנענטערן זיך, גייען שוין פּאַוואָלינקע צו און שטעלן זיך אָפּ טאַקע הינטער אונדזערע שויבן עטלעכע יונגע באַנדיטן, פֿרישטשעוואַטע קוילערס, און אָט נעמען זיי שוין, זיך ניט אײַלנדיק, עפֿענען איין פֿענצטער נאָכן אַנדערן, און איך ליג, ווי געליימט, אַ פּאַראַליזירטער פֿאַר שרעק און הילפֿלאָזיקייט, און לעבן מיר, אויף אַ צווייט בעטל, שלאָפֿט מײַן טײַער טעכטערל.

״פּחד אין שלאָף, – זאָגט דאָקטער זיגמונד פֿרויד, – איז אַן אַנגסטפּראָבלעם און ניט קיין פּראָבלעם מיטן שלאָפֿן״. און וואָס שייך זײַן אייגענעם חלום, וועגן דעם רוימישן טויער מיטן ברונעם, טײַטשט ער אים אַליין אויס אויף דעם פֿאָלגנדיקן אופֿן: ״אין די געדאַנקען, וואָס זענען פֿאַרבאָרגן אין דעם דאָזיקן חלום, איז ניט שווער צו דערקענען די ייִדישע פֿראַגע און די זאָרג פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון די קינדער, וואָס מען קען זיי ניט געבן קיין פֿאָטערלאַנד. ′בײַ די טײַכן פֿון בבֿל זענען מיר דאָרט געזעסן און געוויינט[1]′. עס מאַכט אונדז אָבער אויפֿמערקזאַם דעם ייִנגלס ווערטער ′Auf Geseres′, אָנשטאָט צו זאָגן ′Auf Wiedersehn′[2], וואָס ס׳וואָלט מער געפּאַסט צו דער סיטואַציע פֿונעם חלום, און דאָס שוין פֿולקום זינלאָזע ′Auf Ungeseres′. דערבײַ פֿאַרשטיי איך אין שלאָף, ניט אָבער גאַנץ דײַטלעך, אַז דאָס צווייטע איז גינסטיקער.

---

[1] תּהילים, 137.

[2] אַ דײַטשער אָפּשייד־גרוס.

לויט די דערקלערונגען, וואָס איך האָב באַקומען פֿון די פֿילאָלאָגן, איז דאָס וואָרט 'Geseres', וואָס שטאַמט פֿון דעם ווערב 'goiser', אַ העברעיִש וואָרט, און עס באַטײַט 'אַ באַשערטער אומגליק'. אָבער מערקווירדיק איז דאָס פֿון מיר אַליין געבילדעטע 'Ungeseres'". (ווײַטער דערמאָנט זיך פֿרויד, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ער טאַקע געהערט פֿון אַ דאָקטער די פֿראַזע: "Was machen Sie für Geseres?" – "וואָס מאַטערט איר זיך אומזיסט און אומנישט?").

אָבער: "Ungeseres"? – פֿאַרוווּנדערט זיך פֿרויד.

אויף צו בילדן אַזאַ וואָרט, נאָך אין שלאָף, דאַרף מען דאָך טיף פֿילן די סעמאַנטישע קאַטעגאָריע פֿון דעם אינהאַלטלעך־מסוכּנעם סובסטאַנטיוו "גזר", און אינטויִטיוו געפֿינען אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן, גראַמאַטיש־פֿאַרנייגנדיקן, אָבער סעמאַנטיש פּאָזיטיוון אַנטאָנים – "אומ־גזר", שאַפֿנדיק עס מיט דער הילף פֿון אַ נעגאַציע־פּרעפֿיקס, וואָס פּאַסט געוויינלעך פֿאַר אַן אַדיעקטיוו אָדער אַדווערב: "אומ־ריין", "אומ־געהיט" אאַז"וו. דאָ דאַרף זיך אײַנשליסן אין דער אַרבעט דער גענעטיש־אינטעלעקטועלער שיפֿער, וועלכער ליגט בײַם מענטשן ערגעץ אויפֿן סאַמע דנאָ פֿונעם אונטערבאַוווּסטזײַן, ערגעץ בשכנות מיטן כראָמאָסאָמען־קאָד. דער סאָציאַל־היסטאָרישער זכרון.

"צווישן די (גראַמאַטיש־ענלעכע – ל.ב.) ווערטער־רייען 'gesalzen-ungesalzen' און 'Geseres-Ungeseres', – גריבלט זיך ווײַטער פֿרויד אין די אייגענע אינטעלעקט־טיפֿענישן, – פֿעלט אָבער אַ צווישנרינגל. אַזאַ צווישנרינגל געפֿינט זיך אין אַ גאָר אַנדערער ריי '-gesauert ungesauert': ערבֿ יציאת־מצרים האָבן די בני־ישׂראל ניט באַוויזן 'אײַנצוזײַערן' זייער טייג, און – געדענקענדיק עס ביזן הײַנטיקן טאָג – עסן זיי אויף פּסח אומגעזײַערט ברויט"...

נאָך דער באַשריבענער נאַכט, ווי איר קענט זיך פֿאָרשטעלן, בין איך שוין גליקלעך געווען גאַנץ פֿרי, מיטן ערשטן זונענשטראַל, אַרויסצושפּרינגען פֿונעם קאָשמאַרן־געלעגער און, וואַרטנדיק אַז נאַטאַשע זאָל נעבעך זיך אויפֿכאַפּן, צו ביסלעך דערמאָנט זיך אין מײַן ערשטן, מיט נײַנצן יאָר פֿריִער, אויפֿהאַלט אין מיקולינאָ, וו'הין ס'האָט מיך דעמלט פֿאַרנאַרט די שטילע מיטל־רוסישע לאַנדשאַפֿט – די פֿיר, איינע הינטער דער אַנדערער, קרײַזפֿאָרמיקע אָזערעס, די גרינע זאַמשענע היגלען, און אויף איינעם פֿון זיי אין דער בלויער הייך – אַ ווײַסער מעכטיק־קרעפֿטיקער קלויסטער, וואָס ער זעט זיך אָן אַזוי העט־ווײַט, אויף צענדליקער קילאָמעטער אַרום...

און אין דעם זעלבן קלויסטער האָבן מיר הײַנט געדאַרפֿט זײַן מיט נאַטאַשען ניט שפּעטער ווי אַכט אין דער פֿרי, ווען דער גלח, ווי ס'האָט מיר פֿון אויף דער נאַכט דערקלערט דער שול־דירעקטאָר, הייבט אָן מיט זײַן מאָלעבען – מיט דעם פֿײַערלעכן גאָטסדינסט, און דאַן וועט ער שוין ביז 3-2 אַ זייגער ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו רעדן מיט מיר און מיר אפֿשר געבן די נייטיקע קאָנסולטאַציע.

---

[1] מערצאָל פֿון "גזר" – "מישפּט פֿון הימל", "הימלשטראָף".

אַך יאָ, ס׳איז דאָך דער 19טער אויגוסט, יאַבלאָטשני ספּאַס, די גרויסע קריסטלעכע חגא... און פֿונעם גלח וויל איך, ער זאָל מיר אָנווײַזן אויף אַ פּאָר קוואַלן אין זייער קלויסטער־אַרכיוו, אין וועלכן ס׳דאַרף דאָך זײַן כאָטש עפּעס וואָס דערמאָנט וועגן דעם מיקולינער בית־עולם, וועלכער ליגט אויפֿן פֿאַרוואַקסענעם אָפּנייג הינטער דעם אַ מאָל ייִדישן שטעטל.

דעם בית־עולם, ווי איך האָב געדענקט, האָב איך אַנטדעקט צופֿעליק, בײַ מײַן ערשטן באַזוך דאָ, אין ׳64סטן יאָר. איך האָב דעמלט איבערגענעכטיקט בײַ אַן אַלטער כאָזײַקע, וועלכע כ׳וואָלט זי שוין איצטער ניט דערקענט ווען אַפֿילו זי לעבט נאָך, און אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי בין איך שוין געשטאַנען – מיט אַ לאַנגער ווענטקע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר אַליין געהאַט פֿאָרגעלייגט – אויפֿן ברעג פֿון דעם שמאָלן טײַכל, כמעט אַ ריטשקעלע, און צום ערשטן מאָל אין לעבן געכאַפּט – און טאַקע געכאַפּט! – פֿיש.
ס׳הייסט אָבער פֿיש! קליינטשינקע זילבערנע פּיצלעך וואָס האָבן, מיין איך, נאָר געוואַרט, מ׳זאָל זיי עפּעס וואָס אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער, זאָלן זיך קענען אָנטשעפּען און אַרויסשפּרינגען אויף דער וואַרעמער לופֿט, אונטער דעם גרויסן קײַלעכיקן שטיק פֿײַער אין דער קלאַנגלאָזער הייך. אין מײַן בידאָנדל זענען שוין געלעגן 33 פּישלעך, ווען דער הימל האָט זיך פּלוצלעך פֿאַרחושכט און ס׳האָט אַ זעץ געגעבן אַ מוראדיקער דונער, און אַ בליץ האָט אָפּגעבראָכן אַ בראָקן הימל, און – אַ מבול איז אַראָפּ אויפֿן פּלאַנעט...

מיט דער איבערגעפּלאָנטערטער ווענטקע, מיטן קלאַפּנדיקן אין מײַן רעכטער קני בידאָן האָב איך זיך געקלעטערט באַרג־אַרויף, פֿאַרלאָזנדיק די סטעזשקע און אַ ביסל פֿאַרקירצנדיק דעם וועג. כ׳בין אַרײַן אין אַ פֿאַרבלאָטיקט אָרט, פֿאַרזינקענדיק אינעם שיטערן באָדן, נאָר – גאָט צו דאַנקען – אַ שטיין, און – נאָך אַ שטיין, און נאָך איינער, גרויסע, אײַנגעוואַקסענע אין דער ערד גראַניט־שטיינער סטאַרטשען אַרויס פֿונעם גראָז, און מיט אַ מאָל – אַ קײַלעכיקע פֿולע לבֿנה, אויסגעקריצט אויף דער שטיינערנער פֿלאַך. צוויי דלאָניעס מיט ברייט צערוקטע פֿינגער – אויף אַן אַנדערן שטיין. אותיות, ייִדישע אותיות...

פֿיטש נאַס, האָב איך זיך מיט אַ שעה שפּעטער אַרײַנגעשפּאַרט דעמלט צווישן עטלעכע צענדליקער פֿולע מסוכן־גרויסע בידאָנען אין דער קאַראָסעריע פֿון אַ לאַסטאויטאָ וואָס האָט אָפּגעפֿירט מילך קיין רודניע... און נעכטן, אין אַכצן יאָר אַרום, ווי איך האָב נאָר אַ פֿרעג געטאָן בײַם שול־דירעקטאָר וועגן דעם בית־עולם, האָט ער נערוועז אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען. נו יאָ, ער ווייסט, אַז ס׳פֿאַראַן דאָ אַזעלכער. ער ווייסט אַפֿילו, וווּ דער בית־עולם געפֿינט זיך: בײַם אַרײַנפֿאָר אין דאָרף, פֿון דער רעכטער זײַט שאָסיי, גלײַך הינטער דער ערשטער שטוב גייט אַוועק דאָרט ׳אַ סטעזשקע... ניין, אַליין איז ער ניט קיין היגער, זיך באַזעצט דאָ אַ יאָר זיבעצן צוריק. ניין, דער סעלסאָוועט[1] איז שוין פֿאַרמאַכט, און מאָרגן איז דאָך ערבֿ פֿרײַטיק, פֿרײַטיק און שבת אַרבעט דער סעלסאָוועט נישט. ניין, קיין איין ייִדן אין דאָרף האָבן זיי נישט. זײַנע שילער, די ״קראַסניִע סלעדאָפּיטי״[2] מיט וועלכע ער פּערזענלעך פֿירט אָן, פֿאַרנעמען זיך הויפּטזאַכלעך

[1] דאָרפֿראַט (רוס׳).
[2] ״רויטע שפּורן־זוכער״ (רוס׳).

מיט דער מלחמה־טעמע. יאָ, דעם שול־מוזיי קען ער מיר ווײַזן, אָבער וועגן דער אַמאָליקער יידישער באַפּעלקערונג וועל איך דאָרט קיין סימן ניט געפֿינען. יאָ, ס׳איז באַוווסט, אַז די מיקולינער יידן זענען אומגעקומען, מיט דער טעמע פֿאַרנעמט זיך אָבער דער רודניער מוזיי. ניין, דער געשיכטע־לערער איז אויך ניט קיין היגער. אַפֿילו, אויב איך וויל וויסן, איז דער גלח בײַ זיי ניט קיין היגער, נאָר ווער ווייסט, אפֿשר וואָלט ער מיר יאָ געקענט עפּעס אונטערזאָגן, ער האָט דאָרט צו טאָן מיט אַלטע לײַט, מיט די נאָך פֿאַרמלחמהדיקע תּושבֿים. און ווו טראַכט איך צו נעכטיקן, מ׳האָט אים טעלעפֿאָנירט פֿון דער רודניער רעדאַקציע, פֿאַרשטייט זיך, ער קאָן אונדז אײַנלאַדן צו זיך, נאָר טאָמער וויל איך, האָט ער אונדז שוין געשטעלט צוויי נײַע בעטלעך אין דער שול, אין אַ ריינעם לופֿטיקן קלאַסצימער. אַגבֿ, אַ דירעקטאָר איז ער דאָ אַ פֿרישינקער. די שקאָלע איז געבליבן אָן אַ דירעקטאָר, און אָן אַ דירעקטאָר קאָן אַ שקאָלע אַפֿילו אין די קאַניקולעס ניט בלײַבן...

מיר גייען אַרײַן מיט נאַטאַשען אין קלויסטערהויף. די מאַסיווע טיר גיט זיך אונטער, אַ שטילער און הויכער, מיט גאָלדאָפּשײַן פֿאַרגאָסענער רוים עפֿנט זיך פֿאַר אונדזערע אויגן. דער קלויסטער איז פּוסט. בלויז אין דער ווײַטנס זעען זיך אָן צוויי פֿיגורן. דער הייליקער פֿאָטער, שוין אָנגעטאָן לויטן סדר – אין אַ פֿײַערלעכער ריזע, אונטער וועלכער ס׳גלאַנצט אַרויס דער סטיכאַריאָן, דער פּאָדריאַסניק; אַ ברייטער רײַכער גאַרטל; אויפֿן קאָפּ – אַ פֿיאָלעטעווע סאַמעטענע קאַמילאַווקע.

חוץ דעם באַטיושקאַ – אַ פֿרוי, וואָס לויפֿט איבער פֿון איין אָרט צום אַנדערן, אײַלט זיך, צינדט אָן ליכטלעך, גיט אַלע מאָל עפּעס אַ וויש אַרום מיטן האַנטעך און העלפֿט אונטער איינצײַטיק דעם גלח בײַ דער ליטורגיע, וועלכע יענער האָט שוין, אַ פּנים, אָנגעהויבן. זי איז דאָ אויך די דיאַקאָנעסע, אַזוי אַז דעם גלחס תּפֿילה־פּעריאָד פֿאַרענדיקט זי טאָקע ווי ס׳קער צו זײַן – מיט אַ דרײַמאָליקן אָמן, און ענטפֿערט גלײַך אָפּ זיך אַליין פֿאַר דער גאַנצער אויספֿעלנדיקער פּאַסטווע: ״אָמין״... ״אָמין״... ״אָמין״... יאָ, גיב איך אַ טראַכט, וו׳זוי זשע קומען זיי אַרויס מיט די אַנטיפֿאָנען, מיט די תּהילים־פּסוקים, וואָס ווערן, לויטן אײַנגעשטעלטן סדר, געזונגען פֿאַר דעם אַלטאַר און פֿוןביידע צדדים פֿאַרן מלכס טויער, – זי קאָן דאָך ניט, די בידנע פֿרוי, לויפֿן פֿון איין כאָרפֿליגל צום אַנדערן און ממלא־מקומו זײַן צוויי כאָרן!

אַוועק, אַוועק שוין דער באַרימטער קריסטלעכער צוזאַמענגעזאַנג, וואָס דערשטוינט און דערשיטערט אונדז אַזוי אין ראַכמאַנינאָווס ״גלעקער״ און אין דער ״זאַוטרעניאַ״ בײַ פּענדערעצקי!

מײַן נאַטאַשע שטייט ווי איבערגעשראָקן, פֿאַרלוירן, אַנטוישט. ערשטנס, האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט צו דער ״קאָנסולטאַציע״; צווייטנס, האָט זי גאָר ניט דערוואַרט, אַז אין אַ קלויסטער קאָן זײַן אַזאַ שיינקייט און פּאָמפּעזקייט; דריטנס – וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חגא אָן מענטשן, מיט איין־איינציקער פֿרוי אין זאַל, פֿאַר וועלכער עס טרעט אַרויס מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן פֿאָרטראָג דער גלח און זינגט זיך נאָך עפּעס אונטער דערבײַ...

די סיטואַציע האָט זיך אויסגעקלערט עטוואָס שפּעטער:

1. די מיקולינער ייִשובֿים זענען ניט קיין גלויביקע. די צוויי־דרײַ היגע אַלטיטשקע, וואָס גייען נאָך אַ מאָל אַרײַן אין קלויסטער, אײַלן זיך אָבער אַהין גאַנץ פֿרי ניט שטאַרק, און די קריסטן פֿון דער אומגעגנט, אײַנשליסנדיק רודניע, מוזן זיך ערשט נאָך דערוואַרטן אויף זייערע אויטאָבוסן און צופֿעליקע לאַסטאויטאָס, וואָס ענדע וואָך צירקולירן זיי ניט אַזוי רעגולער;

2. די איינציקע פֿרומע קריסטלעכע, וואָס האָט זיך יאָ געיאָוועט צו דער צײַט, איז דעם גלחס ווײַב. אַגבֿ, בײַ שאולן (אַפּאָסטאָל פּאַולוס) ווערט ערגעץ געזאָגט, אַז אַ פֿרוי מעג זײַן אַ דיאַקאָנעסע אין אַ קירך...

וואָס פּלוצעם, טראַכט אפֿשר דער ייִדישער לייענער, דערציילט אונדז דער מחבר איבער די קריסטלעכע זאָרגן? און וואָס זאָרגט עס אים אַליין? צי האָט ער שוין מער ניט וועגן וואָס צו שרײַבן...

ניין, ליבער לייענער, איך וואָלט נאָך ווי־ס׳ניט־איז געקאָנט אויסזוכן אַ פּאָר ריין ״ייִדישע״ ענינים, נאָר כ׳מיין, אַז אַ ליידיקער קלויסטער אויף ספּאַס־חגא – איז אַ פּראָבלעם אויך פֿאַר אַ ייִדישן אויטאָר, ווײַל אַז ״אוי לרשע״ – איז ״אוי לשכן״...

מען קען זיך פֿאָרשטעלן, ווי פֿול מיט לעבן ס׳פֿלעג זײַן דאָ אויף ספּאַס, אין דעם געמישטן אַמאָל לעבנס־פֿריידיקן ייִשובֿ, וועגן וועלכן מיר געפֿינען אינפֿאָרמאַציע, למשל, בײַ וו. פּ. סעמיאָנאָוון אין זײַן גרינדלעכער אַרבעט ״פֿולע געאָגראַפֿישע באַשרײַבונג פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד״, סאַנקט־פּעטערבורג, 1905. ״צפֿון צו, 10 ווערסטן פֿון רודניע, ליגט דאָס שטעטל מיקולינאָ, אָדער גאָראָדישטשע. עס ליגט ניט ווײַט פֿון די גרענעצן פֿון וויטעבסקער און סמאָלענסקער גובערניעס, אין אַ בילדערישער לאַנדשאַפֿט, אויף אַ באַרג, אַרומגענומען פֿון צוויי זײַטן מיט אַן אָזערע, אויף אוראַלטע שטאַם־רוינען, פֿאַר וואָס ס׳טראָגט טאַקע דעם נאָמען ״גאָראָדישטשע״. אין 1430 איז מיקולינאָ געוואָרן צוגערעכנט צו די גיטער פֿון סווידריגײַלאָ[1]. אין XVII יאָרהונדערט האָט מיקולינאָ געהערט צום וויטעבסקער פּאָוועט און איז געווען דער זאַמלפּונקט פֿאַר די פּוילישע אַרמייען בשעת זייערע קריגסצוגן אויף מאָסקווע. אין 1830 האָט דאָ דער פֿירשט אָגינסקי אויפֿגעבויעט אַ בערנאַרדינסקי[2] קאָסטיאָל.

אין דעם דאָזיקן שטעטל געפֿינט זיך אַ פּראַוואָסלאַווע קלויסטער, אַ פֿאָלקסשולע און אַ וואָלאָסט־פֿאַרוואַלטונג״.

און די ייִדן?

לויט די אָנגאַבעס פֿון דער ערשטער אַלרוסלענדישער פֿאָלקסציילונג אין 1897 האָבן אין סמאָלענסקער גובערניע געלעבט 11000 ייִדן. אָנהייב דעם 20סטן יאָרהונדערט – בײַ די 12500. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ״האָבן די ייִדן געבילדעט די מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די ייִשובֿים: ליובאַוויטשי, מיקולינאָ, פּעטראָוויטשי, מאָנאַסטירשטשינאַ, רודניאַ, כיסלאַוויטשי, שומיאַטשי, פּאָטשינאָק, זאַכאַרינאָ, קאַדינאָ, טאַטאַרסק, גוסינאָ״.

---

[1] דער ליטווישער גרויספֿירשט (1355–1452).

[2] אויפֿן נאָמען פֿון דעם הייליקן בערנאַרדין.

אין מיקולינאָ זענען געווען גאַנצע ייִדישע גאַסן, ווו ס׳האָבן געוווינט נאָר ייִדן. איינע פֿון זיי, אפֿשר די ״צענטראַלע״, איז געווען די באַרקאָווסקאַיאַ־גאַס. צי ניט טאַקע אויף יענער באַרקאָווסקאַיאַ איז אין מיקולינאָ, אין 1882, געבוירן געוואָרן באָריס אַבראַמאָוויטש ברעסלאַוו, דער קינפֿטיקער אָנטייל־נעמער אין אַלע דרײַ רוסישע רעוואָלוציעס, שפּעטער – שטעל־פֿאַרטרעטנדיקער פֿאָרזיצער פֿון דער מאָסקווער טשע־קאַ, אין די 20ער יאָרן – דער גענעראַל־קאָנסול אין פּאַריז, דאַן – אַרביטער פֿון דעם נאַרקאָמאַט פֿון שפּײַז־אינדוסטריע, אַרעסטירט אין מאָסקווע דעם 21סטן אַפּריל 1938 און דעם זעלבן טאָג דערשאָסן?...

מיט אַזוינע געדאַנקען בין איך נאָך דעם גאָטסדינסט אין קלויסטער צוגעגאַנגען צום גלח און זיך געווענדט מיט מײַן איינציקער קשיא: צי ס׳זענען פֿאַראַן בײַ זיי אַרכיוו־דאָקומענטן, פּאַפּירן, כּתבֿ־ידן, וואָס אַנטהאַלטן עפּעס אַ דערמאָנונג וועגן די מיקולינער ייִדן, וועגן זייער באַוויַזן זיך אין דער געגנט, וועגן דעם אַלטן בית־עולם?

ניין, קיין שום מאַטעריאַלן. הגם, ער איז ניט קיין היגער, אָבער ער קען מיר אָנרופֿן אַ נאָמען – שאַראַפּאָוואַ אַנאַ סערגייעוונאַ. ווו פּינקטלעך זי וווינט דאָ ווייסט ער ניט, כ׳דאַרף זיך אָנפֿרעגן... ער בעט אים אַנטשולדיקן, זיי דאַרפֿן זיך מיט דער מאַטושקע באַאײַלן, אַניט פֿאַרשפּעטיקן זיי צום רודניער אויטאָבוס...

בית־עלמינס זאָגן עדות, אַז דאָס לעבן גייט ווײַטער. אַז עס זענען נאָך דאָ לעבעדיקע, ס׳איז נאָך פֿאַראַן ווער ס׳זאָל מקבר זײַן אַ געשטאָרבענעם. פֿון מײַנע ווײַטע קינדער־יאָרן געדענק איך דעם גרינעם קעשענעווער קריסטלעכן צווינטער אויבן אויף דער באַרגיקער אַרמיאַנסקי־גאַס, ווו איך פֿלעג אין איינעם מיט מײַן בעסטן חבֿר וואַלערא גאַדזשיִו פֿאַרבאַהאַלטן זיך אין געדיכטן געשטריך מיט אַ ציגײַער־ביטשעק, אַ ״בעלאָמאָר״־קאַנעץ אין די ליפּן... איך געדענק דעם אוראַלטן בית־עולם אין מצכעטאַ[1] (5-2 יאָרהונדערט), ווו מען ווײַזט דעם אָנגעזעענעם גאַסט די מצבֿות מיט העברעיִשע אויפֿשריפֿטן, און ווו דער שומר געאָרגי, אַ זקן אַ בר־דעת, טראָגט אײַך צו אַ גלעזעלע רויטן ווײַן, צום אָנדענק פֿון די, וואָס זענען אַוועק און בלײַבן דאָך אויף שטענדיק מיט אונדז...

וואָס קען אָבער מער טרויעריק זײַן, ווי אַ פֿאַרוויסטער בית־הקבֿרות, ווו קיינער גייט שוין ניט קיינעם דערמאָנען...

די פֿון רעכטס און פֿון לינקס און פֿון אַלע זײַטן קרום אומגעפֿאַלענע שטיינער זענען כּמעט אין גאַנצן אַרײַן אין דר׳ערד... געדיכטער מאָך... שפּרינגענדיקע פֿרעש, קראָפּעווע אויף די הויכע קאָטשקעס וואָס שפּאַרן זיך אָן – ווען דו גיסט אַ שטעל אין דעם שוואַרצן שלײַם דעם פֿוס אויף זיי – אויף אַ שטיק גראַניט, אויף אַ שטיין מיט גראָד־ווינקלדיקע אותיות. עטוואָס באַרג אַרויף – איבערגעפֿלאָכטענע קוסטן, קלעמעריקע צווײַגן, מעכטיקע, מיט זאַפֿט אָנגעגאָסענע שטאַמען, דעמלט, מיט אַכצן יאָר צוריק, האָב איך זיי דאָ נאָך ניט געזען...

---

[1] די אַמאָליקע הויפּטשטאָט פֿון גרוזיע.

נאַטאַשע לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, קריכט אונטער מיט די דלאָניעס אין בלאָטיקן גראָז, זי הייבט אונטער אַ צווײַגל, באַמערקט דעם אַרויסשטעקנדיקן שטיין, נעצט אָן דאָס טיכעלע אינעם טוי, נאָך ניט אויסגעוועפּטן אין דער געדיכטעניש, און ווישט אַרום די פּולע לבֿנה...

...זײַן באָבע אַנאַ סערגייעוונאַ קאָן אונדז ניט אויפֿנעמען, זאָגט דער בחור. ז'האָט זיך ערשט וואָס אומגעקערט פֿון ערגעץ און מוז זיך אָפּרוען.

אין אַ שעה אַרום אָבער קומט אונדז מיטנעמען קיין רודניע אַ מאַשין. איך שיק נאַטאַשען כלומרשט בעטן אַ טרונק וואַסער. די באַבושקע גיט אַ קוק אַרויס פֿון דעם פֿענצטער, זעט מיך און טוט מיר אַ מאַך מיט דער האַנט, כ'זאָל, הייסט עס, אויכעט אַרײַנגיין. ז'איז נאָך ניט אַזוי אַלט. האָט זיך אָבער פֿון גאַנץ פֿרי נישט אויסגעשלאָפֿן, מאַכט זיך קרעכצנדיק, נאָר מיר זיצן שוין בײַם טיש, אויף אַ ברייטער באַנק, נאַטאַשע – אַ ביסל אין דער זײַט, לעם דער קיכטיר, מיטן בלײַער אין האַנט און איר העפֿטל. און אָט וואָס זי האָט פֿאַרשריבן: "ייִדישע שטיבער? נו, דער סעלסאָוועט געפֿינט זיך הײַנט אין אַזאַ שטוב. פֿון דער באַרקאָווסקאַיאַ־גאַס האָבן די פֿאַשיסטן געמאַכט אַ מין געטאָ, צונויפֿגענומען דאָרט אַלע אָרטיקע ייִדן. ס'איז געווען, למשל, איינער אַ מענדל – אַ סוחר, זאָג איך צו אים: מענדל, די דײַטשן באַוואַכן אײַך ניט, ביסט דאָך אַ סוחר, קענסט דאָ אַלע וועגן, דו קענסט דאָך דעם וועג אויף קניאַזשינאָ, נו, דעם קאָלכאָז "מאָפּר", דאָרט הערשן די פּאַרטיזאַנער, גייט אַוועק אַהין. ענטפֿערט ער, הער נאָר: מיר זענען אויסגעשטעלט אויף אומקום, מיר האָבן אַ סך זקנים. זאָג איך: די זקנים וואָס זענען שוין אַרום נײַנציק לאָזט איבער, און ווער ס'וועט זיך ראַטעווען – דער זאָל זיך ראַטעווען. וואָס וואַרט איר, אין ליובאַוויטשי שיסט מען אײַך שוין.

פֿאַר דער רעוואָלוציע, – דערציילט זי ווײַטער, – זענען דאָ זיבעציק פּראָצענט געווען ייִדן, דער פֿריִערדיקער פּאָפּ פֿלעג זאָגן – אַכציק פּראָצענט. נאָך דער רעוואָלוציע זענען זיך אַ סך ייִדן צעפֿאָרן. און דאָ האָבן זיי געהאַט אַן אַרטעל, אַ שוסטערײַ. אין קאָלכאָז האָבן זיי נישט געאַרבעט, אַ סך פֿון זיי האָבן גענייט אָדער געהאַט צו טאָן מיט סחורות. די ווײַבער האָבן געאַרבעט אין דער טשײַנע...

אונטער די דײַטשן האָבן זיי שטאַרק געהונגערט. נו, פֿלעגן אונדזערע באַבעס בשתיקה זיי ברענגען אויף דער באַרקאָווסקאַיאַ־גאַס ברויט און וואַסער. די פֿאַשיסטן האָבן אַוועקגעפֿירט זיי בײַ טאָג. יאָ־יאָ, אין מיקולינאָ האָבן זיי דאָ געלעבט פֿון לאַנג, נאָך ווען מײַן באָבע איז אַ קינד געווען...".

III

״איך, למשל, וואָלט זיך געפֿילט ניט גענוג גוט, ווען איך זאָל דאַרפֿן זיך באַטייליקן אין דעם ערשטן אויספּרווו פֿון אַן אויטאָמאָביל, וועלכער ווערט אָנגעפֿירט דורך אַ פֿאָטאָעלעקטרישער אויטאָמאַטישער אײַנריכטונג, און איך זאָל וויסן דערבײַ, אַז ס׳איז ניטאָ קיין הענטל, וואָס מ׳קען מיט אים איבערנעמען די פֿירונג אויף זיך אין אַ מאָמענט, ווען דו באַמערקסט, אַז דאָס אויטאָ פֿליט גלײַך אויף אַ בוים״.

נאָרבערט ווינער

אונדזער אויטאָבוס הוידעט זיך צווישן די ברייטע לופֿטיקע פֿעלדער. הינטער זיי, פֿון רעכטס, – אַן אויסגעצויגן שוואַרץ פּאַסיקל, די געדיכטע וואַלדמאַסיוון בײַם האָריזאָנט. מיר פֿאָרן קיין פּאָניזאָוויע, אין עפּעס אַ מעמאָריאַל־וועלדל צווישן צוויי דערפֿער – פּאַשקי און אָסאָווא, ווו אין אַ ווײַטן מלחמה־טאָג איז אַראָפּגעפֿאַלן אַן אונטערגעצונדענער אין דער לופֿטשלאַכט סאָוועטישער עראָפּלאַן. הײַנט ווערט דאָרט אויפֿגעשטעלט אַן אָנדענק־צייכן.

די זון הייבט זיך אויף העכער, די צוגעגרייטע בלומען אינעם בוס־סאַלאָן הייבן אָן שטאַרקער צו דופֿטן, די פּאַסאַזשירן – הויכע מיליטער־פּערזענלעכקייטן, קרובֿים און אַמאָליקע פֿרײַנד פֿון די אומגעקומענע פֿליִער – שמועסן זיך שטיל איבער. מען דערמאָנט זיך אין הייסע שלאַכטן און אין געטרײַע חבֿרים. אויפֿן זיצאָרט פֿאָרנט פֿאָרט אַ ברייטפּלייציקער מאַן פֿון אַ יאָר 65-60, אָנגעטאָן ציוויל. אויפֿן נאַקן הינטער דעם לינקן אויער שוואַרצט זיך אַ טיפֿער, ניט שטאַרק קאָסמעטיש פֿאַרצויגענער שראַם, מ׳קען זאָגן – אַ לאָך. עס גייט אַוועק אַ רייד וועגן דײַטשן, און דער גאַנצער אויטאָבוס כאַפּט אונטער דעם שמועס. צו ערשט וועגן זייערע סאָלדאַטן, דאַן – וועגן די שטעט זייערע, מינהגים, ווײַבער און קינדער... איך שווײַג. איך, וואָס איך קען אויף אויסנווייניק שאַמיסאָ און ענצענסבערגערן, וואָס כ׳וואָלט, דאַכט זיך, די נשמה געקענט אָפּגעבן פֿאַר שובערטס ״Ave Maria״ און פֿאַר מײַן אַמאָליק ״פֿערדל״ אויף די פֿאַך־עקזאַמענס (קלאַס אַקאָרדעאָן) – ראָבערט שומאַנס ״Träumerei״, – איך האָב דאָ נישט וואָס זיך אַרײַנצומישן. כ׳פֿיל, ווי מײַן טאָכטער קוקט מיך אָן עפּעס פֿון דער זײַט, פֿאָרשט מיך, הייסט עס, אויס אין אָ־דער סיטואַציע. און גיט מיך פלוצעם אַ פֿרעג: ״ביסטו אמת געווען פֿאַרליבט אין איר?״ איך פֿאַרשטיי תּיכּף וואָס און ווען זי מיינט. כ׳מאַך זיך ניט הערנדיק. צי בין איך געווען פֿאַרליבט ״אין איר״? זי איז אָנגעקומען מיט אַ מערבֿ־דײַטשישער סטודענטן־גרופּע קיין סמאָלענסק, אַ פֿײַערדיק אַכצן־יעריק מיידל. פֿון געטינגען־אוניווערסיטעט. אין אַ יאָר אַרום איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן נאַטאַשע, אַ קינד פֿון אַ בעסאַראַבישן ייִדן, אַ געוועזענעם אונטערטאַן פֿונעם רומענישן קעניג קאַראָל (פֿון דער דײַטשער דינאַסטיע האָהענצאָלערן־זיגמאַרינגען), און אַ רוסישער פֿרוי פֿון קאַרדימאָוואָ – אַ ראַיאָן־צענטער הינטער סמאָלענסק. איצטער, זיצנדיק אין אויטאָבוס און שוין, זעט אויס, פֿאַרגעסן וואָס ז׳האָט בײַם טאַטן געפֿרעגט, קוקט נאַטאַשע אָנגעשטרענגט אין פֿענצטער, אין די ברייטע ווײַטן אַרויס... און פלוצעם נאָך אַ מאָל, אומדערוואַרט: יאָ, זי געדענקט יענע Esther, ווי ז׳אָט זיך איין מאָל געיאַוועט בײַ אונדז, טאַקע, דאַכט זיך, פֿון בערלין, פֿון מערבֿ־בערלין. און

וואָס האָט אויף דעם די מאַמע דעמלט געזאָגט? זיי זענען דאָך אַ האַלבע נאַכט אָפּגעזעסן אין קיך, גערעדט, גערעדט עפּעס, אויף ענגליש... צי האָט יענע שפּעטער חתונה געהאַט?און האָט קינדער? און איר מיידעלע הייסט חנה? אַזאַ ייִדישן נאָמען? אַך, אַ ביבלישן...

Собственноручные записки ТОЛКУШИНОЙ Марии Ефимовны из деревни Святниково-Урочище о злодеяниях немецко-фашистских оккупантов.

Я, Толкушина Мария Ефимовна, родилась в семье крестьянина Толкушина Ефима Константиновича, дер. Святниково-Урочище Надвинского сельского Совета Руднянского района 19 августа 1918 года. Отец мой до революции занимался сельским хозяйством. Мать моя, Толкушина Анна Евстафьевна, была домашней хозяйкой и работала дома по хозяйству. В 1929 году мы вступили в колхоз имени Сталина д. Светицы Никулинского сельского Совета Смоленского района Смоленской области. Я до 1937 года проживала вместе с отцом, а в 1937 году вышла замуж за Толкушина Тихона Степановича, который работал на железной дороге и проживал на станции Орша (работал кондуктором) где ему была предоставлена хорошая квартира. Жили мы хорошо, имели сына 1938 года рождения, я была в положении.

С первых дней войны муж начал беспрерывно работать на железной дороге кондуктором, а я, когда начал сбрасывать бомбы на мирных жителей кровожадный немец, не захватив с собой ничего, кроме мало сыночка Лени, пришла в дер. Святниково-Урочище к родителям.

В 1942 году с немецко-фашистского плена удрал мой муж и проживал несколько месяцев в д. Святниково-Урочище. В этой деревне старостой стал Кутахин Иван Яковлевич, бывший кулак (в Гражданскую войну братья Ивана Кутахина были в банде). Иван Кутахин изменил Родине и стал немецким работником и врагом людей.

В этой деревне Святниково-Урочище было много хорошей молодежи, которая была воспитана советской властью. Скоро я стала замечать за мужем, что кроме того, что он рассказывал людям о скорой победе Красной Армии и возвращении Советской власти, к нему несколько раз приходили знакомые под видом пленных и приносили оружие, чистили, проверяли, складывали. Муж тоже с ними чистил оружие.

Кутахин Иван часто спорил с мужем, говорил, что Красная Армия не вернется, она уже уничтожена. "А ты, — говорил он, — если будешь вести пропаганду, я тебя сдам в гестапо". Но в скором времени моему мужу было предложено перейти в отряд партизан. Он ушел в лес под видом как-будто на работу в г. Оршу в кондукторские резервы. Взял где-то немецкий пропуск и показал его некоторым в деревне, а сам ушел в партизанский отряд.

דער אָנהייב פֿון די עדות־באַווײַזן פֿון מאַריִאַ טאָלקושינאַ וועגן דער אַקציע איבערן פֿאַרניכטונגס־ריוו און אירע געפֿילן און שפּירונגען שוין אין אים, אויפֿן דנאָ[1].

---

[1] זע אין די "דערגאַנצונגען צו די טעקסטן".

אין פֿאָניזאָוויע, שוין בײַם אַרויספֿאָר, שטעלן מיר זיך אָפּ אויסגלײַכן, ווי סע זאָגט זיך, די ביינער לעבן אַ באַשיידענער מצבֿה מיט אַ רויטן שטערן צוקאָפּנס. אַהער זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריבערגעטראָגן געוואָרן די דרײַ אַראָפּגעפֿאַלענע פֿליִער: באַוקין, לוקאָווקין און דעמעכין...

דער מאַן מיט דער אַלטער ווונד הינטערן אויער, ניקאָלײַ סידאָראָוויטש ראָמאַנענקאָוו, בעט בײַ מיר אַ שוועבעלע. מיר פֿאַררייכערן. ער איז געווען דער סטאַרשינאַ בײַ אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון. אויף זײַנע אויגן האָט דער בחור פֿאַרשטעלט מיטן אייגענעם לײַב די דײַטשישע אַמבראַזור. איך, אַ ציווילער מענטש, וועלכער האָט קיין מאָל קיין ביקס אין די הענט ניט געהאַלטן, וויל זיך בעסער פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי איז דאָס אַלץ דעמלט פֿאָרגעקומען, און ראָמאַנענקאָוו גיט זיך אַ זעץ צו אויף אַ קאָרטש און מאָלט מיר אָן מיט אַ שטעקעלע אין זאַמד די גאַנצע דיסלאָקאַציע פֿון דיביידע פֿראָנטקעגנער... צי האָט מען ניט געקענט צוטראַכטן עפּעס אַנדערש, פֿרעג איך. צי איז דאָס דען ניט געווען עמעצנס אַ באַפֿעל – ווײַל ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַ מענטש זאָל זיך פֿרײַוויליק געבן אַ וואָרף אין טויט אַרײַן: באַשיצן דאָס אייגענע לעבן – איז דאָך אַן אײַנגעבוירענער אינסטינקט אין אונדז... מײַן לעצטע פֿראַגע, פֿיל איך, איז אים ניט גאַנץ צום האַרצן. ער שווײַגט, קוקט מיך אָ ווײַלע אָן, גיט אַ שמייכל און נעמט דערקלערן, אַז סאַשאַ האָט אַוודאי ניט געטראַכט, אַז ס'קען זיך אַזוי ענדיקן, צו ערשט איז ער געווען זייער פֿאָרזיכטיק, שטיל־שטיל צוגעקראָכן... וואָס איז דאָ צו קלערן – מאַטראָסאָוו איז אַ הייסער יאַט געווען. בײַ זיי אין פּאָלק זענען אַלע געווען אַזעלכע – די אוקראַיִנער, די טאָטערן, די רוסן, די ייִדן, די אוזבעקן...

דער שאָפֿער גיט שוין אַ סיגנאַל: מ'דאַרף ווײַטער פֿאָרן, און איך פֿאַרשרײַב אויף גיך ראָמאַנענקאָווס אַדרעס. אומבאַדינגט, אומבאַדינגט, זאָגט ער, מוזן מיר אים אין סמאָלענסק באַזוכן. ער דאַרף, זאָגט ער, אומבאַדינגט אונדז אַלץ געבן צו פֿאַרשטיין, אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך גוט פֿאָרשטעלן, ווי ס'איז געווען אין דער אמתן. באַזונדערס זאָל עס טאַקע פֿאַרשטיין דאָס מיידל, די יונגע גענעראַציע, נאַטאַשאַ, אַ שיינער נאָמען.

אַמבראַזורן, קוילן־וואָרפֿערס, קעגנטאַנקען־גריבער, פֿאַרניכטלער־עראָפּלאַנען...

רבונו־של־עולם, ווי זשע גרויס איז געווען דער מלחמה־אַרסענאַל? און וואָס נאָך איז פֿאַראַן בײַ הײַנטיקן טאָג? – ראַקעטעס, לאַזערשטראַלן, קאָסמישע אַפּאַראַטן?...

צי ניט די זעלבע אַפּאַראַטן, די הימל־טעלערס (האופֿן בתוך האופֿן – אַ ראָד אין אַ ראָד) האָט באַשריבן יחזקאל אין זײַן 10טן קאַפּיטל, צי איז טאַקע גערעכט אָסוואַלד שפּענגלער, און אַלע ציוויליזאַציעס "פֿאַרענדיקן זיך ענלעך"?

און מיר פֿאָרן ווײַטער.

מיר פֿאָרן ווײַטער, און עמעצער פֿון הינטן דערציילט, ווי ער האָט הײַנט אין דער פֿרי באַגעגנט אין רודניע אַן אַלטן פֿרײַנד זײַנעם, אַ כיטרע מוזשיק, ווי ער דריקט זיך אויס, אַ מיקולינער גערשיק... גערשיק? וואָס איז דאָס גאָר פֿאַר אַ רוסיש וואָרט – גערשיק? ניט אין ווערטערבוך בײַ דאַלן, ניט בײַ פּאַוולאָווסקין, ניט בײַ אושאַקאָוון געפֿינט איר עס ניט. איך

פֿרעג איבער: ווי זאָגט איר עס – גערשיק? יאָ, גערשיק, אַזוי האָט מען שטענדיק, נאָך פֿאַר דער מלחמה, אָנגערופֿן די מיקולינער טיפֿן...

האַ! קיין איין הערשל איז שוין פֿון לאַנג דאָרט ניטאָ, און דער נאָמען אָבער פֿון עפּעס אַ הערשיקל איז פֿאַרבליבן... זאָל עס זײַן מײַן קליינער אָנאָמאַסטיק־היסטאָרישער סוד – מײַן סוד און זייערער, דער סוד פֿון יענע אַלע, וואָס ליגן דאָרט, אויפֿן פֿאַרבלאָטיקטן אָפּנייג, אונטער די שטיקער גראַניט, וועלכן ס׳האָט פֿאַר זיי איבערגעלאָזט אויף זײַן געאָלאָגישן וועג דער גרויסער מיזרח־אייראָפּעיִשער אײַזגלעטשער.

איך שטיי ווי צעמישט. סע טרעטן אַרויס וועטעראַנען, פּויערים פֿון די אַרומיקע קאָל־ווירטן, דער געוועזענער סטאַרשינאַ ראָמאַנענקאָו, דער זון פֿונעם פּליִער באַוקין. איך הער זייערע רייד און טראַכט וועגן דעם גורל פֿון אַ מענטשן. איך זע אין דער טאָגשײַן רעאַלע פֿיגורן – מענער, פֿרויען און קינדער, און צווישן זיי – גאָלד־ליכטיקע שאָטנס. פֿאַר די אויגן גייען דורך אויך די, מיט וועמען איך האָב זיך מיט יאָרן צוריק באַגעגנט און נאָענט באַקענט אויף דער סמאָלענסקער ערד, און מיט וועמען איך וועל זיך שוין אויף דער וועלט קיין מאָל ניט טרעפֿן: דעם דיכטער ניקאָלײַ רילענקאָוו, דעם קאָסמאָנאַווט יורי גאַגאַרין, דעם שטאָק־אויסגעדאַרטן נעבעך וועלטגעשיכטלעכן ״גיבור״ מיכאַיִל יעגאָראָוו, וועלכער האָט אויפֿגעהויבן די רויטע נצחון־פֿאָן איבער דעם רײַכסטאַג־קופּאָל, כ׳זע דאָס דײַטשע מיידל אסתּר און איר טעכטערל חנה, איך זע די דרײַ פּליִער אינעם ברענענדיקן עראָפּלאַן, דעם סוחר מענדלען פֿון דער באַרקאָווסקאַיאַ־גאַס און זײַן זיידן הערשלען –ביידע אין איינעם אין אַ זוניקן העלן גן־עדן, ווו אַ רעגן־בויגן שטייט אין דער לופֿטן און אַ בלומענקראַנץ לייגט זיך זיי אויף די האָר, און עס בלישטשען די רויט־ווײַסע פֿיגורן זייערע – גלײַך ווי רויזן אָדער ווי שניי... כ׳זע עס אַזוי קלאָר און ריין, אַז איך בייג זיך אָן צו מײַן טאָכטער און ווײַז איר מיטן פֿינגער אַהין, אויף דער ראָזעווער לאָנקע, פֿול מיט לופֿטיקע קאָנטורן:

– קוק, נאַטאַשענקע. קוק און פֿאַרשרײַב עס... אויף תּמיד.

סמאָלענסק – מאָסקווע, האַרבסט 1982

ביר פֿונעם בלעכענעם טשײַניק

לעוו בערינסקי איז געווען דער אײנציקער, ווער ס׳איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ רײַפֿער שריפֿטשטעלער, אַן אָריגינעלער רוסישער פּאָעט־מאָדערניסט און איבערזעצער, און האָט ווײַטער געשלײַפֿט זײַן טאַלאַנט שוין אויף ייִדיש.

וואָס איז געווען און בלײַבט דאָס ספּעציפֿישע ממשות פֿון זײַן מאָדערניזם? עס איז, פֿאַר אַלעם, דער ״האָריזאָנטאַלער״ מאָדערניזם, וועלכער האָט מער שײַכות צו די ניט־ייִדישע ליטעראַרישע טראַדיציעס, איידער צו עפּעס אַ ״ווערטיקאַלן״, ירושהדיקן, ייִדישן מאָדערניזם, וואָס האָט זײַנע אײגענע רײַכע טראַדיציע. בערינסקי וויל מ׳זאָל אים באַטראַכטן ווי אַ פּאָעטישע דערשײַנונג פֿאַר זיך, און גיט עס גאַנץ קלאָר צו פֿאַרשטיין אין איינער פֿון זײַנע אַבסורדיסטישע מעטאַפֿאָרן, זיך זײַענדיק מודה, אַז ער טרינקט נישט קײן טיי ניט פֿון קופּערנעם רוסישן און ניט פֿון הילצערנעם ייִדישן סאַמאָוואַר – ער טרינקט ביר, פֿון אַ בלעכענעם טשײַניק. (״אַנטיקוואַריאַט״).

בערינסקי האַלט, אַז אין דער הײַנטיקער וועלט האָט פּאָעזיע מער שײַכות צו וויזועלע, בילדערישע קונסטאַרטן, איידער צו דעקלאַמאַציע אָדער געזאַנג, און קאָנקרעט אין זײַן פֿאַל – צו גראַפֿיק. זײַנע פּאָעטישע טעקסטן באַגלייט ער זאָרגזאַם מיט כלערליי צייכענונגען, סכעמעס און פֿאָרמלען, און און צענטרירט זײַנע סטראָפֿעס ווי קינאָ־טיטרען.

אין דער דיכטונג גופֿא איז אים אַבסאָלוט פֿרעמד די טראַנסראַציאָנאַלע שפּראַך פֿון די רוסישע פֿוטוריסטן מיט זייער ״זאַום״, ווי אויך די קוואַזי־באַדײַטנדיקייט פֿון דער הײַנטיקער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. ס׳איז קלאָר, אַז בערינסקיס דיכטונג נייטיקט זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן, מחמת זײַן פּאָעטישן דאָרשט נאָך אַ נײַעם וואָקאַבולאַר קען ער שטילן וויפֿל ער דאַרף פֿונעם ״בלעכענעם טשײַניק״ אין דעם ייִדישן ווערטער־אוצר. אַזוי באַניצט ער, אַ שטייגער, ווי אַ מין ״זאַום״[1] דעם בעסאַראַבישן דיאַלעקט (צוגעפּעפֿערט צו מאָל מיט אַ פּאָר רוסישע צי רומענישע ווערטער) ווי, למשל, אין דעם ליד ״ייִדישער פּאָציפֿיזם״, ווו ער רעאַליזירט די לינגוויסטישע (פֿאָנעטישע) מעגלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן ״אָ״־מונדאַרט – און מיט איין וואָקאַליזירטן קמץ פֿאַרשטויסט ער דעם פּאַטאָס און זין, און עסטעטישן אָנפֿיל פֿון דעם געדיכט. ווען בערינסקיס לידער זענען, זומער 1986, שאַרף קריטיקירט געוואָרן אין דער צײַטונג ״ביראָבידזשאַנער שטערן״, האָט דער רוסישער איבערזעצער פֿון ייִדיש אַ. בראָדסקי געענטפֿערט דעם רעצענזענט און באַהאַנדלט די פּראָבלעם פֿון ״אידעאָלאָגישע דריידלעך״[2].

גענאַדי עסטרײַך, אָקספֿאָרד 2008

---

[1] זע אין דער וויקיפּעדיע: ״заумь״ אָדער ״zaum״.

[2] זע אין די ״דערגאַנצונגען צו די טעקסטן״.

אַמפֿיטעאַטער

חסר־מנין: אַ שרײַבער־חבֿרותא מיט קאַרמען נ׳מיטן דרינען

אַ קלאַנגלאָזע זאָנע... דער אָזאָנאָווער לאָך

(ח.־נ. ביאַליק. צו דער רוסישער איבערזעצונג[1])

דאָס ״לאָרעלײַ״־געדיכט פֿון הײַנריך הײַנע, וואָס איז געוואָרן בײַ די דײַטשן אַ פֿאָלקסליד, האָט זיך אין די סאָלדאַטישע לידער־זאַמלונגען פֿון דער נאַצי־צײַט געדרוקט ווי אַן אַנאָנים ווערק, מיט אַ באַמערקונג ״Verfasser unbekannt״ (דער אויטאָר אומבאַקאַנט). נאָר דאָס ליד האָט מען געזונגען, און הײַנריך הײַנע, דער גרויסער דײַטשער פּאָעט, וועלכער האָט אָבער ״באַפֿלעקט״ די אַרישע קולטור מיט זײַן ייִדישן אָפּשטאַם, – האָט ווײַטער געלעבט אין די פֿאַרווילדעוועטע נשמות. געלעבט נאָמענלאָז, פֿאַרבאָרגן, אָבער נישט אויסגעוואָרצלט.

טיפֿער און ברייטער פֿאַרשעפּט, איז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד טאַקע אויסגעוואָרצלט געוואָרן פֿון דעם מענטשישן באַוווסטזײַן חיים־נחמן ביאַליק. קיין ספּעציעלער פֿאַרבאָט אויף זײַן נאָמען און ווערק איז אפֿשר ניט געווען, דאָס ווייסן מיר נישט, אָבער ס׳האָט געסטײַעט, אַז ס׳זאָל ניט זײַן אויף אים קיין ״דערלויבעניש״...

און אָט איצט, שוין אין די טעג פֿון רעהאַביליטירן און אומקערן אין דער לעבעדיקער וועלט נעמען, ביכער און בילדער פֿון פֿאַרשידענע קינסטלער, איז ביאַליק, דער גרעסטער בײַ די ייִדן דיכטער פֿון דער נײַער היסטאָרישער תּקופֿה, אַ פּאָעט פֿון איין ריי מיט רײַנער מאַריִאַ רילקע, סען דזשאָן פּערס, אַנטאָניאָ מאַטשאַדאָ און אַלעקסאַנדער בלאָק – אַ שטומע זאָנע, אַן אָזאָנאָווער לאָך, אַ קלאַנגלאָזע פֿראַגע: צי איז אין דער אמתן געווען אויף דער ערד אַזאַ דיכטער?

וועגן די סיבות – וואָס איז הײַנט דאָ צו טענהן? אויסער די אַלגעמיין־באַוווסטע, לויט וועלכע ס׳האָבן ווי אָפּענע לעכער געהאָנגען אין דער נאָאָספֿערע איבער דעם זעקסטל פֿון ערד־יבשה וולאַדימיר נאַבאָקאָוו און וולאַדיסלאַוו כאָדאַסעוויטש, ניקאָלײַ גומיליאָוו און אַנדריי פּלאַטאָנאָוו,– זענען אין דעם ביאַליק־פֿאַל שולדיק אויך די ייִדישע קולטור־טרעגער, און צו מאָל – די אייניקע ייִדישע פּענלײַט גופֿא, וואָס זיי האָט זיך שוין אויסגעוויזן, אַז ז׳האָבן שוין אָנגעכאַפּט גאָט בײַ... נו גוט, בײַ דער באָרד! ש. גאָרדאָן, צום בײַשפּיל, האָט נאָך אין די ״גינסטיקע״ יאָרן, אין 1929, געשריבן אין דער ״ליטעראַטורנאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״: ״ביאַליק איז הויפּטזאַכלעך אַ פּאָעט, און אַלס אַזעלכער האָט ער זיך פֿאַרשלאָסן אין זײַן ראָמאַנטיק פֿון קאָנסערוואַטיוון נאַציאָנאַליזם, וואָס באַזירט זיך, דער עיקר, אויף בורזשואַזע פּאָזיציעס, פֿאַרוואַלירט מיט דער אידעע פֿון אַ נאַציאָנאַלער אייניקייט״[2].

---

[1] זע אין די ״ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען״.

[2] דעם רוסישן ציטאַט זע אין די ״ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען״.

דאָס רוסישע באַוווּסטזײַן, באַרויבט, אָנגעוווירן אַזוינע פּראָזאַיִקער און פּאָעטן, ווי יעווגעני זאַמיאַטין, אַנדריי בעלי, און (נאָר אַ טראַכט טאָן!) סערגיי יעסענין, – האָט, אַוודאי, זייער פּיל ניט־דערהאַלטן, אָבער דאָך האָבן אים דערנערט, זאָל זײַן דורכפּילטרירט, מאַקסים גאָרקי און וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, לעאָניד לעאָנאָוו, אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, באָריס פּאַסטערנאַק... דער חלל איז געווען ווי־ס׳ניט־איז פֿאַרצויגן – אַזוי פֿאַרציט זיך מיט שראַמען אַ וווּנד.

די ביאַליק־אויסהוילונג – איז אָבער ניט צו פֿאַרפּילן, זי איז קאַטאַסטראָפֿאַל פֿאַר דעם פֿאָלקס־באַוווּסטזײַן ווי אַ קאָסמישער גזר, ווי דאָס אַרײַנהודען אין דער ערדקאָרע פֿון דעם טונגוסער מעטעאָריט, וואָס האָט אויפֿגעריסן די אַרומיקע לאַנדשאַפֿט אויף אַ טעריטאָריע פֿון 2000 קוואַדראַט־קילאָמעטער. נאָך הײַנט איז דאָס ייִדישע פֿאָלק (און נישט נאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד) קראַנק אויף ביאַליק־מאַנגל, לעבן מיט אַזאַ קרענק קען מען, אָבער לעבן קען מען ניט נאָר אָן אַ פּאָעט – אויך אָן אַן אויסגעשניטענער ניר און אַפֿילו מיטן AIDS, מיטן טויט־געפֿערלעכן immunodeficiency syndrome, מיטן דעפֿיציט פֿון ווידערשטאַנד־פֿעיִקייט.

מ׳האָט מיר אַ מאָל געוויזן אַ דין ביכעלע, אַ תּפֿלות־אויסגאַבע פֿון ״שיר־השירים״, וואָס האָט זיך דורך אַן אמתן נס אַרויסגעיאַוועט אויף דער געטלעכער וועלט צוריק פֿונעם באָד־פֿירהויז אין אוישוויץ. אַ מענטש (אַ זקן? אַ מיידל?) איז געגאַנגען שטאַרבן, האַלטנדיק עס אין דער האַנט. נאָר ווער ווײסט הײַנט זאָגן, צי מיט אַזאַ עניוותדיקער הכנעה וואָלטן זיך געלאָזט פֿירן צום באַבי יאַר אָדער צום טאַנקען־גרוב הינטער רודניע גאַנצע משפּחות, גאַסן, שטעטלעך, ווען אין די הענט בײַ זיי צי אין זכרון וואָלט געווען ״די שחיטה־שטאָט״ – ביאַליקס צאָרן־פּאָעמע, אַפּעלירנדיקע צו דער פֿאָלקסווירדע און דערקלערנדיקע דעם ייִד, אַז ער איז אויף דער ערד דער טײַערסטער זון בײַם גאָט?

בני־אלוהים – אַזוי פֿלעגן זיך זעלבסט אַ מאָל אָנרופֿן די ייִדן. יעדער בן־אלוהים איז אָבער איינצײַטיק אַ בן־אָדם, אַ זון פֿון אַ מענטשן, און דער פּאָעט פֿירט און גייט מיט אים דורך אין דער פּאָעמע אַלע קרײַזן פֿון קעשענעווער פּאָגראָם־גיהנום, און ניט טאַקע אין דער טיף, ווי בײַ דאַנטע, נאָר אַרויף מיט די גײַסטשטופּעס, און צו אים, צו דעם מענטשן, רעדן אַחוץ דעם פּאָעט, איינער נאָך דעם אַנדערן: דער נבֿיא, דערנאָך – דער טרויערגײַסט, דאַן – די שכינה, און צום סוף – דער אַנטפּלעקטער, דערנידעריקטער און דערצערנטער גאָט אַליין.

לאָמיר זיך, אַגבֿ, דערמאָנען, אַז פֿאַר דאַנטעס ״Commedia״[1], ווי אויך פֿאַר דעם ״אָנגעווווירענעם גן־עדן״ פֿון מילטאָן, האָבן אַלס קינסטלעריש־סטרוקטורעלע יסודות געדינט די באַשרײַבונגען פֿון גן־עדן און גיהנום, די דרײַ פֿאַרקומראַנישע ווערסיעס אין דעם ״ספֿר חֲנוֹךְ״ – אַזוי אַרום,דער אַלטער ייִדישער וועלטבוי.

ביאַליק איז אַליין פֿון יענעם וויזיאָנערישן טיפּ נבֿיאים, צו וועלכן ס׳האָט געהערט דער ״כראָניסט״ יְשַׁעְיָהוּ (וואָס האָט טאַקע אָנגעהויבן זײַן ווערק, ווי עפּעס אַ טאָגבוך, מיטן וואָרט ״חִזָּיוֹן״), ווי אויך דער פֿאַנטאַסמאַגאָריסט (איר געדענקט? – ״מְנֵא מְנֵא תְקֵל וּפַרְסִין״) דָנִיֵּאל און

---

[1] ״la divina״ – ״די געטלעכע״, ווי ס׳האָט שפּעטער אָנגערופֿן די פּאָעמע דזשאָוואַני באָקאַטשיאָ.

דער גענישַאלער בעל־חלומות פֿון נצרת, דער נעבעך אויטאָדידאַקט, אַ מין ייִדישער פּלאַטאָן, וועלכן ס'האָט זיך אײַנגעגעבן מיט אַ גרעסערער איבערצײַגעוודיקייט און מיט אַ גרעסערן דערפֿאָלג ווי בײַם אַלטן גריך פֿאָרשלאָגן דער מענטשהייט זײַן הומאַניסטישע עקזיסטענץ־קאָנצעפּציע.

ביאַליק, בײַ די ערשטע פֿלאַמען פֿון דעם יאָרהונדערט, איז מסוגל געווען צו דערזען די קינפֿטיקע, פֿאָרויסבאַשטימטע קאַטאַסטראָפֿע און די שפּעטערדיקע ווידעראויפֿלעבונג פֿון דעם פֿאָלק; מיט זײַן נבֿיאישן בליק האָט ער דערזען די ווײַט ניט בלויז הינטער דעם האָריזאָנט – הינטער דרײַ האָריזאָנטן, און דאָס איז גענישאַלקייט, די ראייה למרחוק פֿון אַ פּאָעט.

די גראַנדיעזקייט פֿון ביאַליקס פֿיגור האָבן פֿאַרשטאַנען זײַנע בני־דור – די סאַמע טאַלאַנטפֿולע רוסישע ליטעראַטן, פֿאַר וועלכע, אַגבֿ, אין אונטערשייד צו די קינפֿטיקע פֿאָרשטייער פֿון דער רוסישער קולטור, איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען אַ מיאוסע זאַך און אַ שאַנד – דאָס דערווײַזן די איבערזעצונגען פֿון ביאַליקס לידער, וואָס עס האָבן מיט האַרץ און מי אויסגעפֿילט וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, וואַלערי בריוסאָוו, פֿיאָדאָר סאָלאָגוב און דער שפּעטערדיקער נאָבעל־פּרײַז־טרעגער איוואַן בונין. דער דיכטער וולאַדיסלאַוו כאָדאַסעוויטש ברענגט אין זײַן נעקראָלאָג צו ביאַליקס פּטירה אַ ציטאַט פֿון דעם רוסישן ליטעראַטור־וויסנשאַפֿטלער און פֿילאָסאָף מלך גערשענזאָן (1869-1925), וועלכער האָט דעם 23סטן אַפּריל 1917 אין אַ בריוו צו אַ באַקענטן געשריבן: "נעכטן אין אָוונט איז יאַפֿע[1] געקומען צו אונדז מיט ביאַליקן; ס'איז אויך געווען יאַפֿעס פֿרוי. זיי זענען אָפּגעזעסן אַ מין דרײַ שעה. ווער איך אַזוי זאָגן: אַ סך מערקווירדיקע מענטשן האָב איך געזען, אָבער אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט ווי ביאַליק איז נאָך בײַם טיש אונדזערן ניט געזעסן (...) ער רעדט אין אַ סאַמע פּשוטן טאָן, נאָר ווען דו הערסט זיך אײַן, הערסטו די אָנוואַקסנדיקע שטאָלענע פֿעסטקייט פֿונעם געדאַנק, די קלאָרקייט און פּאָעטישקייט פֿון די רוסישע ווערטער, און זעסט אין די צוגעזשמורעטע אויגן – דעם שאַרפֿן זינען. אין פֿאַרגלײַך מיט אים זענען אי וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, אי סאָלאָגוב, אי אַנדריי בעלי –קינדער, לײַכטזיניק שפּילנדיקע אין לעבן, אין פּאָעזיע, אין דענקען...".
מאַקסים גאָרקי וועגן ביאַליקן: "ווי אַלע רוסן, קען איך שלעכט די ליטעראַטור פֿון די ייִדן, נאָר אויף וויפֿל איך קען זי, מיין איך, אַז דאָס פֿאָלק ישׂראל האָט נאָך ניט געהאַט – אויף יעדן פֿאַל אין דעם 19טן יאָרהונדערט, – אַ פּאָעט פֿון אַזאַ קראַפֿט און שיינקייט.(...) דאָס פֿאָלק ישׂראל – אַ גײַסט־קרעפֿטיק פֿאָלק – האָט געגעבן דער וועלט נאָך איינעם אַ גרויסן פּאָעט... (...) אַז דו לייענסט זײַנע לידער – הייבסטו אָן רחמנות צו האָבן שוין נישט אויף די ייִדן נאָר אויפֿן גאַנצן אייגענעם פֿאָלק און אויף זיך אַליין..."

"אין שחיטה־שטאָט" ("בעיר ההרגה") – "איז מסתם נישט די סאַמע עסטעטיש פֿולקומע פּאָעמע בײַ ביאַליקן, עס פֿעלט איר אפֿשר די העכסטע הימלישע וויזיאָנערישקייט פֿון "מתי מדבר", די פֿילאָסאָפֿישע פֿילדײַטיקייט און ציטערנדיקע רעפֿלעקסיע פֿון "מגילת האש", דאָס פֿײַנסטע אַרײַנדרינגען אין דער נאַטור און פּסיכאָלאָגיזאַציע פֿון דער לאַנדשאַפֿט אין דעם "הבריחה". אָבער מיט דער "שחיטה־שטאָט" איז פֿאָרגעקומען דאָס זעלבע וואָס שפּעטער מיט

---

[1] יאַפֿע לעוו באָריסאָוויטש (1875-1948) אַ רוסישער פּאָעט און געזעלשאַפֿטלעכער טוער.

אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע ״צוועלף״ (״Двенадцать״) און מיט פּאָל עליואַרס געדיכט ״פֿרײַהייט״ (״Liberté״): ביאַליקס פּאָעמע האָט געטראָפֿן פּונקט אין״ ציל״. אָנגעשריבן אין 1904, איז זי געוואָרן, אויב מען קען אַזוי זאָגן, דער פֿאָרויס־רעקוויעם פֿאַר די ייִדן פֿון דעם גאַנצן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט באַוויינט נישט אַזוי פֿיל, קאָן זײַן, די קרבנות פֿונעם קעשענעווער פּאָגראָם, וויפֿל די צוקונפֿטיקע מיליאָנען און מיליאָנען פֿון פֿאַרברענטע, דערשאָסענע, פֿאַרסמטע, אויפֿגעהאָנגענע, דערשלאָגענע מיט באַגנעטן און פּריקלאַדן, פֿאַרניכטעט דורך קעלט, וואַקצינעס, פֿאַשיזם, סטאַליניזם און דעם מאָדערנעם טעראָריזם – אויף צו דעררעכענען ביז אַ מיליאָן, – האָב איך מיט אַ יאָר פֿופֿציק צוריק איבערגעלייענט בײַ פּערעלמאַנען[1] – דאַרף מען ציילן יעדן טאָג 12 שעה אָן אַן איבעררײַס, אַ טאָג נאָך טאָג, 92 טעג! איך קען נישט ערבֿ זײַן פֿאַר מײַן קינדער־זכּרון, אָבער דאָ שטעלט זיך אַן אַנדער פֿראַגע: צי סע בײַטן זיך נישט די פּאַראַמעטערס פֿון רוים־און־צײַט אָפּהענגיק דערפֿון, וואָס דו רעכנסט – אויסגעברענטע שוועבעלעך, למשל, צי אויסגעלאָשענע מענטשישע לעבנס, אַ מענטשן נאָך אַ מענטשן?

רעקוויעמס אָבער, ווי אַ פֿאָרם אין דער קונסט, פֿאָרמירן נאָך נישט דאָס באַוווּסטזײַן, און די דערשרעקנדיקע בילדער פֿון בלוט־פֿאַרגיסונגען באַפֿעסטיקן נאָך דעם גײַסט ניט. צאָרן און דאָס געפֿיל פֿון דערנידעריקטער ווירדע – דאָס מאָביליזירט. טאַקע די צוויי געפֿילן איז מסוגל געווען – דורכן מעטאָד פֿון שאָק־טעראַפּיע – צו דערוועקן אין זײַן פֿאָלק ביאַליק, און דערפֿאַר איז ער – ניט נאָר אַ גרויסער, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט, אַ פּאָעט פֿון דעם פֿאָלק ישׂראל, וואָס לעבט, דאַרף מען דאָ אונטערשטרײַכן, ניט נאָר אין לאַנד וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען.

ביטערע, האַרבע ווערטער האָט ביאַליק געוואָרפֿן אין פּנים זײַנע שטאַמברידער. ניט מיר – נאָך צוויי וועלט־מלחמות, נאָך דעם גרויליקן פֿאַשיזם און סטאַליניזם, נאָך היראָשימע און טשערנאָביל, – ניט מיר, וואָס מיר האָבן אויף אייגענער שקורע אויסגעפּרוּווט און אויסגעפֿאָרשט נישט נאָר דעם כּוח, נאָר אויך די שוואַכקייט פֿונעם מענטשישן גײַסט, דעם היפּנאָטישן, פּאַראַליזירנדיקן עפֿעקט פֿון פּחד, – ניט מיר וועלן הײַנט בלינד באַגײַסטערט און אַנטציקט ווערן פֿון ביאַליקס מאָראַלישן מאַקסימאַליזם. דערבײַ נאָך, אַז נישט בלויז די ייִדן – נאָר פֿראַנצויזן און דײַטשן, און בעלגיער, און אַנדערע זײַנען, ווי פֿאַרכּישופֿט פֿונעם מלאך־המוות מיט זײַנע טויזנט אויגן, געגאַנגען אין די קאַצעטן, און אַז גאַנצע סאָוועטישע פֿעלקער פֿלעגן אָנפֿילן מיט זיך ניט־באַהייצטע פֿראַכטוואַגאָנען און באַשיטן מיט די אייגענע גופֿים די שפּאַלעס אויף ביידע זײַטן פֿון סיבירישע אײַזנבאַנען...

און דאָך איז אַ גרויסער זין געווען אין דעם נבֿיאישן צאָרן פֿון דעם פּאָעט, אין זײַן ווײַטזיכטיקן קלאָרן בליק, און אַן עדות איז – די שטאָט קרית־ביאַליק און די ביאַליק־גאַסן אין דער מדינה, ווו זײַנע שטאַמברידער האָבן געפֿונען אויב נישט דעם גן־עדן און רו, איז אפֿשר – זייער ווירדע און האָפֿענונג, אָבער דאָס דאַרף איך נאָך מיט די אייגענע אויגן דערזען.

מאָסקווע, פֿרילינג 1990

---

[1] יעקבֿ פּערעלמאַן (1882-1942) – אַ סאָוועטישער געלערנטער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פֿון מאַטעמאַטיק, פֿיזיק און אַסטראָנאָמיע.

שיין און לעבנס־ווירדיק
(אויסצוגן[1])

ווען איך עפֿן די אויגן אין דער פֿרי, ווילט זיך מיר דערזען אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פֿון פֿרײַנדשאַפֿט און ליבע. שוין דאָס אַליין קען מאַכן מײַן טאָג שיין און לעבנס־ווירדיק[2].

מאַרק שאַגאַל

*

דאָס גרינע געזיכט ישעיהס האָט אַראָפּגעקוקט אויף די אונטן ווימלענדיקע באַזוכער אין זייערע מאָדנע הלבשות פֿון סוף דעם צוואַנציקסטן, לויט דער פֿאָלגנדיקער צײַט־רעכענונג, יאָרהונדערט; מיט נײַגער האָבן זיי באַטראַכט אויבן איבער זיך די עטלעכע ייִדן אויפֿגעלויכטענע אין הימלשן פֿײַער, אין דעם גאַנצן המון, וואָס האָט פֿאַרשטעלט דעם לינקן אונטערשטן ווינקל אויפֿן בילד; און דער רויט־באַפֿליגלטער שׂרף איז בשעת־מעשׂה פֿאַרנומען געווען מיט דעם, צוליב וואָס ער האָט זיך דאָס מאָל, אין די טעג פֿון מלך יותם, אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד: ער האָט איבערגעשטאַלטיקט דעם תּמיד וואָרטשענדיקן און שוין אַלעמען נימאס געוואָרענעם נודניק ישעיהן אין דעם אומשטערבלעכן נבֿיא ...Isaías Jesaja, Esaïe, Isaiah

אָפּגעטרעטן אין אַ זײַט פֿון דעם שווער סאָפּענדיקן בעלגיער און זײַנע דרײַ שוועדישע שילערינס מיט די פֿליִענדיקע אין עקסטאַז הענט, האָב איך צוגעוואַרט, ס׳זאָל זיי אַוועקטראָגן צו די אָפּאָרטן. תּיכּף אָבער איז אויף זייער אָרט אויסגעוואַקסן, ווי אַ וועלדל פֿון פֿינף דעמבלעך, אַ מערבֿ־דײַטש אין מיטן זײַן שורשענדיקער אין בונטע שמאַטעס פֿאַמיליע, און גענומען, אין עפּעס אַ פֿאַרביסענעם טאָן, שרײַען אויף זיי: ״אַבער די פֿאַרבען! די פֿאַרבען!״

וועגן דעם זעלבן, וועגן ״שאַגאַלס פֿאַרבן״ האָבן זיך, פּונקט אַזוי הייס, נאָר אַ ביסל ווי דערשטיקט, איבערגעוואָרפֿן מיט אַ קונסטטערמין און אַ מיאוסן אין־דער־מאַמען־אַרײַן עטלעכע באַבערדיקטע פּאַרשוינען פֿון סאַראַטאָוו צי אפֿשר פֿון טשעליאַבינסק – אויף רוסיש. צוויי בחורטעס פֿון אינדאָנעזיע, ביידע מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן הינטער גרויסע ברילן, סודען זיך, שושקען זיך איבער אויף ענגליש, און ס׳דערטראָגט זיך נאָר – אַן אָפּרעפּעטירטער דועט – זייער טראַגישער זיפֿץ: ״!...and this Christ״

אַ קאַווקאַזער מענטש קומט צו, זעט אויס ווי אַ מאָלער: ״פּיראָסמאַני... פּערימיטיוו...״

אַ גרופּע זעלענאָגראַדער שילער, שוין נאָך אַ קולטור־לעקציע אינעם לאַוורושינסקי־געסל, אין דער טרעטיאַקאָווקע. דאָרט, ווי מען קען פֿאַרשטיין, האָט אַ שטאַרקן אײַנדרוק געמאַכט

[1] פֿונעם פֿאָרוואָרט צום בוך ״אַ מלאך איבער די דעכער״ (״Ангел над крышами״), מאָסקווע, 1989.
[2] לויט: י. ראָנטש. ״די וועלט פֿון מאַרק שאַגאַל״, ז׳ 192.

אויף זיי די שטייענדיקע בײַם אַרײַנגאַנג קאָמפּאָזיציע "פּערעקויאָם מעטשי נאַ אָראַלאַ"[1] – אַן עטיקעטקע, אַ סימבאָל פֿון די זעכציקער, פֿון אונדזערע יונגע יאָרן. אַגבֿ, צי ס'האָט די אַלט־סלאַווישע ביבל־פֿראַזע פֿאַרשטאַנען דער סקולפּטאָר וווטשעטיטש? –ווײַל בײַ ישעיהן האָט עס געקלונגען נישט אויף עפּעס אַ פֿאַרעלטערטער, בלויז פֿאַר די רוסישע גלחים צוגענגלעכער שפּראַך, נאָר גאַנץ פּשוט און קלאָר: "וְכִתְּתוּ חַרְבוֹתָם לְאִתִּים", און ווײַטער: "וַחֲנִיתוֹתֵיהֶם לְמַזְמֵרוֹת" (4:2), – דאָס פֿלעג צו יענער צײַט יעדער תּלמיד פֿאַרשטיין.

...און נאָך דער יעזוס דער געקרייצטער, דער פֿון נצרת, כאָטש קיין שום נצרת, זאָגן די אַרכעאָלאָגן, האָט צו ישעיהס צײַטן ניט עקזיסטירט.

"אַ ייִד מיט ישו'ס פּנים לאָזט זיך אַראָפּ אויף דר'ערד,
ער שרײַט: ס'דערנענטערט זיך, עס רוקט זיך אָן דער חורבן..."[2]

"פֿאַר מיר איז יעזוס אַ גרויסער פּאָעט, וועמענס פּאָעטישע לערע איז אין דער מאָדערנער וועלט פֿאַרגעסן געוואָרן"[3], – זאָגט שאַגאַל.

ווי אַזוי זשע אים, דעם נעבעך מיט צוועקעס צוגעקלאַפּטן צום סטויפּ, נישט אַרײַנשטעלן אין איין רוים מיט ישעיהן, מיטן נבֿיא, וואָס האָט אים טאַקע אַ מאָל אַרויסגערופֿן פֿון דעם ניט־זײַן: "וְיֹלֶדֶת בֵּן, וְקָרָאת שְׁמוֹ, עִמָּנוּ אֵל" – "און זי וועט געווינען אַ זון, און זי וועט אים רופֿן בײַם נאָמען עִמָּנוּאֵל" (14:7).

"איך ווער געקרייציקט, ווי קריסטוס,
מיט צוועקעס צוגעשלאָגן צום מאָלבערט" –

וועט אָנשרײַבן שאַגאַל אין אַ ליד. און אין אַן אַנדער ליד, אין אַ מינוט פֿון טרויעריקער אַנטוישונג זיך אפֿשר נאָך אַ מאָל דערמאָנענען אין דעם ייִדישן בעל־חלומות –און דאָס האַרץ וועט זיך אים אָנפֿילן מיט התפּעלות:

"איך וויל מיט אײַך, פֿאַרשטומטע ברידער,
צוזאַמען לויפֿן צו די שטערן.
די נאַכט די פֿינצטערע וועט ליכטיק ווערן.
מיר וועלן זינגען בײַע לידער
און אַלע פֿעלקער וועלן הערן" –

---

[1] "מיר וועלן איבערשמידן די שווערדן אין אַקער־אײַזנס".

[2] פֿון מאַרק שאַגאַלס געדיכט וואָס אויף ייִדיש געפֿינט מען עס נישט. פֿאַר מײַן איבערזעצונג האָב איך זיך באַנוצט מיטן טעקסט "אַיֵה אוֹתָה יוֹנָה" ("שירים, מאת מרק שגל", ספרית מעריב, תל־אָבִיבֿ, תשל"ט 1979), ווו קיין שום ביבליאָגראַפֿיע אָדער לאָקאַלע אָנווײַזונגען גיבט עס ניט, הגם צו יענער צײַט וואָלט נאָך דעם אַרויסגעבער געקאָנט צושטעלן אַזאַ אינפֿאָרמאַציע דער מחבר.

[3] לויט: י.ראָנטש. "די וועלט פֿון מאַרק שאַגאַל". ל.ב.

און וועט, גראַמענדיק, מסתּם פֿאַרגעסן זיך צו דערמאָנען, אַז דאָס שטייט שוין אויך בײַ ישעיהן: "וְרָאוּ גוֹיִם צִדְקֵךְ..." – "און די גויים וועלן זען דײַן גערעכטיקייט..."[1].

איז גייט עס דען אין דעם, וואָס "אַך, שאַגאַלס פֿאַרבן! אַך, די פֿאַרב זײַנע!"? נו יאָ, איך זע, הער פּראָפֿעסאָר, דאָס פּנים איז בײַם פּראָפֿעט אַ גרינס. און איר, מאַדאַם, איר האַלט, אַז ס'איז דעם מאָלערס אַ קאַפּריז? יאָ, קאָן זײַן, אָבער – בײַ אַ מאָלער, אין וועמעס גענעטישער אינטויִציע, אין דעם שטאַמקאָד, איז ניט אויסגעוואָרצלט דער אײַנשטאָך פֿון אייביקער התּיקווה: "וּרְאִיתֶם וְשָׂשׂ לִבְּכֶם וְעַצְמוֹתֵיכֶם כַּדֶּשֶׁא תִפְרַחְנָה..." – "און איר וועט עס זען, און דאָס האַרץ אײַערס וועט זיך פֿרייען, און אײַערע ביינער וועלן בליִען ווי גרין גראָז..." (14:66).

נישט וועגן אַ פּענדזל און אַ שטריך האָט נבֿיאות געזאָגט ישעיה, נאָר וועגן תּחיות־המתים פֿון דעם מענטשן און פֿאָלק.

און ס'איז גאָר נישט נייטיק געווען, אַז דער מאָלער זאָל זעצן זיך אויספֿאָרשן די סימבאָליק פֿון דער גרינער פֿאַרב – למשל, די פֿאַרב פֿון חג סוכּות.

און יענע גרין־צורהדיקע ייִדן בײַ אים!

אַזוי אַרום, אַז ס'גייט נישט אין "**שאַגאַלס פֿאַרב**", נאָר – אין שאַגאַלס **פֿאַרב**.
אויף וויפֿל דאָס "דעקלאַרירן דורך פֿאַרב" – איז ניט זײַן דערפֿינדונג.

שאַרפֿפֿאַרביקע מאָזאַיִק, הויכרויטע תּורה־באַדעקן, רײַך־קאָליריקע באַמאָלונגען פֿון די אַנטיקישע מאַנוסקריפּטן – דער אַרויסגעפּרעסטער, ווי ס'טייג פֿון אַ צוגעשלאָגענער באַקדייזשקע, לײַדנשאַפֿטלעכער דאָרשט נאָך אַן אָנשויענדיקער, שוישפּילנדיקער וועלטשפּירונג פֿון אַ פֿאָלק, וועלכן ס'איז אין משך פֿון יאָרטויזנטער פֿאַרווערט געווען צו מאָלן, מאָדעלירן און קלעפּן עפּעס אַ גלײַכעניש פֿון דעם, וואָס ס'איז "אויבן אין הימל, און אונטן אויף דער ערד, און אין וואַסער נידעריקער פֿון דער ערד" – "לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל וְכָל תְּמוּנָה אֲשֶׁר בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וַאֲשֶׁר בָּאָרֶץ מִתָּחַת וַאֲשֶׁר בַּמַּיִם מִתַּחַת לָאָרֶץ" (שמות, 4:20).

דער נבֿיאה ישעיה אין מאָסקווע, אין דעם פּושקין־מוזיי, אין יאָר 1987, שוין אונדזער ערע.

ביז וואַנען וויטעבסק קלערט און איבערלייגט, צי זאָל דאָרטן זײַן אָדער ניט זײַן אַ מוזיי פֿון שאַגאַל, צי איז שאַגאַל געווען אָדער ניט געווען אַ מאָלער, צי איז בכלל געווען אַ מין מאַרק שאַגאַל אויף דער וועלט, – נאַרן אויס די אייראָפּעיִזירטע יאַפּאַנער אין קעלערשטוב פֿון פּושקין־מוזיי, אין די סאַמע "אינטימע" דינסטרוימלעך, בײַטן אויס בײַ די מאָסקווער "פֿאַרצאָוושטשיקעס"[2], ווי בײַ אַן עקזאָטישן שבֿט, דעם קאַטאַלאָג פֿון שאַגאַלס אויסשטעלונג פֿאַר אַ פֿאָרטאַטיוון רעקאָרדער... נאָר אַ טראַכט טאָן: וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט שאַגאַל צו די יאַפּאַנער?

---

[1] (סב"ב).

[2] אַזוי פֿלעג מען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אָפֿיציעל אָנרופֿן אין די 60ער־80ער יאָרן יונגע ספּעקולאַנטן מיט אויסלענדישער אַפּאַראַטור, מלבושים, אד"גל.

וויטעבסק – איז דאָס היימאָרט פֿון אַ גאַנצער ריי ייִדן, באַקאַנטע אין דער גאָרער וועלט, אָבער נישט אין דעם הײַנטיקן וויטעבסק: מאָלער, שרײַבער, בונטאַרן. חיים זשיטלאָווסקי, שלמה אַנ־סקי, יהודה פּען, לעאָן קאָברין און צבֿי הירשקאַן, וועלכער האָט געווידמעט דער שטאָט דעם ראָמאַן "באָריס קאַבאַלקין", ווו ער שילדערט דעם דלותדיקן שטייגער פֿון די הײַפּלעך און ליקלעך, דעם גײַסט און דאָס לעבן פֿון די רעוואָלוציאָנערן.

עם־הארצות – איז יאָ אַן אַרגומענט – ווען ער איז אַדרעסירט דעם מאַסן־עם־האָרץ. און עס זעט אויס, אַז מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם אַחרית־הימים און די קאָנדענסירט־פֿאַרגעדיכטעוועטע צײַט אויפֿן האָריזאָנט ווו מיר שטייען.

הייסט עס: אין וויטעבסק, אין יאָר 725 פֿאַר א"ע, איז געבוירן געוואָרן דער נבֿיא ישעיה, און דער נאָמען, וואָס ער האָט געהאַט פֿאָרויסגעזאָגט פֿאַרן בן־האלהים – עמנואל, אין דער האָט מיט אַ היסטאָרישער שעה שפּעטער שוין – "GOTT MIT UNS" דײַטשער איבערזעצונג אויפֿגעבלישטשעט אויף די רימען־שפּראָנטשקעס בײַ די גערמאַנישע לעגיאָנערן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בשעת זייער שפּאַציר פֿאַזע דער 2טער פּאָקראָווסקער גאַס, פֿאַרבײַ דעם הויז פֿון די שאַגאַלס, ווו אַ רגע פֿריִער איז בײַ דער פּיל־קינדערדיקער פֿייגע־איטע געבוירן געוואָרן דאָס ייִנגעלע מאַרק, וועלכער וועט אין גיכן מיט עפּעס אין זיך דערמאָנען מאָטל פּייסע דעם חזנס, אַך, "לאָז ער קנעטן, לאָז ער מאָלן! אפֿשר איז אים באַשערט זײַן אַ מאָל אַ מאָלער!".

*

שאַגאַל – איז אַן אָנהענגער פֿוןביידע ספֿירות. זײַן ביבל איז – סײַ דער תּנך, און סײַ דער ברית־חדשה. "ווען איך מאָל יעזוסעס עלטערן, האָב איך אין זינען מײַנע אייגענע עלטערן", – שרײַבט ער.

ניט אַרײַנגייענדיק אין דער פֿראַגע פֿון שאַגאַלס רעליגיעזקייט, דאַרף מען דאָך זאָגן, אַז די ביבל, אירע סיזשעטן און פּערסאָנאַזשן זענען ניט פּשוט אַרײַן בײַ אים אין דער טעמאַטיק. זײַנע בילדער און לידער זענען גענעטיש אײַנגעוואָרצלט, ווי יסוד־עלעמענטן, אין דעם געוועב, אינעם גוף פֿונעם ווערק. און איינצײַטיק זענען זיי – דעם קינסטלערס אינערלעכע אָריענטירן, מאָראַלישע און עסטעטישע. גיט אַ קוק נאָר, ווי שיין איז זײַן יוסף!
"די ביבל – האָט געגלייבט שאַגאַל, – איז דער עכאָ פֿון דער נאַטור. טאַקע אָט דעם סוד האָב איך געוואָלט איבערגעבן אין מײַנע בילדער. איך האָב די ביבל ניט געזען, איך האָב זי אויסגעטרוימט"[1].

זײַן ייִראת־הכּבֿוד פֿאַר דעם באַשאַפֿער און פֿאַר דער שאַפֿונג קומט אַרויס פֿון צוויי קוואַלן: פֿון דער שטייגער־סבֿיבֿה, אין וועלכער ער איז אויפֿגעוואַקסן, און פֿון זײַן אײַנגעבוירן־עקזיסטענציאַלן שיינקייט־געפֿיל, וואָס ס'האָט אים ניט אָפּגעלאָזט דאָס גאַנצע לעבן. פֿאַר אים איז דער ציטער פֿאַרן געטלעכן וועלטבוי ניט אויף אַזוי פֿיל, מעג מען זאָגן, אַ זאַך פֿון וועלט־אָנשויונג, וויפֿל אַ פֿראַגע פֿון זײַן מלאָכה, אַ טעכנאָלאָגישער מאָמענט. אין דער קעראַמיק, –

---

[1] די ציטאַטן פֿון מ. שאַגאַלס אַרויסזאָגונגען ווערן דאָ איילמאָל איבערזעצט פֿון ניט־ייִדישע קוואַלן.

שרײַבט ער, – אָדער אויפֿן וויטראַזש איז דאָס אַלץ שווערער. וואָס זאָל איך נאָך פֿון זיך אַליין צוגעבן צו גאָטס ערד, צו גאָטס פֿײַער, צו זײַנע בלעטער, צו דער בוימקאָרע, צום ליכט?״.

אַזאַ אייגן, אינטים־פּערזענלעך פֿילן דעם בורא – איז בכלל אַ מערקמאָל פֿון דעם וועלט־באַנעם בײַ די ייִדן, אָבער נישט זייער מאָנאָפּאָליע. רײַנער מאַריִאַ רילקע שרײַבט אין זײַן געדיכט ״מײַן שכן גאָט״:

...און בלויז אַ שמאָלע וואַנט שטייט צווישן אונדז,
אַ צופֿאַל, ווײַל ס׳וואָלט זײַן געקאָנט: אַ רוף נאָר
פֿון דײַן צי אפֿשר מײַן פֿאַרטריקנט מויל –
און ס׳פֿאַלט די מניעה, שטיל, ווי אַ גרינגער פּלויט.
פֿון דײַנע בילדער איז זי אויפֿגעבויט.

דער בורא, דער פֿאַנטאָקראַטאָר פֿאַרהילט זײַן אָנגעזיכט, פֿאַרמאַכט זיך מיט די וועלט־בילדער און באַטראַכט דעם מענטשן ווי פֿון הינטער דעם שפּיגל. אין אַזאַ וועלט פֿילט זיך דער מענטש ווי ניט בײַ זיך. דער וועלטבוי בײַ שאַגאַלן, פֿאַרהיטנדיק, מערוויַיז, די אַלטע ייִדישע קאָסמאָגאָניע און גאָטס אָנוועזנהייט, איז – יאָ, טאַקע אויך באַהאָנגען מיט בילדער פֿון דער נאַטור און ציוויליזאַציע, אָבער די דאָזיקע בילדער זענען באַמאָלט פֿון בײדע זײַטן – פֿון ״אונדזער״ און פֿון ״יענער״ זײַט.

די אומבאַגרײַפֿלעכקייט פֿון סײַ אונדזער, און סײַ גאָטס סובזיסטענץ בלײַבט, אָבער זי באַקומט אַ גלײַכבאַרעכטיקייט: דער מענטש איז מער נישט אונטער דער אייביקער ״חקירה־ודרישה״, שוין ער ״שפּירט נאָך״, אָדער לייגט אַכט און זאָרגט פֿאַר זײַן ״שכן גאָט״. און פּרוּווט דורכרײַסן, ווי אַ לײַוונט, דעם באַמאָלטן עקזיסטענץ־שיכט און אַרײַן ״אַהין״, ווו ער וואָלט זיך געקענט שטיל צוזעצן און אָנפֿאַנגען דעם שמועס דעם ערנסטן, דעם עיקרדיקסטן אין דער נאַטור און אויסער אירע גרענעצן.

״דו האָסט מיר געגעבן אין האַנט פֿאַרב און פּענדזל –
איך ווייס ניט, ווי זאָל איך דיך מאָלן״, –

באַקלאָגט זיך און האָט טענות שאַגאַל אין אַ געדיכט זײַנעם, פֿילנדיק, ווי אַ מאָלער וואָס האָט באַזאָרגט מיט דעקאָראַציעס ניט איין ספּעקטאַקל, די טיף פֿון דער ״בינע״. דאָס באַגרײַפֿן אָט די ״פּערספּעקטיוו״ פֿון דעם ערד־רוים אין אין־סוף, און דאָס אָרט פֿונעם מענטשן, און זײַן וועג פֿון דעם לעבנספּונקט ״א״ ביזן לעבנספּונקט ״ת״ – דאָס איז, מיין איך, דער אמתער ציל און זין פֿון שאַפֿן אַ ליד צי אַ בילד, צי אַ מאָצאַרט־סאָנאַטע. און דער ״מיטל״, מיט וועלכן מען קען עס דערגרייכן, דער ״מעטאָד״, זאָגט אונטער שאַגאַל, איז – ליבע.

״מ׳האָט מיר געגעבן אילוסטרירן שעקספּירס זאַכן, נאָר איך האָב שוין קיין צײַט ניט. נאָר צו דער ביבל וואָלט איך זיך נאָך אַ מאָל אומגעקערט. כ׳האָב ליב אירע העלדן, אַרײַנגערעכנט די וואַנדערנדיקע מלכים. די פּאַטריאַרכן זענען פֿול מיט חן. די נביאים זענען געווען אָרעמע

פּאָעטן, און די קעניגן – אמתע מענטשן. כ׳בין אַפֿילו גרייט מוחל זײַן דוד המלכן זײַן זינד מיט בת־שבֿען. דאָס איז ליבע געווען. ס׳קען טרעפֿן מיט יעדן איינעם...״.

ליבע.

ווען שאַגאַל איז געשטאָרבן, איז פֿון זײַן לאַנגן אויפֿהאַלט און זײַנע טרוימען אויף דער ערד געבליבן – ליבע.

ליבע – איז זײַן ״ייִדישע עקספּאַנסיע״: האָריזאָנטאַל צו מענטשן, און ווערטיקאַל – צום וועלטאַל און בורא. האָב איך טאַקע דעמלט אָנגעשריבן דאָס ליד ״אַ קאַטאַסטראָפֿע אויף דער פֿולער לבֿנה נאָך מאַרק שאַגאַלס פּטירה״.

*

מאַרק שאַגאַל איז מער נישטאָ אויף דער ערד. אויב ער איז ערגעץ – איז ער אין גן־עדן.

״אַ קאָלאָסאַלער רוים אויסער דער וועלט, וואָס שײַנט מיט העלער ליכט; די לופֿט לויכט דאָרט מיט זונשטראַלן, און דער באָדן בליט מיט אומפֿאַרגענגלעכע בלומען, וואָס פֿאַרוועלקן נישט״, – באַשרײַבט דאָס אָרט אין דעם אין־סוף דער מחבר פֿון פּעטרוסעס אַפּאָקאַליפּסיס.

דער גן־עדן בײַ אים איז, אמת, אַ פֿריי־קריסטלעכער, אָבער פֿאַר אַ וויטעבסקער ייִד דאָך ניט טריף, ווי יענער פֿון די אַראַבעסקעס, מיט מוידן אין שאַלוואַרעס – ווי אויף שאַגאַלס ליטאָגראַפֿיע ״אינעם קאַנט פֿון נימפֿעס״ (פֿון די אילוסטראַציעס צו ״דאַפֿניס און כלאָיע״, 1961).

אויב די באַשרײַבונג איז כאָטש אַ טראָפּל אַ וואָרע, האָבן די דאָרטוועזנדיקע גאָר קליינע זאָרגן וועגן יאָ אָדער ניט עפּענען אויף דער ווײַטער ערד אַ מוזיי אויף עפּעס אַ דזערזשינסקי־גאַס, ערגעץ בײַם וויטבאַ־טײַך.

וואָס איז דער אוראַק פֿון דעם גאַנצן לאַנגן לעבן שאַגאַלס? –
אַז דאָס לעבן פֿון אַ בן־אָדם דאַרף האָבן ווערט און ווירדע.

אונדז מענטשן איז די אומשטערבלעכקייט ניט געגעבן, און דאָס ברויכן מיר נישט. אונדז איז געגעבן די מעגלעכקייט אומשטערבלעך צו ווערן אין דעם דויער־קאָנטור פֿון דעם אייגענעם לעבן.

שאַגאַלס לעבן פֿון אַ געניאַלן מענטשן און קינסטלער – האָט אַזאַ ווערט־און־ווירדע געהאַט.

מאַרק שאַגאַל האָט אין פֿאַרלויף פֿונעם לעבן זיך אָנגעזאַמלט פֿון דער אומשטערבלעכקייט – אויף יאָרהונדערטער און אפֿשר אויף גאַנצע תּקופֿות פֿאָרויס.

אומשטערבלעכקייט – דאָס איז דאָך, ווי ס׳וואָלט עפּעס אַ צדיק געזאָגט, אַ מין פּראָצענט פֿון לעבנשאַפֿט, און שאַגאַל פֿלעג פֿאַרשענקען – אָן צינדזן, ווי אַ גמילות־חסד – די עקזיסטענץ, דאָס עקזיסטירן אין דער נאָאָספֿערע – דעם ייִדן אין גרין און דעם ייִדן אין רויט, און די צענדליקער חתנים און כּלות, און קימפּעטאָרינס, סאָלדאַטן, נימפֿעס, גאַגאָלס טשינאָווניקעס, חזירים און פֿערד, ציגן, קי, הענער, דעם פֿײַער־פֿויגל, די מלאָכים און נבֿיאים!

”הרוח בארש יחפץ שם הוא נשב“ – ”דער גײַסט אָטעמט ווו ער וויל“, – לייענען מיר אין דער מאָדערנער העברעיִשער איבערזעצונג פֿון דעם קריסטלעכן יעוואַנגעליום[1], און טאַקע דאָס ווערט באַשטעטיקט אויף שאַגאַלס בילדער, וואָס זייער הויפּטסימן איז – גײַסטהאַפֿטיקייט. מיר קוקן בײַ אים אויף די ייִדישע פּערסאָנאַזשן און מיטל־רוסישע לאַנדשאַפֿטן – און מיר געניסן פֿון יענער באַגײַסטערטע לעבנס־ענערגיע...

”איך האָב תּמיד געפֿילט, – זאָגט שאַגאַל אין אַן אינטערוויו, – אַז די שיינקייט האָט אין זיך עפּעס אַדרבההדיקס. וו׳זוי זאָל איך אײַך ס׳דערקלערן... דערמאָנט זיך נאָר, ווי סע זעט אויס אונדזער פּלאַנעט. מיר שוועבן אין וועלטרוים און פֿאַלן ניט אַראָפּ. וואָס איז דאָס, אויב ניט קיין חלום? ווען איך בין נאָך אַ ייִנגל געווען, האָט זיך מיר תּמיד אויסגעוויזן, אַז עמעצער לויפֿט מיר און אונדז אַלעמען נאָך. זענען מײַנע פּערסאָנאַזשן אַרויף אין הימל אַ סך פֿריִער פֿאַר די אַסטראָנאַווטן...
אין הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָר אַרום? פֿאַר וואָס נישט? פֿאַר וואָס זאָלן די בילדער מײַנע טאַקע נישט בלײַבן אין די מוזייען? פֿאַר וואָס זאָלן זיי דאָרט נישט בלײַבן, אויב ס׳וועט נאָר ניט זײַן קיין מלחמות, קאַטאַסטראָפֿעס, שׂרפֿות, ערד־ציטערנישן? נאָר מיינט נישט חלילה, אַז איך מאַך זיך גרויס, איך באַרים זיך...“[2]

מאָסקווע, 1988

---

[1] אַפּאָסטאָל יוחנן (דער פֿישער), 8:3

[2] פֿון דעם געשפּרעך מיטן רומעניש־אונגאַרישן זשורנאַליסט מיקאָ ערווין (Miko Ervin).

אויפֿשטײַג איבער דער סטערניע
(ייִדישע נאָטיצן פֿון דעם רוסישן איבערזעצער[1])


I'm very proud that magazin
of "Foreign Literature" is going
to publish my works in Russian
translation, as they have been trans-
slated in many languages.
13.03.88

"דעם זיידן מײַנעם האָט עס דערציילט אַ רב, וועמענס טאַטנס טאַטע איז געווען אַ תּלמיד נאָך בײַם בעש"ט און איז אויף דער עלטער געליימט געוואָרן. האָט מען אים איין מאָל געבעטן זיך צו דערמאָנען עפּעס וועגן זײַן לעגענדאַרן מדריך, און ער האָט אָנגעהויבן באַשרײַבן, ווי דער גרויסער צדיק פֿלעג בשעת דעם דאַוונען אונטערשפּרינגען און צוטאַנצן. און ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז די מענטשן אַרום זאָלן זיך דאָס אַלץ פֿאָרשטעלן, ווי זיי וואָלטן'ס געזען מיט די אייגענע אויגן, אַז ער האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי ער האָט גענומען אונטערשפּרינגען און צוטאַנצן אויפֿן געלעגער. און די קרענק האָט אים אָפּגעלאָזט...

אָט ווי מען דאַרף אַ געשיכטע דערציילן!"

מאַרטין בובער. "חסידישע מעשׂיות"

די סוזשעטן פֿון באַשעוויס־זינגערס קורצפּראָזע וואָרצלען טיף אין דער פֿאָלקישער מענטאַליטעט, אין דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן, אויף אַזוי פֿיל קאָמפּליצירטער איז דער פּראָצעס פֿון זייער "אומפּלאַנצן" אויף אַן אַנדערן, ניט־ייִדישן באָדן.

[1] פֿאַר דער פּובליקאַציע פֿון זײַנע דערציילונגען אין דעם זשורנאַל "אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטוראַ" האָט יצחק באַשעוויס איבערגעגעבן דעם איבערזעצער אַ ווענדונג צום רוסישן לייענער, פֿון וועלכער עס ווערט דאָ קאָפּירט בלויז אַ טייל.

די ״איזאָלירטהייט פֿון קולטורן״, די אָפּגעזונדערטקייט פֿון יעדער איינער קולטור פֿאַר זיך, לאָזט זיך – טראָץ אָסוואַלד שפּענגלערן – מיין אָדער ווייניקער איבערווינדן, אָבער ניט אין דעם, צוריק רעדנדיק, ליגט דען די סיבה, וואָס מיט אַזאַ לײַכטקייט פּעקלען זיך איבער פֿון איין ליטעראַטור אין אַן אַנדערער דער פֿאַנטאַסטיק־זשאַנער, צום בײַשפּיל, אָדער דער דעטעקטיוו־ראָמאַן, וואָס זייער באַשטאַנד אַנטהאַלט נישט קיין ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלן געוועב, אין בעסטן פֿאַל – בלויז די סאַמע אייבערשטע שיכטן זײַנע, איינציקע פֿעדעמלעך?

ניט אַרײַנדרינגענדיק אין דעם היסטאָרישן אָדער רעליגיעזן אַספּעקט פֿון דער דאָזיקער דערשײַנונג, דאַרף מען דאָך דערמאָנען, אַז דער חסידיזם איז געווען פֿאַר זײַנע טרעגער, פֿאַר די חסידים, נישט פּשוט עפּעס אַ וועלט־אָנשוילעכע סיסטעם צי, לאָמיר זאָגן, אַן אָנווײַז אויף צוגעהעריקייט צו דעם אָדער אַנדערן סאָציאַלן שיכט – דאָס איז געווען די זעלבסטפֿאָרשטעלונג פֿון אַ מענטשן אין דער אַרומיקער נאַטור און דעם צײַטרוים, אין דעם טאָגטעגלעכן שטייגער. די לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע און דער שטייגער פֿון חסידישער ייִדישקייט זענען אַ סך פּשוטער און פֿעסטער געווען, ווי דער אייראָפּעיִשער אַזוי גערופֿענער ״מאַדוס וויווענדי״ ערגעץ אין אַ מערבֿדיקן צפֿון־ אָדער דרום־לאַנד. אונטער דעם גוואַלדיקן פּרעס פֿון דער רעאַליטעט, וואָס האָט ״אַרויסגעשטויסן״, ווי דאָס וואַסער אונטער אַ שווערער לאַסט, די ייִדן פֿון דער אַלגעמיין־נאָרמאַלער וועלט פֿון באַדינגונגען און באַציִונגען, האָט דער חסיד אויסגעפּליעסקעט זײַן עקזיסטענץ אין גאָר אַנדערע, ניט תּמיד מאַטעריעלע דימענסיעס, בפֿרט נאָך, אַז די אַלטע טראַדיציאָנעלע מיסטיק האָט אים געהאַט פֿאָרגעלייגט פֿאַרטיקע פֿאָרמעס און געפּעסן אויף זיי אָנצופֿילן מיטן אייגענעם עקזאַלטירט־פֿאַרצווייפֿלטן באַוווסטזײַן: דעם הימל־אויפֿשטײַג (חנוך, נח, אליהו); קאָסמישע קאָנטאַקטן (מלאָכים, שׂרפֿים, שליחים פֿון אַנדערע ראַסעס); מופֿתים (אַפּאָקריפֿן און קבלה); די אָנצאָליקע מלאַכי־חבלה – אַ גאַנצע היעראַרכיע, אָנהייבנדיק מיט סמאל ליוציפֿער, און פֿאַרענדיקנדיק מיטן פּיצינקסטן לאַפּיטוט.

און אין דער זעלבער מאָס ערנסטקייט און וואָר, אין וועלכער אָט דער משונהדיקער וועלטאַל האָט זיך צעעפֿנט פֿאַר דעם חסידס אויגן, שילדערט באַשעוויס זינגער יענע וועלט אונדז די הײַנטיקע מענטשן, דערבײַ ניט באַזײַטיקנדיק זיך אַלס דערציילער, ניט אָנקומענדיק צו דעם אַלטן קאָמפּאָזיציאָנעל־סטיליסטישן מיטל פֿון זעלבסט־פֿאַרפֿרעמדונג (וואָס גילט, ווער ווייסט פֿאַר וואָס, ווי אַ דערפֿינדונג פֿון 20סטן יאָרהונדערט – בערטאָלט ברעכטס Selbstverfremdung־עפֿעקט). עס איז קלאָר, אַז דאָס אָפּטימאַלע ליטעראַרישע מיטל זיך אײַנצואָרדענען אין דעם קאָנטור פֿונעם פּערסאָנאַזש, אין זײַנע פֿיזישע און פּסיכאָלאָגישע גאַבאַריטן און זשעסטן, איז – דער מאָנאָלאָג. דער מאָנאָלאָג, ווי אַ כּלי פֿאַר אַן עמאָציאָנעלן, ״אַרויסגעשטויסענעם״ באַוווסטזײַן, איז געוואָרן די באַליבטע פֿאָרם פֿאַר אַ גאַנצער ריי ערשטקלאַסיקע ווערק אין אַלע, מיין איך, אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן. אין דער רוסישער ליטעראַטור, צום בײַשפּיל, זענען דאָס געווען ניקאָלײַ גאָגאָלס ״אויפֿצייכענונגען פֿון אַ וואַנזיניקן״ און ״דער פֿאַרצויבערטער פּילגרים״ פֿון ניקאָלײַ לעסקאָוו. און שוין פֿאַר אַ ייִדישן פּראָזאַיִקער איז דער מאָנאָלאָג – מחמת שפּראַכלעכע, פּסיכאָ־עטנישע און אַנדערע סיבות – אַבסאָלוט די בעסטע פֿאָרם, וואָס האָט ניט צופֿעליק, אַוודאי, דערגרייכט איר פֿולקומקייט בײַ שלום־עליכמען, אין דער צעבושעוועטער וואָרטשאַץ־סטיכיע און פֿלאַמיקע פּראָטובעראַנצן פֿון אַן איינזאַמען, שטײַף אַרומגעכאַפּטן

באַוווסטזײַן פֿון די פּערסאָנאַזשן מיט זייערע רעפֿלעקסיעס, זעלבסט־איראָניע, ״אַראָפּזעצנדיקע״ תּנך־ציטאַטן...

לעסקאָווס ״פֿאַרצויבערטער פּילגרים״, איז דאָ נישט צופֿעליק דערמאָנט געוואָרן. וואָס מער און וואָס נעענטער דו האָסט צו טאָן מיט די העלדן פֿון באַשעוויס זינגערס ״חסידישע״ דערציילונגען, אַזוי אומפֿאַרמײַדלעך קומען אויפֿן געדאַנק לעסקאָווס ״משונהדיקע לײַט״ און זייער ענלעכקייט – אַפֿילו אויסערלעך – וואָס קען ברענגען דעם לייענער אין פֿאַרלוירנקייט: דער זעלבער קאָנטורן־איבעררוק, די זעלבע גײַסט־אויפֿשוועבונג, די נשמה־ און אַרומנעם־ברייטקייט – די זעלבע וואָס בײַ לעסקאָוון, אָבער אויף אַן אַנדערן פֿאַרמיש, פֿון אַן אַנדער מאָלעקולאַרער סטרוקטור. נאָר אויב זיך אַ ביסל נאָך טיפֿער אַרײַנקוקן און זיך אַ געוואַגטע, ״הערעטישע״ באַמערקונג דערלויבן, – איז דער אויספֿיר אַזאַ מין: די אַלטע ייִדישע וויזיאָנערישקייט, וואָס האָט הייס זיך צעפֿלאַקערט אין בלוט בײַ די רוסישע פּילגער און וואָגלער, – קומט אויף פֿון דעם זעלבן אַטאָם־קערנדל.

די העלע שײַן פֿון ״מְנֵא מְנֵא תְקֵל וּפַרְסִין״ האָט מיט איר אָפּגלאַנץ אָנגעפּילט, צו דער מכּבייער־תּקופֿה, די פֿאַנטאַסמאַטישע ווידעאָ־קאַדערס פֿון דעם ״טעמפּל־פֿליגל״ און״ אַלע קיניגרײַכן דער וועלט״ (מתּי, ד׳:8 5), און אַנדערע מיסטישע און מעסיאַנישע אויפֿבליצן פֿון דעם אוראַלטן חסידות (״קהל חסידים״ אָדער ״עדת צדיקים״, 200 יאָר פֿאַר קריסטוסן).

אין מיטל־אַלטער ווערט אָ די שוּיבילדערישקייט, די קינעמאַטאָגראַפֿישקייט פֿונעם וועלטאַל פֿראָקלאַמירט פֿון יהודה חסיד אין דײַטשלאַנד (אַרום 1200), און דאַן – פֿון דעם בעל־מופֿת און מיסטיקער יצחק לוריא. (1534-1572). דער באַגרינדער פֿון דעם נײַעם חסידות בעל־שם־טובֿ האָט די אָ וועלט־שפּירונג אַרײַנגעטראָגן אין דער טאָגטעגלעכקייט און דעם שטייגער פֿון די גלות־ייִדן – פֿון דער ווײַט צעזייטער, אָבער אומעטום ענג לאָקאַליזירטער ייִדישער אײַנגעזעסנקייט, דעם תּחום.

״דעם ערשטן טאָג ראָש־השנה 1746 האָב איך, הייסט עס, מײַן נשמה, – שרײַבט דער בעש״ט, – מיט דער הילף פֿון מיר באַקענטע כּישוף־שפּרוכן זיך אויפֿגעהויבן אין הימל און דערזען דאָרט נסים, וואָס אַזוינס האָט נאָך קיינער קיין מאָל נישט געזען און נישט באַשריבן. ווען די נשמה מײַנע האָט זיך באַוויזן בײַם טויער פֿונעם גן־עדן, האָט זי דאָרט דערקענט אַ סך באַקענטע און נישט באַקענטע נשמות, וואָס האָבן אַרומגעפֿלויגן די וועלט פֿון איין ראַנד ביז צום צווייטן ראַנד אויף אַ שטראַל, וועגן וועלכן עס ווייסן נאָר די, וואָס זענען באַהאַוונט אין דער קבלה״.

נישט אויף די אָ זײַטלעך איז דאָס אמתע אָרט צו טרעפֿן: צי האָט דאָס חסידות אין שטעטל אײַנגעזאַפּט די קלעפּיקע געגנטיקייט צו עקסטאַזן פֿון די אוקראַיִנישע אָקסאַנעס, וואָס אַזוי וווּנדערלעך האָט זיי פֿאַרקערפּערט, מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער, ניקאָלײַ גאָגאָל, אָדער די קראַסאַוויצעס האָבן אַליין אונטערגעכאַפּט אָ די נטיה צום חלושן פֿון די ״פּייסאַטעס״, וויפֿל צענדליקער טויזנט פֿון זיי ס׳וואָלט ניט אויסגעשניטן געהאַט דער רומפֿולער העטמאַן כמעלניצקי מיט זײַנע זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן – דער היסטאָרישער פּערסאָנאַזש און אַ פּערסאָנאַזש אין זינגערס ראָמאַן ״דער שׂטן אין גאָרײַ״.

אויך שאַגאַל פֿון דער וויטעבסקשינע האָט אָבער נישט מיט אויסטראַלישע אַבאָריגענען

אילוסטרירט גאָגאָלס ״טויטע נשמות״, נאָר מיט יענע זעלבע חסידים, באַגײַסטערטע אָדער אָפּגעפֿרעמדטע אין זייער איינזאַמקייט, פֿרומע אָדער אַפּיקורסים, פֿאַרדאָרבענע, אַרויסגעפּרעסטע פֿון דער אַלגעמיין־נאָרמאַלער סבֿיבֿה פֿון באַדינגונגען און באַציִונגען, – אַזוי, אַז אויף די אָפּאָרטן זעען מיר חסידים־כאָכלי און חסידים־קאַצאַפּן, חסידים אַדעליקע און חסידים טשינאָווניקעס, און צו מאָל אַפֿילו חסידים – חסידים־פּרעסערס.

״אַרויסגעשטויסנקייט״ – איז אַ דערשײַנונג און אַ געפֿיל, וואָס הײַנט פֿאָדערט עס זיך נישט, צום באַדויערן, דאָס לאַנג צו דערקלערן דעם מענטשן. די שווערקייט פֿון ״צוברענגען״ זינגערס פּראָזע צו דעם רוסישן לייענער ליגט נישט אין עפּעס אַ ניט־באַגרײַפֿלעכקייט פֿון דער וועלט וואָס ער באַשרײַבט, נאָר אין דעם פֿולשטענדיקן ניט־באַהערשן די עטנישע, גײַסטלעך־רעליגיעזע און שטייגערישע אַטריבוטן פֿון דאָזיקן סאָציִום, און נאָך שלימער – אין דעם איראָניש־נעגאַטיוון אויפֿנעמען מצד דעם רוסישן לייענער אַפֿילו יענע עטלעכע עלעמענטן פֿונעם אַנטוראַזש, וואָס זענען אים דאָך, פֿון קלאַנגען, אַ ביסל באַקענט, צום בײַשפּיל: די ייִדן אין בית־כּנסת (״אַפֿילו אין בית־כּנסת!״) באַהאַנדלען זייערע געשעפֿטן. גיי דערקלער די 150 מיליאָנען רוסן, און דאַן נאָך אוקראַיִנער און אַנדערע פּראַוואָסלאַוונע סלאַוון, אַז בית־כּנסת איז ניט אונדזער בית־המיקדש און בכלל ניט קיין ״ייִדישער קלויסטער״, אַז ס׳אַ הויז פֿון לערנען און פֿאַרזאַמלען זיך...

נו, און אַז לוטער האָט פֿאַר די דײַטשן דעם ״בית־מדרש״־באַגריף יאָ טאַקע ריכטיק – ווי ״die Schule״ – איבערזעצט, מיינט איר, ס׳העלפֿט עפּעס?

דאָס זעלבע – מיטן וואָרט ״גוי״. שלום־עליכם, דווקא ניט קיין נאַציאָנאַליסט און ניט קיין, ווי מען רופֿט עס הײַנט, ״רוסאָפֿאָב״, האָט ניט מורא געהאַט און זיך גאָר נישט געמיאוסט צו שרײַבן ״גוי״ – נאָר אין דער צבֿועקישער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק טאָר מען דאָס וואָרט ניט פֿאַרווענדן, אַז דער ״פּויער״, דער ״מוזשיק״, דער ״שכן״ און אַלע אַנדערע מעגלעכע אײַפֿעמיזמען זאָלן זיך, חלילה, נישט באַליידיקן. אַז די רוסישע איבערזעצער פֿאַרבײַטן דאָס וואָרט בײַ אונדזערע קלאַסיקער –מילא, אָבער די הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער וויסן דאָך, אַז דאָס איז אַ נאָרמאַל וואָרט, וואָס באַטײַט ״פֿאָלק״ און ווערט אָנגעווענדט סײַ פֿאַר ניט־ייִדישע פֿעלקער, און סײַ אָבער פֿאַר די ייִדן גופֿא, ווי, למשל, אין ספֿר ״שמות״, קאַפּ׳ 6:19; קאַפּ׳ 28: 36; קאַפּ׳ 49 :50.

אַ נעגאַטיוון אָדער אַ באַליידיקונגס־זין קען מען צוגעבן יעדן וואָרט, דאָס איז געווענדט אין דעם קאָנטעקסט פֿון דער פֿראַזע, אינטאָנאַציע, זשעסט. ניקיטאַ כרושטשאָוו, ווען ער האָט געוואָלט באַליידיקן און דערשרעקן דעם פּאָעט אַנדריי וואָזנעסענסקי, האָט ער אים אַרײַנגעזאָגט ״גאָספּאָדין״ (וואָס הייסט ״הער״, ״פּאַן״ ״מעסיע״, אד״גל) – ״גאָספּאָדין וואָזנעסענסקי״.

זײַענדיק אַ שרײַבער פֿון מיזאַנטראָפּישן אַרט, פֿאָלירט נישט באַשעוויס זײַנע פּערסאָנאַזשן און העראָיִזירט זיי נישט – ער פֿורעמט זיי אויס אַזוי ווי ער קען זיי, און דערקענען זיי איז אים אויסגעקומען שוין אין די קינדער־יאָרן, ווען זיי פֿלעגן זיך יאַווען אין זײַן טאַטנס בית־דין. שוין נאָך דעם באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז האָט זיך דער שרײַבער אַזוי אויסגעדריקט אין אַן אינטערוויו, אַז כאָטש אַליין איז ער קיין רבֿ נישט געוואָרן, האָט עס אים ניט געשטערט גלייבן

אין גאָט און ניט גלייבן אין דעם, אַז די אַלוועלט איז עפּעס אַ צופֿאַל, אַ כעמישער צי אַ פֿיזישער צוזאַמענפֿאַל. דער זשורנאַליסט באַמערקט אים: ״אײַערע ביכער זענען באַווינט מיט דעמאָנען און וווּרדאַלאַקן, וואָס לויערן אויפֿן מענטשן, און קיינער אַחוץ אײַך אַליין פֿאַרשטייט ניט, וואָס זיי רעדן. מער ווי פּערציק יאָר שרײַבט איר – און דאָס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן! – אויף ייִדיש, און דערצו פֿון אַ וועלט נאָך, וועלכע עקזיסטירט הײַנט שוין ניט״. ״אָבער די דאָזיקע וועלט, – ענטפֿערט דער שרײַבער, – איז פֿאַר מיר תּמיד לעבעדיק. (...) אין מײַנע ביכער נוץ איך אויס דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר מיט זײַנע פּערסאָנאַזשן.

איך גלייב, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט מיט אומאָנזעעוודיקע כּוחות, וואָס מיר קענען זיי נישט. איך גלייב, אַז אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועלן זיך די מענטשן אַזוי אָנזאַטן מיט טעכנאָלאָגיע, אַז זיי וועלן אונטערנעמען אַ ריי אויספֿאָרשונגען אינעווייניק אין זיך אַליין און דאָרט דערעפֿענען אמתע נסים״.

פֿאַרשטייט זיך, יצחק זינגערס דערקלערונג, אַז די אַמאָליקע ייִדישע וועלט אין פּוילן, גאַליציע, ווײַסרוסלאַנד און אַ טייל אוקראַיִנע ״איז תּמיד לעבעדיק״ פֿאַר אים – איז פֿאַרן לייענער אָבער קיין אַרגומענט: יענע וועלט איז אויף אייביק אָנגעוווירן, ס׳איז אַ סטערניע, אַן אַראָפּגעשניטן פֿעלד. אָבער איז דען עפּעס אין אַ גרעסערער מאָס ״הײַנטצײַטיק״ – אויב פֿאַרשטיין אין דעם וואָרט בלויז אַן אויסערע, עמפּירישע אַקטועלקייט – די וועלט פֿון דזשויס ״דובלינער״ אָדער שאָלאָכאָווס קאָזאַקן־וועלט פֿון דעם ״שטילן דאָן״? באַשעוויס־זינגערס העלדן זענען הײַנטצײַטיק און אַקטועל – אַלס איינע פֿון אַ סך ווערסיעס פֿון דעם גײַסטלעך־עקזיסטענציאַלן פֿענאָמען פֿון אַ מענטשישן לעבן, ווי הײַנטצײַטיק און אַקטועל איז טאָלסטאָיס פּעטער יעראָשקאַ און לעסקאָווס איוואַן סעוועריאַניטש, וועמענס ביידע פֿיגורן וואַקסן הײַנט ווידער גראַנדיעז אויס אינעם באַוווסטזײַן פֿון דעם רוסישן לייענער, אין דעם דערשיטערטן און דעזאָריענטירטן באַוווסטזײַן פֿון דעם מענטשן סוף צוואַנציקסטן, לויט דער נ.ע., יאָרהונדערט.

מאָסקווע, יאַנואַר 1989

אַבֿרהם סוצקעווער. שטריכן און עפּיזאָדן

מיט סוצקעווערן האָבן מיר זיך פּערזענלעך באַקענט פֿרילינג 91, ווען כ׳בין אָנגעקומען קיין ישׂראל און האָב זיך באַזעצט אין בת־ים, לעבן תּל־אָבֿיבֿ. צו יענער צײַט האָט ער שוין געהערט געהאַט וועגן מיר פֿון שאַרל דאָבזשינסקין (וועלכער האָט איבערזעצט און פּובליקירט אין ״עראָפּ״ אַ ציקל מײַנע לידער), און ווען כ׳האָב ס׳ערשטע מאָל באַזוכט סוצקעווערן אין דער היים, האָב איך אויך אויפֿן טיש בײַ אים אין אַ שטויסל פֿון פֿינף־זעקס ביכער באַמערקט מײַן קלײן־פֿאָרמאַטיקע שאַגאַל־אויסגאַבע אויף רוסיש, דערשינען 1989 אין מאָסקווע.



סוצקעווער האָט אָפּעראַטיוו אָפּגעדרוקט אַ סאָלידן גרופּאַזש – 10 לידער מײַנע – אין דער ״גאָלדענער קייט״, און איך האָב באַקומען דעם ערשטן (און דאַכט זיך דעם לעצטן פֿאַר אַ ייִדישער פּובליקאַציע) האָנאָראַר אין ישׂראל. מיט דער גרויסער פּובליקאַציע האָט מיך סוצקעווער גלײַך אַרײַנגעפֿירט אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט־עליטע פֿון יענע יאָרן, און זיך ״אונטערגעחתמעט און זײַן שטעמפּל געשטעלט״, געגעבן צו פֿאַרשטיין דער סבֿיבֿה who is who...

צו אַזוינע גרויסע, נאָך גרעסערע פּובליקאַציעס בין איך, אמת, שוין געוווינט געווען, למשל, מײַן פּאָעמע ״שיק מיר אַ בשׂורה״[1] האָט אַנטהאַלטן 600 שורות, אַ גאַנץ ביכל, אָבער ערשט ״די גאָלדענע קייט״, ווי געזאָגט, האָט ענדגילטיק ״באַשטעטיקט מײַן סטאַטוס״ (בשעת ווערגעליס, שוין נאָך 7-6 יאָר מיך דרוקן אין זײַן צײַטשריפֿט, האָט אין דער הקדמה צו מײַן ערשטן ייִדישן בוך ״זוניקער וועלטבוי״ געשריבן: ״מיר וויסן צענדליקער בערינסקיס לידער און כּתבֿ־ידן, וואָס זענען אַזוי באַלעסטיקט מיט די אייגנטימלעכע פֿאַר אים קונץ־שטיק, אַז סײַ אין זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״, סײַ אין דער בוך־זאַמלונג זענען זיי צום דרוק ניט געקומען״).

אָבער אַ סך וויכטיקער איז געווען פֿאַר מיר, פֿאַר דעם פֿרישינקן, אייגנטלעך, רויערדלער אויפֿן נײַעם באָדן – דער מענטשלעכער אַספּעקט.

אין יענעם ערשטן אין ישׂראל זומער טוט מיך אין אַ טאָג סוצקעווער אַ נעם אָן בײַם עלנבויגן: ״קומט, לעוו, לאָמיר זיך אַ ביסל דורכגיין״, – און מיר שפּאַנען אָפּ מיט דעם כּמעט אַכציק־יאָריקן מאַן אונטער דער ברענענדיקער יוני־זון אַ וועג פּאַזע דער ווייצמאַן־גאַס פֿון זײַן רעדאַקציע ביזן ״בית שלום־עליכם״, ווו ער גייט אַרײַן מיט מיר, ווידער אָנגענומען מיך בײַ דער האַנט, אין קאַבינעט צום דירעקטאָר מיט אַן אײנטראַפּיקן פֿאַמיליען־נאָמען, און זאָגט, זיך ניט צוזעצנדיק:

[1] ״סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ׳ 4, 1984.

– אַזאַ היץ, מ׳קען... פֿוקס, צו אונדז איז דאָ עולה געווען, פֿון מאָסקווע, דער ייִדישער פּאָעט לעוו בערינסקי, אָט שטייט ער און פֿאַרשטייט נאָך נישט אין וואָס סע גייט... מיט זײַן פֿרוי און דרײַ קינדער, מיטביידע עלטערן און דער שוועסטער מיט איר געזינד... צעטיילט אַ טויזנטער אויף צען מענטשן, וואָס באַקומט זיך?... לעוו, – ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, – איך אײַל זיך שטאַרק, די קאָרעקטורן... איר בלײַבט דאָ און באַקומט דעם טשעק. דאָ סווידאַניאַ...[1]

– אַפֿילו אַ גלאָז וואַסער נישט גענומען, – טוט דער דירעקטאָר אַ בורטשע. – אַ טויזנטער... וו׳זוי הייסט איר? בערינסקי? נישט געהערט... בערינסקי, הערט אויס... קיין שטיצע גיבן מיר נישט. קיינעם נישט. צו מאָל, אַז בײַ אַ שרײַבער שטאַרבט עמעצער, אָדער דער שרײַבער אַליין... און אויך נישט יעדעמען... און מאַקסימום – 250... נישט לאַנג צוריק איז טאַקע בײַ איינעם געשטאָרבן דאָס ווײַב...

– און וו׳זוי הייסט איר, הער דירעקטאָר? – שלאָג איך אים איבער, – אָדון פֿוקס, פֿאַר אַזאַ פֿאַל, זאָל אײַך גאָט באַהיטן, וועל איך גרייט זײַן אײַך אַרויסלייגן צוויי טויזנט...

און זיך אויסגעדרייט און אַוועק.

אויף מאָרגן טעלעפֿאָנירט סוצקעווער:

– לעוו, איר ווייסט נאָך מסתּם נישט... כ׳דאַרף אײַך געבן אַן עצה... דעם טשעק איז בעסער איר זאָלט אים נישט אַרײַנלייגן אין באַנק... גייט און קויפֿט זיך וואָס איר דאַרפֿט, און סוף־כּל־סוף אַ לאָמפּ אויפֿן טיש...

מײַן קורצן באַריכט וועגן דעם עפּילאָג פֿון אונדזער וויזיט מיט אים נעכטן האָב איך פֿאַרענדיקט מיט אַ קאַטעגאָרישן "ניין!" אויף זײַן פֿאָרשלאָג זיך מאָרגן טרעפֿן... בײַ פֿוקסן.

און אויף איבערמאָרגן קלינגט אָן בײַ אונדז אין דער טיר, אין בת־ים, אַ בחור מיט אַ מאָטאָציקליסט־קאַסקע אויפֿן קאָפּ. איך שרײַב אים אונטער עפּעס אַ בלעטל און... באַקום אַ טשעק, 1000 שקלים.

אַזוינע פֿרײַנדשאַפֿטלעכע זשעסטן און מאָמענטן פֿאַרגעסן זיך נישט.

שפּעטער האָט סוצקעווער איניציִירט דאָס צוטיילן מיר דעם מאַנגער־פּרײַז און דאַן אונטערגעהאַלטן מײַן קאַנדידאַטור אויפֿן "פּאָסטן" פֿון פֿאָרזיצער פֿון דעם ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין.

אין יאָר 1999 האָט סוצקעווער שוין געהאַט באַקומען פֿון מיר אַ טייל פֿון די נייטיקע פּאַפּירן אויף צוצושטעלן מיך צום מלוכישן "פּרס ישׂראל", נאָר עטלעכע ותיקים פֿון די ייִדישע שרײַבער האָבן מצליח געווען צו צעשטערן דעם שידוך, האַלטנדיק, זעט אויס, אַז אָ די בכּבֿודיקסטע פּרעמיע – איז צו פֿיל פֿאַר עפּעס אַן אָנגעקומענעם קנאַקער פֿון רוסלאַנד...

[1] צום ווידערזען (רוס׳).

◀▶

פֿון דעם גרויסאַרטיקן דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער האָט מען אין ישׂראל, אין משך פֿון שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט, געפּרוּווט מאַכן עפּעס אַ לעפּישע איקאָנע, אַן אָפּגאָט, אַ מין גאווהדיקן פּראָפֿיל אויף אַ וואָלוולער מטבע, פֿאַר וועלכער מ׳האָט דאָ געהאַלטן די ייִדישע ליטעראַטור. וואָס קאָסט נאָר, צום בײַשפּיל, די סקאַנדאַליעז־אומפֿאַרשעמטע ״ליטעראַטור־וויסנשאַפֿטלעכע״ אַנטדעקונג פֿון אַ פֿאַרדינסטפֿולן פּראָפֿעסאָר, וועלכער האָט פֿון דער הויכער קאַטעדרע אין אַ געררוימיקן פֿולגעפּאַקטן זאַל אַראָפּדערקלערט (אויף עבֿרית) די שטיל זיצנדיקע ליטעראַטן און ספּעציאַליסטן – לינגוויסטן, פֿאָלקלאָריסטן, ייִדישיסטן, – אַז אַבֿרהם סוצקעווער איז נישט בלויז דער גרעסטער הײַנטצײַטיקער ייִדישער דיכטער, נאָר דער גרעסטער דיכטער בײַ אַלע יהודים אין אַלע תּקופֿות און אויף אַלע לשונות, אויף וועלכע ס׳האָבן נאָר גערעדט און געשריבן ייִדן. אויף די לשונות (האָב איך דעמלט, זיצנדיק אין דער הינטערשטער ריי, אַ טראַכט געטאָן), אויף וועלכע ס׳האָבן גערעדט ייִדן, האָבן דאָך געשריבן נישט נאָר הײַנריך הײַנע, חיים־נחמן ביאַליק און באָריס פּאַסטערנאַק, ניט נאָר שלמה אבן גבֿירול, – נאָר אויך די מחברים פֿון ״תּהלים״ און ״שיר השירים״, פֿון דעם ״קהלת״. אַ כוואַליע פֿון פֿאַרדומפּענע אומצופֿרידענע אויסגעשרייען האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער די רייען. דער שוין דעמלט אַלטער פּאָעט איז געזעסן פֿאַרן יום־טובֿדיקן פּרעזידיום־טיש אויף דער בינע און האָט אַוודאי ניט געקענט זיך אַרײַנמישן...

איך געדענק אָבער אַנדערע, טיף רירנדיקע עפּיזאָדן, ווען כ׳בין עדות און זײַן מיטשפּרעכער געווען, מיט וואָס פֿאַר אַ דאָרשט, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד פֿלעג דער מענטש שעהענווײַז קענען רעדן, פֿרעגן, פֿאַרטראַכטן זיך, אַ שמייכל טאָן צו זיך אַליין, אָדער –ט׳האָט איר! – אין כּעס אויף דיר ווערן, ווען די רייד פֿלעג פֿאַרגיין וועגן פּאָעזיע.

אייניקע מאָל פֿלעג איך זיך פּשוט פֿאַרלירן. ער האָט געקאָנט פּלוצעם, נאָר ווי אַ קינד, אַ פֿרעג טאָן:

– לעוו, אָבער דעם אמת! – בין איך טאַקע אַ נישקשהדיקער פּאָעט, אַ?

אָדער:

– איר זאָגט רילקע. אַ זשעני. אָבער בײַ אים פֿאַרשטיי איך דאָך, ווי ס׳קומט אויף... בײַ אײַך – נישט... ווי מאַכט איר עס?

– וואָס?

– למשל דעם ״שוואַן״... פֿון וואַנען נעמט איר עס? ניין, פֿון וואַנען נעמט זיך עס?

אַן אײַנגעבוירענער פּאָעט. אַ מדקדק. אַ בעל־מלאָכה. אַ טראַדיציאָנעלער אייראָפּעיִשער מאָדערניסט.

ווּעמענס ביכער האָב איך שטענדיק ליגן געזען אויף זײַן טיש?

רילקע. אַכמאַטאָווא. פּאַסטערנאַק.

ווּעמענס נעמען פֿלעג ער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דערמאָנען?

מאַלאַרמע. שאַגאַל. ערענבורג.

די טעמאַטיק און דער "אינהאַלטלעכער שטאָף" זענען אין סוצקעווערס דיכטונג טאַקע פֿולקום פֿון ייִדישן אָפּשטאַם – נאָר זײַן הויך־ראַפֿינירטע עסטעטיק, זײַן Ars poetica, צו מאָל מיט אַ פֿאַרזיכטיק־מאָוויסטישן שפּרענקל...

מיט וועלכער ער האָט אויפֿגעהויבן דעם ייִדישן פֿערז אויפֿן ניוואָ פֿון דעם אַלוועלטלעכן, הײַנט שוין קלאַסישן, מאָדערניזם, וואָס איז פֿאַרגעשטעלט אין די ווערק בײַ די פֿײַנסטע פּאָעטן פֿון 20סטן יאָרהונדערט – רילקע, אַלעקסאַנדער בלאָק, אַנטאָניאָ מאַטשאַדאָ, עודזשעניאָ מאָנטאַלע, קאָנסטאַנטינאָס קאַוואַפֿיס...

בײַ די סוצקעווערס. מײַ 1991

◄►

דעם 27סטן יולי 2002 איז פֿריידקע געשטאָרבן, ער האָט מיך אויפֿגעהערט אײַנצולאַדן – און מער האָב איך סוצקעווערן ניט געזען.

עכו, יאַנואַר 2010

רויטע רויז פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע
(דאָרע טייטלבוים. צום 10טן יאָרצײַט)

זי האָט געהאַט אין זיך עפּעס פֿון קאַרמען – פֿלאַמיק און שיין, פּראָוואָקאַטיוו־שיין; אַפֿילו אין אירע עלטערע יאָרן, ווען מיר האָבן זיך באַקענט מיט איר, אַפֿילו מיט דעם שוואַרצן וואַלטוך אויפֿן הויך געשטעלטן, ווי בײַ אַ סקולפּטור, ווויל פֿאָרמירטן קאָפּ. ז׳האָט דעמלט מיט אַ פּאָר חדשים פֿריִער באַגלייט אין לעצטן וועג דעם מאַן אירן, הערשל מאיר, אַ וויכטיקער טוער בײַ די פֿראַנצייזישע קאָמוניסטן...



דעמלט, האַרבסט 1986, איז דאָרע – באַגלײַך מיט אַנדערע ייִדישע פּענלײַט פֿון דער גאָרער וועלט – געקומען קיין מאָסקווע צום גרויסן יובל־טראַסק: 25 יאָר פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״. מיט איר איז אָבער ניט גאַנץ קלאָר געווען: אַ פֿאָרשטייערין פֿון וואָס פֿאַר אַ לאַנד איז זי, פֿון ישׂראל צי פֿון פֿראַנקרײַך? ווײַל מיט דער ישׂראלדיקער ״דעלעגאַציע״ האָט זי גאָרניט געוואָלט האָבן, און דאָס ביסל פֿרײַע צײַט, וואָס פֿלעג איבערבלײַבן נאָך די ״סעסיעס״ בײַ ווערגעליסן אין קאַבינעט, מיט פֿאַרמאַכטע פֿענצטער און די אומעטיק־באַגײַסטערטע רעדעס, פֿלעגט זי פֿאַרברענגען אין שמועסן מיט דעם פֿראַנצייזישן דיכטער און איבערזעצער שאַרל (חיים) דאָבזשינסקין, אָדער זאַלבע דריט – מיט אים און דעם קינפֿטיקן איבערזעצער אירן אויף רוסיש, וועלכער שרײַבט הײַנט די דאָזיקע שורות.

איר נאָמען איז מיר דעמלט שוין פֿון לאַנג באַקאַנט געווען, זינט אָנהייב די זעכציקער, ווען אין מאָסקווע איז אַרויס אויף רוסיש ״די באַלאַדע פֿון ליטל־ראָק״, און שפּעטער, אין אַלמאַ־אַטאַ, – די אָראַטאָריע (לויט דעם פּאָעמע־טעקסט) פֿון דעם קאָמפּאָזיטאָר אַנאַטאָלי ביטשקאָוו.

״דאָרע טייטלבוימס דיכטונג – האָב איך מיט יאָרן שפּעטער געשריבן אין דער הקדמה צו איר רוסישן בוך (״דער פֿלאַמיקער דאָרן״, ת״אָ, 1992), איז די צאַרטקייט און זיסקייט פֿון דער אוראַלטער ייִדישער וועלט־שפּירונג, דאָס אייביקע ׳שיר־השירים׳. אָבער אויך – די צאָרנדיקע, פֿײַערדיקע, ווולקאַנישע קראַפֿט פֿון ׳שירת־דבֿורה׳, דער גײַסט פֿון קאַמף און גערעכטן נצחון, וואָס ברענט ווי אַ רויטע רויז אין דער נשמה פֿון פֿאָלק. זונשײַן, מאַגמע, וואַסער און כלאָראָפֿיל־שטאָף – פֿון די ענערגעטיק־רײַכע עלעמענטן בויעט דאָרע איר לירישן וועלטרוים און באַלעבט אים באַלד מיט דעם איידלגײַסטיקן בן־אָדם און זײַנע מענטשלעכע לײַדנשאַפֿטן: ליבע און בענקשאַפֿט, גאווה און אַנטוישונג, גליק און פּחד, און רחמנות אויפֿן פֿאַרבלאָנדזשעטן שעפֿעלע אין דעם האַרבסטיקן פֿעלד...״.

״אויפֿן וועג צו דעם מענטשן״ – איז דער טיטל פֿון דאָרעס אַ בוך.

״אירע לידער זענען אַ ווענדונג צו אַלע פֿעלקער״ – האָט וועגן דאָרע טייטלבוים געשריבן דער נאָבעל־פּרײַז־לאַורעאַט (1967) מ. אַ. אַסטוריִאַס. און די לידער אירע האָט מען ממש

געלייענט, אויף פֿראַנצייזיש, אויף ענגליש, אויף שפּאַניש, רוסיש, העברעיִש, וויעטנאַמעזיש, כינעזיש – אַ היפּשער טייל פֿון אונדזער מענטשהייט!

די "גאָלדענע קייט" האָט זי ניט געדרוקט...

– מיינסטו אפֿשר – איבער אידעאָלאָגישע סתּירות? ווי דען... כ׳בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין ישׂראל, זיך אַרומקוקן... און אויפֿן צווייטן אינדערפֿרי... איך ליג נאָך אין בעט, קלאַפּט מען אָן אין דער טיר, מיין איך ס׳איז דאָס האָטעל־מיידל מיט דער קאַווע, און גיב איר אַ שריַי ז׳זאָל אַריַין... מיט עפּעס אַ בלימל אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט... ר׳האָט זיך אַריַינגעכאַפּט, זאָגט ער, אויף איין מינוטקעלע, נאָר באַקענען זיך... כ׳מעג, זאָגט ער, בלײַבן ליגן, – און גיט זיך אַ זעץ צו צו מיר אויפֿן עק בעט... קענסט זיך, לייבל, פֿאָרשטעלן אַזאַ סצענע?

– יאָ... אַ קראַסאַוויצע, און נאָך פֿונעם שלאָף... אַ בילד... פֿון פֿראַנטשעסקאָ גאָיאַ...

– ביסטו, זעט אויס, פּונקט אַזאַ חזיר. אַלע זענט איר חזירים. איין דזשענטלמען האָב איך אין לעבן געטראָפֿן – דעם טערק, דעם נאַזים.

– כיקמעט?

– יאָ, ד׳האָסט אים ג׳קענט אין מאָסקווע?

– ניין, צו מײַנע צײַטן דאָרט איז ער שוין געלעגן אויפֿן פּרעסטיזשן "נאָוואָדעוויטשע" בית־עולם, בײַם סאַמע צענטראַל־טרויערפּלאַץ. כ׳פֿלעג אים דאָרט באַזוכן, מײַן ליבלינג אין דער מאָדערנער פּאָעזיע... "כ׳האָב דיך ליב, ווי כ׳האָב ליב עסן ברויט, אײַנגעטונקט אין זאַלץ, כ׳האָב ליב ווי זיך אויפֿוועקן גאַנץ פֿרי פֿון דאָרשט און אַ כאַפּ טאָן אַ טרינק פֿון דעם וואַסערקראַן...". אין 88סטן האָב איך זיך באַקענט מיט זײַן בעסטער רוסישער איבערזעצערין מוזאַ פּאַוולאָוואַ. איר מאַן, דער אַוואַנגאַרדיסט־דיכטער וולאַדימיר בוריטש, זעכצן יאָר ייִנגער פֿון איר, האָט זיך תּחילת פֿאַרחבֿרט מיט איר, – אַזוי האָט ער זיך איין מאָל בײַ אַ גלעזל ווײַן מיר מודה געווען, – טאַקע אין באַצוג מיט כיקמעטן (וועלכער – האָבנדיק אַ גרויסן אויטאָריטעט אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע – האָט נאָך אין די 60ער יאָרן "געבענטשט" דעם יונגן פּאָעט). אַליין איז זי מוזע, די פּאַוולאָוואַ, געווען זייער אַ ווילדע פֿרוי, נאָר וואָס אויסגעזען האָט זי ווי אַ מכשפֿה...

אין דעם קאָנטעקסט פֿון דער ישׂראלדיקער ייִדישער פּאָעזיע, צו וועלכער זי האָט בלי־ספֿק געהערט, טיילט זיך אויס איר דיכטונג מיט אַ באַשײַמפּערלעכן מערקמאָל, אָדער אונטערשייד. מען קען עס דערקלערן מיט פֿאַרשידענע סיבות – אָבער דער פֿאַקט איז, אַז דאָ אין לאַנד איז זי צו איר צײַט געווען די סאַמע לעבנספֿריידיקע און האַרמאָניש־שפּירנדיקע צווישן די ייִדישע פּאָעטן: דעם חורבן־סינדראָם, כ׳וואָלט געזאָגט, דעם עקזיסטענציאַלן שאָק און דערשלאָגנהייט איז זי בײַגעקומען מיט ווייניקער גײַסטיקע קאָנסעקווענצן, און דער ווייטיק, דער וועלטשמערץ באַקומט אין איר שאַפֿונג אַ מין פֿראָפּאָרציאָנעלן – און ניט קיין גלאָבאַלן פּאַרנעם.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איר אָריענטאַציע אויף דעם אַלוועלטלעכן לייענער האָט אין אַ געוויסער מאָס באַשטימט אויך די עסטעטיק פֿון איר דיכטונג, לויט מײַן געשמאַק – צו אַ "צוגענגלעכע", און אַ גרויסער טייל פֿון אירע ווערק איז ענאָרם אידעאָלאָגיזירט. (אַגבֿ, איר מאַן מאיר איז געווען אפֿשר דער גרעסטער אידעאָלאָג אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿראַנצייזישער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אויף אַ פֿאָטאָ צווישן די, וואָס דאָרע האָט מיר איבערגעגעבן, שטייט ער – לינקס – און דיסקוטירט מיטן הויפּט־אידעאָלאָג בײַ סטאַלינען אין די 30ער-40ער יאָרן, דעם שוידערלעכן אַנדריי זשדאַנאָוון).

②

די ערשטע ווערטער, וואָס כ׳האָב דערהערט פֿון איר שוין דאָ, אין ישׂראל, פֿרילינג 1991 זענען געווען:

– מיינט נישט, אַז מיט דער קאָמוניסטישער אידעע איז פֿאַרענדיקט... און אויף דער פּראַקטישער קאָמוניזם וועט נאָך אָננעמען כּוח – אַ נײַעם אופֿן...

דאָס לײַב האָט מיר אַ גרויל געטאָן:

– כ׳זאָל נישט דערלעבן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער אַלייע און מיר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן:

– ווייסט איר וואָס! מאַכט מיר בעסער אַ ביכל אויף רוסיש! קלײַבט אַליין אויס וואָס איר פֿאַרשטייט. זאָל זײַן גאָלע ליריק, לאַנדשאַפֿטן... אָבער ווען איר ווייסט, וויפֿל מ׳פֿלעגן זיך קריגן מיט זיי, הערשל און איך, מיט די אידעאָלאָגן אײַערע.

– מײַנע?

– מיט כרושטשאָוו גופֿא! אין מאָסקווע, אָנהייב די 60 ער... זײַן גרעסטער פֿעלער איז געווען, זאָלט איר וויסן...

– דאָרע, איך בעט אײַך...

– אָבער דאָ, זאָלט איר וויסן, דאָ איז בכלל ניטאָ מיט וועמען צו רעדן. קליינע מענטשעלעך...

דער מאָטיוו "קליינע מענטשעלעך" האָט זיך איבערגעחזרט און וואַרייִרט בײַ איר:

– זיי, יענע קליינע מענטשעלעך...

דער "אָגניעני קוסט" ("ברענענדיקער דאָרן") איז אַרויס, דאָרע האָט נאָך באַוויזן אַליין צו באַשטעלן דאָס בילדל פֿאַרן טאָוול, באַהאַנדלען מיט מיר דעם פֿאָרמאַט און דעם טיראַזש, דעם סאָרט פּאַפּיר...

ז׳האָט אויפֿגעשלאָגן דעם בוך און געוואָלט מיר פֿאָרלייענען עפּעס פֿון מײַנע איבערזעצונגען – אָבער קיין כּוח שוין ניט געהאַט.

ווי איינזאַם זי איז געווען האָב איך פֿאַרשטאַנען צו שפּעט, ווען ז׳האָט מיר דאָס לעצטע מאָל אָנגעקלונגען:

– איך בין עס, – האָט זיך אין טרײַבל דערהערט אַ שוואַך קול, ווי פֿון עפּעס אַן אַנדער דימענסיע, – כ׳האָב ערשט וואָס אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר לעפֿל זופּ, כ׳זאָל קענען רעדן מיט דיר... כ׳האָב דיך אָפּגעוואַרט, אין קיין שום פּאַריז בין איך דעם זומער ניט געפֿלויגן... כ׳האָב

געהאַט אַן אָפּעראַציע, דאָ אין תּל־אָבֿיבֿ... ס'האָט ניט געהאָלפֿן, אָבער איך בין אַליין שולדיק... כ'האָב געדאַרפֿט קיינעם נישט הערן, דו ווייסט ווען... כ'האָב געדאַרפֿט נעמען דעם צווייטן פּראָפֿעסאָר, דעם טײַערן... איז אַזוי... פֿון דאַנען, ווו איך געפֿין זיך, קערט מען זיך שוין ניט אום... זאָלסטו מיך גוט אויסהערן און ניט שטערן מיר מיט פּוסטע סענטימענטן...

כ'האָב מיר דאָ אַלץ פּונקט נאָך פּונקט אויפֿגעשריבן...

מיט שווערער מי און דויערנדיקע פּויזעס – ס'האָט פֿאַרנומען בײַ איר אַריבער אַ שעה צײַט – האָט זי מיר איבערגערעכנט און אויספֿירלעך דערקלערט, וואָס איך האָב צו טאָן, ווען זי וועט...

– גלייבסט מיר, איך פֿיל קיין שום פּאַניק ניט, כ'וווּנדער זיך אַליין...

צוויי אָנזאָגן פֿון דער רשימה האָבן געהאַט פֿאַר איר אַ באַזונדערן באַדײַט:

1. איבערזעצן און אַרויסגעבן אויף רוסיש אַלץ וואָס ס'קען זײַן צום האַרצן דעם רוסישן לייענער.

2. פֿאַרבינדן זיך מיט דעם קינפֿטיקן "דאָרע־טייטלבוים־פֿאָנד" און מיטווירקן, אַז די הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער פֿון ישׂראל זאָלן בײַ דעם פֿאָנד אַרויסלאָזן זייערע ביכער אויף פֿראַנצייזיש און ענגליש.

אין דער צוואה, וואָס אַ קאָפּיע פֿון איר האָב איך מיט אַ יאָר זעקס־זיבן שפּעטער געזען אין בית־לייוויק, איז טאַקע אַזוי פֿאַרשריבן געווען:

..."for the purpose of translating litrerary works written in Yiddish into English and French and for their publication in book form"

ניט דעם ערשטן ניט דעם צווייטן, ניט דעם דריטן, פֿערטן און פֿינפֿטן פּונקט פֿון די, וואָס זי האָט מיר דעמלט איבערגערעכנט אין טעלעפֿאָן, האָב איך אָבער אין משך פֿון די פֿאַרלאָפֿענע צען יאָר ניט אויסגעפֿילט. הגם אַלע נייטיקע נעמען, טעלעפֿאָן־נומערן און פּאָסטאַדרעסן אין ישׂראל און אַנדערע לענדער האָט זי מיר דעמלט אויפֿמערקזאַם אָפּדיקטירט און איבערגעחזרט.

"קליינע מענטשעלעך. ניטאָ מיט וועמען צו רעדן" – דאָרעס ווערטער...

צווישן די פּאַפּירן, וואָס דאָרע האָט מיר איבערגעגעבן אין האַרבסט 1991, און וואָס האָבן אַ שײַכות צו דאָרעס שאַפֿונג און קולטור־טעטיקייט, איז פֿאַראַן אַ קאָפּיע פֿון 18 בריוו צו איר פֿון דעם גרויסן העברעיִשן דיכטער אַבֿרהם שליאָנסקי. די בריוו זענען געשריבן אויף ייִדיש אין די זומער־ און האַרבסט־חדשים 1972, ווען שליאָנסקי – ווי זי האָט עס מיר דערציילט בײַ אַ גלעזל קורוואַזיע – האָט איבערזעצט דאָרעס לידער פֿאַרן בוך "מכמרות בטרם שחר", דערשינען 1973. דער אַדרעסאַט אויף די קאָנווערטן איז אַ פֿרוי אין פּאַריז, און אין די קלאַמערן שטייט אַ צושריפֿט: "pour Niva". דער צוריק־אַדרעס: תּל־אָבֿיבֿ, גאָרדאָן 50, מיט אַ ייִדישן נאָמען. אַלע בריוו הייבן זיך אָן מיט "טײַערע מײַנע" אָדער "טײַערע חואַלו"...

חר־אַ־לו?!

דאָס איז דאָך דער נאָמען פֿון דער געליבטער אין שליאָנסקיס בוך "לידער פֿאַר חר־אַ־לו", דערשינען אין 1973:

"דער ניגון זאָגט דיר זי הייסט חו־אַ־לו.
דער ניגון זאָגט דיר דו ביסט – אַבֿרי"

שליאָנסקי, ווי ס'האָט דאָרע דערציילט, פֿלעגט זיך קלאָגן ("נודיען"), אַז ער איז מער מסתּם קיין פּאָעט נישט, אַלץ וואָס ער האָט שוין געהאַט צו זאָגן – איז געזאָגט, אויסגעשעפּט... האָט אים דאָרע אין אַ שיינעם טאָג אָפּגעשיקט צוריק אַלע 18 בריוו[1], מיט אַ גוטער עצה דערבײַ: איבערשרײַבן די בריוו אין אַ פּאָעטישער פֿאָרם...

– און דאָס איז געווען ס'לעצטע בוך זײַנס, – האָט זי עלעגיש פֿאַרענדיקט די ראָמאַנטישע נאָוועלע וועגן אַ פּלאַטאָנישער ליבע און באַלד אָבער אַן איראָנישן שמייכל געטאָן:
– און די לידער גילטן הײַנט פֿאַר אַ פּערל ניט נאָר אין שליאָנסקיס – אין דער גאַנצער מאָדערנער העברעיִשער דיכטונג...

קאַרמען! קאַרמען! ווי אַ דיבוק וואָלט געזעסן אין איר...

עכּו, זומער 2002

[1] זע אין די "דערגאַנצונגען צו די טעקסטן".

אַפּאָלאָגיע פֿון אַ רשע

(פֿון די נאָטיץ־העפֿטלעך, 1977-1991)

*

אַהרן ווערגעליס איז די סאַמע פֿאַנטאַסטישע פֿיגור פֿון אַלע, וואָס איך האָב באַגעגנט אויף דער וועלט, יעדער פּרווו אַרומצוכאַפּן זײַן געשטאַלט צערײַסט זיך לויכטנדיק, ווי אַ פֿישנעץ בײַם בראַקאָניער, אַרויפֿגעוואָרפֿן, אין שלאַם און ליסקעס, זיך טריקענענדיק אונטער דער לבֿנה אויף אַ שטייענדיקער גיפּס־ספּאָרטסמענקע מיט אַ וועסלע אין די הענט – אויף דעם אמתן סאָצרעאַליסטישן שעדעווער.

בראַקאָניער... פֿישנעץ... ליסקעס... עפּעס דערמאָנט עס מיך... האַ! ס'איז דאָך מאַקסים גאָרקיס אַרויסזאָגונג וועגן לענינען: "ער איז גאַנץ אין ווערטער, ווי אַ פֿיש אין שופּן...". מיט דעם אָבער, פֿאַר אַ גורמאַן, אונטערשייד, וואָס פֿון דעם געבוירענעם בײַ דער וואָלגע ליסען באָלשעוויסטישן פֿירער האָט מסתּם טאַקע געטראָגן מיט פֿישליסקע, און דער אונדזערער זעט אויס תּמיד ווי אַן אַרטיסט. וואָס יענער, לויט דעם פּראָלעטאַרישן שריפֿטשטעלער, איז געווען "פּשוט, ווי דער אמת", און דער אונדזערער איז – אַ מעטאַפֿער, אַ לײַכטער אָפּשײַן פֿון מאָצאַרטן און פֿון עפּעס אַ סוד, גאָר נישט צו פֿאַרגלײַכן מיט די זיצפֿליישיקע ייִדישע און ניט־ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועמענס אַלגעמיינע געשטאַלט, וואָלט איך עס איבערפֿראַזירט, איז "פּשוט, ווי דער ליגן".

אַהרן אַלטעראָוויטש (וואַריאַנט: לוואָוויטש) – איז מער ווי קלוג, ער איז מער ווי אַ חכם. ער איז, ווי געזאָגט, מעטאַפֿאָריש. פֿון אַלע "דעמאַסקירונגען", וואָס עס נעמען יעדעס מאָל אונטער די קאָמענטאַטאָרן פֿון זײַן לעבן און חטאָים, לאַכט ער זיך אויס, און ער איז גערעכט: צי איז דען פֿאַר זייער מוח, איינדימענסיק נעבעך ווי אַ "+" צי אַ "–" אין יענער דעבעט־קרעדיט קליין־שטעטלדיקער בוכהאַלטעריע, דורכצורעכענען אים און די ווירטואָזע זשאָנגלערײַ זײַנע, און זײַן פֿיל מאָל צעמזיקטן גורל?

ווײַל געשלאָגן פֿלעג ער נישט איין מאָל זײַן, און אויך פֿיזיש. צוויי מאָסקווער נאַיאָמניקעס, אָנגעדונגענע באַנדיטן ("האָסט אַ ציגאַרעט?") האָבן אים אַוועקגעשיקט אויפֿן טויטנבעט אין "קרעמליאָווקע"־שפּיטאָל – און ער איז לעבן געבליבן, אָ דער ייִד, דער אייביקער זשיד אַחשוורוש, דער גײַסט פֿון תּחיית־המתים, אַ פֿאַרהאַרטעוועטער ווי שטאָל אויף די גלות־רחבֿותן פֿון צוויי טויזנט יאָר.

אָ, זײַן ייִדישער ייִחוס!... און מיט וואָסער פֿאַראַכטונג קוקט ער אויף דעם גאַנצן עולם־הגויים, אויף יענע, פֿלעג זײַן, פּאָמפּעז צופֿאָרנדיקע צו דער רעדאַקציע "טשײַקעס" און "זילן[1]" מיט עפּעס אַ טשלען צע־קאַ[2] אָדער מיט אַ "טײַערן פֿרײַנד" פֿון דער קאָסמאָנאַווטן־חבֿרה.

---

[1] די בעסטע סאָוועטישע אויטאָס פֿאַר דער רעגירונג און די וויכטיקסטע מלוכישע אינסטיטוציעס.

[2] רוסיש: אַ (מיט-)גליד פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אין ר"פֿ רעגירנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פּראָסטע ייִדן פֿלעגן צווישן זיך רופֿן אַזאַ פּערזאָן "צעקאַקטער טשלען".

דער דענקמאָל

שטעלט מיר אַוועק אַ דענקמאָל
פֿון אותיות צוויי די גרייס.
שטעלט מיר אַוועק אַ דענקמאָל:
אַן אַלף און אַ בית.

שטעלט מיר אַוועק בײַם לעבן
דעם דענקמאָל, און זאָל ער שטיין
ביז וואַנען די זון אין הימל
אויף אייביק וועט אונטערגיין.

אַ. ווערגעליס, פֿונעם בוך ״צויבערגאַנג״

אַ. וו. איז יענער מענטש, וואָס האָט דער ערשטער און דער איינציקער, אַ דאַנק זײַן עסטעטישן חוש און זײַן באָלשעוויסטישער מאַכט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, דערשפּירט און דערקלערט מיך פֿאַר אַ ייִדישן פּאָעט, פֿאַרעפֿנטלעכט ריזיקע פּובליקאַציעס פֿון מײַנע לידער, אָפּט מאָל – אויף צעזעצעניש זײַן רעדקאָלעגיע, וואָס האָט וויניק וואָס אין די לידער פֿאַרשטאַנען (און ער פֿלעג מיך נאָך טרייסטן: ״אײַ, וואָס ווילט איר פֿון זיי, ליאָוואַ, אַלטע תּחתּער, כ׳ווייס, האָדעווע זיי אונטער...״

אין זײַן הקדמה צו מײַן ערשטן ייִדישן בוך[1] האָט ער געשריבן:

״אונדז איז צום האַרצן בערינסקיס גאַנג, בייס וועלכן דער געדאַנק און די בילדער־וועלט געפֿינען זיך אַ גאַנצע צײַט אַפֿן ראַנד פֿונעם אַבסורד, און באַוועגנדיק זיך פֿרײַ איבער אָט אַזאַ ראַנדבערעג, כאַפּט ער צו מאָל קונציק אַרויס אַ פּאָעטיש גאָלדן פֿישעלע.

(...) מיר וועלן דערמאָנען נאָך איין גרויסן ייִדישן דיכטער – דאָוויד האָפֿשטיינען, וועלכער האָט אין דער צײַט פֿון זײַן פּערזענלעכן אָנהייב און פֿונעם אָנהייב פֿון דער גאַנצער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג געטרוימט וועגן

״אַ שפּאַן טאָן מיט נײַעם מיט ברייטן,
מיט אייגענעם, נאָך ניט געגאַנגענעם שפּאַן״.

אַהרן ווערגעליס איז – ניט אין עפּעס אַ זידלדיקן, נאָר אין אַ טערמינאָלאָגישן זינען – אַ סאָוועטישער דיכטער, אין זײַן עסטעטיק מער ווי אינהאַלטלעך. צו דער מאָס אַן אומגעריכטע טעמע, צו דער מאָס אַ דרייסטע מעטאַפֿער און אַ ריטמישער גאַנג, ניט צו דער מאָס – פֿאָרזיכטיק. דערבײַ וואָס געשריבן האָט ער און איבערגעחזרט, און אויף אַלערליי אופֿנים וואַרייִרט ״יאָ, אַ קאָמיסאַר איך בין״ (און דאָס שוין אין גאָרבאַטשאָווס צײַטן, ווען מ׳האָט שוין געמעגט זיך נישט ״אָנעסן״ מיט יאַ איזוויניאַיוס), איז ער קיין שום פּאָעט־קאָמוניסט נישט, ער איז אַ פּאָעט־קאָנפֿאָרמיסט, וואָס דאָס קאָן צעעסן ווי זשאַווער אַפֿילו אַזאַ באַשײַמפּערלעכן טאַלאַנט, וועלכן ס׳האָט פֿאַרמאָגט, לאָמיר זאָגן, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.

---

[1] ״דער זוניקער וועלטבוי״. מאָסקווע, 1988.

*

מיר האָבן זיך באַקענט אין יאָר 77, אין דעם וועסטיביול פֿונעם שרײַבער־פֿאַראיין מיט דער ווענערע־סקולפּטור אויף וואָראָווסקי 52. ער האָט ברייט געשפּאַנט מיר אַנטקעגן און פֿון דער ווײַטנס פֿריילעך אַ געשריי געטאָן צו מיר:

– יאַ זנאַיו קטאָ ווי. זנאַיעטע, עטאָ ניע געניאַלנאָ!״ (איך ווייס ווער איר זענט. איר ווייסט, ס׳איז ניט געניאַל!).

– ריכטיק, – האָב איך אָפּגעענטפֿערט, – ס׳איז לחלוטין ניט געניאַל.

ער איז געפּלעפֿט געבליבן. ער האָט עס געמיינט מײַנע איבערזעצונגען, וואָס ס׳האָט אים אַנומלט איבערגעגעבן גלעב פּאַלק, דער רעדאַקטאָר פֿון ״כודליט[1]״, און איך – דאָס, פֿון וואָס איך האָב איבערזעצט. ער האָט פֿאַרשטאַנען און אַ וואָרף אויף מיר געטאָן אַ וואָלפֿישן קוק – אַזוי קוקט ער טאַקע ביז הײַנט פֿון דעם פּאָרטרעט אין יענע ״געקליבענע ווערק״[2], גלײַך ווי אַ געהיימער פֿאָטאָגראַף וואָלט אונדז דעמלט אַ ״שנאָל״ געטאָן און שפּעטער מיך אויסגעמעקט ווי אַ איבעריקן פֿלעק...

זײַן הערשאַפֿט, ערשטראַנגיקייט, (צו מאָל – צעלאָזטקייט) זענען געווען אין דער ייִדישער סבֿיבֿה צו מײַנער צײַט אָנערקענט און אָנגענומען, ווי אַן אויסגאַנג־פּאָזיציע אינעם קלאַסישן טאַנץ. ער איז געווען דער באַלעטמײַסטער און דער דיריגענט ער איז געווען באַלעבאָס. קאָמאַנדעוועט: ווי צעשטעלן די טישן פֿאַר אַ גרויסן טראַסק אין רעדאַקציע; וועמענס בוך אַרויסלאָזן אין ״סאָוופּיס״[3] דאָס יאָר, און וועמען שוין – אפֿשר! – נאָכן טויט; אויב ער, ווי אַן אָדלער אין אַ הויכן פֿלוג, האָט זיך אויסגעמאַכט אין זײַן עסיי אויף באַשעוויסן, האָט יעדער ״הימלאַנדישער״ שרײַבער געדאַרפֿט, אַז דעם נאָמען האָט עמעצער דערמאָנט, צוהאַלטן די נאָז: ווער? זינגער? דער נואָף, פּעעע... אָט דער גראַפֿאָמאַן?

– און שאַגאַלן, דעם וואָס פֿלוצעם איבערזעצט איר? – האָט ער דראָענדיק ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, – איך בין דאָך געווען בײַ אים, געזען, וואָס מיר נאָך פֿאַר אַ פּאָעט איז ער? מ׳וועט מיינען, אַז בײַ די ייִדן הייסט עס אַ פּאָעט... ביאַליק, יאָ, אַוודאי, אַן אַנדער זאַך... אַ גדול, אַ גדול... אָבער וואָס פּינקטלעך דער קעשענעווער פּאָגראָם, וואָס, איר האָט שוין בײַ אים ניט געפֿונען עפּעס אַנדערש צו איבערזעצן?...

---

[1] ״כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטוראַ״ ״די קינסטלערישע ליטעראַטור״ – (דער גרעסטער סאָוועטישער פֿאַרלאַג.

[2] Арон Вергелис. Избранное, Москва 1978

[3] דער פֿאַרלאַג ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, וועלכער האָט – דער איינציקער אין לאַנד – אַרויסגעלאָזט בעלעטריסטיק אויף ייִדיש.

אַז קיין אַנטיסעמיטיזם איז אין ר״פּ נישט פֿאַראַן, און אַז אויך אין צאַרישן רוסלאַנד איז מיט דעם געווען ניט אַזוי פּשוט, ווי אויב די ציוניסטן צו הערן, – דאָס האָט זיך פֿאַרשטאַנען פֿון זיך אַליין און פֿאַרגעדענקט געוואָרן פֿון אַלע אַרומיקע, אָן קיין אָנדערמאָנונג.

ווערגעליס האָט געקענט זאָגן דעם יונגן טשערנין: ״איר, וואָלאָדיאַ, זאָלט מיר מער אַזוינס... ניט שרײַבן! פֿאַר דעם האָב איך שוין בערינסקין״. (געהאַנדלט האָט עס זיך וועגן דעם vers libre, דעם פֿרײַען פֿערז). מיר – פֿאַרקערט :״אָט דעם קראַנט זאָלט איר, ליאָוואַ, נישט פֿאַרמאַכן. און איך וועל אײַך דרוקן מער ווי אַלעמען, מער ווי, ווען ז׳האָבן געלעבט, גאָנטאַרן צי מאָטל גרוביאַנען. גיט אַ קוק, כ׳האָב אײַך דאָ אַ ביכל געבראַכט, – איר זענט דאָך אין אונדזער ליטעראַטור אַן עם־האָרץ, און בכלל, לייענען אויף יִידיש האָט איר זיך שוין אויסגעלערנט?... אָט האָט איר האַלפּערן, אַ גרויסער פּאָעט, דער גרעסטער געווען בײַ זיי דאָרט אין אַמעריקע... אָבער איר, איר זענט בײַ מיר, ליאָוואַ, (ווײַטער וועל איך דאָ בעסער אַ שווײַג טאָן, וואָס איך בין געווען ״בײַ אים״ – ניט, חס־וחלילה, פֿאַר עניוות: פֿון וואַנען זאָל עס זיך געווען נעמען בײַם זון פֿון אַ פּראָסטן שנײַדערוק, וועלכער האָט זיך, למשל, נאָך אין די 30ער יאָרן, נאָר וואָס חתונה געהאַט, דערוועגט צו באַזעצן מיט דער יונגער בת־ישׂראל אין דעם בוקאַרעשטער שטאָטפּירטל Crucea de piatră[1]

יאָ, ווערגעליס, און וואָס כ׳בין געווען ״בײַ אים״...

ווען ער האָט אָבער שפּעטער, אַ יאָר דרײַ אַרום, זיך געכאַפּט און איבערגעצײַגט, אַז כ׳בין גאָר ניט ״בײַ אים״...

ער האָט גערעוועט (ווי זײַן סעקרעטאַרשע האָט עס מיר מיט אַ סאַדיסטישער הנאה טעלעפֿאָניש צוגעטראָגן), שטייענדיק אין מיטן דעם הילכיקן וועסטיביול: ״ס׳איז דאָך אַ גראַפֿאָמאַן, דער בערינסקי, שרײַבט ווי פֿון היץ און גראַמט עס אַפֿילו נישט צו!״ – און געשריגן עס אויף רוסיש, אַז שוין אַלע אַרום זאָלן, הייסט עס, הערן און אויף ווײַטער אין זינען האָבן, אַז איך האָב אָנגעוואָרן זײַן גנאָד, – ווײַל אויף קיראָווסקער 17 פֿלעגן מאַכן און ניט מאַכן דעם זשורנאַל אויך פֿאָרשטייער סײַ פֿון דעם הונדערט פּראָצענט רוסיפֿיצירטן, און סײַ – מ׳דאַרף גלייבן, צום אויפּפּאַסן – פֿונעם ריין רוסישן פֿאָלק.

ווער ווייסט פֿאַר וואָס, נאָר ער איז שטענדיק געווען הונגעריק. געכאַפּט, אַרײַנגייענדיק בשעת דער אַרבעטס־פּאַוזע, אין קאַבינעט צו י.ש. אָדער ח.ב., אַ רעפֿטל ברויט פֿונעם טיש, אַ פֿלאָם, אַ פּירעזשקע, אָפּגעשטשיפּעט, אפֿשר אַליין ניט באַמערקנדיק, עפּעס רעדנדיק, הייס דערקלערנדיק, אַ ברעקל ברינדזע, און דאַן לאַנג געריבן די קלעפּיקע פֿינגער מיט אַ בלעטל פּאַפּיר. אין אַזאַ – און נאָר אין אַזאַ – מינוט האָב איך אים ליב געהאַט, ס׳פֿלעג דאָס האַרץ מיר אַ קלעם טאָן פֿאַר אים.

---

[1] ״קרוטשאַ דע פּיאַטרע״ – ״שטיינערנער קרייץ״. זע ווײַטער אין ״מײַן מקור־החיים – מײַן לאַנד...״

אָבער מיט דער איינזאַמקייט פֿון זײַן ערדישן קיום האָט ער צו יענער צײַט שוין אַ שלום געשלאָסן. פֿירן עפּעס אַן אַנדער לעבן וואָלט ער, מיין איך, פּשוט שוין ניט געקענט: זײַן לעבן איז פֿולקום געזעלשאַפֿטלעך־פֿונקציאָנעל געוואָרן, און דאָס האָט ער מיט קיינעם (אפֿשר נאָר אַ ביסל מיטן פּאָעט אין זיך) ניט געוואָלט טיילן. פֿאַר זײַנע נאָענטע פֿרײַנד האָט ער געהאַלטן, מיט נאַיִווער גאווה, די דרײַ "סעריאָזשעס" – דעם פּרעזידענט פֿונעם שרײַבער־פֿאַראיין פֿון דער רוסישער רעפּובליק סערגיי מיכאַלקאָוו, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דעם וויכטיקן מאָסקווער זשורנאַל "דרוזשבאַ נאַראָדאָוו" ("פֿעלקער־פֿרײַנדשאַפֿט") סערגיי באַרוזדין, און דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דעם בעסטן אַ מאָל זשורנאַל "נאָווי מיר"[1] סערגיי נאַראָווטשאַטאָוו... אויף די סעמינאַרן בײַ אונדז, די פֿינף צוהערער פֿון דער "גרופּע ייִדיש" בײַ די העכסטע ליטעראַרישע קורסן פֿונעם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין, פֿלעג ער, אַראָן לוואָוויטש (אָדער – אויף אויסקלײַבן – אַלטעראָוויטש), מיט אַן אמתער באַגײַסטערונג דערציילן וועגן די היימישע מאַנירן פֿון זייער קאָמפּאַניע – פֿון די וואַזשנע פֿיגורן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור: אויף עפּעס אַ יום־טובֿדיקן באַל פֿון דער אינטעליגענציע־עליטע האָט נאַראָווטשאַטאָוו, צום בײַשפּיל, "אָנגעמאַכט" אין דעם ראָיאַל; און ער אַליין, דער פּאָעטישער יורש פֿון די "תהילים"־ און "שיר השירים"־מחברים, האָט – שוין, דאַכט זיך, אויף אַן אַנדער אַזאַ assemblée – אָפּגעביסן דעם ווינקל פֿונעם טיש "מיט אָטאָ די ציין!"

ער האָט געקענט, האַלטנדיק אין די הענט אַ צעעפֿנטע "פֿײַנדלעכע" ייִדישע צײַטונג, אַ זאָג טאָן: "שוטים, עפֿענען אַמעריקע פֿאַר שוטים, הערט וואָס זיי שרײַבן: "אַהרן ווערגעליס איז אַ פּאָלקאָווניק פֿון דער ק.ג.ב.". האַ, וואָס זיי קענען שוין וויסן! כ'בין שוין בײַ זיי אַ פּאָלקאָווניק...".

מיר, וואָס איך האָב זיך שוין דעמלט, אָפּגעלעבט אין מאָסקווע אַ יאָר צוואַנציק, ניט ווייניק זיך אָנגעהערט געהאַט פֿון די רוסישע שרײַבער, ווי זייערע ייִדישע קאָלעגעס פֿלעגן מסרן איינער דעם אַנדערן אין 40ער־50ער יאָרן, – מיר איז, אמת געזאָגט, אַלץ איינס געווען, צי איז אונדזער אַ. וו. אַ פּאָלקאָווניק, און אין דער ק.ג.ב. אָדער נישט. אָבער איך האָב אים קיין מאָל ניט נאָכגעגעבן, ווען ער פֿלעג זיך צעגיין און צעלאָזן, בײַ אים האָב איך ניט געאַרבעט און צו זײַן סבֿיבֿה נישט געהערט, און בין שוין אַליין – אין אונטערשייד צו אַנדערע אונדזערע "קורסאַנטן" – באַקאַנט געווען ווי אַ רוסישער ליטעראַט, דער עיקר, ווי אַן איבערזעצער פֿון עטלעכע אויסלענדישע און "סאָוועטישע" שפּראַכן. דאָס מאָל, אין דעם עפּיזאָד מיטן פּאָלקאָווניק־ניט־פּאָלקאָווניק, האָט מיך אָבער פֿאַרטשעפּעט, וואָס ער האַלט אונדז, פֿאַקטיש, אויכעט פֿאַר שוטים, און ווייסט, אַז מיר פֿאַרשטייען עס אָון ווען עס שטיל אַראָפּשלינגען. האָב איך, ווענדנדיק זיך צו אַליק בראָדסקין, וועלכער איז געזעסן אַ פּאָר פּוסטע בענקלעך לינקס פֿון מיר, רויִק, נאָר קלאָר אויף אַ קול, נאָכמאַכנדיק אפֿשר דעם בראַוון זעלנער שווייק, באַמערקט, אַז שלעכט איז דער סאָלדאַט וואָס שטרעבט נישט צו ווערן אַ גענעראַל – אַזאַ רוסיש שפּריכווערטל.

[1] אין דעם "נאָווי מיר" ("די נײַע וועלט") זענען צו די צײַטן פֿון אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקין (שעף־רעדאַקטאָר: 1958-1970) פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פּאָעזיע און פּראָזעווערק פֿון פֿאַרבאָטענע אויטאָרן־עמיגראַנטן און פֿון דעם קיינעם נאָך דעמלט ניט באַקאַנטן פּראָווינציעלן לערער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין.

אין דער שטיל האָבן אַ קריץ געטאָן די ציין בײַ ווערגעליסן – די ציין וואָס זענען מסוגל אָפּצובײַסן אַ טישווינקל!

מיט מיר פֿלעג ער רעדן נאָר אויף רוסיש, וואַרשײַנלעך אונטערשטרײַכנדיק אויף אַזאַ מאָדנעם אופֿן אונדזער "עליטאַרקייט" אין יענער macaronique-שפּראַכיקער סבֿיבֿה, אָדער, קאָן זײַן, האַלטנדיק מיך אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, פּראָפֿילאַקטיש, איך זאָל, חלילה, צו היימיש מיט אים ניט ווערן. איך אָבער פֿלעג אים שטענדיק ענטפֿערן אויף ייִדיש, און וואָס מער "בעסאַראַביש", פּלעבעיִש – אויף אַזוי פֿיל מיט גרעסערן שאָדנפֿריידיקן פֿאַרגעניגן, און ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען אין מיר, אָט דער רוח!

אייניקע מאָל פֿלעג ער שיִער ניט וויינען: "נו וואָס לאָזט איר מיר, ליאָוואַ, ניט לעבן, אָט האָב איך אײַך די שורה פֿאַרביטן, אָט – די סטראָפֿע אַרויסגעוואָרפֿן. איך ווייס דאָך וואָס איך טו... זיי שרײַבן דאָך אַלע אַ ה י ן[1]... און בכלל, איר פֿאַרשטייט, ס'איז ניט וויכטיק, עס גייט נישט אין שורות און דעם אָדער אַן אַנדער וואָרט, נאָר אין אײַער טעטיקייט, אין דעם, וואָס פֿאַר אַ באַדײַט איר האָט אין דעם ליטעראַרישן און אַלגעמיינעם פּראָצעס, פֿאַר וועמען מע האַלט אײַך... אוי, ליאָוואַ, איך דאַרף אַזוי האָבן אַ מיטקעמפֿער, אַן אמתן קאַמף־חבֿר...".

יאָ, ער האָט זיך שטאַרק אָפּגענאַרט אין מיר, און אַנטוישט... נישט אין די לידער מײַנע – אין מיר גופֿא. ווײַל ווער ווייס וואָס ער האָט זיך אפֿשר אויף מײַן חשבון אָנגעטרוימט אין אָנהייב פֿון אונדזערע נאָענטע, כמעט חבֿרישע באַציִונגען בעת מײַנע ערשטע פּאָעטישע פּרוּוון אויף ייִדיש, וועלכע פֿלעגן אים פּשוט פֿאַרשיכּורן, און ער פֿלעגט – שוין באַגלייטנדיק מיך אין זײַן קאַבינעט צו דער אַרויסגאַנג־טיר און קורץ נאָך "אויף איין רגע" צוזעצנדיק זיך מיט מיר אויף דער לעדערנער באַנקעטקע, און – אין עפּעס אַ פֿאַרלעגנהייט אָנרירנדיק מיטן פֿינגער מײַן עלנבויגן – ווי אין עפּעס אַ טראַנס אַ זאָג טאָן: "איר ווייסט, אַלע יאָרן האָב איך געוואָלט אַזוי שרײַבן... נו, ווי איר, ליאָוואַ...".

טאָקע דעמלט, אין יענע האָניק־חדשים – זיך אָנגעהערט פֿון אים כּל־מיני פּרטים און איינצעלהייטן פֿון זײַנע יונגע יאָרן – האָב איך אים געווידמעט דאָס געדיכט "צו דער גראַוויטאַציע־לערע: אַ. וו."[2], וואָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מיט די שורות:

"אַ. וו. – אַן ערדישער מענטש און אַ ליריקער – / איז געווען אַמאָל אַ דעסאַנטלער, / אַ Himmelstraffe, איר הערט?"

און פֿאַרענדיקט זיך גאַנץ לעבנס־באַיאָענדיק:

"און די ליריק אים/ ניט איין מאָל האָט דאָס לעבן געראַטעוועט / מיט איר קאָסמישער מאַכט: / גובֿר זײַן די ערד־גראַוויטאַציע.../ זעט: / .אָט שטייט ער / און לאַכט!"

---

[1] זע אין די "דערגאַנצונגען צו די טעקסטן".

[2] פֿאַרעפֿנטלעכט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" נומ' 6, 1982, אונטער דעם טיטל "זעט!"

יאָ, עפּעס אַ סוד איז געווען פֿאַרבאָרגן אין אים. איך מיין נישט דעם סוד פֿון זײַנע בייזע, צו מאָל פּשוט ווילדע אויספֿראַלן, נאָר זײַן עקזיסטענציאַלן, גענעטישן סוד, זײַן אפֿשר אָפּשטאַם פֿון עפּעס אַ מיטל־אַלטערלעכן פּיראַט, אָדער אַ שליח פֿון דעם פּלאַנעט פּלוטאָן! (יצחק רבין אויסן אויג: דאָס פּנים, די וווּקס און פֿיגור, און דאָס אונטערהייבן זיך אויף די שפּיץ פֿינגער ווען יענער שטייט און רעדט פֿונעם טעלעוויזאָר־עקראַן).

צי ווייסט ער אַליין, דער ״אַ. וו.״, דער פּערסאָנאַזש פֿון עטלעכע מײַנע לידער אויף ייִדיש, זײַן טראַגישן סוד?

איך בין, דאַכט זיך, געפֿאַלן אויפֿן סטיס. זײַן סוד איז – זעלבסטפֿאַרראַט. ער האָט אַלצדינג געהאַט פֿאַר אַן אמת גרויסן פּאָעט. אין לעצטן סך־הכּל אָבער...

אוראַן גוראַלניק, אַן ערלעכער און געבילדעטער מענטש (וועלכער האָט פֿאַרן טויט פֿאַר־שאָלטן ״דעם רויטן״), פֿלעג זײַנע לעקציעס בײַ אונדז אָנהייבן מיט די ווערטער: ״די ווערגע־ליס־תּקופֿה פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״ אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור איז מערקווירדיק מיט דעם, וואָס...״.״אײַנריכטן״ און ״אָנפֿירן״ – איז ניט קיין שליחות פֿון אַ פּאָעט, זײַן אַמט איז מתפּלל זײַן און זינגען, און לאַכן ביז די טרערן...[1]

נאָר אויב ער ווייסט עס, פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט פֿאַרראַטן – און שוין אומצוריקקערלעך – זײַן ערדישן רוח־חיים, טאָ ווי לעכערלעך זענען פֿאַר אים די אַלע ״אויפֿדעקונגען״ און ״דעמאַסקירונגען״, די אָן אַ שיעור אויפֿשווימענדע אַלטע בריוו פֿון און צו אים, און ווענגן אים, דערבײַ אין דער אויסלענדישער, נאָך מער – אין דער ייִדישער פּרעסע, וועלכע ער וועט אַפֿילו מיט אַ ביטול־וואָרט נישט באַוויליקן.

*

״סאָוועטיש היימלאַנד״ ווי אַן עפּאָכע – איז קראַנק אומאויסהיילעוודיק, אויף וואָס פֿאַר אַ ״ייִדישע גאַס״ מ׳זאָל עס נישט איבערוואַנדערן. און ווי זעלבסט אַ. וו. פֿלעג זיך אויסדריקן, ווען עמעצער פֿון זײַנע אַמטקאָלעגן פֿלעג שלאָף ווערן, כאַטש אויף איין טאָג:

״קיין חולים דאַרפֿן מיר דאָ נישט! חולה – אין אַ טאַטשקע און גלײַך אויפֿן מיסטפּלאַץ!״

אָט אַזאַ באָלשעוויק!

עכּו, יולי 1994

[1] זע דעם בריוו פֿון ווערגעליסן צו ניקיטאַ כרושטשאָוו, דאַטירט דעם 24.5.1960, מיט, למשל, אַזאַ פּאַסאַזש: ״אין די לעצטע פֿיר־פֿינף יאָר פֿירט זיך אין דער ייִדישער און ניט נאָר ייִדישער פּרעסע אַ משוגענע, אויף קיין איין טאָג נישט אויפֿהערנדיקע פּאָליטישע קאַמפּאַניע אַרום דער אַזוי גערופֿענער ״ליקווידאַציע פֿון דער ייִדישער קולטור״, און רופֿט ווײַטער אָן אַזעלכע ייִדישע ״אַנטיסאָוועטשיקעס״ ווי די שרײַבער האַגעל, עמיאָט און סוצקעווער.
(...) אין אַזאַ סיטואַציע באַקומט אַ באַזונדערן באַדײַט דאָס אײַנריכטן (אין ראַטן־פֿאַרבאַנד – ל.ב.) אַ קלאָרע און טאָג־טעגלעכע אָנפֿירונג מיט דער ייִדישער ליטעראַטור״. (זשורנאַל «Лехаим» נומ׳ 144, מאָסקווע, 2004).

סאָם אַפּצי סאָמען די זשיקעס אין זשיקעליצעס

״וויין נישט, מאַמע, וויין נישט, טאַטע, כ׳בין אַ גנבֿטע געוואָרן,
פֿונעם לאַנגן־לאַנגן זיצן ווערט דער תּחת מיר געשוואָלן.
האָב איך ליב געהאַט אַ בחור, כ׳האָב געוואָלט פֿון אים דאָך ראָדיען,
איז געווען בײַ נאַכט אַ שוכער, כ׳וועל זיך מירטשעם אָסלאָבאָדיען
שוין אַן אַלטע, ניט קיין שיינע, וועט ער מיך שוין ניט דערקענען,
וועט ער אפֿשר איבערלייענען אויף מײַן מצבֿה, אַז איך האָב אים שטאַרק
ליב געהאַט און איבער אים בין איך געשטאָרבן גאָר אַ יונגע מויד״.

מ. פֿעלזענבאַום .פֿון דעם ראָמאַן ״בירגער פֿיפֿיק״

מיכאל פֿעלזענבאַום געהערט צו דעם יונגן דור יִדישע שרײַבער און האָט פֿון אָנהייב אָן געהאַט, ווי אויך אַנדערע וואָרטשאַפֿערס פֿון דעם דאָזיקן דור, צוויי מעגלעכקייטן, צוויי וועגן פֿאַר זיך: ווערן אַ מאָדערנער, אָבער בלויז פֿאַר די ספּעציאַליסטן באַקאַנטער ליטעראַט, אָנווענדנדיק אין דער פּראָזע און דראַמאַטורגיע די קונסטשפּראַך און שאַפֿונגס־מיטלען פֿון אַוואַנגאַרדישער עסטעטיק, אָדער טרײַ בלײַבן דעם אויסגעליבטן בײַם יִדישן בעלעטריסטיק־קאָנסומענט שטייגער־באַשרײַבנדיקן מעטאָד, וועלכער גאַראַנטירט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אַ נאָמען און אַ געוויסע פּאָפּולערקייט.

פֿעלזענבאַומס מאָדערניזם, סײַ דער עסטעטישער, און סײַ דער פֿילאָסאָפֿישער, וואָרצלט אין דעם אַבסורד אינעם איראַציאָנעלן צוגאַנג צום מענטשישן דאָזײַן און מענטשהייטס־געשיכטע אין דעם אָפּזאָגן זיך פֿון פּאָזיטיוויזם.

הולך הָרוּחַ ועַל סְבִיבתיו שָׁב הָרוּח –

אָ דער אַלטער קהלשער איראַציאָנאַליזם, ווי אַ רעזומירנדער אויסדרוק פֿון לעבנס־געפֿיל און וועלטבאַנעם פֿון אַ מענטשן אויף דער ערד, איז געוואָרן אין 20סטן יאָרהונדערט דער חוט־השדרה פֿון קונסט. אָבער דער אַבסורד – די העכסטע, אָדער לעצטע, סטאַדיע פֿון איראַציאָנעלקייט און דהײַנו דער עכט־יִדישער קאָמפּאָנענט אין דער הײַנטיקער קונסט – איז דאָך ניט נאָר פֿון דעם אַלטן נבֿיאישן אָפּשטאַם, אויך אונדזערע שפּעטערדיקע זשעניִען האָבן דאָ געזאָגט זייער וואָרט.

פֿון צײַט צו צײַט קומט אַ יִיד אויף דער ערד און ברענגט אַרויס אַ פּאָר ווערטער – און די ערד, דער פּלאַנעט, דער גאַנצער אידסוף אַרום ווערט אַן אַנדערער, עפּעס אַן איבערגעביטענער.

אַזוי איז געווען, ווען דער ערשטער יִיד האָט פּלוצעם זאַיאַוועט, אַז ס׳פֿירט אָן מיט דער וועלט און שטייט בײַם קאָסמישן רודער נאָר אַן איינציקער, דער איין־און־איינציקער נאַוויגאַטאָר; אַזוי האָט זיך געטראָפֿן, ווען איסאַק[1] ניוטאָן – דאָס איז שוין געווען איין מאָל אַן

---

[1] אייגנטלעך: יצחק בן יצחק. ״לויטן גענאָטיפּ און פֿענאָטיפּ אַן אויטענטישער יִיד, האָט ער טיף אַרײַנגעדרונגען אין דער אַלטיִידישער אַנגעלאָלאָגיע און נומעראַלאָגיע, און זײַנע אַסטראָפֿיזישע אַנטדעקונגען זענען געווען שוין אַ בײַ־פּראָדוקט פֿון די תּנכישע און קבלהשע אויספֿאָרשונגען. אַזוי האָט ער אויך פֿאָרויסגעזאָגט, אַז פֿאַר דעם תּחית־המתים וועלן זיך די יִידן ווידער פֿאַרזאַמלען אין ארץ־ישׂראל״. Dist

אַבסורדיסט! – האָט צונויפֿגעבונדן אַלע שטערן און פּלאַנעטן מיט אַן אומזעעוודיקן פֿאָדעם און געהייסן זיי אַלע דרייען זיך לויט זײַן גראַוויטאַציע־געזעץ; אַזוי איז דאָס אויך הײַנט, נאָך דעם, ווי אַלבערט אײַנשטיין האָט בשתיקה, ניט אויפֿהייבנדיק קיין גרויסן רעש – ווי עפּעס אַ שטילער מקובל פֿאַרשרײַבט דעם שם־המפֿורש, – ערגעץ אָנגעקריצט אויף אַ פּאַפּירל, און אַפֿילו שוין ניט קיין פּאָר ווערטער, נאָר בלויז עטלעכע לאַטײַנישע אותיות, אַ ממשדיקן אומזין:

$$E=mc^2$$

און אָפּגעשאָפֿן אַריסטאָטעלס טראַדיציאָנעלע דעטערמיניסטישע וועלט מיט איר קאָסמישער, עקזיסטענציאַלער און סאָציאַלער סובאָרדינאַציע.

און אויב בײַם אַלטן גריך פּלאַטאָ פֿונקציאָנירט דער וועלטאַל לויט די מוזיק־פּרינציפּן, הערן אויף די צוועלף טענער – אין דער אַטאָנאַלער סיסטעם בײַ אַרנאָלד שענבערגן – זיך בכלל אָנצושפּאַרן יעדעס מאָל אויף דער ערשטער, דריטער און פֿינפֿטער שטיצשטופֿע, און שוין יעדער טאָן אין סיסטעם – ט׳האָט איר אײַנשטיינס רעלאַטיוויטעט – ווערט אַ זעלבשטענדיקער און אַ ווערטפֿולער פֿאַר זיך אַליין. אַן אַבסורד פֿאַרן דעמלסדיקן מעלאָמאַן, אויפֿגעכאָוועטן אויף די שטרענגע אָרביטעס פֿון י. ס. באַכס פֿוגעס.
מאַרק שאַגאַל לאָזט אָפּ זײַן פֿאַרליבט פּאָרל אין הימל שוועבן און דול, און משוגע די אויבן־אונטן־רעכטס־לינקס־וועלט מאַכן.

צוויי אַנדערע ייִדן, הגם ניט גאָר אויף עפּעס אַ ייִדישער שפּראַך, קערן איבער די עמפּיריש־שפּראַכיקע וועלט און דאָס פֿונקציאָנעלע מענטשן־לשון: דער אַלט־נײַער מיסטיקער פֿראַנץ קאַפֿקאַ און דער סעמאַנטיק־באַגרעבער, דער דאַדאַיזם־גרינדער טריסטאַן צאַראַ (סאַמי ראָזענשטאָק פֿונעם שטעטל מוינעשט), וועמענס פּסעוודאָנים באַטײַט אויף רומעניש ״אַן אומעטיקער אין דעם לאַנד״, און וועמענס שאַפֿן איז אַן אָפֿענער, כאָטש ביז הײַנט ניט פֿאַרשטאַנענער בונט קעגן די 2000 יאָר גלות און קאָנפֿאָרמיזם.

צי האָט דען שמיליק ראָזענשטאָק (געב׳ 1896) ניט געלייענט דעם געניאַל־אַבסורדאַלן טשיליבי משה (אַבֿרהם משה שוואַרץ, 1812-1870) מיט זײַן סחורה־קעסטל, דעם פּראָים משה פֿון פּאָקשאַן, וועמענס פֿאָלקסטימלעך־אַפֿאָריסטישע ״געדאַנקען פֿון 40 נעכט״[1] זענען פֿול געווען מיט אָט דער ספּעציפֿישער פּראָסט־ייִדישער חכמה: ״אַ מויד, דרײַ חדשים נאָך דער חתונה, געווינט פּלוצעם אַ קינד, און דער מאַן שלעפּט זי צום מישפּט, קלאָגנדיק זיך דאָרט, אַז אויב זי וועט אים אַזוי ווײַטער ברענגען יעדע דרײַ חדשים אַ קינד, ווּ נעמט ער פּרנסה זיי אַלע אויפֿצוכאָוועןן?״

אָט דער המון־עמישער אַבסורדאַלער נוסח פֿון דענקען און האַנדלען איז תּוכיק פֿאַר די פּערסאָנאַזשן פֿון פֿעלזענבאַומס פּראָזע, און נאָך מער – פֿון זײַנע פּיעסעס. ניין, נישט דער אָנערקענטער ״דערפֿינדער״ פֿונעם אַבסורד־טעאַטער אַלפֿרעד זשאַרי (1907-1873), און ניט דער נאָבעל־פּרײַז־טרעגער סעמיועל בעקעט (1989-1906), און אויך ניט גראָד די דרײַ וועלט

[1] "Practica şi apropouri lui Cilibi Moişi". Bucureşti, 1867 (Cilibi Moişi - Froim Moise Schwarz 1812-1870).

באַרימטע פּעלזענבאַומס זעמליאַקעס – יאַן לוקאַ קאַראַדשאַלע (1852-1912), עזשען יאָנעסקאָ (1912-1994), און דער גרויסער איראָניסט און מיטאָס־חרובֿ־מאַכער מאַרין סאָרעסקו (1936-1996), וואָס זיי האָט פּעלזענבאַום, אַן אינטעליגענטער מענטש, זיכער געלייענט און אפֿשר געזען אויף דער בוקאַרעשטער בינע, – ניט זיי אַלע זענען אָבער זײַנע פּאָרגייערס און מענטאָרן. זײַן איינציקער מדריך איז – נאַט אײַך גאָר! – בכלל ניט קיין ערדישער מענטש, נאָר עפּעס אַ לופֿטמענטש, יאָ־יאָ, יענער אייביקער ט׳איז־ער־שוין־דאָ, אונדזער מענדל, אונדזער מנחם, אונדזער אַשכּנזישער נאַציאָנאַל־טיפּ, וועלכער אַנטפּלעקט זיך ווידער אין די ווערק פּעלזענבאַומס – אין סאַמע פּאַרשידענע מאָדיפֿיקאַציעס און געשטאַלטן.

גוט דערקענט אויף דער אייגענער שקורע דעם עולם־הגויים, אָריענטירט זיך פּעלזענבאַום ווייניק וואָס אויף דער גלאָבאַל אָנגענומענער סקאַלע פֿון גײַסטיקע און קולטורעלע ווערטן. די עכט אויטענטישע ייִדישע וועלט, סײַ די אַלטע תּנכישע, און סײַ די, אין וועלכער ער לעבט, אָט אין בעלץ, אָט אין בוקאַרעשט, אָט שוין אין תּל־אָבֿיבֿ – איז זײַן אינטעלעקטועלע און טאָג־טעגלעכע סבֿיבֿה מיט אָ די אַלע צענדליקער מנחם־מענדלס: מלאָכים, גנבֿים, קורוועס, נבֿיאים, רעצידיוויסטן, בעלי־חלומות, אַוואַנטוריסטן, פּאַסטעכער, נאַראָנים, שיכּורים...

די גאַנצע ייִדישע מענטשהייט, דער פּלאַנעטאַרער מנחם־מענדל, פֿון כּל־המינים מענטשנטיפּן און פֿיגורן: „באָבע מיט איציקן שפּילן זיך מיט די בריליאַנטן. ס׳הייבט אָן צו קלינגען עפּעס חסידיש – באָם־באָם־בים־באָם־באָם... די באָבע טאַנצט, אין דער מעלאָדיע וועבט זיך אַרײַן דאָס געוויין פֿונעם קליינעם חיימקע. איציק שטייט פּאַרטראַכט. די באָבע טאַנצט. אויף דער בינע ווערט פּאַמעלעך פֿינצטער“. („אַ ביטערע קאָמעדיע. משוגעת אין צוויי בילדער“).

די מאָדערנע דראַמאַטורגיע – אַ סך מער ווי די קלאַסישע און טראַדיציאָנעלע דראַמאַטורגיע, וואָס האָט געקאָנט אויך זעלבשטענדיק עקזיסטירן ווי אַ ליטעראַריש ווערק, – נייטיקט זיך אין אַן אומבאַדינגלעכער סצענישער רעאַליזירונג, מוז געשטעלט און פֿונעם צושויער געזען און געהערט ווערן.

מיכאל פּעלזענבאַום, וועלכער האָט פּאַרענדיקט אינעם לענינגראַדער אינסטיטוט פּאַר קולטור דעם פּאַקולטעט פֿון טעאַטער־רעזשי און האָט שפּעטער אָנגעפֿירט אין בעלץ מיטן ייִדישן טעאַטער „מנורה“, איז, אַזוי אַרום, ניט פּשוט אַ שרײַבער, וואָס איז פֿעיִק אָנצושרײַבן אויף עפּעס אַ פּיעסע, – פּעלזענבאַום פּאַרשטייט אַלע באַזונדערקייטן, אַלע ספּעציפֿישקייטן פֿון אַ דראַמאַטורגיש ווערק, די קאָמפּאָזיציאָנעלע און סצענישע געזעצן, עפֿעקטן, און שוין בײַם שרײַבטיש שטעלט ער זיך פֿאָר ווי אַזוי דאַרף אויסזען די אָדער אַנדערע מיזאַנסצענע, ווי דאַרף קלינגען אָט דער דיאַלאָג צי יענער מאָנאָלאָג.

דאָס הייסט, אַז דער דראַמאַטורג פּעלזענבאַום שרײַבט פּאַרן רעזשיסאָר פּעלזענבאַום און ניט נעמענדיק זיך צו פּאַרגלײַכן אים מיט שעקספּירן, מיט מאָליער אָדער בערטאָלט ברעכט, וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז די גרעסטע דערגרייכונגען אינעם וועלט־טעאַטער זענען אין די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער צו שטאַנד געקומען פּונקט אין ענלעכע פֿאַלן, ווען דער דראַמאַטורג־רעזשיסאָר האָט אַליין געשטעלט זײַנע זאַכן.

אָבער פּאַר מיכאל פּעלזענבאַום געפֿינט זיך הײַנט קיין ייִדישע בינע ניט.

דער יִידישער, יִדיש־שפּראַכיקער דראַמע־טעאַטער איז הײַנט מער שוין טויט איידער לעבעדיק. דאָס מיינט נישט, אַז די בנינים זענען פֿאַרנאַכלעסיקט און וויסט, און די זאַלן פֿול מיט מײַזלעך און זשוקעס. איבער פֿאַרשידענע אָביעקטיווע און ניט אָביעקטיווע סיבות, וועלכע ס׳איז דאָ ניט דאָס פּאַסיקע אָרט צו באַהאַנדלען, האָט דער יִדישער טעאַטער, ווו ער זאָל זיך הײַנט ניט געפֿינען, זיך אומגעקערט צו די טראַדיציעס און מעטאָדן פֿון דעם דירעקטאָר אַלפֿרעד שטשופּאַק, און איז ווייניק וואָס פֿאַראינטערעסירט אין עפּעס אַ נײַער עסטעטיק און נײַע קינסטלערישע שטרעבונגען. דער רעזולטאַט – אין אַזאַ טעאַטער האָט ניט וואָס צו זוכן אַן אמתער טעאַטראַל און שוין אַוודאי – דער יִנגערער דור. אָבער גראָד בײַ דעם יִנגערן דור איז מיכאל פּעלזענבאַום (מער אין אייראָפּע איידער אין ישׂראל) טאַקע יאָ באַקאַנט און גילט ווי דער בעסטער הײַנטיקער יִדישער דראַמאַטורג –און זיי, די פֿאַרערער זײַנע, האָבן רעכט!

*

מיר זיצן מיט אים בײַ אַ קוואָרט ביר אין דער ״טרויאַנער קאָבילע״, און ער ציט פּלוצעם אַרויס – אויף טראַף! – עפּעס אַ בריוועלע פֿון אַ גאַנץ פּעקל אויפֿגעמאַכטע און נאָך פֿאַרקלעפּטע קאָנווערטן, אָנגעקומענע אויף זײַן נאָמען פֿון דער ווײַט באַרימטער טורמע אַבו־כּביר. עס שרײַבט און פֿרעגט אים אַ מיינונג וועגן אירע לידער די אַמאָליקע, נאָך אין בעלץ, מיטשילערין און איצט – אַן אויסגעוואַלגערטע גנבֿטע, ביזן הײַנטיקן טאָג אָבער זײַנע אַ לידער־נאָכמאַכערין. צו דעם ליד (זע אין אָנהייב) איז צוגעלייגט אַ מקורבֿדיק צעטעלע:

״אנט אָטמינ גיפּאָסט. מ׳אָט גיקימינ ינ גיזוגט אַסי קימט אַ נאַיר רעבי אָבין אַלי גיפּאָסט נאָר דער זשלאָפּ פינ זשמערינקי אָט גיסטיבריט באַ די מיידלאכ ווּוס נעינ קוסטיומינ פאַר ינזירי חאסונים אַ פּאלאפּיל ווּוס זיי לייגן אראן ין ים סאָם אפצי סאָמין די זשיקיס ין ער אָציכ ופּגיסאָמט מידים פּאַלאַפּיל די מיידלאכ ווּוס נעינ קוסטיומינ פּאַר ינזירי חאַסונים זאַנינ גיגאַנגין צי זיך יפנעינ אַ נאים קוסטיום פּאַרדים זשלאָפּ פינ זשמערינקי ווּוס אָציכ גיסאָמט מידים פּאַלאַפּיל פּארדי זשיקעס ינ ליקט אַצינד ינ גאָיסיט ינ שטערט דים אָילים צי פּאסטינ״.

איך פֿאַרשטיי אַז ער ״שפּילט טעאַטער״, און שפּיל אים – ווי שוין אין משך פֿון לאַנגע 15 יאָר – אונטער.

עכּו, זומער 1994

[1] זע אין שלום עליכמס ״בלאָנזנדע שטערן״.

[2] אַ תּל־אָבֿיבֿער ביסטראָ אין ״בית ברנר״, ווו פּעלזענבאַום איז געווען דער אויספֿיר־דירעקטאָר און ווו ל.ב. האָט איניציִרט און די ערשטע חדשים געפֿירט דעם ליטעראַרישן קלוב אונטער דעם פֿאַראָדישן נאָמען.

עכשיו השפה בארץ־ישראל

יעקב בסר
Ya'akov Besser

הַפֶּה שֶׁל אִמִּי רַךְ
כְּמוֹ צְעָקַת רְגָשׁוֹת־אָשָׁם
בְּשַׂר פֶּרֶא מִבֵּין שְׂפָתֵי אִמִּי
גּוּר זְאֵבִים מְרַטֵּט וְלַח
בְּחֹרֶף הַיַּעֲרִי. הִיא שׁוֹמֶטֶת אוֹתוֹ
וְאוֹסֶפֶת, נוֹשֶׁכֶת בְּרֹךְ
אֶת פַּרְוָתוֹ, מְנַהֶמֶת לְחִישׁוֹת אֶל אָזְנוֹ.

כְּשֶׁאֵלֵךְ, כְּשֶׁאָרוּץ, כְּשֶׁאֶרְחַק מִמֶּנָּה, יָדַעְתִּי
תַּצְמִיחֶנָּה לְחִישׁוֹתֶיהָ לְרִגְשׁוֹת־אָשָׁם

עַכְשָׁו, הַשָּׂפָה הָעִבְרִית בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל לֹא
לוֹקַחַת אוֹתָהּ בְּחֶשְׁבּוֹן; הַמִּלִּים נוֹפְלוֹת
אֵין טַעַם, מִבֵּין שְׂפָתוֹתֶיהָ
בְּלָשׁוֹן חֲלוּשָׁה מְגַלְגֶּלֶת בְּיָדֶיהָ עֲגָלַת נְכִים
הִיא הוֹפֶכֶת מִלִּים
מִיִּידִישׁ לְעִבְרִית

אֲבָנִים בְּשָׂדֶה בּוֹגְדָה. עַקְרַבִּים
מִצִּדּוֹ הַלַּח. הֵם בָּאִים בְּלָשׁוֹן צְהֻבָּה
רְגָשׁוֹת אָשָׁם, תּוֹלִים עַצְמָם עַל שְׂפָתַיִם.

העברעיִשע היימשטעט – תּל־אָבֿיבֿ, ווירצבורג, קאַליש...

דער נאַרציס פֿון שרון – דוד אַבֿידן

(1995-1934)

וואָס איז דער יום־כּיפּור פֿאַר מיר?

איך בין תּמיד אונטערן מישפּט פֿון מײַן יום־כּיפּור.
אַלע צען יאָר מוז באַשטימען אַ מענטש,
צי ער וויל נאָך אָפּלעבן צען יאָר.
יעדן טאָג מוז ממש באַשטימען דער מענטש,
צי ער וויל לעבן מאָרגן.
יעדע מינוט מוז באַשטימען דער מענטש,
צי כאָטש נאָך אַ מינוט וויל ער לעבן.
וואָס זשע איז דער יום־כּיפּור פֿאַר מיר,
אַז בײַ מיר כּל־היום איז יום־כּיפּור?

דוד אַבֿידן (אַווידאַן)

געבוירן געוואָרן איז ער דווקא ניט אין שרון – נאָר אין תּל־אָבֿיבֿ, וווּ ער האָט שוין אין די פֿריִע יאָרן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו ליטעראַטור, דעביוטירט אָבער זײַענדיק שוין אַ סטודענט פֿון דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט. זײַן וועג אין דער ישׂראלדיקער דיכטונג האָט ער אָנגעהויבן אין די 50ער יאָרן, ווי אַ נאָכפֿאָלגער פֿון יהודה עמיחי און נתן זך. גאַנץ גיך אָבער האָט ער אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם סטיל און אַ פּאָעטישן וואָרטשאַץ מיט אַ גאָר ברייטן דיאַפּאַזאָן – פֿון מאָדערנסטער טעכנאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע ביזן גראָב־נאַטוראַליסטישן אַמעריקאַניזירטן סלענג פֿון דער יונגער באָהעמישער סבֿיבֿה און זעלבסט־דערפֿונדענע העברעיִשע נעאָלאָגיזמען און שפּראַך־ווענדונגען. זײַן שעפֿערישע אידעאָלאָגיע איז באַשטאַנען, דער עיקר, אין דער פּריאָריטעט פֿון אינדיווידועלע ווערטן פֿון אַ מענטשן, אין פֿאַרגלײַך מיט די געזעלשאַפֿטלעכע אָדער מלוכישע אינטערעסן.

דאָס ערשטע בוך זײַנס "קראַנטן מיט אָפּגעהאַקטע ליפּן" ("ברזים ערופי שפתיים") איז דערשינען אין 1954, און בסך־הכּל האָט ער אָנגעשריבן מער ווי 20 ביכער, מיט וועלכע ער איז אַרײַן און פֿאַרבליבן אין דער העברעיִשער און אינטערנאַציאָנאַלער דיכטונג ווי אַן אַוואַנגאַרדיסטישער פּאָעט און באַנײַער פֿון זײַן מוטערשפּראַך. זײַן ליריק איז איבערזעצט אויף אַ ריי אייראָפּעיִשע שפּראַכן און אויף אַראַביש.

◀▶

מיר האָבן זיך באַקענט אין מאָסקווע, אין יאָר 1990, ווען ער איז געקומען, אין איינעם מיט נתן זך (זאַך), צום 100־יאָריקן יובילײ פֿון באָריס פּאַסטערנאַק. די פֿאַרוואַלטערין פֿון דער פּאָעזיע־סעקציע אין דער צײַטשריפֿט ״אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטוראַ״ (״אויסלענדישע ליטעראַטור״) טאַטיאַנאַ לאַנינאַ, איז שיִער ניט אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער שטול, ווען איך האָב פֿאָרגעלייגט אָפּצודרוקן אַ גרויסן ציקל פֿון אַבֿידנס לידער: ״אַ ישׂראלדיקער פּאָעט? און אַפֿילו ניט קיין קלאַסיקער, אַ לעבעדיקער? שרײַבט אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך – אויף העברעיִש? ס׳וועט זיך גאָרנישט באַקומען, ווען ס׳וואָלט כאָטש יִדיש געווען, פֿאָרט עפּעס אַ ׳סאָוועטיש׳ לשון... אַ ציוניסט נאָך מסתּם, האַ? עמעצער פֿון ׳אונדזעריקע׳ קען אים? וואָזנעסענסקי?...״

צו אַנדריי וואָזנעסענסקי האָב איך שוין געהאַט אָנגעקלונגען מיט אַ טאָג פֿריִער. און באַלד דערהערט:

– וואָס דערציילט איר מיר, ליאָוואַ? איר דאַרפֿט מיר נישט אײַנרעדן. אַבֿידן! אַ פּרעכטיקער ליריקער, מיר קענען זיך גוט מיט אים, געטראָפֿן זיך אויף עטלעכע פֿעסטיוואַלן... יאָ־יאָ, כ׳וועל טאָן אַלץ וואָס איך קען...

ווען דער זשורנאַל מיט דער פּובליקאַציע איז אַרויס (מערץ 1991), בין איך פּונקט יענע טעג אָנגעקומען קיין ישׂראל. אַ פֿרישינקער עולה... אויפֿגעבלעטערט: די איבערזעצונגען פֿון סאַוועלי גרינבערג – אַלץ, אַלדינגס ווי דוד האָט עס געוואָלט!

◀▶

דעם 12טן מײַ 1995 האָט מיר אָנגעקלונגען קיין רענדסבורג, אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון האַמבורג, מײַן פֿרוי: ״אַבֿידן איז געשטאָרבן״.

איך האָב שטיל אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. די וועלט איז געשטאַנען אַן אָנגעפֿילטע מיט הוילקייט, אָן אָביעקטן און שאָטנס. צו ביסעלעך האָבן זיך אין דער פּוסטקייט באַוויזן איינצלנע חפֿצים, דערהערט ווײַטע סיגנאַלן פֿון אויטאָס און קלינגענדיקע קולעכלעך פֿון די טערקישע קינדער אויף דער פּרינצעסין־גאַס, דער אַמאָליקער יִדישער גאַס...

◀▶

צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען סוף מערץ 1993. מיר – דער כינעזישער דיכטער מאַ גאַאָמין, דער ליריקער פֿון שוועדן טאָביִאַס בערגגרען און נאָך אַ צען־צוועלף לײַט פֿון דער בראַנזשע – זענען געזעסן שפּעט בײַ נאַכט אין דעם באַר פֿון ״משכנות שאננים״, אַ

קולטור־צענטער, וואָס האָט אין יענעם יאָר אָרגאַניזירט דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַלן ירושלימער פּאָעזיע־פֿעסטיוואַל. אַרום האַלב איינס טוט זיך ברייט אַ צעעפֿן די טיר און פֿון דעם העל־באַלויכטענעם הויף קומט אַרײַן דוד אַבֿידן, וועלכער האָט זיך ערשט אומגעקערט פֿון זײַן ליטעראַרישן אָוונט אין שטאָטטעאַטער. ווען איך האָב אַ פּאָר טעג פֿריִער געהאַט מײַן פּרעזענטאַציע אין טעאַטער ״חן״, איז צו מיר אַבֿידן אויך ניט געקומען...

נאָך די טיר ניט פֿאַרמאַכט, גיט ער פֿון דער ווײַטנס אַ זאָג אויף ענגליש, בקול־רם, נאָכמאַכנדיק עפּעס אַ וואָקזאַל־ראַדיאָ: ״אָט זיצט דער (ס׳פֿאָלגן עטלעכע סופּערלאַטיוון) פּאָעט בערינסקי, אָבער דאָ אין ישׂראל קען מען דווקא ניט אים – און אַזוי דאַרף עס טאַקע זײַן! – נאָר דעם פּאָעט (ס׳פֿאָלגן סופּערלאַטיוון) דוד אַבֿידן!״

מיט אָט דעם מאָנאָלאָג קומט ער צו צו מיר און גיט שטיל אַ פֿרעג, וואָס פֿאַר אַ סאָרט ביר איך טרינק. הייב איך זיך אויף, גיי צו צום באַרמאַן, באַשטעל דרײַ ״מכבי״ און לאָז איבער צוויי פֿלעשלעך לעבן אים: בשבֿיל דודי! (פֿאַר דודן). מיטן דריטן פֿלעשל, נישט האָבנדיק קיין חשק אים מיטצושפּילן אין זײַן קלאָונאַדע, זעץ איך זיך אַוועק אין אַ ווײַטן האַלבטונקעלן ווינקל. ער אָבער, שוין רײַטנדיק אויפֿן הויכן טאַבורעט בײַ דער סטויקע, טרײַבט ווײַטער די צעהיצטע טעמע, אַרײַנשמײַסנדיק אין זײַן אויסגעצייכנט ענגליש – רוסישע, שלעכט אינטאָנירטע ווערטער און נעמען: ״פּערעדעלקינאָ... פּאַסטערנאַק... מעטראָ נאָוואָקוזנעצקאַיאַ... לעוו... וואָזנעסענסקי...״ – און בלײַבט ווײַטער, אַזוי אַרום, ״אין דעם זאַטל״. באַמערקט, אַז בײַ די טישלעך נעמט מען שוין רעדן צווישן זיך, ווענדט ער זיך ווידער, איבער דעם גאַנצן רוים, צו מיר: ״בערינסקי, וואָס זיצט איר דאָרט אין דער פֿינצטער, קומט אַהער, אידיטע סיודאַ...״.

פֿון לינקס אין ווינקל – דוד אַבֿידן, אויפֿן פֿאָדערגרונט טאָביאַס בערגגרען (פֿאָטאָ ל.ב.)

זיך ניט אָפּרופֿנדיק, זופּ איך ווײַטער מײַן בירעלע און האָב, פֿאַרשטייט זיך, ווי יעדער אימיגראַנט אויף דער וועלט, פֿון וואָס צו טראַכטן.

צו דער סטויקע קומט צו מאַ גאַאָמין און נעמט עפּעס באַשטעלן. אַבֿידן גיט אים שטיל אַ פֿרעג עפּעס. יענער ענטפֿערט אים. אַבֿידן איז מיט זײַן ענטפֿער נישט צופֿרידן, ער לאָזט זיך אַראָפּ פֿונעם טאַבורעט און וויל פּלוצעם וויסן – אָבער שוין אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן – צי זענען דעם כינעזישן דיכטער באַקאַנט די יסודות פֿון כינעזישן פּויסטגעפּעכט – און אַליין שטייט ער שוין אין דער קאַמף־געהעריקער פּאָזיציע. מאָמענטאַל ווערט זײַן וויזאַווי קאַמפּלוסטיק – און אַבֿידן פּאָכעט שוין, געפּערלעך און מעכטיק, אָבער אויסטרענירט־אָפּגעשליפֿן, מיטן רעכטן, דערנאָך מיטן לינקן, און ווידער מיטן רעכטן קולעק, אײַנהאַלטנדיק זיי אין אַ סאַנטימעטער פֿון יענעמס אויגן, נאָז און די ברייטע געמוסקלטע באַקביינער. אַ האַרטער, אַזיאַטישער שמייכל ווערט פֿאַרגליווערט, ווי מעטאַל אין דעם פֿורעם, אויפֿן פּנים בײַם כינעזישן דיכטער. אין דער טויטער שטילקייט קוקן אַלע און וואַרטן מיט וואָס ס׳קאָן זיך דאָס אַלץ ענדיקן.

ניט ווייניק זיך אָנגעקוקט אין די רוסישע שענקלעך אויף אַזעלכע ספּאָנטאַן־מסוכּנע סצענעס, גיי איך מיר אַזוי פֿרײלעך אַרויס צו דעם ״שוי־פּלאַץ״ און לייג פֿאָר: ״אַבֿידן, אפֿשר

ווילט איר אַ פּרוּוו טאָן מיט מיר?״. ער – אַ גליטש מיטן אויגווינקל איבער מײַן גאַנצער, אויב כ׳קען זאָגן, פֿיגור, – שיסט אויס מיט אַ געלעכטער, לאָזט אַראָפּ די שווערע פּאָר הענט און... קוקט אַרײַן, טיף און דאַנקבאַר, מיר אין די אויגן.

– מיט אײַך? מיט אײַך יאָ, לעוו! אָבער מאָרגן! כ׳גיי אָנרופֿן סאַוועליען גרינבערג, איר דאַרפֿט זיך באַקענען, איך האָב עס אײַך צוגעזאָגט נאָך אין מאָסקווע, ווי פּאָמניטע?[1]
– אַבֿידן, ס׳איז אַ פֿערטל אויף צוויי...
– אַ פּאָעט, אַ פֿוטוריסט נאָך פֿון יענינקע... געזען און געהערט מאַיאַקאָווסקין...
– אויפֿוועקן אַן אַלטן מענטש...
– אײַ לאָזט אָפּ, ר׳איז אַפֿיל׳ נאָך קיין אַכציק ניט! כ׳בעט אײַך...
– אַבֿידן, איך גיי שלאָפֿן...

סאַוועלי, אַ גראָווהאָריקער אימפּאָזאַנטער ייִד, איז אָנגעקומען האַלב דרײַ, מיט אַ טאַקסי.

אַבֿידן איז געזעסן אויפֿן הויכן טאַבורעט און דעקלאַמירט זײַנע לידער דעם באַרמאַן, בשעת יענער האָט איבערגעווישט מיט אַ האַנטעך די גלעזער. אַלע אַנדערע זענען זיך שוין צעגאַנגען, איך האָב צוגעדרימלט אינעם ווײַטן פֿאָטעל.

סאַוועלי האָט זיך געהאַט אַ לאָז געטאָן צו אַבֿידנען, נאָר יענער, ניט איבעררײַסנדיק זײַן דעקלאַמאַציע, האָט אים מיטן פֿינגער אַ ווײַז געטאָן אין מײַן ווינקל. סאַוועלי איז צוגעגאַנגען, שטומערהייט מיר געגעבן די האַנט, אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם וואַרעמען מאַנטל, שווער זיך אַוועקגעזעצט, געשוויגן און אָפּגעאָטעמט, און מיט אַ מאָסקווער אויסשפּראַך אַרויסגעבראַכט, מיינענדיק אַבֿידנען, אַ פּאָר גאָר פֿאַר מיר אומדערוואַרטענע ווערטער: ״אַ גרויסער פּאָעט״. קיין סימן איראָניע האָב איך אין זײַן קול און אויף זײַן פּנים ניט באַמערקט...

כ׳קען ביז הײַנט ניט פֿאַרשטיין: ווּ זענען אין יענעם אויפֿדערנאַכט געווען די פֿרײַנד אַבֿידנס, די כאַפּטעס חבֿרים און חבֿרטעס, מיט וועלכע איך פֿלעג אים טרעפֿן אין בית־טשערניכאָווסקי, אין ״אָלגאַ״ און אַנדערע ערטער?

ווּ זענען זיי געווען אַ יאָר־אַנדערהאַלב שפּעטער, ווען מ׳האָט בײַ אים אָפּגעשריבן ס׳פֿאַרמעגן און אים איבערגעלאָזט מיט איין בענקל אין שטוב – און דער מיאוסער בזיון, ווי מ׳האָט מיר דאָ שוין נאָך מײַן רײַזע דערציילט, איז געוויזן געוואָרן אין טעלעוויזיע (live!).

אַ האַלב יאָר שפּעטער איז ער געשטאָרבן.

◀▶

דוד אַבֿידן, אַ בן־דוד, אַ פּרינץ אין דער פֿילטויזנט־יאָריקער העברעיִשער פּאָעזיע, און אַליין אַ געשטאַלט פֿון דעם אומשטערבלעכן שיר־השירים – אַ נאַרציס, וועלכער זעט נאָר זיך גופֿא אין דעם פֿליסיקן צײַט־וואַסער און שרײַט אויס זײַן טריומף אין דער אייביקייט: ״אֲני חבֿצלת השרון שושנת העמקים״.

רענדסבורג, מײַ 1995

---

[1] איר געדענקט? (רוס׳).

אַ מענטש וואָס האָט נאָר געוואָלט – כאַטש האַק אים און בראָק – ״שפּרעכען״ ייִדיש

יהודה עמיחי (אַמיכאַי, 1924-2000)

סוף מערץ 93׳, אויפֿן צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָעזיע־פֿעסטיוואַל אין ירושלים, האָט זיך צום טישל אין משכנות שאננים, ווו איך בין געזעסן בײַ אַ קופּל ביר מיט נינאַ קאַסיאַן, אַ רומענישער דיכטערין, דערנענטערט אַ מענטש, וואָס כ׳האָב שוין, דאַכט זיך, אים ערגעץ געזען, אפֿשר אויף עפּעס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע:

– Sie sprechen doch deutsch, Berinski? Jakob Besser – das können Sie mir schon glauben! – hat Sie ziemlich gut übersetzt. Ich habe Sie am ersten Abend gehört...[1]

– And do you understand Yiddish, Mr. Amihai?[2]

– Ach, Nina, wir sind doch hier alle Jidden, nicht wahr?... Na ja, Jehuda Amihai, haben Sie mal diesen Namen gehört?[3] –

האָט ער מיר פֿרײַנדלעך אויסגעשטרעקט די האַנט.

יאָ, דעם נאָמען פֿון דעם העברעיִשן דיכטער יהודה עמיחי האָב איך שוין פֿריִער געהערט, און אויך איבערגעלייענט אַ צענדליק זײַנע לידער, אין אַ רוסישער אינטערלינעאַרער (וואָרט בײַ וואָרט) איבערזעצונג, נאָך אין יאָר 89׳, אין מאָסקווע, ווו מ׳האָט דעמלט צונויפֿגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פֿון מאָדערנער העברעיִשער פּאָעזיע. דער אינהאַלט פֿון דער קינפֿטיקער אויסגאַבע און די אַלגעמיינע קאָנצעפּציע האָבן מיך ניט שטאַרק באַגײַסטערט, האָב איך זיך באַגרענעצט, אויסקלײַבנדיק טעקסטן פֿאַר מײַנע רוסישע ווערסיפֿיקאַציעס, בלויז מיט אַ קליין בינטל לידער פֿון חיים גורי, אפֿשר ווײַל צו דער צײַט בין איך שוין פּערזענלעך מיט אים אַ ביסל געווען באַקאַנט...

אין יענער רוסישער אַנטאָלאָגיע, דערשינען 1990, איז פֿאַראַן יהודה עמיחיס אַ ליבע־פּאָעמע, וואָס כ׳געדענק פֿון איר אַזאַ סטראָפֿע:

צום געהיימען אָרט פֿון דײַן לײַב / כ׳בין געוווינט
זיך באַציִען אַזוי ווי געוויינלעך מ׳באַציט זיך / צו אַ פּנים.

אַזעלכע שורות וואָלטן געקענט שטיין אין ״שיר השירים״...

---

[1] איר רעדט דאָך דײַטש, בערינסקי? יעקבֿ בעסער – דאָס קענט איר מיר שוין גלייבן! – האָט אײַך ממש גוט איבערזעצט. איך האָב אײַך געהערט אויף דעם ערשטן אָוונט...

[2] און איר רעדט ייִדיש, מיסטער אַמיהאַי?

[3] אַך, נינאַ, מיר זענען דאָ אָבער אַלע ייִדן, ניט אַזוי?... אַהאַ, יאָ!... – יהודה אַמיהאַי, צי האָט איר דעם נאָמען געהערט אַ מאָל?

איצטער, בײַם טישל, װאָלט איך אים געדאַרפֿט זאָגן, אַז עטלעכע לידער זײַנע האָב איך שפּעטער פֿאָרט איבערזעצט און זיי פֿאַרעפֿנטלעכט, שוין דאָ אין ישׂראל. אַז זײַנע תּנך־מאָטיוון און דער אופֿן ווי אַזוי ער אינטערפּרעטירט, טײַטשט זיי אויס, זענען מיר נאָענט, הגם, דער פֿאַרבאָרגענער אַשכּנזיזם זייערער איז אין זיי צו מאָל צו טיף פֿאַרבאָרגן...

״מיר זענען דאָ אָבער אַלע ייִדן״ – האָט געדאַרפֿט זיכער הייסן בײַ אים: ״וואָס פֿאַר אַ ייִד־אַשכּנז פֿאַרשטייט נישט קיין ייִדיש?״ – און בײַ דעם אַרגומענט, זעט אויס, האָט זיך עמיחי געהאַלטן אויך שפּעטער, שוין אין יאָר 98׳, ווען אין מינכן, אַרומגערינגלט אין דעם ״ליטעראַטורהאַוז״ פֿון אַ גאַנצער כאָפּטע דײַטשישע זשורנאַליסטן, האָט ער מיר פֿון דער ווײַטנס אַ ווונק געטאָן:

– אַ, לעוו, איר זײַעט אַוך דאַ?

– Aber ja, Herr Amichai, wir sind doch hier alle Jidden…[1]

פֿון די ״ייִדן״ אָבער – אין דעם געגעבענעם קאָנטעקסט – בין איך דעמלט געווען דער איינציקער: 20 פּענמענטשן פֿון ישׂראל האָבן פֿאָרגעשטעלט דאָרטן, אויף דער 9טער אינטערנאַציאָנאַלער בוכוואָך, געווידמעט ספּעציעל דער פֿילשפּראַכיקער ישׂראלדיקער ליטעראַטור, 19 פֿון זיי – אויסשליסלעך העברעיִש־שרײַבנדיקע, אַפֿילו דעם דרוז, מײַן זעמליאַק פֿון הגליל, נאַיִם אַראַידי. און געווען דאָרט, אַגבֿ, בין איך נאָר אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און פֿינאַנציעלער באַטייליקונג פֿון דער אמת דעמלט רײַכער מינכענער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס מויל האָט מיר שוין דאָרט קיינער פֿאַרשטאָפּן נישט געקענט...

איך ווייס ניט, צי איז עמיחי געזעסן אינעם פּולן זאַל אויף סאַלוואַטאָרפּלאַץ 1, בײַם סימפּאָזיום, ווו איך האָב באַקומען דאָס וואָרט און די 20 מינוט פֿאַר מײַן רעפֿעראַט צו דער טעמע ״ייִדישע שפּראַך און קולטור אין ישׂראל״, אָבער צום האָטעל צוריק, שפּעט שוין בײַ נאַכט, נאָך אַ ממש סאָלידן ״דרינק״, האָט מיך אין זײַן טאַקסי אײַנגעלאַדן דער אפֿשר סאַמע ראַדיקאַלער פֿאָרשטייער פֿון די ״כּנענים״ אין די 50ער־60ער יאָרן – אורי אַבֿנרי (אָוונערי, אייגנטלעך – Helmut Ostermann, אורשפּרינגלעך, קען מען זיך משער זײַן, Osterlamm, לויט דער דײַטשער אָנאָמאַסטיק – ״אַ כּפּרה־לעמל אויף פּסח״). אין דרויסן האָט געגאָסן אַ שווערער בײַערישער פֿרילינג־רעגן, און פֿראַו אַוונערי, זיצנדיק פֿאָרנט לעבן טאַקסיסט, האָט קיין ברירה ניט געהאַט, ווי נאָר נאָכצובאָמקען אונדז, מיר און דעם מאַן אירן, די פּריקרע־זיסע און שרעקלעכע פֿאַרמלחמהדיקע שלאָגערס – די אַלע ״דאָנאַ קלאַראַ״, ״דזשאָני״, (אַך, מאַרלען דיטריך!) און

– Sollen Sie auch mal hören, Herr Fahrer![2] –

[1] אָבער יאָ, מר׳ עמיחי, מיר זענען דאָך דאָ אַלע ייִדן...

[2] דאָס דאַרפֿט איר אויך אַ מאָל הערן, הער שאָפֿער!

די פֿאַנטאַסטישע ״רומבאַ פּיעסטאַ״, דעם דרום־אַמעריקאַנישן פֿײַערטאַנץ, וואָס מיר האָבן זאַלבעצווייט מיטן אַריסטאָקראַטיש אויסגעשטוקעווען קראַסאַוועץ אַבֿנרי אינטערפּרעטירט לויטן ווולגאַרן מאַניר, ווי עפּעס אַ פּאָר בעלאָשווייקעס אויף דער בינע פֿון אַן אַרבעטער־קלוב ערגעץ אין אַלטאָנאַ, אָנהייב די 30ער:

לאַ־לאַ!
לאַ־לאַ! לאַ־לאַ! טראַ־לאַ! לאַ־לאַ! טראַ־לאַ!
לאַ־לאַ....

דער טאַקסי־פֿירער, אַ בחור פֿון אַ יאָר פֿערציק, האָט אָבער די אַלטע מעלאָדיע יאָ געקענט – פֿון פֿעדעריקאָ פֿעליניס ״אַכט מיט אַ האַלבן״, ווו נינאָ ראָטאַ האָט זי דאָרט גרונטיק דעפֿאַשיזירט – פֿולקום איבעראינסטרומענטירט...

און נאָך דעם אויף מאָרגן, פֿון אין דער פֿרי – סאַמי מיכאַעל (סמי מיכאל), דער אין באַגדאַד געבוירענער און אויפֿגעוואַקסענער שרײַבער, וואָס שטייט אַזוי ווײַט פֿון דער גאַנצער ייִדיש־פּראָבלעמאַטיק. סאַמי זעצט זיך אַוועק נאָכן פֿרישטיק אַנטקעגן מיר אין אַ ווייכן פֿאָטעל, אין דער האָטעל־קאַפֿעטעריע, און הייבט אָן צו דערציילן, און דערציילט, און דערקלערט, און פֿאַרפֿינקטלעכט – וויל אפֿשר מיך טרייסטן – וואָס ס׳איז אים גופֿא אויסגעקומען אין ישׂראל אויסצוהאַלטן, איידער ער איז ״לעגיטימירט״ געוואָרן ווי אַ שרײַבער.

– עם האידיש שלך – זאת היום בישׂראל בעיה אמיתית, – רעזומירט ער מיט אַ שווערינקן זיפֿץ, – באמת בעיה...[1]

און נאָך דעם – אַבֿי פּרימוֹר, דער דעמלט ישׂראלדיקער אַמבאַסאַדאָר אין דײַטשלאַנד, וואָס האָט מיך תּיכף (Guten Tag, Herr Pri...) איבערגעשלאָגן:

– יאָ־יאָ, איר זענט גערעכט, איז לאָמיר זשע טאַקע רעדן מאַמע־לושן...[2]

דאָס זעלבע האָט געוואָלט עמיחי:

– בערינסקי, ווי זאָגט מאַן אויף ייִדיש ״möchten wir״? אַהאַ, ״לאָמיר״? נאַ יאַ, דאָס האָב איך מאָל שאָן געהערט, זאָ אײַן לידכען – ״לאָמיר אַלע צוזאַמען...״

– אין איינעם.

– ביטע?

– אַלע אין איינעם.

– מאַג זײַן...

ער האָט נאָר געוואָלט רעדן ייִדיש. ייִדיש – און ניט וועגן ייִדיש!

[1] מיט דײַן ייִדיש – דאָס איז הײַנט אין ישׂראל אַן אמתע פּראָבלעם... אַן אמתע פּראָבלעם...״.

[2] דעם 26סטן אָקטאָבער 2008 האָב איך זיך נאָך אַ מאָל געטראָפֿן מיט אַבֿי פּרימוֹר, אויפֿן עלזע לאַסקער־שילער־פּאָרום אין ווופּערטאַל, און ווען איך האָב אים באַגריסט אויף ייִדיש – האָט ער געמאַכט גרויסע אויגן און זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס מיט 10 יאָר צוריק האָט ער גערעדט מיט מיר אויף אָט דער שפּראַך. קיין שום דערקלערונג צו דעם פֿענאָמען האָב איך נישט.

פֿאַר מיר וואָלט, למשל, אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, ווי פֿאַרשטייט ער די קולטור־פּאָליטיק און קולטור־סיטואַציע אינעם פֿילשפּראַכיקן ישׂראל, ער, דער געבוירענער ווי Ludwig Pfeuffer דאָ נישט ווײַט, אין ווירצבורג, ער, יהודה עמיחי, הײַנט דער גרעסטער העברעיִשער דיכטער...

אין ליפּט אָבער, אָדער בײַם קורצן breakfast, ווו איך קען אים ספּאָנטאַן טרעפֿן, הייבט זיך יעדעס מאָל אָן: ער וויל רעדן ייִדיש.

– בערינסקי, זײַט איר געוועזן אַוף מײַנער לעזונג אַם פֿינפֿטען מערץ? אַהאַ, איר זײַעט דאַמאַלס נאָך ניכט אַנגעקאָמען?

דעם אַרטיקל אין צײַטונג, אויך דעם באַריכט וועגן דער מולטי־לשונותדיקער ליטעראַטור אין ישׂראל האָט פֿראַו פּאַטריסיאַ רײַמאַן, די מינכענער ליטעראַטור־פֿאָרשערין און איבערזעצערין, אָנגעהויבן מיט אַ פּאָסטולאַט, אַז:

"Israelische Literatur ist hebräische Literatur, auch wenn es einige Schriftsteller gibt, die nach wie vor in ihrer jeweiligen Muttersprache schreiben: Deutsch, Polnisch, Russisch, Arabisch" –

"ישׂראלדיקע ליטעראַטור איז די העברעיִשע ליטעראַטור, הגם עס זענען פֿאַראַן אייניקע שרײַבער וואָס שרײַבן ווײַטער ווי פֿריִער אויף זייער אַמאָליקער מוטערשפּראַך: דײַטש, פּויליש, רוסיש, אַראַביש".

דאָ אַנטשטייט אַ גאַנצע ריי פֿראַגעס:

1. וויפֿל זענען די "אייניקע" וואָס שרײַבן אויף די איבערגערעכנטע לשנות – פֿינף? צוואַנציק? זיבעציק? בלויז דער רוסישער שרײַבער־פֿאַראיין אין ישׂראל ציילט הײַנט מער ווי 200 מיטגלידער...

2. ווי קען עס פּאַסירן, וואָס עס ווערט אַפֿילו ניט אָנגערופֿן די "אַמאָליקע" שפּראַך פֿון די ייִדישע שרײַבער, למשל, פֿון דעם וועלטבאַקאַנטן פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, – יענע שפּראַך וואָס גילט נאָך הײַנט אין אייראָפּע, ווי אויך אויף אַנדערע קאָנטינענטן, ווי טאַקע דאָס לשון פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק?

3. ווי זאָלן מיר דאָס פֿאַרשטיין, אַז אין אייראָפּע, נאָך מער – אין דײַטשלאַנד, און נאָך מער – אין מינכן, וואָס דאָס דאַרף מען דאָ ניט קאָמענטירן, קען אין אונדזער צײַט פֿאָרמולירט ווערן אַזאַ שפּראַך־ און קולטור־שאָוויניסטישע קאָנצעפּציע וועגן אַ דאָמינירנדיקער וויכטיקייט פֿון איינעם אַ קולטור־אַנקלאַוו איבער די אַנדערע – אַ געפֿערלעכע, אַנטי־הומאַניסטישע טענדענץ, וועלכע איז אַזוי סכּנהדיק פֿאַר דײַטשלאַנד גופֿא – באַזונדערס אין דעם אַקטועלן היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון אַקטיוויזאַציע פֿון דעם עטנאָצענטריזם אויף דער וועלט...

און נאָך זעקס־זיבן קאָנצעפּטועלע און פּראַקטישע פֿראַגעס, וואָס כ'האָב געשטעלט פֿאַרן סימפּאָזיום – און פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאָר פּאַסאַזשן פֿון מײַן ליטעראַרישן לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווו כ'האָב באַקומען אַן אויסשעפּנדיקע דערפֿאַרונג אויפֿן געביט פֿון די "גלײַכבאַרעכטיקטע סאָוועטישע נאַציאָנאַל־קולטורן בראָש מיט דער גרויסער רוסישער קולטור", מיטן אַזוי גערופֿענעם "עלטערן ברודער".

צי האָט עמיחי געהערט מײַן אַרויסטרעט, ווי שוין געזאָגט, ווייס איך ניט.
צי האָט ער איבערגעלייענט פֿראַו רײַמאַנס אַרטיקל?
אויב יאָ – וואָס וואָלט ער געהאַט, ווען ער וויל, אונדז צו זאָגן?

אין מינכן איז ער געווען יענע טעג די צענטראַל־פּערזאָן – נישט ווײַל ער האָט דאָס געזוכט. ס׳האָט זיך באַקומען פֿון זיך אַליין, נאַטירלעך און פּשוט. מ׳האָט עס נישט ״אָרגאַניזירט״, נאָר די דײַטשן זענען דאָרט שטאָלץ געווען, וואָס ער, עמיחי, זייערס אַ לאַנדסמאַן[1], שטייט ממש ווי אַ גראַנדיעזע פֿיגור אויף דער סאַמע פּלאַנעט־גרענעץ מיט די זאַמדן – און ״רעפּרעזענטירט די אייראָפּעיִשע קולטור״. כ׳האָב געזען: דאָס געפֿעלט אים – ניין, ניט אפֿשר אַזוי דאָס אַרויסטרעטן אויף קאָנפֿערענצן און וואַזשנע אימפּרעזעס, דאָס דרײַ מאָל אין טאָג אינטערוויויִרט ווערן פֿון כּלערליי זשורנאַליסטן און קאָרעספּאָנדענטן, נאָר – דאָס סמאַקעווען און קוויקן זיך מיט דער שפּראַך פֿון זײַן קינדהייט, פּלוצעם אַרײַנשטעכן אין זײַן הויכסטיליסטישן Hochdeutsch אַ בײַעריש דאָרפֿווערטל, זיך אויף גיך איבערווערטלען מיטן קעלנער, מיט אַן אומבאַקאַנטן פֿאַרשוין אין פֿאָיע, דערפֿילן און אײַנאָטעמען אָט די לעבעדיק־אויטענטישע שפּראַך־אַטמאָספֿער, די ברייטהאָריזאָנטלעכע קלאַנג־לאַנדשאַפֿט אויף די מינכענער גאַסן מיט זייערע סעדער און וואַלדאָוונע לופֿטהליבעס איבערן איזאַר־טײַך, און דעם שטילן פּאַרק אויפֿן באַרג, די פֿריילעכע טרילערײַ אונטערן הימל פֿון טראַמוויײַען, וואָס מען קען מיט זיי פּראָסט און פּשוט, און אַזוי אַלטמאָדיש ווו דו ווילסט דערגרייכן, ווילסטו – צום פּרעכטיקן ראַטהאַוז, ווילסטו – פּאַסינג, די אַמאָליקע פֿאָרשטאָט העט ווײַט, און פֿון דאָרטן, עהיי, מיטן קליינעם צוג – צו די גרינע פּאַראַדיז־שטעטעלעך: שטאַרנבערג, פֿעלדאַפֿינג, טוטצינג. און מיט דער צווײַגליניע פֿון דעם הויפּטוואָקזאַל קיין דאַכאַו – הײַנט, ווײי איז מיר, אַ טוריסטן־שטאָט...
אַן אַנדער מענטש, גאָר נישט דער יהודה עמיחי, וואָס דעמלט, אין ירושלים – אַלט, פֿאַרמוטשעט פֿון פּאָליטישע און, קאָן זײַן, אייגענע זאָרגן, איבערגעזעטיקט מיט ליטעראַטור.

עפּעס דערוועקט אייראָפּע אין אונדז – אין אייראָפּעער.

– בערינסקי, וואַן ערשײַנט שאָן דאָרט איר בוך אַוף עבֿרית?

– Gott weiβ…

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז בײַ מיר אַרויס אין בערלין, אין אַ דײַטשער איבערזעצונג, מײַן בוך לידער און פּאָעמעס. עטלעכע עקזעמפּלאַרן האָב איך גלײַך אונטערגעשריבן פֿאַר אַ קליינער צאָל מענטשן, וואָס מיט זיי בין איך מער־ווייניקער באַקאַנט און וואָס זיי קענען עס איבערלייענען. אַ טייל פֿון די אונטערגעשריבענע און שוין אײַנגעפּאַקעוועטע ביכלעך ליגט אָבער נאָך אַלץ – מ׳האָט דאָך שטענדיק קיין צײַט ניט! – אויפֿן טיש, און דער אַדרעס פֿון איינעם פֿון די אַדרעסאַטן, פֿון דעם שענסטן פֿאַר מיר און דעם וויכטיקסטן לייענער, איז מער ניט אַקטועל...

עַכּו, סעפּטעמבער 2000

---

[1] יהודה עמיחי איז געבוירן געוואָרן, ווי געזאָגט, אין ווירצבורג, זײַנע עלטערן האָבן אָבער געשטאַמט פֿון Giebelstadt, וווּ די לעצטע פֿינף יִדישע אײַנוווינער זענען מאַרץ 1942 דעפּאָרטירט געוואָרן אין אַ פֿאַרניכטונגס־לאַגער, און וווּ שוין אין יאָר 2007 איז געווען אָנגערופֿן – לכּבֿוד דעם גרויסן העברעיִשן דיכטער – אַ גאַס. אַזוי הייסט זי טאַקע: Ludwig-Pfeuffer-Ring

דער פּאָעט מיט אַ האַרץ און אַ פֿויסט

יעקבֿ בסר (יאַנקל בעסער, 1934-2006)

געבוירן איז ער געוואָרן אין פּוילישן קאַליש, אָבער זײַן לעבן לאַנג זענען אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן די קינדער־יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווו זיי האָבן זיך בײדע – ער און די מאַמע – אָפּגעראַטעוועט פֿון די דײַטשן. יענע יאָרן אין רוסלאַנד, די ווײַסע שײַן פֿון פֿאַרשנייטע פֿעלדער און בערעזעס, פֿון דער מאַמעס יונג פּנים, – איז ווי אַ געהיים־טיפֿער געַן אַרײַן אין זכרון, אין זײַן נשמה און אין זײַנע לידער.

די קעגנוואַרט איז אין בעסערס פּאָעזיע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט ניט אָפּצוטיילן, בלויז עפּעס אַ קורצינקע שורה גיט אונדז דאָ און דאָרט צו פֿאַרשטיין: וואָס געהערט צום "אַמאָל", און וואָס קומט פֿאָר אינעם ליד "אַצינד". און אויף דער פֿראַגע "וואָס וועט שפּעטער זײַן?" געפֿינט דער לייענער ניט קיין ענטפֿער אין טעקסט – בלויז אַ מין פֿילאָסאָפֿישע טרייסט, דעם אַלטן תּלמודישן פֿאַטאַליזם פֿון דער נאָך הײַנט אַקטועלער סענטענץ: "אין מוקדם ומאוחר בתּורה"[1].

נאָך דער מלחמה האָט זיך די משפּחה אומגעקערט קיין פּוילן, און פֿון דאָרטן עולה געווען אין יאָר 1950. זײַנע ערשטע לידער האָט יעקבֿ געשריבן, נאָך פֿאַר דער עליה, אויף פּויליש און ייִדיש, דעביוטירט אָבער – שוין אין ישׂראל – אויף עבֿרית, און אַרויסגעלאָזט זעכצן לידער־זאַמלונגען, די וויכטיקסטע פֿון זיי: "חורף אלף תּשע מאות ואַרבעים" ("דער ווינטער טויזנט נײַן הונדערט פֿערציק"), "מאַחורי ההריסות" ("אויף יענער זײַט פֿון די רויִנען"), "אגרופֿלבֿ" ("פֿויסטהאַרץ").

זײַן פּאָעטיק וואָרצלט אין דער אייראָפּעיִשער, קודם־כּל רוסישער און פּוילישער קלאַסישער און מאָדערניסטישער ליטעראַטור, און אין דער העברעיִשער דיכטונג איז ער טרײַ דער טראַדיציע פֿון אַ. שליאָנסקי, נ. אַלטערמאַן און אַ. פּען. דערבײַ איז זײַן פּערזענלעכער וועג אין דער פּאָעזיע אַן אויסגעשפּראָכן אינדיווידועלער: אין די לידער און פּאָעמעס שפּיגלט זיך אָפּ די אַרומיקעווירקלעכקייט, און שוין גאָר דײַטלעך – אין דער מלחמה־טעמאַטיק (יעקבֿ בעסער האָט זיך אוממיטלבאַר, אין די אַרמייִשע אָפּעראַציעס באַטייליקט אין אַלע מלחמות, וואָס ישׂראל האָט געמוזט פֿירן, אָנהייבנדיק פֿון דער סיני־קאַמפּאַניע און ביזן ערשטן לבֿנון־קריג).

---

[1] נישטאָ אין דער תּורה קיין "פֿריִער" און "שפּעטער" (העבר').

די צוויי מאָל ערשטע באַגעגענישן – אין מאָסקווע און אין תּל־אָבֿיבֿ

מיר זענען געשטאַנען אויפֿן קאַלטן שנײַדיקן ווינט, מיט די פֿאַרסטאַרטשעטע פּיס אין אַ צעקראָכענער, פֿול מיט מיסט, שנייהורבע אין דעם גערטל פֿאַרן קלימענט־קלויסטער אויף דער פּיאַטניצקי־גאַס, אין צענטער פֿון דער גרויסער פֿאַרווילדעטער שטאָט – מאָסקווע־1989, דאָס שפּיציאָר פֿון דער "פּערעסטרויקע". מיט אַ מינוט צוואַנציק צוריק זענען מיר ביידע אַרויס פֿון דער רעדאַקציע "אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטוראַ" ("אויסלענדישע ליטעראַטור"), און נאָך אַ שאַרפֿער, אין אייניקע מאָמענטן אָפֿן־פֿײַנדלעכער דיסקוסיע דאָרט צווישן די געסט און די גאַסטגעבער, איז איצט אונדזער שמועס מיט יעקבֿן געווען עפּעס אַ נערוועז־אימפּולסיווער, כאַאָטישער. איינס אָבער איז מיר קלאָר געווען: איך רעד מיט אַ פּאָעט. גערעדט האָב איך צו אים אויף רוסיש, אַז ער זאָל מיך אויף זיכער פֿאַרשטיין, און ער צו מיר – אויף ייִדיש, ווי אַ פֿײַנע אָנצוהערעניש, מסתּם, אַז ער געהערט ניט צו יענע "סופֿרים", מיט וועלכע ער איז געקומען אין דער רעדאַקציע...

פֿאַר יענעם צוויי־שעהיקן שטרײַט אויף דער טרעפֿונג פֿון די זשורנאַל־אַרבעטער און מאָסקווער ליטעראַטור־טשינאָווניקעס, פֿון איין צד, און דער ישׂראלדיקער דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון העברעיִשע, אַראַבישע און יונגע פּאַלעסטינער ליטעראַטן, פֿון דער צווייטער זײַט, – איז די שולד געלעגן אויף מיר. צעפּלאַקערט האָט זיך דער סקאַנדאַל אומדערוואַרט, נאָך מײַן ענטפֿער אויף אַ שטילער, כּלומרשט "טעאָרעטישער" פֿראַגע פֿון איינעם אַ העברעיִשן שרײַבער...

אין דעם גרויסן קאַבינעט פֿון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר טשינגיז אײַטמאַטאָוו (וועלכער האָט געהאַט שׂכל און איז צו דער באַגעגעניש נישט געקומען) זענען בײַ עטלעכע צונויפֿגעשטעלטע טישן געזעסן אַרום 12-15 געסט און די "סאָוועטישע שרײַבער": דער שטעלפֿאַרטרעטנדיקער רעדאַקטאָר און איבערזעצער פֿון ענגליש ניקאָלײַ טשוגונאָוו, דער דעמלטיקער רעקטאָר פֿון דעם ליטעראַטור־אינסטיטוט און קינפֿטיקער רוסלענדישער קולטור־מיניסטער יעווגעני סידאָראָוו, די רעדאַקטאָרן פֿון די וויכטיקסטע זשורנאַל־רובריקעס, און דער ייִדישער דיכטער און רוסישער איבערזעצער ל. בערינסקי.

פֿאַר אַלעם האָט טשוגונאָוו שטאָלץ אינפֿאָרמירט די ישׂראלדיקע קאָלעגן, אַז אין די לעצטע פּאָר יאָר האָט זיך דעם זשורנאַל אײַנגעגעבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן – צום ערשטן מאָל אין ראַטן־פֿאַרבאַנד! – אַזוינע באַדײַטנדיקע אין דער ליטעראַטור בײַ די ייִדן ווערק, ווי די פֿון ייִדיש איבערגעלייגטע פּאָעמע פֿון חיים־נחמן ביאַליק "אין שחיטה־שטאָט", ווי אויך די לידער פֿון מאַרק שאַגאַל און אַ ציקל נאָוועלעס פֿון י. באַשעוויס־זינגער. און אַז דער איבערזעצער פֿון די אָנגערופֿענע און נאָך אַנדערע שוין צוגעגרייטע זאַכן איז דאָ עקסטרע אײַנגעלאַדן געוואָרן, אַזוי אַז אויב עס זענען פֿאַראַן צו אים פֿראַגעס – איז בײַם הײַנטיקן טאָג דער ראַטן־פֿאַרבאַנד אמת אַן אָפֿענע, אמת אַ דעמאָקראַטישע מדינה...

הייבט זיך גלײַך אויף אַ העברעיִשער שרײַבער און גיט מיך אַ פֿרעג עפּעס אויף ענגליש, וואָס נישט איך און נישט קיינער פֿון דער רעדאַקציע קען נישט פֿאַרשטיין וואָס ער מיינט

דערמיט... חזרט ער איבער זײַן question נאָך אַ מאָל, און דערקלערט עס שוין מיט אַ ביסל אַנדערע ווערטער... אַהאַ, אָט וואָס! „זינגער, – זאָגט ער, – איז טאַקע אַ גוטער שרײַבער, אָבער וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָבן זײַנע ווערק מיט דער ליטעראַטור פֿון דעם jewish people? זינגער שרײַבט דאָך זײַנע ווערק אויף איינער פֿון די גערמאַנישע שפּראַכן, וועלכע פֿאַר די ייִדן איז זי מער פֿרעמד, איידער, אַ שטייגער, אַראַביש, וואָס איז דאָך אַ סעמיטיש לשון!”

נו, האָב איך אים שוין, מעגט איר גלייבן, פֿונעם גאַנצן האַרץ און מיט אַלע אַדרעסן געענטפֿערט... זענען אָבער תּיכּף צוויי אַנדערע פֿון זיי – ביידע ווי אויף איין פּרוזשינע – אויפֿגעשפּרונגען, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן...

אויף די רוסן איז געווען אַ רחמנות צו קוקן. ערשטנס – האָבן זיי ניט געקענט פֿאַרשטיין אין וואָס בכלל גייט עס, און אַז איך האָב זיי, אין דעם ווילדן האַרמידער, אויף גיך דאָס דערקלערט, האָבן זיי זיך אין גאַנצן פֿאַרלוירן: גיי ווייס בײַ די ייִדן, ווער ס'איז גערעכט בײַ זיי...

ווער אָבער ס'איז יאָ געפֿאַלן אַ כּפּרה־הינדל אין דער „שפּראַכנשלאַכט”, זענען די פּאַלעסטינער. בײַ זיי – ווי געפֿעלט אײַך! – איז צוגעגרייט געווען (און דאָס איז געווען אַ נײַס אויך פֿאַר די העברעיִשע שרײַבער) אַן אויפֿרוף צו דער סאָוועטישער רעגירונג, ווידער צו אַקטיוויזירן אויפֿן אינטערנאַציאָנאַל־דיפּלאָמאַטישן ניוואָ און פֿינאַנציעל אונטערצוהאַלטן די אידעע און דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿון דעם „פֿרײַהייט־ליבנדיקן פֿאָלק” קעגן די „אָקופּאַנטן”. און דעם דאָזיקן אויפֿרוף, לויט זייער פֿאַרטראַכט, האָבן געדאַרפֿט – דאָ אויפֿן אָרט! – אונטערחתמענען די סאָוועטישע שרײַבער (וואָס נאָר דאָס האָט זיי נעבעך אין יענע פּאָר יאָרן געפֿעלט...). דעם טעקסט פֿון דעם אויפֿרוף, אויף ענגליש, האָבן די פֿלאַמיקע בורשן פֿלינק צעלייגט אויף די טישן פֿאַר יעדן איינעם פֿון די היגע fighting friends, וואָס האָבן אָבער דאָס בלעטל באַלד איבערגעקערט מיטן „Appeal” אַראָפּ...

בײַם צעגיין זיך קומט צו אַ מענטש צו מיר, וואָס די רוישיקע פּאָר שעה איז ער אָפּגעזעסן שטום, קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, און פֿרעגט מיך אויף ייִדיש, צי וואָלט איך געקענט אים באַגלייטן צו דער נאָענטסטער מעטראָ־סטאַנציע, ווײַל אין דעם מיניבוס פֿאַר זייער דעלעגאַציע איז אים עפּעס ווי אַ ביסל ענג...

פֿרילינג 1991, אַ פֿרישינקער עולה, בין איך געקומען צו אים אין דער רעדאַקציע פֿון זײַן „עיתּון־77” און געבראַכט אים אַ מתּנה פֿון מאָסקווע – אַן אַנטאָלאָגיע „די מאָדערנע פּאָעזיע פֿון ישׂראל” אין רוסישע איבערזעצונגען, מאָסקווע, „ראַדוגאַ” 1990. ער האָט קורץ אַרײַנגעקוקט, איבערגעבלעטערט עטלעכע זײַטלעך...

– ס'זענען ניט מײַנע לידער...

– וואָס הייסט ניט אײַערע?

– יאָ־יאָ, די קעפּלעך שטימען... נאָר די טעקסטן... און ווער איז די ר. קאַזאַקאָוואַ?

– רימאַ? אַ זייער באַקאַנטע פּאָעטעסע... און איבערזעצערין...

– ס'הייסט איבערזעצן...

– און די מאַמע בײַ איר איז אַ ייִדישקע.

– אר־וואַ!... הערט אויס, כ'האָב דעמלט אין מאָסקווע געלייענט אַ פּאָר אײַערע איבערזעצונגען אין יענעם זשורנאַל... מיט איין וואָרט, לאָמיר שליסן מיט אײַך, מיט דיר, לייבל, אַן אָפּמאַך: דו

גרייטסט צו אַן אָנשטענדיקע פּובליקאַציע פֿון מיר אין דער היגער רוסישער פּרעסע, און גיסט מיר אַ צענדליק פֿון דײַנע ייִדישע לידער, פֿאַר מײַן ״זיבן און זיבעציק״. און ווי איך מאַך זיי אויף עבֿרית – וועסטו צופֿרידן זײַן.

– האָסט שוין אַ מאָל איבערזעצט?

– איך?... פֿון פּויליש – יוליאַן טווּים, יעזשי פּיקאָווסקי, וויסלאַוואַ שימבאָרסקאַ...

– די שימבאָרסקאַ האָב איך נאָך אין די 60ער איבערזעצט...

– ווײַטער: פֿון ייִדיש – לייזער אײַכענראַנד, אַריה שמרי, ה. לייוויק, אַבֿרהם סוצקעווער, יעקבֿ פֿרידמאַן, רייזל זשיכלינסקי... פֿון רוסיש – מיכאַיל לערמאָנטאָוו, באָריס פּאַסטערנאַק, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, איליאַ ערענבורג, סאַמויל מאַרשאַק, סעמיאָן קירסאַנאָוו, און דאָ, קוק, אויף דער פּאָליצע – אַ ביכל פֿון סערגיי יעסענין, אַ ביכל פֿון אַנדריי וואָזנעסענסקי...

און אַזוי איז געווען...

די מאָדערנע העברעיִשע פּאָעזיע איז שטאַרק פּאָליטיזירט. דערקלערן ״פֿאַר וואָס״ דעם לייענער, וועלכער איז כאָטש אין אַלגעמיינעם באַקענט מיט דער נײַסטער געשיכטע פֿון ישׂראל, איז איבעריק. אָבער אַפֿילו בײַ די סאַמע אידעאָלאָגיש־אַנגאַזשירטע הײַנטיקע משוררים, ווי, אַ שטייגער, נאַטאַן זאַך (נתן זך), אָדער דאַליאַ ראַוויקאָוויטש (דליה רביקוביץ׳) איז די ״פּאָליטיק״ אין די לידער דווקא נישט קיין אַבסטראַקט־״פּאָזיציאָנעלע״, נאָר זי וואַקסט אַרויס ליריש פֿון זייער אייגענעם קיום און וועלטבאַנעם – און בלײַבט, אַזוי אַרום, אין די ברייטע האָריזאָנטן פֿון קינסטלערישן רוים. דאָס האָט אויכעט דערמעגלעכט, אַז מיט יעקבֿ בעסער האָבן מיר זיך אין איינעם באַטייליקט אין פּאָעטישע אימפּרעזעס, צוגעגרייט אויף רוסיש אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער מאָדערנער העברעיִשער דיכטונג (ער האָט געמאַכט דעם אָפּקלײַב און וואָרט־בײַ־וואָרט־איבערזעצונגען). אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן

פּאָעזיע־פֿעסטיוואַל אין ירושלים, מערץ 1993, זענען מיר אַרויסגעטראָטן זאַלבענאַנד, און יעקבֿ האָט פֿאָרגעלייענט זײַן געדיכט וואָס ער האָט מיר געווידמעט – ״עכשיו השׂפה בארץ־ישׂראל...״.

איצטער איז די שפּראַך אין ארץ־ישׂראל...

די ליפּן בײַ מײַן מאַמען זענען ווייך און מילד,
און ס׳פּילט זיך אין זיי עפּעס ווי אַ מין שולד.
מאַמעס ליפּן פֿירן אַן אַכזר־שפּיל: איר קינד,
דאָס וועלפֿעלע, וואַרפֿט זי אין שניי אויפֿן ווינט,
און כאַפּט עס באַלד אונטער, און וואַרפֿט עס אויף ס׳נײַ,
און שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער אַרײַן.
ווען כ׳בין אונטערגעוואַקסן און מיט אומגעדולד
פֿון איר פֿרײלעך אַנטלויפֿן באַקומען לוסט –
האָב איך שוין אָבער דעמלט געוווּסט,
אַז איר שעפּטשען וועט ווערן אַמאָל מײַן שולד.
הײַנט, אין ארץ־ישׂראל נעמט מען זיי נישט אין אַכט –
מײַן מאַמען און איר יִדיש־שעפּטשען, דאָס וואָרט
פֿאַלט בײַ איר פֿון די ליפּן אָן זינען אַראָפּ.
נאָר ווי אַן אינוואַליד פּרוּווט אין וועגעלע פֿאָרן –
מיט איר יִדיש פֿאַרפֿאָרט זי – אין אירע יאָרן
מוז מײַן מאַמע פּלאָנטערן אויף עבֿרית.
אַן אומזיכערער וועג. גריבער, שטײנער. עס יושען
סקאָרפּיאָנען אונטער די שטײנער אין ליים.
אָט קומען זיי מיט זייער שטעכיקן לשון...
הענגט זיך אויף אויף די אייגענע ליפּן אַליין.

מיט יאַנקלען, חֵיפָה 1993

דעם 23סטן דעצעמבער 2006 האָט יעקבֿ בעסער פֿאַרלאָזט אונדזער וועלט. און די קרובֿים זײַנע, און זײַנע חבֿרים, וואָס אַ סך פֿון זיי האָב איך איבערזעצט און פֿאַרעפֿנטלעכט אויף יִדיש און רוסיש, האָבן מיר עס אַפֿילו ניט געגעבן צו וויסן.

עכּו, דעצעמבער 2006

מיטן ייִדישן חוש – אויף קיריליש

דער רוסישער שרײַבער גריגאָרי קאַנאָוויטש

די ייִדן, דאָס ייִדישע פֿאָלק, – זענען בײַ מיר
אַ סטאַרטפּלאַץ פֿון פֿילאָסאָפֿישע און עקזיסטענץ־
רעיונות פֿאַר דער מענטשהייט...

ג. קאַנאָוויטש

וועגן דעם "קאַנאָוויטש־פֿענאָמען" – דעם רוסישן שריפֿטשטעלער, ווי ער אַליין זיך אידענטיפֿיצירט, און זײַן שאַפֿונג וואָס איז פֿולקום געווידמעט דער ייִדישער טעמע – וואָלט געדאַרפֿט אָנגעשריבן ווערן אַ פֿאָרשונג – טאַקע אויף ייִדיש און אונטער דעם ספּעציפֿיש־ייִדישן קוקווינקל. אַ מאָנאָגראַפֿיע, אין וועלכער ס'וואָלט אַנאַליזירט געוואָרן דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, דער עפּישער אַספּעקט אין זײַנע ווערק, הגם די פּראָזע זײַנע – ווי אַ טעקסט, ווי אַ לייענשטאָף – איז דורכויס אַ לירישע.

קיין רעאַלע אויסזיכטן, אַז עפּעס אַזאַ אַרבעט זאָל בקרובֿ דערשײַנען, זײַנען הײַנט ניט פֿאַראַן, ווײַל קיין אַקטועל־אָריענטירטע ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט האָבן מיר נישט, און בפֿרט נאָך פֿאַר אַנדער־שפּראַכיקע שרײַבער.

גריגאָרי קאַנאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1929 אין שטעטל יאָנאַוויס לעבן קאָוונע, ליטע, דעביוטירט האָט ער אין 1948, מיט לידער. זינט דעמלט אַרויסגעגעבן פֿיר פּאָעזיע־ביכלעך (צוויי אויף ליטוויש און צוויי אויף רוסיש), נײַן ראָמאַנען וועגן דעם ליטווישן ייִדנטום, צוואַנציק פּיעסעס, פֿופֿצן קינאָ־סצענאַרן, א"אַ. זײַנע פּראָזע־ווערק זענען איבערזעצט געוואָרן אויף צוועלף שפּראַכן. פֿאַר דעם ראָמאַן "די תּפֿילות און טרערן פֿון נאַראָנים" האָט ער דערהאַלטן די העכסטע נאַציאָנאַלע פּרעמיע פֿון דער ליטווישער רעפּובליק (1986). סוף אַכציקער יאָרן איז ער געוואָרן פֿאָלקס־דעפּוטאַט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. אין יאָר 1993 האָבנדיק אין ליטע, ווי אויך אין רוסלאַנד, ברייטע שאַפֿערישע מעגלעכקייטן און שוין זײַענדיק אינטערנאַציאָנאַל באַקאַנט – האָט קאַנאָוויטש עולה געווען און לעבט הײַנט אין בת־ים.

באַקאַנט, גענויער געזאָגט – באַרימט איז קאַנאָוויטש געוואָרן קודם אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, גלײַך נאָכן דערשײַנען פֿון זײַן טרילאָגיע "ליכטלעך אויפֿן ווינט", אין וועלכער דאָס געשטאַלט פֿון דעם ייִדן האָט זיך סענסאַציאָנעל אונטערגעשיידט פֿון דעם סטערעאָטיפּ, וואָס האָט זיך פֿאַרמירט אין משך פֿון יאָרהונדערטער אין דער רוסישער ליטעראַטור – פֿון דעם גלות־ייִד.

די ייִדן אין ליטע, וואָס איר טעריטאָריע איז קיין מאָל ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער גלות־זאָנע פֿון דער צאַרישער אימפּעריע – די ליטווישע ייִדן האָבן בײַ זיך ניט געוווּסט פֿון אַזוינע פֿאַרפֿאָלגונגען און דערנידעריקונגען, ווי די ייִדן אין אַנדערע קאַנטן. קאַנאָוויטש איז אַן אָפּשטאַמלינג פֿון יענע פֿרײַע ייִדן וואָס האָבן זיך אָפּן געגרויסט מיט זייער פֿילטויזנט־יאָריקן היסטאָרישן ייִחוס. געננוג צו דערמאָנען דעם ייִדישן נאָמען פֿון ווילנע – "ירושלים ד'ליטא".

מיט דער ייִדישער טעמאַטיק האָבן זיך אין 20סטן יאָרהונדערט באַשעפֿטיקט אַ סך פּראָמינענטע שרײַבער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם: איליאַ ערענבורג, ליאָן פֿויכטוואַנגער, יוסף ראָט, סאָל בעלאָו, עלי וויזעל, א״אַ. אָבער אין געגעבענעם קאָנטעקסט דאַרף מען, קודם־כּל, רעדן וועגן דעם סאַמע עקספּרעסיוון און סאַמע ״ייִדישן״ פֿון זיי – וועגן איסאַק באַבעל.

באַבעלס טאַלאַנט איז פֿון דער זעלבער נאַטור ווי בײַ ראַבלע, סוויפֿט און גאָגאָל. זײַן געניאַלע פּען און די איבערצײַגנדיקע בילדערישקייט פֿון די פּערסאָנאַזשן אין זײַן ״ייִדישער״ נאַטוראַליסטיק און דראַמאַטורגיע האָבן אָבער ״לעגאַליזירט״ דעם מענטאַליש־עסטעטישן ״עטאַלאָן״ פֿון אַ ייִדן אין דער רוסישער ליטעראַטור (טראַדיציאָנעל אַן אַנטיסעמיטישע, לויט שלום־עליכמען; זע זײַן בריוו צו דעם רעדאַקטאָר יוסף פּערפּערן, פֿון 1טן דעצעמבער 1910).

באַבעלס גראָטעסקישער ייִד איז אויף לאַנגע צײַטן אַרײַן אין דער פֿילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, און ניט נאָר ליטעראַטור – אין דער קינעמאַטאָגראַפֿיע, טעאַטער, מוזיק, טאַנצזשאַנערס, אד״גל.

אַזוינע אמת ייִדישע כאַראַקטער־שטריכן, ווי עקזאַלטאַציע, ספּאָנטאַניטעט, רעפֿלעקסיע זענען בולט געשילדערט געוואָרן אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט – גענוג צו דערמאָנען מאַרק שאַגאַלן און יצחק באַשעוויסן, אָבער ניט מיט אַזאַ דיסטאַנצירטן און האַרטן ״זײַטיקן קוק״, און ניט ביז אַזעלכן לצנות־פּאַראָדישן גראַד, וועלכן באַבעל דערגרייכט, טרײַבט איבער, ״פֿאַרייִדישנדיק״ די אָדעסער רוסיש־אוקראַיִנישע לעקסיק און אינטאָנאַציע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ גייט ניט די רייד פֿון באַבעלס עפּעס אַ ״שולד״, די נשמה האָט טאַקע געוויינט אין אים פֿאַר אָט די זעלבע ייִדן, אָבער:

á la guerre comme á la guerre

און

בײַם שרײַבטיש איז ווי בײַם שרײַבטיש.

קאַנאָוויטשעס פּראָזע האָט אפֿשר דאָס ערשטע מאָל אין דער רוסישער ליטעראַטור געשילדערט דעם ייִד אין אַ נאַטירלעכער גרייס, אין אַ נאָרמאַלער ספּעציפֿישקייט און זײַן אַדעקוואַטן אומריס. דער אַלגעמיינער פּאַטאָס פֿון קאַנאָוויטשעס שאַפֿונג איז – ווירדע.

דער גרויסער ניט־אינטערעס צו קאַנאָוויטשן, מצד דער ליטעראַטור אויף ייִדיש, איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. אין יאָר 1981 האָט מיר אַלעקסאַנדער געלמאַן איבערגעגעבן אין מאָסקווע דעם כּתבֿ־יד פֿון ״די תּפֿילות און טרערן פֿון נאַראָנים״ (וואָס ביזן הײַנטיקן טאָג בלײַבט עס פֿאַר מיר איינס פֿון די בעסטע ביכער וואָס כ׳האָב געלייענט), איך זאָל דאָס פּערזענלעך אָפּגעבן, אויב מיר אַליין וועט עס געפֿעלן ווערן, ווערגעליסן. די רוסישע פֿאַרלאַגן, פֿון איין זײַט, האָבן דעמלט נאָך ניט געוואָלט די זאַך דרוקן, פֿון דער צווייטער זײַט, פֿלעגט ווערגעליס צו מאָל זיך יאָ צוהערן צו מײַנע רעקאָמענדאַציעס. אויך דאָס מאָל האָט ער דעם ראָמאַן גענומען בײַ מיר – נאָר אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָב איך אים באַקומען צוריק, שוין פֿון אַן אַנדערן וויכטיקן אַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע, וועלכער האָט רעזומירט ״די געמיינזאַמע מיינונג״ אַזוי: ״ניט איבערזעצן און ניט פּובליקירן וועלן מיר דאָס נישט. צו פֿיל גשמיותדיקע סצענעס, אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז דאָס נישט אָנגענומען, די ייִדישע ליטעראַטור איז תּמיד געווען אַ שעמעוודיקע, ממש ווי אַ ייִדישע בתולה...״.

– און יצחק באַשעוויס? – האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.
– וואָס רעדט איר וואָס, דאָס איז שוין איין מאָל אַן אַנטיסאָוועטשיק... כ׳וואָלט בפֿירוש פֿון אים עפּעס איבערגעלייענט, אפֿשר ברענגט איר מיר פֿון רומעניע...

און ווען דרײַ יאָר שפּעטער, אין ׳86, שוין אין גאָרבאַטשאָווס צײַטן, איז אַרויס קאַנאָוויטשעס באַרימטע טרילאָגיע, און דער ווילנער יִידישער שרײַבער בער האַלפּערן האָט פֿאָרגעלייגט דער רעדאַקציע פֿון דעם איינציקן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד יִידישן זשורנאַל זײַנע איבערזעצונגען פֿון אַ פּאָר קאַנאָוויטשעס דערציילונגען, האָט ער פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״ דערהאַלטן אַ גרימצאָרנדיקן בריוו מיט אַזאַ אַרויסבאַגלייט־וואָרט: ״...און זאָל קאַנאָוויטש שוין אויפֿהערן צושטעלן אויפֿן מאַרק זײַן אַנטיסעמיטישע שפּײַז! האָבנדיק אַ טאַלאַנט – מיט וואָס פֿאַרנעמט ער זיך?״

״אַנטיסעמיטישע שפּײַז״.

צו יענער צײַט האָבן שוין מענטשן אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן פֿון דער פּאַרטיי, אַזוי אַז די פֿריִערדיקע סטאַנדאַרט־פֿאָרמל ״אַנטיקאָמוניסטישע שפּײַז״ וואָלט שוין אַוודאי נישט געקלונגען אַזוי דראָענדיק.

און אָט איז קאַנאָוויטש אין ישׂראל.
ישׂראל, – איז ער זיך מודה אין אַן אינטערוויו, – ישׂראל וואָס האָט געלעבט אין מײַן האַרצן און כּוח־הדמיון, איז געווען גאָר ניט דאָס וואָס איך האָב דאָ דערזען. דאָ אין ישׂראל לעב איך איבער אַ פּערזענלעכע דראַמע. יאָ, אַ דראַמע״.

צו אָט דעם אויספֿיר איז אָבער קאַנאָוויטש געקומען ניט אַזוי גיך. אין דעצעמבער 1996 ווען מיר האָבן אין איינעם פֿאַרבראַכט צוויי שיינע טעג (צוזאַמען מיט אונדזערע פֿרויען – בײַ מיר אין עכּו, און אויף מאָרגן – נאָרביידע – אין דער פֿאַנטאַסטישער שטאָט צפֿת בײַ זײַנעם אַ פֿרײַנד, בײַם באַקאַנטן מאָלער משה ראָזענטאַליס), – האָט קאַנאָוויטש נאָך דעמלט וועגן עפּעס אַ ״פּערזענלעכער דראַמע״ ניט גערעדט, הגם איך, האָבנדיק דאָ צו יענער צײַט שוין אַ סטאַזש פֿון פֿינף יאָר, האָב אין אונדזערע שמועסן כּסדר באַרירט אָט די טעמע. קאַנאָוויטש האָט זיך ווי ניט געאײַלט דערזען די רעאַלע ווירקלעכקייט, און האָט זײַן אינערלעכן בליק קאָנצענטרירט מער אויף פּראָפֿעסיאָנעלע ניואַנסן. למשל, אַ פּאָר מאָל זיך דערמאָנט אין די ווערטער פֿון זײַן פֿאָטער, דעם ווילנער שנײַדער שלמה קאַנאָוויטש: ״דאָס וויכטיקסטע אין לעבן איז, אַז דער קונה זאָל נאָך אַ מאָל קומען צו דיר ווען ער וויל זיך אויפֿנייען אַ נײַ רעקל. און ניט אַרומגיין און איבערחזרן: גיט אַ קוק וואָס פֿאַר אַ שיין רעקל כ׳האָב געמאַכט מיט עטלעכע יאָר צוריק״. שמיל בערינסקי, מײַן טאַטע, איז אויכעט אַ שנײַדער געווען, אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין די 30ער יאָרן, אין בוקאַרעשט. פֿלעג איך אויך פֿון אים הערן קלוגע סענטענציעס, צום בײַשפּיל: ״קודם־כּל דאַרפֿסטי זאַן אַ מענטש״. נו, ווו איז הײַנט יענער פּלאַנעט מיט די שנײַדערס, נאַיווע חכמים?״

ע

– ווען איך האָב געלעבט אין ליטע, – זאָגט קאַנאָוויטש, – האָב איך געגלייבט, אַז איך קען גוט די ייִדן, זייער כאַראַקטער, זייער שטייגער. דאָ אין ישׂראל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין גרויסער קענער פֿון מײַן פֿאָלק בין איך נישט. איך, אַ געבוירענער אין אַ דורך און דורך ייִדישער משפּחה... דאָ אין ישׂראל היפּערבאָליזירט זיך, צעוואַקסט זיך אַלץ דאָס מיאוסע, עקלהאַפֿטע, פּאַסקודנע, וואָס מ׳האָט געקענט, פֿאַרשטייט זיך, באַמערקן צו מאָל אויך דאָרטן.
– וואָס זשע טוט מען?
– איך מיין, אַז אַ שרײַבער דאַרף זיך גוט אָנלײַדן כּדי צו קענען אָנשרײַבן אַן אמתע זאַך...
– געפֿינט איר זיך, הייסט עס, אין דעם גינסטיקסטן מצבֿ, וואָס איר האָט נאָר געקענט חלומען!
– יאָ... אַז איך קוק זיך אַרום... יעדער טאָג איז אַ חלום.

עכּו, נאָוועמבער 2003

אַלעקסאַנדער געלמאַן

(צוויי און פֿערציק יאָר אין דער נאָענט און פֿון דער ווײַטנס)

פֿון דער משפּחה געלמאַן, עלף מענטשן, זענען בשעת דער מלחמה געבליבן לעבן אין בערשאַדער געטאָ בלויז צוויי – דער פֿאָטער און דאָס בחורל שוניע – דער קינפּטיקער באַקאַנטער דראַמאַטורג, לאַורעאַט פֿון בכּבֿודיקע פּרעמיעס, פֿאָלקס־דעפּוטאַט, מיטגליד פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר מענטשנרעכט, דאָקטאָר האָנאָריס פֿון פּעפּערדײַן־אוניווערסיטעט, אאַז״וו. געבוירן געוואָרן אין 1933, אין שטעטל דאָנדיושאַן, בעסאַראַביע. רעדט און לייענט יִדיש, שרײַבט אָבער זײַנע פּיעסעס און קינאָ־סצענאַרן אויף רוסיש.

מיר זענען געזעסן אין דעם אונטערשטן בופֿעט פֿון דעם מאָסקווער שרײַבערקלוב, און איך האָב אים דערציילט, ווי אַ פּאָר טעג פֿריִער, צוריקצוּוועגס פֿון בערלין, האָט מען אונדזער צוג אָפּגעשטעלט עטלעכע קילאָמעטער פֿאַר דעם וואַרשעווער וואָקזאַל, אָפּגעהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין די וואַגאָנען בײַ די 4-5 שעה און נאָך דעם געלאָזט אונדז פֿאָרן מיט עפּעס אַ פֿאַרוויסטער זײַטיקער ליניע. דאָס איז געווען סוף אויגוסט 1980 – דער בונט פֿון דער ״סאָלידאַרנאָסט״.

און בשעת איך דערצייל עס אים, קומט צו צו אונדזער טישל, שוין אַ ביסל זיך שאָקלענדיק, די פּאָעטעסע רימאַ קאַזאַקאָוואַ און גיט אים, דעם חבֿר מײַנעם, אַזאַ היימישן פּאַטש אין דער פּלייצע:

– נו, געלמאַן, איצטער ביסטו צופֿרידן? דו, געלמאַן, דו האָסט עס אונדז אָנגעטאָן...

– אָנגעמאַכט, רימאָטשקאַ, אָנגעמאַכט, – רוף איך זיך אָפּ.

– זעץ זיך צו, טײַערינקע, – רוקט איר אונטער סאַשאַ אַ בענקל,– וואָס ווילסטו דען?

– כ׳זאָג, אָ די צרה אין פּוילן. דײַנע פֿילמען זענען עס, סאַשענקאַ, מ׳האָט זיי געדרייט דאָרט אָן אַן אויפֿהער, בײַ טאָג און בײַ נאַכט...

געלמאַנס פֿילמען האָט מען דעמלט טאַקע געוויזן – אפֿשר ניט אַזוי בײַ טאָג און בײַ נאַכט – מער ווי אין 30 לענדער, אײַנשליסנדיק אַמעריקע און ישׂראל, אָבער אין פּוילן און אין נאָך צוויי־דרײַ לענדער פֿונעם ״סאָציאַליסטישן לאַגער״ האָבן די ״אונטערררײַסישע״ קינאָ־לענטעס און פּיעסעס באמת אָנגעבראַכט צרות פֿאַרן רעזשים. און שוין גאָר קאַטאַסטראָפֿאַלע פֿאָלגן פֿאַרן ״רעאַלן סאָציאַליזם״ האָט עס ערשט שפּעטער געהאַט, אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

געלמאַן איז קיין קעמפֿער מיטן סאָציאַליזם ניט געווען, ער האָט געהערט צו דעם פּראָגרעסיוור־ראָמאַנטישן טייל אינטעליגענץ פֿון די 60ער יאָרן, מיט אַלע זייערע שיינע אידעען און אילוזיעס וועגן ״צוריקאויפֿשטעלן די מאָראַלישע לענין־נאָרמעס״, וועגן עפּעס אַ ״סאָציאַליזם מיט אַ מענטשלעכן פּנים״ און אַנדערע בלינדע חלומות.

צו דער צײַט ווען מיר האָבן זיך מיט אים באַקענט, פֿרילינג 1961, אין קעשענעוו, איז געלמאַן שוין געווען אַ פּאַרטיי־מיטגליד און געזוכט אַ וועג און אַ מעגלעכקייט ״פּראַקטיש צו ווירקן אויפֿן באַנײַונג־פּראָצעס״. אַ דעמאָביליזירטער אָפֿיציר מיט אַ גאַנצער ריי פּריווילעגיעס, האָט ער זיך דעמלט נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פֿון דער ווײַטער מיליטאַריזירטער קאַמטשאַטקע

– און באַלד זיך געשטעלט צום ווערקשטעל אויף אַ זאַוואָד, ווו ער האָט פֿאַרדינט, ווי מ׳זאָגט עס, אויף ברויט מיט וואַסער, דערפֿאַר אָבער באַקומען דעם שאַנס ״אוממיטלבאַר צו דערקענען דעם אַרבעטער־קלאַס״.

אַ דירעקטן וועג און אַ מיטל צו ״ווירקן אויף דער געזעלשאַפֿט״ האָט ער אויך געזען אין דער ״אַקטיווער״ פּאָעזיע, און האָט דעם וועג אויסגעפּרוּווט, אָבער קאָנקורירן מיט יעווטושענקאָס פּובליציסטישן גראַם, נאָך אין דער פֿאַרשלאָפֿענער בעסאַראַבער פּראָווינץ, האָט אויסגעזען נאַיִוו...

◀▶

זיך איך, הייסט עס, אין אַ זוניקן פֿרילינגטאָג 1961 אין דער רעדאַקציע ״מאָלאָדיאָזש מאָלדאַוויִ״[1], איינער אַליין אין פֿרידמאַנס קאַבינעט, וואַרט ווען ער וועט זיך אומקערן פֿון דער מיטיק־הפּסקה. רוקט זיך שטיל אַרײַן אַ ייִדעלע מיט אַ ברוינער ״באַסקע״ (בערעט) אויפֿן קאָפּ און עפּעס אַן אַלטפֿרענקישן ״ראַגלאַן״־מאַנטל אויף די פּלייצעס. אַ מין גרוי נעבעך פֿערדל.

– מאָזשנאָ?[2]

– צו פֿרידמאַנען? ער איז נישטאָ.

– איך זע. און איר זײַט – ווער זײַט איר?

– בערינסקי.

– אַ, דער פּאָעט? איך שרײַב אויכעט לידער.

(וויי׳ז מיר, באַלד שיט ער אויס אויף מיר אַ זאַק גראַפֿאָמאַניע...)

– מזל־טובֿ!

– האָט נישט מורא, זיי דרוקן מיך שוין.

– יאָ? און ווי הייסט איר, וואָס איך קען אײַך פּלוצעם נישט?

– געלמאַן.

– ווי, זאָגט איר, ווי?

איך האָב זיך ווילד צעלאַכט.

– אוי, געלמאַן... געלמאַן... און ביז הײַנט שטעקט איר נאָך דאָ, אין דעם פֿאַרבלאָטיקטן קעשענעוו – נאָך אַלץ נישט אין אײַער באַפֿרײַטער האַוואַנאַ מיט די באַרבודאָס, פּאַטריאַ אָ מוערטע... ווי שטייט עס אין אײַער ליד דאָרטן – ״פֿידעל, נעם מיך מיט...״? איר האָט אים כאָטש צוגעשיקט די צײַטונג?

אַ שטיל קלינגען, עפּעס ווי אַ קלימפּערנדיקער זייגער בײַ אים ערגעץ אין אַ בוזעם־קעשענע האָט זיך דערהערט. צי גאָר אפֿשר אַ באָמבע?

– געלמאַן!

– מײַן האַוואַנאַ... יאָ, מײַן האַוואַנאַ...

ער האָט געלאַכט און געצוקט מיטן גאַנצן גוף זײַנעם. פֿאַרצווייפֿלונג און טרערן זענען געשטאַנען אים אין די אויגן.

---

[1] ״די מאָלדאַווישע יוגנט״ (רוס׳).

[2] כ׳מעג אַרײַנגיין? (רוס׳).

יענעם פֿרילינג האָב איך אַנטדעקט, אַז כ׳בין ניט איינזאַם אויף דער וועלט. אים זענען צום האַרצן געווען מײַנע לידער, מײַן ניט אײַנזיצן אויף אַן אָרט, מײַנע נאַכטפּלוגן, סטוואַרדעסעס, די טראַגישע ליבע צו אָליאַ סווידערסקאַיאַ, אַלע יענע ״קונצן און משוגענע שטיק״. אַליין איז ער שוין אַזוי יונג ניט געווען – זעקס יאָר עלטער פֿון מיר, געהאַט אַ פֿאַמיליע (דעמלט נאָך די ליליאַ און דאָס פּיצל זינדעלע – דער הײַנט גוט באַקאַנטער גאַלעריסט און פּאָליט־טעכנאָלאָג מאַראַט געלמאַן). אָבער ניט דאָס, ניט זײַנע שטייגערישע זאָרגן און שוועריקייטן האָבן אונדז שפּעטער פֿאַנאַנדערגעבראַכט און צעפֿירט אויף צוויי פֿאַרשיידענע לעבנסוועגן.

דאָס לעבן, ווי איך האָב עס פֿאַרשטאַנען, איז פֿאַר אַ קינסטלער – אַ גײַסטיקער צושטאַנד, אַ געלעגנהייט און אַ מעגלעכקייט צו אויסערן אין מוזיק, פּאָעזיע, מאָלערײַ פֿרײַע אינטויִטיווע אימאַזשן מיט פֿאַרבאָרגענע אין זיי טראַנסצענדענטע אידעען. פֿאַר מײַן חבֿר אָבער איז דיכטונג געווען, ווי געזאָגט, אַ מיטל, אַ וועג צו פּראַקטישער אַקטיוויטעט. און דאָס האָט, אין תּוך גערעדט, באַשטימט ביידע אונדזערע אויף אַזוי פֿיל ניט ענלעכע גורלות.

געלמאַן האָט זײַן שעפֿערישן וועג געפֿונען אין קינאָ־ און טעאַטער־דראַמאַטורגיע – אין דעם מעכטיקן עמפּירישן זשאַנער מיט אַ גוואַלדיקן פּאָטענציאַל.

נאָכן צעפֿאַל פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט געלמאַן, ווי אַ דראַמאַטורג, צען יאָר געשוויגן – פֿאַרנומען זיך מיט עסייִסטיק, פּובליציסטיק, געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, געווען איינער פֿון די אויטאָרן פֿון דער הײַנטיקער קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד. ערשט אין 2001 איז אויף זײַן סצענאַר אַרויס אַ דאָקומענטאַר־פֿילם אין צוויי טיילן ״גאָרבאַטשאָוו. נאָך דער אימפּעריע״ (צו יענעמס זיבעציק יאָר), וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. אָבער וועגן זײַן נײַער פּיעסע ״די פּראָפֿעסיאָנאַלן פֿון זיג״ האָבן קריטיקער פֿון דעם ייִנגערן דור געשריבן, אַז ״געלמאַן האָט מצליח געווען אין אַמאָליקן ראַטן־פֿאַרבאַנד און... דאָרט געבליבן״. דערווײַל וווינט איצט אין מאָסקווע געמאַכט, לויט זײַן לעצטן סצענאַר, דער פֿילם ״אַריה״, און אָנהייב סעפּטעמבער ד״י איז ער מיט דער קינאָ־גרופּע געקומען קיין תּל־אָבֿיבֿ צו פֿילמירן עטלעכע סצענעס.

אין די 70ער־80ער יאָרן, שוין לעבנדיק (מיט אַ נײַער פֿאַמיליע) אין לענינגראַד און דערנאָך אין מאָסקווע, איז געלמאַן געוואָרן אַן אמתער קולטור־פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער. מיר האָבן זיך כּמעט אויפֿגעהערט צו באַגעגענען. ער פֿלעג מיך נאָך אײַנלאַדן צו זײַנע פּרעמיערעס; איך פֿלעג קומען – און אַליין נישט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס זיץ איך דאָרט.

די סאָוועטישע ווירקלעכקייט, ווירטשאַפֿטלעכע און מאָראַלישע פּראָבלעמען, וואָס ער פֿלעג אין זײַנע ווערק אַזוי טיף אַנאַליזירן און אַזוי אָפֿן שטעלן פֿאַר דער מאַכט און דעם פֿאָלק, – זענען מיר פֿרעמד געווען: מיט אָ דעם רעזשים און מיט אָ דעם פֿאָלק האָב איך שוין פֿון לאַנג, און אפֿשר קיין מאָל נישט, ניט געהאַט וואָס צו דיסקוטירן.

אין אַ טאָג, האַרבסט 1990, טעלעפֿאָנירט ער מיר פּלוצעם: מיר דאַרפֿן זיך טרעפֿן, ער איז אַרויס פֿון דער פּאַרטיי...

– סטײַטש, דו ביסט ערשט וואָס דאָך געוואָרן, מ׳האָט איבערגעגעבן, אַ מיטגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט...

– נייך־נייך, דאָס האָט מיך גאָרבאַטשאָוו אַרײַנגעפּערעט, ניט געפֿרעגט אַפֿילו, כ׳בין דעמלט געווען מיט לעקציעס אין אַמעריקע...

אָבער געטראָפֿן האָבן מיר זיך שוין אין ירושלים, דעצעמבער 1991, איך – אַ פֿרישינקער עולה, ער – אַ בכּבֿודיקער גאַסט אויף עפּעס אַ קאָלאָקוויום פֿון דראַמאַטורגן. איך האָב גענומען בײַ אים אַן אינטערוויו, שפּעטער אַרויסגעשיקט אים די פּובליקאַציע קיין מאָסקווע און... אים 12 יאָר ניט געזען.

וועגן דעם פֿילם ״אַריה״, וואָס איז אין דער אַרבעט, האָט מיר אין תּל־אָבֿיבֿ מײַן חבֿר וויניק וואָס דערציילט.

מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין איינעם אַ שיינעם סעפּטעמבער־טאָג. שפּאַצירט בײַם ים. געגאַנגען עסן מיטאָג אין אַ שטילן רעסטאָראַן, וווּ מיר זענען געווען די איינציקע געסט, מחמת אַלע קעלנער רעדן דאָרט אויסשליסלעך אויף בענגאַליש – אַפֿילו קיין ענגליש ניט.

שפּעטער זענען מיר פֿרידלעך געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ גערטנדל, וווּ די אַקסלען האָט אונדז אַרומגעווייעט אַ גרין ווינטל פֿון די יונגע יאָרן.

צפֿו, אָקטאָבער 2003

וועגן דעם ווירטועלן מיקי וואָלף און זײַן reality-ראָמאַן "Milki Way און אַנדערע דאַכאַרבעטן"

דער פּסעוודאָנים, אונטער וועלכן אַלעקסאַנדער בראָדסקי האָט אַרויסגעגעבן זײַן בוך, קלינגט מיר, דעם אמת געזאָגט, שטאַרק ניט סימפּאַטיש, דאָס ווערק אָבער... וועגן איינעם ווי איך, וואָס מיר סטײַעט פֿון לאַנג שוין ניט קיין געדולד פֿאַר "ראָמאַנען" און כּל־המינים בעלעטריסטיק, איז בראָדסקיס reality-פּראָזע (אין קעגנזאַץ צו fiction-ליטעראַטור) דאָס בעסטע וואָס איך האָב איבערגעלייענט אויף רוסיש פֿאַר די לעצטע 15-10 יאָר.

איינע פֿון די סיבות פֿאַר וואָס דער מחבר האָט דאָס ערשטע אויטאָרישע בוך זײַנס ניט אַרויסגעגעבן מיטן אייגענעם נאָמען, קען איך מיר פֿאָרשטעלן. פֿערציק יאָר האָט ער געשריבן פֿאַר אַנדערע (וואָס דען איז די קליאַטשישע - לויט פּושקינען - אַרבעט פֿון אַן איבערזעצער?), און ניט זעלטן פּראָקלאַמירט פֿרעמדע אידעען (וואָס דען איז די מעגאַפֿאָן־פֿונקציע פֿון אַ זשורנאַליסט?) - האָט ער דאָס מאָל ניט געוואָלט, אַ פּנים, אַז דאָס בוך זאָל בײַם לייענער אַרויסרופֿן פֿאַרצײַטיקע אַסאָציאַציעס - הגם, שעמען זיך, אויף וויפֿל איך קען אים און ווייס וועגן זײַן טעטיקייט, האָט ער זיך ניט מיט וואָס.

באַקענט מיט אים האָט מיך, אָנהייב 1961, דער קעשענעווער דיכטער רודאָלף אָלשעווסקי, וועמענס גרויסע "אַנטדעקונג" איז דער יונגער אַליק בראָדסקי טאַקע דעמלט געווען, - און אין משך פֿון 43 יאָר שטייען מיר מיט מײַן פֿרײַנד, ווי סע זאָגט זיך, אַקסל צו אַקסל אויף דעם משוגענעם ווילדן פּלאַנעט.

אַלעקסאַנדער בראָדסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1942, נאָך דער מלחמה האָט זיך די משפּחה אומגעקערט פֿון דער עוואַקואַציע קיין קעשענעוו, ווו ער האָט פֿאַרענדיקט די שול און אין גיכן פֿאַרנומען געוואָרן אויף דרײַ יאָר צום מיליטער־דינסט. אין 1969 - באַקומען דעם דיפּלאָם פֿון מאָסקווער אוניווערסיטעט (פֿאַקולטעט פֿון זשורנאַליסטיק), אין 1983 פֿאַרענדיקט די העכסטע ליטעראַרישע קורסן בײַם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין (גרופּע ייִדיש, אין איינעם מיט משה פּענס, באָריס סאַנדלער, וועלוול טשערנין און ל.ב.). איבערזעצט פֿון רומעניש, "מאָלדאַוויש", ענגליש, פֿראַנצייזיש, דײַטש, שוועדיש, ייִדיש, א"אַ, - דיכטונג, פּראָזע, דראַמאַטורגיע און ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט. עולה געווען אין 1992, אין ישׂראל געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פֿון פֿאַרשיידענע רוסישע קולטור־בײַלאַגעס, לעצטנס - פֿון דעם רוסיש־שפּראַכיקן וואָכנבלאַט "יעווריסקי קאָמערטאָן".

אין גאָרבאַטשאָווס צײַטן האָט אַלעקסאַנדער בראָדסקי אַרויסגעלאָזט אין קעשענעוו איינע פֿון די ערשטע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ייִדישע צײַטונגען (צוויי־שפּראַכיק: אויף רוסיש -"נאַש גאָלאָס", און אויף ייִדיש - "אונדזער קול", דעם ייִדישן טייל האָט געפֿירט באָריס סאַנדלער).

ווי הויפּט־רעדאַקטאָר האָט בראָדסקי באַשטימט די געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע, די שטעלונג פֿון דער צײַטונג צו אַזוינע שאַרפֿע פּראָבלעמען ווי, למשל, דער נאַציאָנאַל־סיכסוך אין בעסאַראַביע (ניט פֿאַרגעסנדיק אויך אַנדערע "הייסע" סאָוועטישע קאַנטן - אַרמעניע,

גרוזיע, די באַלטישע לענדער). מיט דער צײַטונג און דעם רעדאַקטאָר איז אין מאָלדאַוויע שטאַרק ניט צופֿרידן געווען אַ גאַנצער שיכט ייִדן – פֿון די, קודם־כּל, וואָס האָבן זיך באַוויזן און באַזעצט אין בעסאַראַביע שוין נאָך דער מלחמה, און, פֿאַרשטייט זיך, זייער צווייטע גענעראַציע. די אָנגעקומענע פֿון רוסלאַנד און אַנדערע רעפּובליקן אינזשענערן, דאָקטוירים, יוריסטן, עקאָנאָמיסטן, פּעדאַגאָגן און זשורנאַליסטן, סטימולירט (אויך מאַטעריעל) דורך דער צענטראַלמאַכט ״אײַנצופֿעסטיקן״ אין דער נאָך ניט סאָוועטיזירטער רעפּובליק דעם נײַעם רעזשים, האָבן, פֿאַקטיש, אין איינעם מיט די רוסישע מיליטער־טשינען, קאָמוניסטישע און אַדמיניסטראַטיווע פֿונקציאָנאַרן און ביוראָקראַטן, פֿאַרווירקלעכט דעם אימפּערישן פּלאַן פֿון אויסוואָרצלענדיקער רוסיפֿיקאַציע אין דעם קליינטשיקן לאַנד.

עס פֿלעג דערגיין ביז אַבסורד: אין די לערנביכער פֿלעג, למשל, שוואַרץ אויף ווײַס שטיין, אַז די מאָלדאַוואַנער (בעסאַראַבישע רומענער) זענען סלאַוון!

אין די 80ער יאָרן, ווען די מאָלדאַווישע אינטעליגענץ האָט אָנגעפֿאַנגען דעם קאַמף פֿאַר אויטענטישער אידענטיטעט, פֿאַר אומקערן זיי דעם רומענישן (לאַטײַנישן) אַלפֿאַבעט און דעם אמתן פֿאָלקס־סטאַטוס, האָט זיך אַלעקסאַנדער בראָדסקי געשטעלט אויף דער זײַט פֿון דער גערעכטיקייט. שפּעטער, ווען די היגע נאַציאָנאַליסטן האָבן ״דערגאַנצט״ די באַרעכטיקטע פֿאָדערונגען מיט זייערע עקסטרעמע לאָזונגען, איז בראָדסקי תּיכּף ״אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דעם צוג״ –אָבער ביז הײַנט טרעף איך, שוין אין ישׂראל, יענע רוסיפֿיצירט־אַסימילירטע ייִדן, וואָס האַלטן אים פֿאַר אַ ״פֿאַררעטער פֿון די ייִדישע אינטערעסן אין בעסאַראַביע״. (מיט זיי פֿיר איך אין דער ישׂראלדיקער רוסישער פּרעסע מײַן אייגענעם חשבון, אין אַזעלכע אַרטיקלען ווי ״צוויי פֿעלקער פֿון איין עולה״, ״איר וואָס באַניצט זיך מיטן וואָרט ׳זשיד׳, זאָל אײַך די צונג אָפּגעדאַרט ווערן״, א״אַ).

וואָס שייך די ייִדן פֿון בעסאַראַבישן אָפּשטאַם, איז פֿאַר זיי די אימפּערישע אידעאָלאָגיע און די רוסישע שפּראַך תּמיד געווען פֿרעמד, בשעת רומעניש, באַגלײַך מיט ייִדיש, איז געבליבן זייער אייגן לשון. דאָס זעלבע מיט דער מענטאַליטעט און מינהגים פֿון דעם אויטאָכטאָנישן, אָרט־געבירטיקן פֿאָלק, וואָס – געפֿעלן זיי דיר אָדער נישט, דאַרפֿסטו זיי רעספּעקטירן. איך געדענק, צום בײַשפּיל, ווי אויף קרעטשון (ווײַנאַכט), ווען די גוֹיימלעך פֿלעגן, נאָך דער מלחמה, אַרומגיין, אַרומטאַנצן פֿון שטוב צו שטוב מיט קלינגעוודיקע קאָליאַדעס און אַ גרויסן זאַק אויף די פּלייצעס, פֿלעגט מאַן טאָטע אַ זוג טאָן צי דער מאָמען מיט אַ מין איראָנישן שמייכל: ״נו, גיי שוין אַרויס, גיב זיי דאָרט עפּעס ווּוס, סאָם וואָלט עך זיי געגעבן מיטן מאָמזער מיט זייערן...״.

מיקי ווּלפֿס ראָמאַן – ווי דאָס ווערק איז באַצייכנט אויפֿן פֿאָדער־טאָוול – איז אָבער ווי אַ ראָמאַן ניט געשריבן געוואָרן: דער פֿאַרלעגער אין מאָסקווע האָט אַזוי דאָס ווערק דעפֿינירט קעגן דעם ווילן פֿונעם מחבר, און מיט פֿולער באַגרינדונג: לויט דעם צײַט־אַרומכאַפּ (אַ גאַנץ לעבן) און דער עקזיסטענץ־פּראָבלעמאַטיק, וואָס ווערט דאָרט געשטעלט, איז דאָס אַ ראָמאַן... פֿון וועלכן סע שטעקן דערבײַ אַרויס אַלע מוטאַציעס וואָס דער דאָזיקער זשאַנער האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון יאָרהונדערטער: דער שעלמע־ראָמאַן, היסטאָרישער ראָמאַן, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן, מאָדערניסטישער ראָמאַן, און אַפֿילו דער "נײַער" אָדער "אַנטי־ראָמאַן" מיט זײַן "אונטערבאַוווּסט־מאַגמע" אד"גל.

בראָדסקיס, פּאַרדאָן, מיקי ווּלפֿס "reality"־ראָמאַן (פֿאַר וועלכן איך האָב דאָ געמוזט דערפֿינען אָ דעם טערמין וואָס האָט, אַגבֿ, קיין שײַכות ניט צו דעם בעלעטריסטישן "רעאַליזם") באַשטייט פֿון בערך 90 נאָוועלעס, עסייען, פּאַמפֿלעטן, ליטעראַטור־אַרטיקלען, אַ מאָוויסטישן (פּלוצעם) סאָנעטן־קראַנץ אין מיטן בוך, רײַזע־נאָטיצן און אַ פּאָר – דעם לעבן לענג־אויס – נעקראָלאָגן... יעדע זאַך – אַ מײַסטערווערק, אַ זאַך אין זיך. קיין "פֿירנדיקן סיוזשעט" און קיין "פֿאַבל" איז ניט פֿאַראַן, דער סיפּור־המעשׂה אַנטוויקלט זיך אויף גאָר אַנדערע דרכים, און די אינטריגע־שפּאַנונג אַנטשטייט ניט צווישן די פּערסאָנאַזשן, נאָר צווישן דעם לייענער און דעם מחבר – נאָך דעם ווי דאָס בוך איז איבערגעלייענט.

אויף עפּעס אַן אַנדערן אופֿן וואָלט די זאַך ניט געקענט עקזיסטירן, ווײַל קיין דויערהאַפֿטיקע פּערסאָנאַזשן, ווי טראַדיציאָנעלע פֿיגוראַנטן פֿון אַ סיוזשעט, זענען אויך (חוץ דעם מיקי אַליין) ניט פֿאַראַן – בלויז פֿיגוראַנטן, וואָס באַווײַזן זיך איינער נאָכן אַנדערן, רעאַלע אָנטייל־נעמער אָדער עדות פֿון עפּעס אַ באַשריבענער סיטואַציע, אַ סצענע, אַ קאָליזיע. אין קעגנזאַץ, וואָלט איך געזאָגט, צו דער בעלעטריסטישער פּראָזע, וווּ דער ווירטואַלער פּערסאָנאַזש הייבט אָן צו דיקטירן דעם לעבעדיקן שרײַבער, וו'היין און מיט וועלכע געװנוי "מיסטער איקס" און "מאַדאַם איגרעק" מוז ער ווײַטער פֿירן די האַנדלונג.

די עקזיסטענץ־אויפֿציטערונג, דער פֿרייד־און־ווי פֿון מענטשלעכן דאָזײַן פֿילט אָן יעדן עפּיזאָד, יעדע זײַט אינעם בוך. אָט אַ קורצער פֿראַגמענט פֿון דער נאָוועלע "לעב מיטן שטורעמבליץ":

"מײַן פֿאָטער איז געווען אַ פּעדאַנט, – אַזוי אַז עפּעס אַ שלאַקסרעגן האָט אים, זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, ניט געקאָנט אָפּווענדן פֿון זײַנע דידאַקטישע באַמיִונגען.

– לאָמיר נעמען דאָס וואָרט 'פּערמואַר', – האָט דער פֿאָטער געזאָגט און אויפֿגעהויבן דעם פֿינגער. – אָט הענגט, זעסט, אין ווינקל דײַן מאַנטעלע מיט אַ פּערמואַר, צי ווייסטו אָבער וואָס אַזוינס איז אַ פּערמואַר?

אַ כוואַליע וואַסער האָט אַ פּליעסק געטאָן אין פֿענצטער. ס'האָט זיך דערהערט ווי דער שטראָם קאַטשעט איבער און שלעפּט מיט שווערע ברוקשטיינער.

– 'פּערמואַר' איז אַ צונויפֿגעזעצט וואָרט, – ער האָט געגעבן אַ וואָרף אַן אומצופֿרידענעם בליק צום פֿענצטער,– 'פּער' – הייסט אויף פֿראַנצייזיש 'אײַזן', און 'מואַר' – דאָס איז עפּעס ווי זײַד. נו, וואָס באַקומט זיך אין איינעם?

– פֿערמואַר! – האָב איך זיך אַליין דערפֿרייט ווי קלוג איך בין.

ס'האָט אים אַזש אויסגעקרימט, אָבער ער האָט זיך באַהערשט, נאָר די אויגן האָבן געוואָרפֿן שאַרפֿע שפּיציקע פֿײַערבליצן.

– און הער זיך שוין אויף צו קאַלופּען אין נאָז!"

אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם ייִנגעלע איז אַרײַנגעשטעלט (מסתּם ווי אַ צײַגעניש: וואָס סע ווערט פֿון אַ מענטשן) אין דעם רעקלאַמטעקסט אויפֿן הינטערשטן בוכטעוועלע, באַגלייט מיט אַ ווילד קאָנטראַסטירנדיקער אַקטועל־הײַנטיקער אונטערשריפֿט: "מיקי וואָלף: וווּקס – 178 צענטימעטער, עלטער – איבער 60 ערד־אָרביטן אַרום דער זון, דער שאַרבן – אָן אויסגעצויגענער, די שיכאָפּצאַסן – אָפּגעטראָטענע, דער קוק – אַ כמורער, ניט־פֿרײַנדלעכער".

אַרײַנשטעלן אינעם בוך אַ פֿאָטאָ פֿון הײַנט האָט זיך דער מחבר, גוט געטאָן, ניט דערוועגט.

עכּו, יאַנואַר 2004

דער פֿערטער פֿאָרזיצער פֿון דעם ערדקײַלעך

יאָ, אַזאַ „פּאָסטן“ איז פֿאַראַן אויף דער וועלט. אין יאָר 1920 האָט דער באַרימטער רוסישער דיכטער סערגיי יעסענין אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין כאַרקאָוו געקרוינט מיט דעם טיטל דעם געניאַלן פּאָעט־פֿוטוריסט וועלעמיר כלעבניקאָוו, וועלכער פֿלעג זיך שפּעטער מיט אָ דעם ערן־שם אונטערחתמענען, און אַזוי פֿלעגן אים אויך טיטולירן זײַנע חבֿרים און אַדעפּטן – וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, דאַוויד בורליוק, וואַסילי קאַמענסקי, ניקאָלײַ אַסייעוו און אַנדערע.

צוזאַמען מיט כלעבניקאָוון איז אין יענעם אָוונט אויסגעקליבן געוואָרן דער „וויצע־פֿאָרזיצער“ – דער פּאָעט גריגאָרי פּעטניקאָוו, צו וועלכן ס׳איז נאָך כלעבניקאָווס פּטירה, אין 1922, אַריבער דער בכּבֿודיקער „טשין“. פּעטניקאָוו האָט בשעתו, דעם 21סטן אָקטאָבער 1963, איבערגעגעבן דעם „היוכן אַמט“ דעם דיכטער לעאָניד ווישעסלאַווסקי און פֿון אים האָט שוין די קרוין דערהאַלטן דער קיִעווער רוסישער דיכטער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם יורי קאַפּלאַן.

זײַן פּאָעטישן וועג האָט דער הײַנטיקער פֿאָרזיצער פֿון דעם ערדקײַלעך אָנגעהויבן אָן רעש און סענסאַציעס, און דאָך האָבן אים באַלד באַמערקט און הויך אָפּגעשאַצט זײַן טאַלאַנט אַזעלכע וויכטיקע רוסישע און אוקראַיִנישע ליריקער פֿון עלטערן און ייִנגערן דור, ווי ניקאָלײַ אושאַקאָוו, פּאַוולאָ טיטשינאַ און וואַסיל סטוס. אָבער נאָך זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין 1969 (און אין וועלכער ער האָט – אָן שום דערפֿאָלג – נאָר געפּרוווט אַרײַנצושטעלן זײַן פּאָעמע „באַבי יאַר“, אָנגעשריבן נאָך אין 1959, מיט צוויי יאָר פֿריִער פֿון יעווטושענקאָס געדיכט), – האָט יורי קאַפּלאַן לאַנגע צוויי יאָרצענדליקער ניט געקאָנט אין דעם גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד פֿאַרעפֿנטלעכן קיין איין ליד, און איז געווען, ווי סע זאָגט זיך, „ברייט באַוווּסט אין אַן ענג קרײַזל פּאָעטן“.

לײדער, ניט נאָר פּאָעטן. ער דערמאָנט זיך אויך אין די פֿײַנלעכע „דיסקוסיעס“ אין דעם הויז אויף דער ראָזאַ לוקסעמבורג־גאַס, נומ׳ 16, אין דעם קיִעווער ק.ג.ב.

„מ׳האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דעם בנין און גלײַך אַראָפּגעבראַכט דרײַ עטאַזשן נידעריקער, טיף אין קעלער. געוויזן מיר אַ פּעקל מײַנע לידער, אָפּגעדרוקט אויף ציגײַער־פּאַפּיר, און אינקרימינירט זייער פֿאַרשפּרייטונג אין שטאָט ווי פֿלוגבלעטלעך. דאָס איז געווען אַ ריינער ליגן, די לידער האָב איך נאָר געלייענט אין אונדזער ליטעראַטור־סטודיע. האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן דאָרט 10 טעג, אַפֿילו ניט דערלויבט געבן צו וויסן מײַן פֿרוי ווו איך בין. פֿאָרגעלייגט „מיטאַרבעטן“, צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. און ווען זיי האָבן ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז סע קומט בײַ זיי גאָרנישט אַרויס, האָט מײַן אויספֿאָרשער איין מאָל פֿאַרלוירן ס׳געדולד און גענומען קוויטשען און יאָפּקען מיך: „איז גיי שוין (אַהין און אַהין)! יאָ, שאַר זיך אַרויס... נאָר וויס, אַז וויפֿל דו לעבסט וועט קיין שורה פֿון דיר ניט אָפּגעדרוקט ווערן...“.

ווידער צו דרוקן זיך האָט יורי אָנגעהויבן ערשט אין די 90ער יאָרן – און באַוויזן ביז הײַנט אַרויסצולאָזן זעקס ביכער פּאָעזיע און אַ באַנד אויסגעקליבענע ווערק. צווישן די שטענדיקע אין זײַן ליריק לײַטמאָטיוון איז אפֿשר דער סאַמע אויסגעדריקטער – דאָס שולדגעפֿיל פֿון אַ מענטשן וואָס האָט איבערגעלעבט דעם חורבן. נאָך אין יאָר 1958, אַ צוואַנציק־יאָריקער בחור, האָט ער אָנגעשריבן זײַן באַרימטן „אויטאָפּאָרטרעט“ – זעקס קורצע, פֿול ווייטיק, בלויז ריטמיש „פּאָעטיזירטע“ שורות:

מײַנע האָר – דער שוואַרצער רויך פֿון שׂרפֿות –
קרײַזלען אויף מײַן הוילן שאַרבן־קעסטל.
און בײַ נאַכט, ווען שוואַכער ווערט די ראיה,
שטייען אין די אויערן ווי גריבער
אָזערעס מיט אײַערע טויטע טרערן.

אין דער הקדמה צו דער אַנטאָלאָגיע ״דאָס עכאָ פֿון באַבי יאַר״ באַמערקט יורי קאַפּלאַן: ״אַ פֿערטל יאָרהונדערט פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע האָט די יונגע מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ אָנגעשריבן אַ קורץ געדיכט ״צו די ייִדן״, אין וועלכן ז׳האָט נבֿיאיש פֿאָרויסגעזאָגט דעם חורבן און די שפּעטערע ווידעראויפֿלעבונג, אָבער דער עיקר – די טראַגעדיע פֿון דער מענטשהייט, וואָס איז ניט מסוגל געווען רעכטצײַטיק פֿעסטצושטעלן די געפֿערלעכע סכּנה... ניט צופֿעליק, זעט אויס, זענען דעם אומגליק פֿאָרגעגאַנגען צוויי גאָר ניט טאָג־טעגלעכע דאַטעס: אויפֿן 29סטן סעפּטעמבער 1941 איז אויסגעפֿאַלן יום־כּיפּור, און אויפֿן 30סטן – דער פּראַוואָסלאַוונער טאָג פֿון ״ווערא (גלויבן), נאַדעזשדאַ (האָפֿענונג), ליובאָוו (ליבע) און פֿון דער קלוגשאַפֿטלעכער זייער מוטער סאָפֿיאַ. אָבער אויך – פּינקטלעך דעם טאָג איז מײַן מאַמע דעמלט געוואָרן 25 יאָר. און פֿון דעמלט אָן איז מײַן מאַמעס געבוירנטאָג אויף תּמיד פֿאַרבונדן מיטן טרויעריקן ריטואַל אין אָנדענק פֿון די אומשולדיק דערהרגעטע.

און מיט וואָס פֿאַר אַ נס קען מען עס דערקלערן, אַז מיר ביידע – די מאַמע און איך, אַ דרײַ־יאָריק ייִנגעלע – זענען דעמלט ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין גרוב: מיט מיר אויף די הענט האָט זי זיך דורך אַ ווילדן המון אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן וואַגאָן־טרעפּל פֿון דעם לעצטן, מסתּם, צוג אין דער באַלאַגערטער שטאָט. און מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ׳בין שוין געווען אַ סטודענט, איז מיר געקומען אין קאָפּ אַ פּשוטער, אײַנפֿאַכער געדאַנק: אויב פֿאַר מיר און דער מאַמען האָט זיך דאָרט געפֿונען אַ שטיקל פּלאַץ אין דער ״טעפּלושקע״, הייסט עס, אַז עמעצער, ווער ס׳וואָלט געקאָנט דאָס פּלאַץ פֿאַרנעמען, איז איבערגעבליבן אויפֿן פּעראָן און... איז אַוועקגעפֿירט געוואָרן צום באַבי יאַר.

אָט דער פּראָסטער געדאַנק האָט מיך פּשוט דערשיטערט. איך האָב אים פֿאַרשריבן אין אַ העפֿטל, וואָס איך האָב געפֿירט נאָך פֿון מײַנע שוליאָרן – און דאָס איז געוואָרן דער אויסקוואַל פֿון מײַן פּאָעמע ״באַבי יאַר״, וועלכע איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין... יאָ, אין צוויי און דרײַסיק יאָר אַרום, און אויך ניט אין רוסלאַנד אָדער אוקראַיִנע – אין אַמעריקע...״.

יורי קאַפּלאַן איז אַ דיכטער און פּראָזאַיִקער, אַן איבערזעצער און אַ ליטעראַטור־קריטיקער. זײַנע לידער און פּאָעמעס זענען ביז איצט אַרויס, ווי געזאָגט, אין זעקס ביכער: ״אָפּברענענדיקער ווינט״, ״פֿאַרשידנס״, ״דער לויפֿיקער קלאַנג״, ״אַפּריל־שנייפֿאַל״, ״דאָס גראַוויטאַציע־פֿעלד״, ״דער נאַכט־שומר״, ווי אויך ביכער פֿאַר קינדער און דרײַ אַנטאָלאָגיעס פּאָעזיע. לאַורעאַט פֿון עטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע פּרײַזן. אָנפֿירער פֿון דער ליטעראַרישער סטודיע ״דער דריטער טויער״ בײַם קיִעווער ייִדישן קולטור־צענטער ״חינוך״.

נאָך דעם קראַך פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד איז די רוסישע ליטעראַטור אין אוקראַיִנע געוואָרן אַ טייל פֿון די קולטור־מינדערהייטן. אין אָט דער סיטואַציע האָט יורי קאַפּלאַן געשאַפֿן בײַם אוקראַיִנישן שרײַבער־פֿאַראיין אַ קאָמיסיע פֿאַר נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן און צווישנאַציאָנאַלע באַציִונגען. טאַקע ווי דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע האָט ער זיך באַטייליקט, אַפּריל 2002, אין דעם UNESCO־קאָנגרעס אין רומעניע, ווו איך האָב רעפּרעזענטירט די ייִדיש־ישׂראלדיקע ליטעראַטור, און ווו מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט אים. געטראָפֿן, ווי ס'האָט זיך גלײַך אַרויסגעוויזן, ניט צום ערשטן מאָל. יורי האָט מיך תּיכּף דערקענט (נאָך צוויי און פֿערציק יאָר זינט אונדזער ערשטער און איינציקער באַגעגעניש), און געהאָלפֿן מיר צו דערמאָנען זיך אין יענעם אַלאוקראַיִנישן צוזאַמענפֿאָר פֿון יונגע פּאָעטן אין 1960, אין דאָנעצק (צו יענער צײַט נאָך סטאַלינאָ). איך האָב זיך האַרציק אַנטשולדיקט פֿאַר מײַן שוואַכן זכּרון און געגעבן אים מײַן ערנוואָרט, אַז בײַ דער דריטער באַגעגעניש – לויט אונדזער לאָגאַריטם, אין יאָר 2044 – וועל איך אים דערקענען נאָך פֿון דער ווײַטנס...[1]

– דאָס שטייט נאָך אָבער אונטער אַ גרויסן פֿראַגע־צייכן, – האָט ער מיר באַמערקט גאַנץ ערנסט און ווי עפּעס אַן אַרגומענט פֿאַרגעלייענט זײַן ליד "אונטערן פֿראַגע־צייכן":

בײַ די עסקימאָסן אין דעם אָרעמען וואָקאַבולאַר
גלימערן אָבער פֿאַריתומטע הונדערט סינאָנימען
פֿאַרן געהיימנישפֿולן ווערטעלע
"שניי".

בײַ די אַראַבער אויף דער געדונצלטער הויט פֿון דער אוראַלטער שפּראַך,
אויסגעטריקנטער דורך די האַרבע מידבר־ווינטן, –
טרעטן בולט אַרויס אַכט הונדערט סינאָנימען פֿאַרן
"קעמל".

אין דער צעצווײַגטער קרוין פֿון דעם לשון עבֿרית
שאָקלען זיך אויפֿן בוים
צווישן יונגע שפּראָצלעך־באַטײַטן
פֿון מאָדערנער טערמינאָלאָגיע –
דרײַסיק אורסינאָנימען צום וואָרט
"שאלה".

און וויפֿל מיר געדענקען זיך,
קאָרטשען מיר זיך – פֿאַרטשעפּעט
בײַ אַ ריפּ, אונטערגעהאָנגען
אויף דעם פֿרעגהאָקן:
?

[1] דעם 13טן יולי 2009 איז יורי קאַפּלאַן אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן אין קיִעוו, אין זײַן אײגענער וווינונג.

מחמת אונטער אים
זענען מיר געבוירן געוואָרן.
כאָטש אַזאַ עפּעס צייכן
איז ניט פֿאַראַן ביים זאָדיאַק.

דער זאָדיאַק אָבער – איז בלויז אַ זעיִקער טייל פֿון דעם הימל.

צי דאָס איז אַזוי – כ׳מיין דעם הימל – ווייסט יורי קאַפּלאַן בעסער, ניט אומזיסט איז ער פֿאָרזיצער פֿון דעם ערדקיילעך, פֿאַרנעמט אַ פּאָסטן, וואָס פֿאַר אונדז יידן איז היינט אַ סך, ווען מיר האָפֿן, וויכטיקער און ווירקזאַמער, איידער עפּעס אַן אַמט פֿון אַ סעקרעטאַר פֿון עפּעס אַן UN, אויב איר האָט בכלל געהערט אַ מאָל פֿון עפּעס אַזוינס...

עכּו, פֿעברואַר 2004

סאָוועטישע... אַנטיסאָוועטישע...

„אויף אַ שׂימחה פֿון משוגעים בין איך געראָפֿן געוואָרן..."
(עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס. 1997-1919)

בײַם טיש זיך אַוועקזעצן – מײַנע רוי־איבערזעצונגען פֿאַר אונדזערע אויגן – פֿלעגן מיר זיך תּמיד אַקסל צו אַקסל, אַזוי אַז געזען האָב איך מייסטנס זײַן פּראָפֿיל, דעם זעלבן פּראָפֿיל, וואָס מען פֿלעג אויך זען אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס אין די צײַטונגען, זשורנאַלן, ביכער. ס'הייסט, קיין מאָל ניט אַנפֿאַס – סײַדן שטאַרק רעטושירט: אויף דער לינקער באַק האָט ער געהאַט אַ טיפֿן שראַם.

אויף רוסיש האָט ער גערעדט מיט אַן אויסגעדריקט באַלטישן אַקצענט, אָבער דער וואָרטשאַץ זײַנער איז געווען אַ סך רײַכער איידער בײַ די „דורכשניטלעכע" רוסישע, און שוין זיכער ווי בײַ די מײנסטע „נאַצמענישע" פּאָעטן. פֿאַר די „נאַצמענער" (נאַציאָנאַלע מינדערהייטן) פֿלעג מען אין דער מאָסקווער ליטעראַרישער סבֿיבֿה האַלטן אַפֿילו די אוקראַיִנישע שרײַבער, שוין ניט גערעדט פֿון קאַזאַכישע, מאָלדאַווישע צי „כלערליי" טשוקטשעס, מאָרדווינער, קאַראַ־קאַלפּאַקן... צו די אַלע פֿלעג אַ „נאָרמאַלער" רוסישער ליטעראַט (צווישן זיי אויך ניט ווייניק ייִדן) באַציִען זיך מיט פֿאַרבאָרגענעם אָדער אָפֿענעם ביטול און גרינגשעצונג. אַן אויסנאַם איז געווען די גרוזינישע ליטעראַטור, דער עיקר דיכטונג, אַ דאַנק דער אויטאָריטעט פֿון די גרויסע רוסישע פּאָעטן (אָסיפּ מאַנדעלשטאַם, באָריס פּאַסטערנאַק, ניקאָלײַ זאַבאָלאָצקי, א"אַ), וואָס האָבן נאָך אין די 20ער-30ער יאָרן איבערזעצט און אַרײַנגעפֿירט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערק פֿון אַזעלכע קלאַסיקער, ווי ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי און וואַזשאַ פּשאַוועלאַ, אָדער די הויכע ליריק פֿון דעם שוין שפּעטער, 1937, רעפּרעסירטן און דערהרגעטן דיכטער טיציאַן טאַבידזע אָדער זײַן נאָענטן פֿרײַנד פּאַאָלאָ יאַשווילי, וועלכער האָט זיך דעמלט, וואַרטנדיק אויפֿן אַרעסט, גענומען דאָס לעבן...

גאָר אַן אַנדער סיבה, פֿאַר וואָס מ'האָט זיך אין מאָסקווע ניט דערלויבט חוזק צו מאַכן, אַפֿילו בײַ אַ פֿלאַש וואָדקע, פֿון די שרײַבער פֿון די באַלטישע סאָוועט־לענדער, איז געווען, וואָס די דאָזיקע דרײַ רעפּובליקן האָבן זיך פּשוט „ניט געלאָזט" – ניט זיך רוסיפֿיצירן און נישט זיך ביז צום סוף סאָוועטיזירן: פֿאַרן רוסישן פֿאָלק און דער אינטעליגענץ איז דאָס שטיקל אימפּעריע שטענדיק געווען אַ פֿרעמדער, אַ „נישט־אונדזער" שטח – געאָגראַפֿיש, אידעאָלאָגיש און קולטורעל. חוץ אַלע זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכע אומגערעכטיקייטן, האָט דער פֿאַקט אָבער געבראַכט אויך געוויסע „פּריווילעגיעס". איינע פֿון די „פּריווילעגיעס" איז געווען, וואָס צו די דרײַ נאַציאָנאַלע קולטורן האָבן די קרעמלינער אידעאָלאָגן און זייערע פֿאַרוואַר־אינסטיטוציעס ניט געהאַט אַזוי פֿיל און אַזעלכע אויסוואָרצלענדיקע טענות, ווי צו די איבעריקע „ברידערלעכע"

קולטורן – אויף יעדן פֿאַל אין אַזוינע אַספּעקטן, ווי מאָדערנע עסטעטיק, עליטאַרע סטיליסטיק און דאָס רעכט אויף אַ שעפֿערישן עקספּערימענט.

דאָס דערקלערט, פֿאַר וואָס און ווי אַזוי – און דווקא אין כרושטשאָווס און ברעזשנעווס יאָרן מיט זייער גרויען אָדער טשוהון־שוואַרצן סאָצרעאַליזם – האָט געקענט אויפֿקומען און אויפֿבליִען אַזאַ פּאָעטישער פֿענאָמען, ווי עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס, וועמענס וויכטיקסטע ביכער פֿלעגן איבערזעצט און אַרויסגעגעבן ווערן אויף רוסיש: ״מײַן סאָלאָוויי״ (1952), ״ברידער־פּאָעמע״ (1955), ״דער מענטש״ (1961), ״לירישע עטיודן״ (1964), ״נאַכטפֿלאַטערלעך״ (1966), ״באַראָקאָ פֿון אַנטאַקאַלניס״ (1971), ״מיקראָ־פּאָעמעס״ (1974), ״געקליבענע ווערק״, (1977), ״פֿאַנטאָמימאַ״ (1980), ״דרײַפֿאַרביקער בוים״ (1985), א״אַ.

מיט זײַן מאָדערנער, פֿרײַער און מענטשלעכער דיכטונג איז מעזשעלײַטיס געוואָרן אַן אמתער אויטאָריטעט אויך אין דער דעמאָלטיקער רוסישער פּאָעזיע, אין וועלכער ס׳האָבן שוין צו ברעזשנעווס צײַט געפֿעלט אַזוינע גרויסע מײַסטערס, ווי באָריס פּאַסטערנאַק, אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, איליאַ סעלווינסקי, פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי, סעמיאָן קירסאַנאָוו.
ס׳איז קיין צופֿאַל, אַזוי אַרום, און קיין מיספֿאַרשטייעניש, וואָס דער רעדאַקטאָר פֿון אַנדריי וואָזנעסענסקיס ערשטן אַוואַנגאַרדיסטישן בוך ״די דרײַעקיקע באַרנע״ (1962) איז געווען דער ליטווישער דיכטער מעזשעלײַטיס, וועלכער האָט פּונקט דאָס יאָר באַקומען דעם לענין־פּרײַז, און דאָס האָט אים דערמעגלעכט ״אַרויסצוכאַפּן״ און אפֿשר אָפּראַטעווען פֿאַר דער ליטעראַטור דעם יונגן רוסישן פּאָעט.

וואָס שייך דעם לענין־פּרײַז זײַנעם... כמעט אַן אומגלייבלעכע, אָבער אַן אמתע געשיכטע האָט מיר אַ מאָל דערציילט גלעב פּאַלק, דער רעדאַקטאָר פֿון דער סעקציע ״נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן״ אין דעם גרעסטן סאָוועטישן פֿאַרלאַג ״כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטוראַ״, און מיט יאָרן שפּעטער האָט עס מיר, ווי אַ פֿאַקט, באַשטעטיקט לאַזאַר שערעשעווסקי, וואָס האָט נאָך אין די 60ער יאָרן איבערזעצט מעזשעלײַטיסן.
דעם הויכן פּרײַז האָט מעזשעלײַטיס באַקומען פֿאַר זײַן פּאָעמע ״דער מענטש״. אַזוי האָט אויך געהייסן דאָס ערשטע ליד אין דער פּאָעמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די שורות: ״אָנגעשפּאַרט מיט די פֿיס אין דעם ערדקײַלעך – הויך איבער מיר כ׳האַלט דעם קײַלעך פֿון זון אויף צוויי הענט...״.
אַ שיין בילד, אָבער פֿאַר אַזוינע אַבסטראַקט־הומאַניסטישע לידער גיט מען נאָך ניט, ברידערלעך, קיין לענין־פּרײַז... וואָס זשע דען? טעלעפֿאָנירט קיין ווילנוס צום מחבר – ווען דאָס בוך איז שוין אַרײַנגעגעבן אין דרוקערײַ – דער איבערזעצער, דער באַקאַנטער רוסישער פּאָעט באָריס אַבראַמאָוויטש סלוצקי:
– עדואַרדאַס, אין דעם ערשטן ליד... כ׳האָב דאָרט צוגעגעבן בײַם סוף אַ קורץ שורהלע, צוויי ווערטערלעך, קלינגט מער ריטמיש, שענער אויף רוסיש...
– נו, באָריאַ, כ׳ווייס? – ענטפֿערט יענער, – אַבי ס׳זאָל ערגער ניט זײַן...
– ס׳וועט זײַן אַ סך בעסער, וועסט שוין זען...
אין דעם אָריגינאַל, אויף ליטוויש, האָט זיך דאָס ליד ריטמיש פֿאַרענדיקט טאַקע ווי אָפּגעהאַקט:

אַזוי שטיי איך צווישן דער ערד און דער זון:
איך – אַ מענטש.

אויף רוסיש – ווען דאָס בוך איז אַרויס – האָט דער זעלבער פֿינאַל שוין געקלונגען מער מוזיקאַליש:

אַזוי שטיי איך צווישן דער ערד און דער זון:
איך – מענטש,
איך – קאָמוניסט.

◄►

"וירא כי־טוב"... אין יאָר 1962 ווערט מעזשעלײַטיס דעפּוטאַט פֿון דעם אויבערראַט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; אין 1974, צו זײַנע 55 יאָר, ווערט אים צוגעטיילט דער טיטל "פֿאָלקס־פּאָעט פֿון דער ליטווישער רעפּובליק" און גלײַכצײַטיק – "העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי"; 1975 ווערט ער וויצע־פּרעזידענט פֿון דעם פּרעזידיום פֿון דעם אויבערראַט פֿון דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק...

"נאַרײַעט" האָט מיך אים סוף די 60ער יאָרן דער פּאָעט, איבערזעצער און מײַן "דיכטונג־לערער" אין דעם ליטעראַרישן אינסטיטוט לעוו אָזעראָוו (גאָלדבערג). די אינטערלינעאַרע (וואָרט־בײַ־וואָרט) איבערזעצונגען פֿלעג צוגרייטן בעלאַ זאַלעסקאַיאַ, דעמלט ליטעראַטור־קאָנסולטאַנט פֿאַר ליטע בײַם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין. און שוין די הסכּמה אויף מײַנע פּאָעטישע ווערסיפֿיקאַציעס פֿלעג איך דאַרפֿן באַקומען פֿון דעם מחבר. אין מאָסקווע פֿלעג עדואַרדאַס בעניאַמינאַוויטש זײַן אַן אָפֿטער גאַסט. אין משך פֿון די ערשטע 10 יאָר האָב איך איבערזעצט זײַנע גרויסע און קלענערע לידער־ציקלען, אַזוינע, למשל, ווי "האַרפֿע", "ים־אַקאָרדן", "מאַנדראַגאָראַ", "שטורעם־געדיכטעניש", "באַלאַדעס", א"אַ. מײַנע ערשטע איבערזעצונגען פֿון אים זענען דערשינען אין 1969. ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן מיט זיי און האָט זיך נאָר געחידושט:

– טאַקע אינטערעסאַנט, וו׳זוי טרעפֿט איר עס אַזוי פּינקטלעך, דעם תּוך און די עסטעטיק פֿון דעם מעטאַפֿאָר? ניט קענענדיק נעבעך קיין וואָרט ליטוויש...

– בעלאַ העלפֿט מיר, ז׳אַ מבֿין.

– נו יאָ, און די אַלע אַסאָנאַנסן?

– כ׳קוק אַרײַן אינעם אָריגינאַל, דאָך לאַטײַנישע אותיות... אָדער כ׳בעט בעלאַ מיר פֿאָרלייענען. און שפּיץ אָן מײַנעביידע צוויי אויערן... דער ריטעם און דער טאָן זענען פֿאַרן פֿערז וויכטיקער ווי די סעמאַנטיק. און אין דעם vers libre, וואָס פֿאַרן רוסישן גהער קלינגט ער נישט אַזוי געוויינלעך, שטעל איך בײַ אײַך דאָ און דאָרט אַרײַן אַ גראַם, אַן אַסאָנאַנס... אַ ליד דאַרף אויף יעדן פֿאַל קלינגען סטערעאָפֿאָניש, שליס איך אײַן בשעת דער אַרבעט, ווי געזאָגט, מײַן סטערעאָ־אײַנשטעלונג: מיטן רעכטן אויער הער איך זיך צו צו דער נײַנקער רוסישער שורה, און מיטן לינקן – צו דעם שטענדיקן פּאָליפֿאָנישן מיש־מאַש אין קאָפּ – אַ מין עכאָ פֿון מעלאָדישע און ריטמישע רומעניש־דײַטש־אוקראַיִניש־רוסיש־שפּאַניש־ייִדישע אָפּקלאַנגען...

– ייִדישע? – גיט ער אַ וואָרף אַ נײַגעריקן קוק אויף מיר, – אַך, אַזוי... ייִדיש...

אין יאָר 1979 נעם איך זיך פֿאַר זײַן פּאָעמע "צוועלף קוואַלן" און פֿרעג אים איין מאָל, צי איז ער זיכער, אַז בײַם לייענער וועלן זיך ניט שאַפֿן קיין אומדערוואַרטענע אַסאָציאַציעס, למשל, אין אַזוינע שורות, ווי "אויף אַ שׂימחה פֿון משוגעים בין איך גערופֿן געוואָרן"? גיט ער מיר אַזוי אומצופֿרידן אַן ענטפֿער אָפּ:

– און פֿאַר וואָס מיינט איר, אַז אומדערוואַרטענע?... אַך, לעוו, מיר קענען זיך שוין אַזוי פֿיל יאָר... איר וואָלט זיך טאַקע געדאַרפֿט אַ מאָל אַרײַנכאַפּן צו אונדז אין ווילנוס, באַקענען זיך מיט מײַן פֿרוי...

– ווער איז זײַן פֿרוי? – גיב איך אויף מאָרגן אַ פֿרעג בעלאַ.

– וואָס פּלוצעם, ליאָוואַ?

– ער מיינט, מיר וואָלטן זיך געדאַרפֿט מיט איר באַקענען...

– אַ־אַ... נו, ז׳איז פֿון אונדזעריקע, אַ מאַלאַנקע...[1]

עכו, סעפּטעמבער 2002

---

[1] אַן אייפֿעמיזם: אַ ייִדישקע.

עדוואַרדאַס מעזשעלײַטיס

פֿון דער פּאָעמע ״צוועלף קוואַלן״

אויף אַ שׂימחה פֿון משוגעים בין איך געררופֿן געוואָרן
ווו די בעלי־שׂימחות זענען געזעסן און האָבן געפֿרעסן
צעפֿלאַקערטע שטיינער, און געזשליאָקעט פֿלאַמיקן ווײַן
און געטאַנצט אַ טרעפּאַק פֿון דער שטיינקוילן־תּקופֿה, – אַרײַן
און אַוועק בין איך פֿון דער שׂימחה, קיין ברעקל אין מויל
און קיין קאַפּ צו באַפֿײַכטן דעם גומען
ניט גענומען.

כ׳האָב מײַן אָפּבילד דערזען אין דער הייך, אין דעם הימל צעשפּרייט
איבער מיר – ווי אַ פֿויגל אַ בלאָוער
פֿון מײַן קינדהייט, ווי אַ פּאָר פֿליגל צעשפּרייט ס׳וואָלט אַ שוואַן,
אַן אַעראָפּלאַן.

כ׳האָב מײַן אָפּבילד דערזען, וואָס האָט צוגעזעצט זיך דאָרט אין הימל
בײַ דער אָזערע בלאָוער, צו כאַפּן אַ דרימל.

אַך, אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער שטעלט אָפּ אַ טרעפֿונג מיט מיר
יענע הייך אויף דער נאַכט –
האָט זי אפֿשר פֿאַרטראַכט
מיך פֿאַרפֿירן, פֿאַרשאַרן, פֿאַרשטעקן מיך אונטער איר פֿליגל, ווער ווייס?

שטאַרבן דאַרף מען זיך לערנער פּונקט אַזוי ווי מען לערנט זיך לעבן –
טראָט נאָך טראָט, לויטן אַלף־בית.

איידער איר וועט דערגרייכן דעם טויטפֿולן טײַך, יענעם סטיקס –
טרינקט זיך אָן ווי סע קער צו זײַן מיטן לעבנס־וואַסער, מיט העראַקליטס.
אויף אַזוי פֿיל באַטעמטער וועט שפּעטער זיך אויסווײַזן אײַך
דער שלוק וואַסער פֿון דעם שוואַרצן אײַזן־האַלטיקן טײַך.

אײַלט זיך ניט אָנקומען אויפֿן טונקל־אָפּריסיקן ברעג:
וואָס לענגער און ווײַטער וועט זײַן צו אים אײַער וועג,
אויף אַזוי פֿיל וועט לײַכטער ווערן פֿאַר אײַך
איבערצושיפֿן – אין כאַראָנס שיפֿל – דעם מעטאַלישן גלאַנץ פֿון דעם טײַך...

דאָס פּענצטער גייט אַרויס אין ווײַסע ביימער

באַבי יאַר[1]

קיין דענקמאָל איז נישטאָ אין באַבי יאַר.
אַליין דער אָפּריס איז דאָ די מצבֿה.
ווי ס׳יידיש פֿאָלק כ׳ווער אַלט פֿון גרויל און צער –
צוויי טויזנט יאָר כ׳בין אַלט ביַי אָט דעם קבֿר...
[...]
מיר דוכט, איך בין אַ קינד פֿון ביאַליסטאָק,
כ׳באַקום אַ זעץ און קאָרטשע זיך אין קראַמפּן.
פֿון די צעיושעטע שיכורים טראָגט
אַ מין געשטאַנק פֿון ציבעלעס און בראָנפֿן.
[...]
דער באַבי יאַר אין ווילדן גראָז דורכויס.
די שטרענגע ביימער קוקן מיט באַדויער.
אַלץ שריַיט דאָ שטומערהייט, מיַין קאָפּ כ׳אַנטבלויז.
כ׳ווער גרוי. מיט יעדער רגע גרויער, גרויער.
[...]
איך ווער אַליין אַ שטומער אויסגעשריי
פֿון טיַיכן בלוט וואָס זענען דאָ פֿאַרגאָסן,
מיט קינד און קייט איך פֿאַל דאָ ריי נאָך ריי
און יעדעס מאָל איך ווער אויף ס׳ניַי דערשאָסן...

פֿון ״באַבי יאַר״. ייִדיש: זיאַמע טעלעסין

באַבי יאַר – אַזוי האָט געהייסן די שלוכט אויף יענעם אַמאָליקן ראַנד קיִעוו, ווו אין די צוויי לעצטע סעפּטעמבער־טעג 1941 זענען דערשאָסן געוואָרן, לויט די אָפֿיציעלע דיַיטשע קוואַלן, 33771 ייִדן. די אַקציע האָבן דורכגעפֿירט אַן ״עס־עס״־טייל און די אוקראַיִנישע פּאָליציי. דער דאָזיקער פֿאַקט איז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַ לאַנגע ציַיט פֿאַרשוויגן אָדער אָפּגעלייקנט געוווען.

דעם 19טן סעפּטעמבער 1961, צוואַנציק יאָר נאָך דער טראַגעדיע, דערשיַינט פּלוצעם אין דער מאָסקווער ציַיטונג ״ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ דאָס געדיכט פֿון יעווגעני יעווטושענקאָ ״באַבי יאַר״ – דאָס ערשטע פֿון די צוויי זיַינע געדיכטן (דאָס צווייטע –״די יורשים פֿון סטאַלינען״, 1962), וואָס האָבן אויפֿגערודערט גאַנץ סאָוועטסקי סאָיוז. און די השפּעה, וואָס דאָס געדיכט ״באַבי יאַר״ האָט געהאַט אויף די רוסישע ייִדן, קען אפֿשר נאָר פֿאַרגליַיכט ווערן מיט ביאַליקס פּאָעמע ״שחיטה־שטאָט״, אָנגעשריבן אין 1904, נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם.

---

[1] לויטן פֿולן טעקסט אין״ לעבנס־פֿראַגן״, נומ׳ 672-671.

אין דער רוסישער ליטעראַטור איז יעווגעני יעווטושענקאָ ניט דער ערשטער, ווער ס׳איז אָפֿן אַרויסגעטראָטן קעגן די אַנטיסעמיטן. שוין ניט רעדנדיק וועגן רוסישע שרײַבער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, ווי, למשל, דער פּאָפּולערער פּאָעט סעמיאָן נאַדסאָן (1887-1862) אָדער דער רוסיש־ייִדיש־העברעיִש־שרײַבנדיקער דיכטער שמעון פֿרוג (1916-1860), האָבן זיך אין די סאַמע געפּערלעכסטע מאָמענטן פֿון צעבושעוועטן אַנטיסעמיטיזם געשטעלט אויפֿן צד פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אַזוינע אויטענטיש־רוסישע ליטעראַטור־ריזן, ווי לעוו טאָלסטוי אָדער, שוין אין די סאָוועטישע צײַטן – וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי. אָבער דער פֿאַרנעם פֿון דער טראַגעדיע אין באַבי יאַר און די אַסאָציאַציעס פֿון דעם פֿאַרברעכן מיט ייִדן־פֿאַרניכטונג אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און מיט דעם חורבן פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָבן תיכּף געשטעלט דעם מחבר פֿונעם פֿלאַמיקן ליד ניט בלויז אין דער ערשטער ריי פּאָעטן פֿון 20סטן יאָרהונדערט, נאָר אויך פֿון דער מאָדערנער ייִדישער וועלט־געשיכטע – פּונקט אַזוי, ווי דער גרויסער ענגלישער דיכטער דזשאָרדזש גאָרדאָן בײַראָן איז מיט זײַנע לידער און אייגענעם אָנטייל אין דעם קאַמף פֿון די גריכישע פּאַטריאָטן פֿאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג, אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, איז אויף תּמיד אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון גריכישן פֿאָלק.

יעווטושענקאָ דערמאָנט זיך, ווי דאָס ליד איז אָנגעשריבן געוואָרן. ער איז דעמלט געקומען צו פֿאָרן קיין קיִעוו, און צום באַבי יאַר האָט אים באַגלייט דער דאָרטיקער זשורנאַליסט אַנאַטאָלי קוזנעצאָוו, דער צוקונפֿטיקער באַקאַנטער שרײַבער און מחבר פֿונעם דאָקומענטאַרן ראָמאַן ״באַבי יאַר״, וואָס איז אין 1966 פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן מיט גרויספֿאַרנעמיקע אויסשניטן אינעם מאָסקווער זשורנאַל ״יונאָסט״. נאָך יענער פּובליקאַציע האָט קוזנעצאָוו געמוזט בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט אַנטלויפֿן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. וועגן אַנאַטאָלי קוזנעצאָוון און זײַן ייִדישער מאַמע האָט מיר סוף די 60ער יאָרן דערציילט אַ סך אינטערעסאַנטע און הײַנט שוין אפֿשר קיינעם ניט באַקאַנטע פֿאַקטן אירינאַ מאַרטשענקאָ, דעם שרײַבערס ערשטע פֿרוי, מיט וועלכער מיר זענען זייער נאָענט געוואָרן, לערנדיק פֿינף יאָר אויף איין קורס אין דעם ליטעראַרישן אינסטיטוט.

פֿון דעם טאַקע אינסטיטוט האָט מען אין 1957 אַרויסגעוואָרפֿן דעם סטודענט און סאַמע יונגן דעמלט מיטגליד פֿון סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין יעווגעני יעווטושענקאָ – פֿאַר זײַן פֿאַרטיידיקן דעם פּראָזאַיִקער וו. דודינצעוו, וועמענס ראָמאַן ״ניע כלעבאָם יעדינים״ (1956) – ״ניט אויף ברויט אַליין״[1] – איז געווען דאָס ערשטע בוך אין נאָכמלחמהדיקן ראַטן־פֿאַרבאַנד קעגן דער סאָוועטישער סיסטעם...

״איך האָב שוין פֿאַרפֿריִער געוווּסט, – דערמאָנט זיך יעווטושענקאָ, – אַז קיין דענקמאָל איז אין באַבי יאַר נישטאָ, נאָר כ׳האָב געמיינט, אַז כאָטש עפּעס אַ געדענק־סימן, עפּעס וואָס... ניין, דער גאַנצער שטח פֿון דער מאַסן־פֿאַרניכטונג איז געווען פֿאַרשאָטן מיט בערג מיסט. דער ראָמאַן פֿון אַנאַטאָלי קוזנעצאָוו איז נאָך ניט געווען אָנגעשריבן. איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז ניט אָנצושרײַבן עפּעס וועגן דעם קען איך ניט. נאַציאָנאַליסטן פֿאַרשווײַגן אַלץ דאָס שלעכטע וואָס אין זייער פֿאָלק איז פֿאַראַן, אָבער נאָר די פֿעלקער וואָס פֿאַרבאָרגן נישט דעם אמת קענען ווײַטער עקזיסטירן״.

[1] לֹא עַל־הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם (דבָרִים, 4:4).

דער פּאַסקודנער Hans

לויט דער אָפֿיציעלער ביאָגראַפֿיע, איז יעווטושענקאָ געבוירן געוואָרן אין 1933 אויף דער סטאַנציע זימאַ, אין סיביר. געבוירן געוואָרן איז ער אָבער אין 1932, דערבײַ ווי יעווגעני אַלעקסאַנדראָוויטש גאַנגנוס, און אויך נישט אויף דער סטאַנציע זימאַ, נאָר ניט ווײַט פֿון איר, אין דער שטאָט ניזשנעדווינסק. זײַן פֿאָטער אַלעקסאַנדער רודאָלפֿאָוויטש גאַנגנוס, אַ געאָלאָג, האָט געשטאַמט פֿון אַן אַלטער לעטישער משפּחה, און די מאַמע, זינאַיִדאַ יערמאָלאַיעוונאַ יעווטושענקאָ, אַן אַקטריסע, איז געווען פֿון אַ געמישטער פּויליש־אוקראַיִנישער פֿאַמיליע. ווען איר פֿאָטער איז אין 1937 אַרעסטירט געוואָרן (ווי אַן אייניקל פֿון אַן אַמאָליקן פּוילישן גוטבאַזיצער), האָט אַלעקסאַנדער גאַנגנוס, האָבנדיק מורא פֿאַר זײַן קאַריערע, זיך געגעט מיט איר – וואָס ס'האָט אים אָבער ניט געהאָלפֿן: דעם זעלבן יאָר האָט מען אים פֿאַרנומען ווי אַ לעטישן שפּיאָן, באַגלײַך מיט זײַן פֿאָטער, דעם באַקאַנטן מאַטעמאַטיקער רודאָלף ווילהעלמאָוויטש גאַנגנוס.

אויף דער סטאַנציע זימאַ, אין די שווערסטע מלחמה־יאָרן, האָט דער קליינער יעווגעני גאַנגנוס געהאַט גרויסע צרות מיט זײַן פֿאַמיליע־נאָמען, ווײַל די שילער האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ דײַטש און אים געגעבן אַ צונאָמען "גנוסני גאַנס" – "נידערטרעכטיקער האַנס". און זײַן באָבע, אַ שטאָלצע פּאָליאַטשקע, פֿלעג יעדעס מאָל קומען צו לויפֿן אין שקאָלע און זיך צעשרײַען אינעם לערער־צימער:

– און ווען ער איז טאַקע, חלילה, יאָ אַ דײַטש? בעטהאָווען איז וואָס, אַן אוזבעק געווען?

סוף־כּל־סוף האָבן די לערער געפֿונען עפּעס אַ תּירוץ און אַרויסגעוואָרפֿן דעם בחור פֿון דעם אַכטן קלאַס (שפּעטער, שוין אין 1952 האָט מען אים אָנגענומען אין דעם ליטעראַרישן אינסטיטוט – אַז מען וויל? – אָן קיין שום מאַטור־אַטעסטאַט). ווען אין 44סטן יאָר האָט זיך די משפּחה אומגעקערט פֿון דער עוואַקואַציע, האָט די מאַמע באַשלאָסן אים איבערצושרײַבן אויף איר פֿאַמיליע־נאָמען, און איינצײַטיק, מ'זאָל אים אַרײַנלאָזן מיט זיי אין מאָסקווע אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, פֿאַרשריבן אים מיט אַ יאָר ייִנגער.

פֿון אָט דער גאַנצער איבערקערעניש אין זײַן ביאָגראַפֿיע האָבן די הײַנטיקע אַנטיסעמיטן געמאַכט אַן אויספֿיר: "יעווטושענקאָ (גאַנגנוס) יעווגעני אַלעקסאַנדראָוויטש –יעוורייסקי ליטעראַטאָר, רוסאָפֿאָב, מאַסאָן". אָלעג פּלאַטאָנאָוו, "די געשיכטע פֿון רוסישן פֿאָלק אין 20סטן יאָרהונדערט" . באַנד 2, זז' 57-58.

אַן עכטער רוס?

לויט מײַנע בלוטן בין איך ניט קיין ייִד.
נאָר, אָנגעפּילט מיט שׂינאה מיט גערעכטער,
בין איך אַ ייִד פֿאַר דעם אַנטיסעמיט.
און אָט דערפֿאַר בין איך אַ רוס אַן עכטער.

פֿון דעם געדיכט "באַבי יאַר"

אַהרן ווערגעליס, וואָס איז מיט יעווטושענקאָ ממש היימיש געווען – ביידע האָבן איבערזעצט איינער דעם אַנדערן – האָט בײַ מיר ניט איין מאָל געפּרוּווט, מיט זײַן כיטרע שמייכעלע, דערוועקן עפּעס אַ פּראָפֿעסיאָנעלע קינאה (איך האָב ווערגעליסן אויך איבערזעצט):

– אָ, יעווגעני! אַז ער זעצט איבער אַ סטראָפֿע... ווען ער קען נאָך אַ ביסל ייִדיש, וואָס קוקט איר מיך אָן, יענע שוועניץ ווייסן נעבעך נישט ווו צו זוכן...

פֿאַר מיר פּערזענלעך איז יעווטושענקאָ תּמיד געווען און געבליבן אַ פּאָעט פֿון צוויי צענדליק טיף לירישע און סטיליסטיש פֿײַן אויסגעשליפֿענע לידער, וועלכע וועלן פֿאַרבלײַבן – אין דער רײַכער רוסישער דיכטונג איז דאָס אָבער ניט ווייניק. וואָס ס'רופֿט יאָ אַרויס חידוש – דער דיאַפּאַזאָן פֿון זײַן שאַפֿן אין אַלע, דאַכט זיך, מעגלעכע ליטעראַטור־ און קונסט־זשאַנערס: פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמאַטורגיע, עסייִסטיק, פּובליציסטיק, סצענאַריסטיק, ליטעראַטור־פֿאָרשונג, קינאָ־ראָלעס (למשל, אין די פֿילמען "ציאָלקאָווסקי" און "קינדער־גאָרטן" (אין דעם צווייטן איז ער אויך דער רעזשיסער). און זײַן פֿילם "סטאַלינס קבֿורה", און זײַנע פּאָעטאָ־אויסשטעלונגען, און אַ סעריע פּאָעטאָ־אַלבאָמען צו דער טעמע "אַמעריקע און רוסלאַנד"! אַרום 70 לידער־זאַמלונגען, ניט גערעכנט די הונדערטער אויסגאַבעס אויף צענדליקער שפּראַכן (אויך אויף ייִדיש: "יעווגעני יעווטושענקאָ, לידער". איקוף, ניו־יאָרק, 1962). און זײַן אוניקאַלע אַנטאָלאָגיע פֿון רוסישער דיכטונג אין 20סטן יאָרהונדערט, מיט 875 פּאָעטן! צו מער ווי 100 זײַנע געדיכטן איז אָנגעשריבן מוזיק. אויף זײַנע פּאָעטישע טעקסטן האָט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש קאָמפּאָנירט די 13טע סימפֿאָניע ("באַבי יאַר") און די "סטעפּאַן ראַזין"־אָראַטאָריע.

ווי אַ פּאָעט און פּובליציסט איז יעווטושענקאָ אויפֿגעטראָטן אין מער ווי 100 לענדער (און אין אַלע אַמעריקאַנער שטאַטן), באַקומען פּרײַזן, טיטלען, מעדאַלן, אַקאַדעמישע אויסצייכענונגען און ערן־מאַנטיעס. זינט 1991 – פּראָפֿעסאָר אין דעם פּיטסבורגער און אין סאַנטאַ־דאָמינגאָ־אוניווערסיטעטן. לעבט אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד. רעדט 7-6 שפּראַכן, פֿיר מאָל חתונה געהאַט, האָט פֿינף זין.

Sic transit...

אין רוסלאַנד האָט מען יעווטושענקאָ הײַנט כּמעט פֿאַרגעסן. אַפֿילו ניט אַלע ווערק זײַנע קען מען דאָרט, ווי, למשל, זײַן פּיעסע "ווען די דענער וואָלטן ייִדן געווען".

די פֿערציק־ און פֿופֿציק־יאָריקע זײַנע חסידים קומען נאָך אויף זײַנע אויפֿטריטן און אַפּלאָדירן מיט דער זעלבער באַגײַסטערונג, אָבער אַלץ שטילער און שוואַכער פֿליעסקען זייערע הענט.

פֿאַרן נײַעם דור רוסישע לייענער איז ער שוין געוואָרן אַ טייל פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע, פֿאַראַיאָריקער שניי... דערבײַ ווערן אַנדערע פּאָעטן פֿון איין ליטעראַרישן דור מיט אים, למשל, בעלאַ אַכמאַדולינאַ (געב. 1937, יעווטושענקאָס ערשטע פֿרוי) אָדער וויקטאָר סאָסנאָראַ (געב. 1936) אויפֿגענומען ווי אַקטועל וויכטיקע דיכטער.

״אַ פּאָעט אין רוסלאַנד – איז מער ווי אַ פּאָעט״ – האָט דעקלאַרירט יעווטושענקאָ אין 64סטן יאָר, מיינענדיק דערמיט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַ שרײַבער פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. די דאָזיקע פּאָזיציע האָט מיט הונדערט יאָר פֿריִער פֿאָרמולירט ניקאָלײַ אַלעקסייעוויטש נעקראַסאָוו (1821-1878): ״קיין דיכטער מעגסטו דאָך ניט זײַן – מחויבֿ ביסט צו זײַן אַ בירגער״. די דאָזיקע פּאָזיציע האָט אַלץ מער און מער פֿאַרוואַנדלט דעם ליריקער יעווטושענקאָ אין אַ פּובליציסטישן פּאָעט און אין אַ פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער פֿיגור. אין אָט די אַלע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע קאַמפּֿן האָט ער זיך אויסגעקאָכט ווי אַ דערפֿאַרענער טאַקטיקער... און אַ גאָר שלעכטער סטראַטעג. דער ראַטן־פֿאַרבאַנד איז געפֿאַלן, און די אַמאָליקע קעמפּער, באַגלײַך מיט די אַמאָליקע פֿאַרטיידיקער פֿון דעם רעזשים, האָבן פּשוט אויפֿגעהערט עמעצן אינטערעסירן.

דער 68־יאָריקער סטודענט קוקט אין פֿענצטער

דאָס פֿענצטער גייט אַרויס אין ווײַסע ביימער.
אַלץ קוקט ער, דער פּראָפֿעסאָר, אויף די ביימער.
ער שטייט און קוקט אין פֿענצטער אויף די ביימער,
און ברעקלט אין די הענט אַ קרײַדל ווײַס.
ער האָט פֿאַרגעסן די צעטיילונג־כּללים,
דאָס פּשוטע צעטיילן, אָנפֿאַנג־כּללים,
די פּראָסטע, הערט נאָר, די צעטיילונג־כּללים.
אַ פֿעלער אויפֿן טאָוול, יאָ, אַ גרײַז!

יעווגעני יעווטושענקאָ. ״*Окно выходит в белые деревья*״

איך קען יענע פֿענצטער אויפֿן עטאַזש, און איך קען דעם גאָרטן, און האָב נאָך באַוויזן צו הערן יענעם פּראָפֿעסאָר מיט זײַנע גאָר ניט פּשוטע און ניט קיין אַריטמעטישע לעבנס־כּללים... און כ׳קען מיר אַזוי קלאָר פֿאָרשטעלן, ווי אין דער אוידיטאָריע – די טרעפּ אַרויף און די ערשטע, צווייטע אָדער דריטע טיר אויף דער רעכטער זײַט קאָרידאָר – זיצט בײַם פֿענצטער און קוקט אַרויס אין הויף, אין די ווײַסע ביימער, יעווטושענקאָ, און אין קאָפּ דרייען זיך אים שוין... די ערשטע גראַמען פֿונעם ליד, אין דרויסן איז דאָס יאָר 1955...

אָדער: ער קוקט אין פֿענצטער אַרויס, און אין קאָפּ שווימען אים אויף יענע אַמאָליקע שורות – און אין דרויסן איז שוין יאָר 2000...

יעווגעני יעווטושענקאָס נאָמען וואָלט געקאָנט הײַנט אַרײַנגעשריבן ווערן אין דעם גינעס רעקאָרדן־בוך: אַרײַן לערנען אין אינסטיטוט אין יאָר 1952 און פֿאַרענדיקט אים אין 2000: אָפּגעגעבן, נאָך לאַנגע 48 יאָר, די מלוכה־עקזאַמענס און באַקומען דעם געהעריקן דיפּלאָם.

און בײַ דער ניט גאַנץ געוויינלעכער צערעמאָניע האָט זיך מער פֿון אַלעמען געפֿרייט זײַן אַלטע־אַלטע מאַמע. „סוף־כּל־סוף, זשעניאַ, האָבן מיר זיך דערשלאָגן!‟ – איז גליקלעך זינאַיִדאַ יערמאָלאַיעוונאַ.

– דעם דיפּלאָם, מאַמאָטשקאַ, – דערלאַנגט איר דעם פֿרישינקן אויסבילדונגס־דאָקומענט דער וועלט באַרימטער פּאָעט, – דעם דיפּלאָם, מאַמאָטשקאַ, נעמסטו צו זיך, און זאָל ער ליגן בײַ דיר ביז מ׳וועט אפֿשר געפֿינען אַ מאָל אין רוסלאַנד עפּעס אַ פּראָפֿעסור פֿאַר מיר...

דאָס פֿענצטער גייט אַרויס אין ווײַסע ביימער,
אין שיינע און אַזוינע גרויסע ביימער,
הײַנט אָבער קוקן מיר נישט אויף די ביימער –
אויפֿן פּראָפֿעסאָר, ווי ער גייט אַוועק.
איינער אַליין, אַזוי אַליין און איינזאַם
גייט ער אַוועק אַהין, וווּ ס׳וואַרט אים קיינער,
און ווערט צו ביסלעך ווײַס אין יענע ביימער,
אַזוי שוין ווײַס, אַז צווישן ווײַסע ביימער
דערקענען מיר אים נישט – אַ ווײַסער פֿלעק...

עכּו, מאַרץ 2003



אין דער שיף, אויסגעבויט פֿון מענטשן־גופֿים
וואַסיל סטוס (1938-1985)

אָ די שיף האָט מען אויסגעבויט פֿון מענטשן־גופֿים.
אַלץ – די שיפֿדעק, דעם טריום און דעם מאַשינען־אָפּטייל.
באָברען האָט מען זיך אָבער געמוזט מיט די באָרטן –
דאָס וואַסער פֿלעג אַרײַן אין די שפּאַרונעס,
ווו עס האָבן זיך שלעכט אויסגעלייגט
די מענטשישע קעפּ.
דאָ און דאָרט פֿלעג זיך עפֿענען ווידער אַ ריין –
האָט מען די לעכער
פֿאַרשטאָפּט מיטן עקיפּאַזש,
בשעת אָ די רעשעטע, ווי נאָר אַ פֿאַרפֿלוכטע,
האָט אין אָפֿענעם ים געזוכט
אַ גליקלעכע בוכטע.

– וואַסיל סטוס. "אָ די שיף..."

"Цей корабель"

דער גרויסער אוקראַיִנישער פּאָעט איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף ראַכניווקאַ, וויניצער געביט, אוקראַיִנע. פֿאַרענדיקט דעם פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט פֿונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין דאָנעצק (דעמלט סטאַלינאָ), אין 1963 געוואָרן אַן אַספּיראַנט פֿונעם ליטעראַטור־אינסטיטוט בײַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. דעם 4טן סעפּטעמבער 1965 איז ער אַרויסגעטראָטן אין דעם גרעסטן קיִעווער קינאָ־טעאַטער "אוקראַיִנאַ" מיט אַן אויפֿרוף צום פּובליקום – פּראָטעסטירן קעגן פּאָליטישע רעפּרעסיעס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים אַרויסגעטריבן פֿונעם אינסטיטוט, פֿאַרווערט זיך צו דרוקן און ניט צוגעלאָזט צו קיין שום אַרבעט. אַזוי האָט עס געדויערט ביז 1972, ווען מ'האָט אים אַרעסטירט, פֿאַרמישפּט און פֿאַרשיקט אין די לאַגערן קיין מאָרדאָוויע און שפּעטער אויף דער קאָלימאַ, סיביר. אין 1979 ווערט ער באַפֿרײַט, קערט זיך אום צו זײַן פֿאַמיליע, טרעט אָבער גלײַך אַרײַן אין דער אוקראַיִנישער "כעלסינקי־גרופּע" (מענטשנרעכט־פֿאַרטיידיקונג), און ווערט, אין 1980, ווידער פֿאַרמישפּט – דאָס מאָל שוין אויף 15 יאָר. אין די תּפֿיסות און לאַגערן שרײַבט ער לידער, עסייען, איבערזעצט אויף אוקראַיִניש פֿון דער אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראַטור (געטע, רילקע, בלייק, קיפּלינג, לאָרקאַ, צוועטאַיעוואַ, בונין, א"אַ).

אָנהייב 80ער יאָרן באַזוכט דעם לאַגער דער באַקאַנטער אַמעריקער דיסידענט יורי (אַריה) ווודקאַ, צו יענער צײַט שוין אַ ישׂראלדיקער בירגער. האָבנדיק אַ פֿענאָמענאַלן זכּרון, פֿאַרגעדענקט ער אויף אויסנווייניק וואַסילס צענדליקער לידער, פֿאַרשרײַבט זיי שפּעטער און

גיט איבער דער אוקראַיִנישער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין ישׂראל – און זיי ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט, צוזאַמען מיט די לידער פֿון אַנדערע פֿאַרפֿאָלגטע אוקראַיִנישע דיכטער, אין דער זאַמלונג ״הינטער די קראַטעס״.

וואַסיל סטוס ווערט באַקאַנט אין דער גאָרער וועלט, מען איבערזעצט אים אויף פֿיל שפּראַכן, מען פּראָטעסטירט קעגן זײַן פֿאַרהאַפֿטונג, און אין 1985 רעקאָמענדירט אים דער נאָבעל־לאַורעאַט הײַנריך בעל ווי אַ קאַנדידאַט פֿאַרן נאָבעל־פּרײַז[1]. דעם דאָזיקן פּרײַז, וועלכער ווערט, לויטן רעגולאַמין, צוגעטיילט נ אָ ר אַ ל ע ב ע ד י ק ן אויטאָר, האָט אָבער וואַסיל סטוס ניט באַקומען: דעם 4טן סעפּטעמבער 1985 פּונקט צוואַנציק יאָר נאָך זײַן קאַטאַסטראָפֿאַלן טריומף אין דעם קיִעווער קינאָ־טעאַטער, איז וואַסיל סטוס געשטאָרבן, אָדער דערמאָרדעט געוואָרן, אין דעם קאַרצער פֿונעם ספּעץ־פּאָליטלאַגער 389/39, פּערמסקער געביט, אוראַל, – אין דעם לעצטן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, שוין אין גאָרבאַטשאָווס צײַטן, ״טויטלאַגער״.

קאַרל פֿאָן אָסיעצקי, דער דײַטשער פּובליציסט און רעדאַקטאָר פֿון דער לינקער ״Weltbühne״, האָט אַ מאָל געהאַט אַ בעסערן גורל: ווען מ׳האָט אים, אין 1936, צוגעטיילט דעם שלום־נאָבעל־פּרײַז, האָט אים היטלער אַרויסגעלאָזט פֿונעם קאַצעט... מיט סטוסן האָט מען אָבער געטאָן ווי עס פֿירט זיך לויטן אַלטן רוסישן פּרינציפּ: ״נישטאָ דער מענטש – נישטאָ קיין פּראָבלעם״. (אַגבֿ, דער טויט פֿונעם אוקראַיִנישן דיכטער האָט אין אַ געוויסן זין ״געעפֿנט דעם וועג״ צום נאָבעל־פּרײַז אַ צווייטן פּאָעט, וואָס איז אויך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד פֿאַרפֿאָלגט געווען: מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט דעם פּרײַז באַקומען יאָסיף בראָדסקי, צו יענער צײַט שוין אַן אַמעריקאַנער בירגער...).

הײַנט איז וואַסיל סטוס – דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, דער גרעסטער אוקראַיִנישער דיכטער פֿון 20סטן יאָרהונדערט, וועלכן מען שטעלט אויף איין הייך מיטן ״קאָבזאַר״, מיט דעם קלאַסיקער טאַראַס שעווטשענקאָ. און בכלל איז זייער גורל אין אַ סך אַספּעקטן אַן ענלעכער, אַפֿילו דער טראַגיש־בונטאַרישער לעבנס־דויער פֿאַלט זיך צונויף: 47 יאָר.

פֿאַר מיר ליגט אַ – ווי דורך אַ נס באַהאַלטענער – עקזעמפּלאַר פֿון דער צײַטונג ״קאָמסאָמאָלעץ דאָנבאַסאַ״ פֿאַרן 4טן דעצעמבער 1962, ווו ס׳זענען פֿאַרעפֿנטלעכט די רעזולטאַטן פֿון דעם קאָנקורס אין דעם ״קלוב פֿון יונגע ליטעראַטן״. ״דאָס דריטע אָרט, –קוק איך דאָ אַרײַן, – האָבן צעטיילט צווישן זיך וואַסיל סטוס און דער פּראָזאַיִקער וו. זאַכאַרטשענקאָ״, (אויפֿן ערשטן אָרט פֿיגורירט מיט אַ קורצן געדיכט ״דער מוזיק־לערער לעוו בערינסקי״).

---

[1] איינציקע ליטעראַטור־פֿאָרשער האַלטן, אַז ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע. וואָס ס׳קומט פֿאָר אין דער אמתן ״הינטער די קוליסן״ פֿונעם נאָבעל־קאָמיטעט, ווייסן נאָר זײַנע מיטגלידער. וואָס יאָ? – דעם 10טן יאַנואַר 1985 האָט הײַנריך בעל געגעבן אַ טעלעפֿאָן־אינטערוויו דעם דײַטשן ראַדיאָ, אין וועלכן ער האָט דערציילט וועגן סטוסן און געזאָגט צו״אַ: ״ער שרײַבט אויף אוקראַיִניש גאַנץ באַוווּסטזיניק. דאָס איז ס׳איינציקסטע אין וואָס מען באַשולדיקט אים. אַפֿילו ניט אין נאַציאָנאַליזם, נאָר אויסשליסלעך אויפֿן סמך וואָס ער שרײַבט זײַנע לידער אויף אוקראַיִניש – און דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט״. (לויט: אַלעקסאַנדער קופּרייטשענקאָ. ״וואַסיל סטוס״).

מיר, די פֿינף סך־הכּל ״לאַורעאַטן״, האָבן עס איבערגעלייענט דעמלט שטייענדיק לעבן אַ צײַטונגען־קיאָסק, און סלאַוויק קאַסיאַנאָוו האָט פֿאָרגעלייגט קויפֿן אַ פּאָר פֿלעשלעך וואָדקע און מאַכן, לויטן מינהג פֿון יענע (און שפּעטערע) צײַטן, אַ מין רוסישן á la fourchette אויף אַ באַנק טאַקע הינטער דעם קיאָסק, אין אַ גערטל. וואַסיל האָט מיך אָנגענומען בײַם אַרבל: ״קום...״.

מיר זענען אַרײַן מיט אים אין אַ קאַפֿע, בפֿירוש אַ ריינעם און אַ שטילן, מחמת מ׳האָט עס פּשוט (דעקאַבער חודש!) ניט באַהייצט.

– נו, לעוו! – האָט ער הויך אויפֿגעהויבן דעם כּוס שאַמפּאַניער און... זיך צעלאַכט, הגם לאַכן פֿלעג ער, ווי איך געדענק אים, נישט אַזוי אָפֿט.

יענער ווינטער – אַ פֿאַרשמוציקטער, שווערמוטיקער, ווילגאָטנער – איז פֿאַר אונדז בײדע געווען ניט קיין פֿריילעכער, האָט אַ סך פֿון אונדז צעשיידט, פֿונאַנאַנדערגעפֿירט, איבער ווײַטע רחבֿותן צעזייט. איינזאַם און אומגעמיטלעך בלאָנדזשענדיק איבער די גליטשיקע גאַסן, האָב איך אים געווידמעט אַ ליד, אַ האָפֿענונג, אַ זעונג: ״ווען דער פֿרילינג וועט אַ פֿלייץ טאָן פֿון הוליאַיפּאָליע, וועט זיך אין די פֿערד דערוועקן דער ווילדער גײַסט פֿון מאַכנאָ״. דער ״גײַסט פֿון מאַכנאָ[1]״ – ״דוך מאַכנאָווסקי״ – האָט זיך אַנטיאימפּעריש געגראַמט מיטן ״קרעמל מאָסקאָווסקי״...

פֿאַרנאַכט פֿלעג ער צו מאָל אַרײַנקומען צו אונדז, אויף דער 18טער ליניע, זיך צוזעצן צום פֿענצטער: ״שפּיל עפּעס, לעוו...״.

ס׳האָט אונטערגעסקריפּעט דער דריטער פּעדאַל פֿונעם אַלטמאָדישן ״Schroeder״, מאָדעל 1876. דער גאַסט האָט זיך שווײַגנדיק אײַנגעהערט אין טשײַקאָווסקיס ״סענטימענטאַלן וואַלס״, לאַנג זיך אײַנקוקן דורכן פֿענצטערל פֿון אונדזער ליימענער כאַטקע אין דער פֿינצטער פֿון דרויסן, אין דעם ליגנדיקן פֿאַר אים מאַרטירער־וועג...

ס׳האָט זיך אָנגערוקט כרושטשאָווס קאַמפּאַניע קעגן דעם ״אַבסטראַקציאָניזם״. גאָמולקאַ האָט שוין געהאַט ״דערלויבט״ די ייִדן פֿאַרלאָזן פּוילן, וואָס ס׳פֿלעגן מיר בײַ יעדער געלעגנהייט דערמאָנען די יונגע און אַלטע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. דער רוסישער פּאָעט און פֿאָרזיצער פֿון דעם דאָמבאַסער שרײַבער־פֿאַראיין וויקטאָר סאָקאָלאָוו האָט פֿון דער טריבונע געזאָגט: ״דו, סטוס, מיט דײַנע כאָכלאַטע קאָציובינסקיס און פּאַרכאַטע פּאַסטערנאַקס, דו וועסט שלעכט ענדיקן״[2].

[1] נעסטאָר איוואַנאָוויטש מאַכנאָ (1888, הוליאַיפּאָליע – 1934, פּאַריז) – דער באַרימטער אָנפֿירער פֿון דער ״מאַכנאָווטשטשינע״, אַן אַנאַרכיסטישע פֿאָלקס־באַוועגונג אין אוקראַיִנע אין די יאָרן פֿון דעם רוסלענדישן בירגערקריג 1917-1921.
[2] מ. מ. קאָציובינסקי (1913-1864) – אוקראַיִנישער שרײַבער, אַ מיטגליד פֿון דער אילעגאַלער קולטור־נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע ״בראַטסטוואָ טאַראַסיווציוו״.
״כאָכלאַטי״ – פֿון ״כאָכאָל״, אַ דערנידערונג־צונאָמען פֿאַר אַן אוקראַיִנער;
פּאַרכאַטי – פֿון ״זשיד פּאַרכאַטי״ – אַ בייזע אַנטיסעמיטישע קללה.

אין גיכן האָבן די היגע ליטעראַטור־קריטיקער אויסגעפֿונען אַן אייגענעם, אַן אַרטיקן "אַבסטראַקציאָניסט", און אָנהייב אַפּריל – נאָך אַ פּאָר אַרטיקלען אין דער פּרעסע, ווו איך בין אָנגערופֿן געוואָרן, צום בײַשפּיל, "אַ טעלער־לעקער פֿון דער פֿרעמדער בורזשואַזער עסטעטיק" – האָט מײַן טאַטע אַוועקגענומען מיך אין אַ זײַט, אַז די מאַמע זאָל נישט הערן, און אַרײַנגעשטופּט מיר 27 רובל אין קעשענע: "מער באַ זעך האָבעך נישט. נעכטיק איבער אין זײַ אויס... האָסטעך ערגעץ אין לענינגראַד, וו'זוי הייסצי וואָס ז'איז דאָ ווינטער געוויין? אָלגאַ? נו זאָל זײַן אָלגאַ...

ויהי־ערב ויהי־בקר יום אחד...

אין לענינגראַד האָט מיר אָלגאַ געזאָגט:

– האָסט מסתם אַ הינטישן חוש: איבער מאָרגן גייען מיר מיט אים זיך צעשרײַבן...

מיט וועמען – האָב איך שוין ניט געפֿרעגט...

פֿון דעם וואַגאַבאָנד אַלעקסיי פּעשקאָוו איז אָ מאָל געוואָרן, אַ דאַנק זײַנע לומפּן־דערפֿאַרונגען, דער גרעסטער פּראָלעטאַרישער שרײַבער מאַקסים גאָרקי. איך נעבעך האָב אַזאַ "סאָציאַלן קוק" אויף דער וועלט ניט געהאַט, האָב איך מיר בעת מײַן אַרומבלאָנדזשען איבער צענטראַל־רוסלאַנד בלויז אָנגעבאָמקעט און אָנגעמורמלט אַ פּאָר צענדליק פּייזאַזשן־לידער און ווי לעבנס־דערפֿאַרונגען אַרויסגעטראָגן עטלעכע ווערטיקע שלוסאויספֿירן, וואָס מען קען זיי איבערציילן אויף די פֿינף פֿינגער[1]...

ווען, סוף־כל־סוף, איך האָב זיך "באַזעצט", אין 65סטן, אין מאָסקווע (ווידער אַ סטודענט, שוין אָבער אין דעם "עליטאַרן" מאַקסים גאָרקי־אינסטיטוט), פֿלעג איך זיך אין דער שרײַבערישער סבֿיבֿה דאָ און דאָרט באַגעגענען מיט "פּיסמעניקעס" פֿון אוקראַיִנע, און אויף מײַן פֿראַגע פֿלעג איך כסדר באַקומען דעם זעלבן ענטפֿער:

– סטוס? סטוס זיצט...

סך־הכל איז סטוס אָפּגעזעסן אין די סאָוועטישע טורמעס און לאַגערן 12 יאָר, דערבײַ פֿיר יאָר נישט "דערזעסן": געשטאָרבן אָדער דערמאָרדעט געוואָרן אין דעם קאַרצער פֿונעם שרעקלעכן 389/39...

אָנהייב סעפּטעמבער 1985 האָב איך אָפּגעוויינט אַ לאַנגע רעגנדיקע נאַכט: די "פֿײַנדלעכע" ראַדיאָ "סוואָבאָדאַ" ("Liberty") האָט צוגעבראַכט די ווילדע בשׂורה... און ווי עפּעס אַ גזר־עכאָ האָט זיך צו מיר פֿון די ווײַט פֿאַרבליבענע צײַטן דערטראָגן: "דו, סטוס... דו וועסט שלעכט ענדיקן".

און אַפּריל 1990 זענען אין דעם וויכטיקן מאָסקווער זשורנאַל "דרוזשבאַ נאַראָדאָוו" ("פֿעלקער־פֿרײַנדשאַפֿט") פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן – דאָס ערשטע און ביז הײַנט, ווי איך ווייס, דאָס איינציקע מאָל אויף רוסיש – וואַסילס לידער, אין מײַן איבערזעצונג. אויף אוקראַיִניש איז אָבער זײַן ערשט ביכל "דער ווייטיק־וועג" דערשינען שפּעטער, אין 1991.

צפֿת, 2003

---

[1] זע אין די "דערגאַנצונגען צו די טעקסטן".

די קאַצן־יאָמער־מיניאַטורן פֿון אַנאַטאָלי גאַווריל‏אָוו

געבוירן געוואָרן איז מאַריופּאָל (דעמלט זשדאַנאָוו, אוקראַינע) אין 1946, האָט גאַווריל‏אָוו נאָכן פֿאַרענדיקן די מיטלשול אָפּגעדינט דרײַ יאָר אין אַ ראַקעטלער־טייל בראָש מיטן מאַיאָר פּישמאַן, ערגעץ אין פֿאַרזומפּיקטע וועלדער, שפּעטער זעקס יאָר שטודירט עקסטערן אין דעם מאָסקווער ליטעראַרישן אינסטיטוט און אײנצײַטיק געאַרבעט ווי אַ וואַגאָנען־צונויפֿקייטלער אויף דער אײַזנבאַן אין זײַן היימשטאָט. אין 1978 פֿאָרט אַריבער מיט דער משפּחה נעענטער צו מאָסקווע, אין דער אַלטרוסישער פּראָווינץ־שטאָט וולאַדימיר. דאָרט אַרבעט ער בײַ דער פּאָטשט – און איז דער באַקאַנטסטער פֿון אַלע טעלעגראַם־טרעגערס אין רוסלאַנד. זײַנע דערציילונגען, נאָוועלעס און מיניאַטורן, ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט הײַנט אין די גרעסטע רוסישע זשורנאַלן און דערשײַנען אין אַ ביכער־פֿאָרעם – אויך אין אויסלאַנד אויף ענגליש, דײַטש, שפּאַניש, איטאַליעניש, פֿיניש, א״אַ. דערבײַ געהערט גאַווריל‏אָוו נישט צו די ״פּראָדוקטיווע״ פּראָזאַיִקער, שרײַבט ווייניק, און שרײַבן באַמיט ער זיך וואָס קירצער: פּאַפּיר, זאָגט ער, קאָסט געלט!

פֿון די רוסישע אויסגאַבעס דאַרף מען אָנרופֿן די זאַמלונגען ״ערבֿ דעם נײַעם לעבן״ (1990) און ״צום אָנקומען פֿון נ.״ (1997). אָבער ווי אַ ווענדונגווערק אין זײַן שאַפֿן און אין דער אַקטועלער רוסישער פּראָזע באַטראַכטן די ליטעראַטור־קריטיקער זײַן גרעסערע נאָוועלע ״די בערלינער פֿלייט״, 2002. געשריבן געוואָרן איז זי אין בערלין, ווו דער מחבר האָט באַקומען אַ סובווענץ און, אָפּגעווווינט דאָרט אַ פּאָר חדשים, – פּלוצעם דערהאַלטן אַ טרויעריקע ידיעה פֿון מאָסקווע: געשטאָרבן זײַן נאָענטסטער מענטאָר, דער קאָמפּאָזיטאָר סערגיי בערינסקי. טאַקע אים, מײַן ייִנגערן ברודער, דעם ליכטיקן אָנדענק זײַנעם איז געווידמעט גאַווריל‏אָווס נאָוועלע, וואָס מען פֿאַרגלײַכט זי אין דער רוסישער קריטיק (שטאַרק איבערגעטריבן!) מיט טאָמאַס מאַנס ראָמאַן ״דאָקטאָר פֿאַוסטוס״. און לויט מײַן מיינונג ליגט דאָס גאַנצע גאַווריל‏אָווס שאַפֿן אין איין רוים מיט דער פּראָזע פֿון ניקאָלײַ גאָגאָל און פֿיאָדאָר סאָלאָגוב.

וואָס שייך דעם אינהאַלטלעכן אַספּעקט און דער מיניאַטור־פֿאָרם, זענען גאַווריל‏אָווס קורצע נאָוועלעס, ווידער אַ מאָל, נאָענטער צו אַנטאָן טשעכאָוון און... יצחק באַשעוויסן.

דערמיט מיין איך אָט וואָס. לעבנדיק אונטער דעם שטענדיקן אידעאָלאָגישן דרוק, איז גאַווריל‏אָוו קיין מאָל אָבער ניט געווען קיין דיסידענט און קיין ״אַנטיסאָוועטשיק״, ווי אייניקע האָבן אים דעמלט פֿאַרשטאַנען. אַלס שרײַבער האָט ער פּשוט איגנאָרירט, ניט גענומען אין אַכט די פּאָליטישע אויבערפֿלאַך און זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם פֿענאָמענאַלן modus vivendi און די לעבנס־אידעאַלן פֿון דעם סאָוועטישן מענטש. און די אידעאַלן זענען געווען – ווולגאַרער אַקטיוויזם, גליק־כאַפּערײַ און דער קוק אויף דער אייגענער עקזיסטענץ ווי אויף עפּעס אַ קאַמפֿפֿעלד. דער סאָוועטישער מענטש, וועלכער האָט אָנגעווירן אין כרושטשאָווס צײַטן דעם פֿאַנאַטישן גלויבן אין סטאַלינען און אין קאָמוניזם, איז מיט די יאָרן געוואָרן, אייגנטלעך, אַ וואַריאַנט פֿון דעם באַוווּסטן אַמעריקאַנישן ״self-made man״. און א טאַקע אַזאַ עמפּיריש־פּרימיטיווע פּסיכיק שילדערט אונדז גאַווריל‏אָוו אין זײַן קורצפּראָזע אויף אַלע אופֿנים.

דער ״אַנטיסאָוועטיזם״ זײַנער איז, אַזוי אַרום, אַ סך טיפֿער געווען ווי בײַ די פּאָליטיש־אָריענטירטע שׂונאים פֿון דעם רעזשים: גאַווּרילאָוו האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז ווי אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער און דיסקרעדיטירט דעם אָפּטימיסטיש־קעמפֿערישן האָמאָ סאָוועטיקוס ווי אַ פֿילאָסאָף.

אויף ייִדיש וואָלט עס געהייסן, אַז גאַווּרילאָווס איסוואַל אין דעם עקזיסטענציאַלן קעגנשטיין צווישן ״גימפּל תּם״ און דעם ״אָלרײַטניק״ איז תּמיד אויפֿן צד פֿון דעם ״שלימזל״ און ״ניט־געראָטענעם״ (און דערמיט פֿאַרטיידיקט ער אפֿשר – אַליין אין משך פֿון צענדליקער יאָרן אַ דרויסנדיקער, אַ ״זײַטיקער״ און ״איבעריקער״ – זײַן אייגענעם גורל, דעם ״אומגינסטיקן סטאַטוס״ פֿון אַ מאַרגינאַל אויפֿן ראַנד פֿון דעם אָנגרײַף־ענערגישן סאָציום.

דער דאָזיקער ״דאַיאָש!״[1]-modus בלײַבט און וועט בלײַבן, זעט אויס, נאָך אויף לענגערע צײַטן דער סטאַנדאַרט פֿאַר אַ ״נאָרמאַלן״ מענטשן אין רוסלאַנד – דערפֿאַר קלינגט עס צו פֿאַנטאַסטיש פֿאַר מיר, ווען דער קריטיקער איגאָר קלעך גיט אַרויס זײַן פּראָגנאָז בנוגע גאַווּרילאָווס אָרט אין דער רוסישער ליטעראַטור: ״דער לייענער פֿון מאָרגן וועט אויף זײַן ביכער־פּאָליצע אַרויסשטעלן פֿון דער גאַנצער רוסישער פּראָזע פֿון סוף דעם 20סטן יאָרהונדערט בלויז אַ זאַמלונג דערציילונגען פֿון אַנאַטאָלי גאַווּרילאָוון״ (״זנאַמיאַ״, 1998).

די ערשטע גאַווּרילאָווס פּענפּרוּוון האָב איך געלייענט נאָך אין די 60ער יאָרן, ווען ער – דער צוקונפֿטיקער שרײַבער – האָט געדינט אין איין מיליטער־טייל, אין יענעם פֿאַרזומפּיקטן וואַלד, מיט דעם צוקונפֿטיקן קאָמפּאָזיטאָר בערינסקי, און טאַקע סערגיי פֿלעג אַרײַנלייגן אין זײַנע בריוו צו מיר אַ פּאָר געדיכט פֿאַרשריבענע בלעטלעך פֿון זײַן, זעט אויס, ממש באַשערטן חבֿר.

שוין אין די 70ער, און אויך שפּעטער, אין די 80ער יאָרן האָבן מיר – צוויי־דרײַ ענטוזיאַסטן – איך, דער פּאָעט קיריל קאָוואַלדזשי און דער ליטעראַטור־פֿאָרשער ניקאָלײַ באָריסאָוויטש טאָמאַשעווסקי – ניט איין מאָל געפּרוּווט אַרײַנגעבן עפּעס פֿון גאַווּרילאָווס קורצפּראָזע אין דעם אָדער אַנדערן מאָסקווער זשורנאַלן – אַלץ אומזיסט און אוממעגלעך: צו אָפֿן און שרעקלעך האָט פֿון דער פּראָזע אַרויסגעשטאַרצט די אַבסורדישע ווירקלעכקייט.

דער אַבסורד און די שרעק פֿון דער ווירקלעכקייט האָט זיך אָבער אײַנגעשטעלט דאָרט נאָך במשך דער תּקופֿה פֿון טאָטעריש־מאָנגאָלישן יאָך, אַ דרײַ פֿערטל יאָרטויזנט פֿאַר די באָלשעוויקן, – און ערשט דאָס פֿאַרשטייענדיק, קען אַן אויסלענדישער לייענער פֿאַרשטיין אפֿשר אויך דעם אַבסורדישן שלוסזאַץ אין איגאָר קלעכס לויבגעזאַנג: ״גאַווּרילאָווס נאָוועלעס לאָזן זיך לייענען אויך מיט אַ שווערן קאַצן־יאָמער אין קאָפּ – און קיין העכערן אָפּשאַץ פֿאַר אַ רוסישן שרײַבער קען מען שוין, דאַכט זיך, ניט געפֿינען״.

עכּו, מײַ 2003

◀▶

[1] ״שפּאַר אָן!״, ״פּועל אויס!״, ״דערגרייך!״

אַנאַטאָלי גאַווורילאָוו

אַ געזאַנג פֿאַר די אויטאָס

איך הייס נינאַ, געדענקען געדענק איך ווייניק וואָס, איך געדענק דעם געקראַך פֿון מאָטאָרן און די צעקוועטשטע הינט און קעץ אויפֿן סימפֿעראָפּאָלסקער שאָסיי.

חלומען פֿון עפּעס אַ קינד און אַ מאַן האָב איך אָנגעהויבן אין צענטן קלאַס. ביים אויסרעכענען פֿאַרשיידענע פֿאָרמולעס, ביים באַלויכטן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון ווייטע לענדער, שרייבנדיק וועגן די יונג־גוואַרדייער פֿון קראַסנאָדאָן, פֿלעג איך תּמיד זען פֿאַר די אויגן דאָס קינד און דעם מאַן. אויסגעזען האָבן זיי ווי צוויי וואָלקנס: אַ גרעסערער וואָלקן – דער מאַן, און אַ קלענערער וואָלקן – דאָס קינד. זיי פֿלעגן זיך פֿריילעך באַלעווען און קוליען אין הימל, אָט אַראָפּלאָזנדיק זיך גאַנץ נאָענט צו מיר, אָט אַוועקפֿליענדיק אין דער ווייט, ווו זיי פֿלעגן דאָרט ערגעץ אַנטרינען...

אין אַ טאָג, אָנהייב האַרבסט, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מענטשן. ער האָט זייער מורא געהאַט פֿאַר די אויטאָס, ער פֿלעג זיך אָפּשטעלן, נאָר ווי געליימט, לעבן גאַסן־קרייצונגען, ניט געטרויען די ליכטווייזער, אויפֿציטערן מיטן גאַנצן לייב – מ׳האָט נישט געקענט אַרויסגיין אין שטאָט מיט אים.

מיר האָבן אָבער חתונה געהאַט און זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליין שטיבעלע ביים סימפֿע־ראָפּאָלסקער שאָסיי, ביים סאַמע ראַנד. אין מיטן דער נאַכט – די ערשטע נאַכט דאָרטן – גיט ער אַ שפּרינג אַראָפּ פֿון בעט, שטעלט זיך ביים פֿענצטער און נעמט עפּעס סיגנאַליזירן מיט אַ קעשענע־לעמפּל.

– וואָס טוסטו וואָס?– פֿרעג איך.

– די אויטאָס דאַרפֿן וויסן, אַז דאָ לעבן מענטשן, – ענטפֿערט ער.

האָב איך אָנגעהויבן אים צוהעלפֿן: אַ האַלבע נאַכט – ער ביים פֿענצטער, אַ האַלבע נאַכט איך.

דער געקראַך אויפֿן שאָסיי איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ שטאַרקער, די אויטאָס – אַלץ מער, ווי זיי וואָלטן געקינדלט דאָרט.

אונדזער קינד האָט פֿאַר זיי אויך מורא געהאַט.

מיר האָבן צעקלעפּט אויף די גאַסן פּאַפּירעלעך אַז די שטוב פֿאַרקויפֿט זיך, נאָר קיין בעלן האָט זיך ניט געפֿונען.

די אויטאָס האָבן זיך אַלץ פֿאַרמערט, דער געקראַך שטאַרקער געוואָרן, דער שאָסיי – ברייטער און ברייטער, שוין ביי די פֿענצטער.

דער מאַן האָט אָפּגעשאַפֿן די באַנאַכטיקע וואַכטעס.

– גאָרנישט גיט עס נישט, – האָט ער געזאָגט, – מען דאַרף זיי ליב האָבן, פּשוט ליב האָבן. וועט אַלץ ווערן גוט...

פֿאַר נאַכט, ווען די זון פֿלעג וואַרפֿן איר געזעגן־שטראַל אויף אונדזערע פֿאַרשמוצטע פֿענצטער, פֿלעג דער מאַן אונדז הייסן שטעלן זיך אויף די קני, מיטן פּנים צום שאָסיי, און זאָגן, און איבערחזרן:

– מיר האָבן אײַך ליב... איר הערט, מיר האָבן אײַך ליב...

אין אַ שנײיִקער פֿעווראַל־נאַכט האָט זיך אין אונדזער שטיבל אַרײַנגעשניטן אַ לאַסט־אויטאָ, און בײדע זענען זײ דערהרגעט געוואָרן, נאָר איך בין געבליבן.

הײסט עס, אין גאַנצן אומגעקומען זענען זײ נישט, בלויז דאָס אויסזען זײערס האָט זיך געביטן – איצטער זענען זײ װידער אױס װי צוײ װאָלקנס.

פֿרײלעך באַלעװען זײ זיך און קוליען זיך אין הימל, אָט אַראָפּלאָזנדיק זיך גאַנץ נאָענט צו מיר, אָט אַװעקפֿליִענדיק אין דער װײַט, װוּ דאָרט ערגעץ אַנטרינען זײ...

און פּונקט הײַנט האָב איך פֿאַרענדיקט מײַן אַרבעט פֿון עטלעכע יאָר – "אַ געזאַנג פֿאַר די אויטאָס":







די אַרײַנפֿיר־סטענדן פֿון ל. בערינסקיס אָנשויונגס־פּראָיעקט
"די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור"
ערשטע אויסשטעלונג – אין דער צענטראַלער דרעזדענער ביבליאָטעק,
האַרבסט, 2008

פֿרײַנד פֿון לאַנד אַשכּנז

סאַראַ קירש. אַ פּאָרטרעט אין פֿאַרבן און אַשקאָליר

רויט

אין אָלעוואַנאָ[1] הייבן זיך אָן די בערג,
אין דעם שלאָפֿצימער – די אַקאַציעס, אַן אמתער וואַלד
וואַקסט אַרויס פֿונעם שפּיגל, ווײַנטרויבן־לאָזעס
הענגען אַראָפּ בײַ די ליפּן. אויף דער רויטער גאַרדין –
רויטע פֿייגל, די שאָף אויפֿן רויטלעכן טעפּעכל
איבערן בעט. די פֿענצטער
פֿליִען אַוועק מיט אַ פֿליגל־גערויש.

Sarah Kirsch. "Rot"

הײַנער מיולער, דער דײַטשער דראַמאַטורג, רעזשיסער און שריפֿטשטעלער (1995–1929), האָט זיך אַ מאָל אין אַ טעלעוויזיע־אינטערוויו דערמאָנט, ווי בערטאָלט ברעכט, שטייענדיק אין זײַן טעאַטער ערגעץ אויבן אויף דער גאַלעריי, פֿאַרן סאַמע אָנהייב פֿונעם ספּעקטאַקל, האָט פּלוצעם אַ ווײַז געטאָן מיטן פֿינגער אַראָפּ, אין דעם פּאַרטער, וו׳הין ס׳זענען שוין אַרײַנגעקומען פֿון דעם פֿאָיע פֿײַערלעך אויסגעפּוצטע מענטשן:

[1] אַן אָרט אין איטאַליע.

– אַ פּעניס – אַ וווּלווע... אַ פּעניס – אַ וווּלווע... אַ פּעניס – אַ וווּלווע... איר פֿאַרשטייט, ס'אַ צרה, אין טעאַטער גייט מען פֿאָרלעכווײַז...

פֿאָרלעכווײַז – שוין ניט רעדנדיק פֿון גרופּעס – האָט מען אויך ליב געהאַט אַרײַנגיין אין דער ליטעראַטור: גומיליאָוו־אַכמאַטאָווע, אַראַגאָן־טריאָלע, זיאַמע טעלעסין־רחל בוימוואָל, און שוין צו מײַן צײַט – גאָר אַ מאָדנער מאַריִאַזש: קירש־קירש, רײַנער און סאַראַ, וועמענס ערשטע לידער־זאַמלונג איז דערשינען אונטער איין טיטל און פֿאַמיליע־נאָמען – "דאָס געשפּרעך מיטן יאַשטשער"[1]. הגם דאָס בוך האָט געבראַכט זיי דעם פּרעסטיזשפֿולן אין מיזרח־דײַטשלאַנד עריך ווײַנערט־מעדאַל, האָט עס אָבער קיין ספֿק ניט איבערגעלאָזט, אַז דער דאָזיקער דועט איז ניט קיין לאַנג־דויערדיקער: רײַנער קירשעס פּובליציסטיש־פּאָלעמיש קול האָט שאַרף דיסאָנירט מיט דעם טיף־אינטימען קלאַנג אין די לידער פֿון סאַראַ... אין מאָסקווע, ווו איך האָב געקויפֿט דעמלט זייער בוך, האָט זיך צו יענער צײַט שוין געהאַט צעפֿאַלן אַן אַנדער יונגער פּאָעטן־טאַנדעם – יעווטושענקאָ־אַכמאַדולינאַ... הײַנט, נאָך כּמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, קען מען רעזומירן, אַז דער ענדגילטיקער רעזולטאַט בײַ די ביידע אַמאָליקע פּאָרלעך איז אַן ענלעכער: בעלאַ אַכמאַדולינאַ און סאַראַ קירש זענען מיט זייער רעפֿלעקסיווער ראַפֿינירטער ליריק אויף תּמיד אַרײַן יעדע אין איר נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, בשעת יעווגעני יעווטושענקאָ און רײַנער קירש זענען געבליבן בלויז צוויי בונטע פֿיגורן אין דער "בונטאַרישער" יוגנט־דיכטונג פֿון די 60ער און 70ער יאָרן.

"די גרעסטע פֿון די לעבנדיקע דײַטשע פּאָעטעסעס", ווי עס שטייט אין די הײַנטיקע לעקסיקאָנען, איז געבוירן געוואָרן אין 1935, אין לימלינגעראָדע, ווי אינגריד העלאַ אירמעלינדע בערנשטײַן, אַן אַריש־אָנגערופֿענע טאָכטער פֿון אַ פּראָווינציעלן מעכאַניקער. דעם פּסעוודאָנים "סאַראַ" האָט זי זיך אויסגעקליבן ווען זי האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער פּרעסע אירע ערשטע לידער, און דאָס איז געווען (לויט אירע אייגענע ווערטער) אַ פּראָטעסט קעגן מאַסן־פֿאַרניכטונג פֿון יִדן אין דער נאַצי־תּקופֿה, און אויך קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם פֿון איר פֿאָטער, וועלכער האָט שוין צו יענעם מאָמענט ניט געלעבט.

פֿאַרענדיקט די שולע, האָט זי שטודירט ביאָלאָגיע, באַקומען דעם פֿאַכדיפּלאָם און געאַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפֿט; אין 1960 האָט זי חתונה געהאַט מיט רײַנער קירש, אין 1963 אַרײַן לערנען אין דער "דיכטערשול" – אין דעם לײַפּציגער ליטעראַטור־אינסטיטוט א"נ פֿון יאָהאַנעס בעכער (אַ נאָכגעמאַכטער מאָדעל פֿון דעם מאָסקווער מאַקסים גאָרקי־אינסטיטוט, ווו די הויך־פּראָפֿעסיאָנעלע און שאַרף־אידעאָלאָגיזירטע פּראָפֿעסאָרן און שרײַבער האָבן זיך באַמיט אויסצוכאָווען יונגע ליטעראַטן, איבערגעגעבענע דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אַז ניט שטענדיק האָט זיך זיי דאָס אײַנגעגעבן – ווי אין מאָסקווע, אַזוי אויך אין לײַפּציג – קען מען זען אויפֿן בײַשפּיל פֿון דער זעלבער סאַראַ קירש און דעם מחבר פֿון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט זיך אין יענער סאָוועטישער "ליטעראַטור־קוזניע" געלערנט "אויף אַ פּאָעט" אין די יאָרן (1965-1970).

---

[1] "Gespräch mit dem Saurier" 1965

דאָס צווייטע, שוין ″זעלבשטענדיק″ אַרויסגעגעבענע בוך פֿון סאַראַ קירש ″דער אויפֿהאַלט אין לאַנד″ (″Landaufenthalt″, 1967) האָט אָבער גלײַך ″אַרויסגערופֿן פֿראַגעס″ בײַ די ליטעראַטור-אידעאָלאָגן, און די זאַמלונג פֿון יאָר 1973 ″כּישוף-שפּרוכן″ (″Zaubersprüche″) איז נעגאַטיוו כאַראַקטעריזירט געוואָרן ווי ″דער סאַמע פּרײַער, אין עראָטישן זין, לידערבאַנד אין דער גאַנצער דײַטש-שפּראַכיקער פּרויען-ליריק″...

אַן ענגלישע ליד

איך האָב זיך ווידער פֿאַרשריבן אין אײַער אַרמיי, מײַן הערצאָג,
איך בין גרייט אויסצופֿילן יעדן אײַער באַפֿעל און קאַשטאַנען-ניס שלעפּן
מיט ביידע הענט פֿונעם פֿײַער, - איר דאַרפֿט מיר נאָר הייסן! -
שיקט מיך וו'הין איר פֿאַרשטייט, אין דעם ערגסטן פֿאַל - אויף דער תּליה,
און ווען מיט מיר וועט אַלץ זײַן פֿאַרענדיקט, וועט מען אײַך ברענגען
מײַן האַרץ און עס לייגן בײַ אײַך אויפֿן טיש, אין אַ זײַדענעם שמאַטקעלע,
אַזוי וויל איך.

Sarah Kirsch. ″Englisches Lied″

נאָך דער צעשיידונג מיט רײַנער קירש פֿאָרט סאַראַ אַריבער קיין בערלין, שרײַבט פֿאַר דער פּרעסע און ראַדיאָ, זעצט איבער רוסישע פּאָעטן (אַלעקסאַנדער בלאָק, אַנאַ אַכמאַטאָווא, עדוואַרד באַגריצקי), גיט אַרויס אירע אייגענע לידער און דערציילונגען, אָבער אַלץ מער און מער פֿילט זי אויף זיך דעם דרוק פֿון דעם מלוכישן רעזשים. אין דער ליריק-זאַמלונג ″ווינט אין דער פּלייצע″ (″Rückenwind″, 1976) ווערן אָפּגעשפּיגלט אירע אינטימע איבערלעבונגען - געפֿילן פֿון אַ פֿרוי, פֿאַרליבט און אָפּגעטיילט פֿון דעם געליבטן דורך דער גרויזאַמער בערלינער מויער (דער ניט-אויסגעטראַכטער פּערסאָנאַזש איז געווען דער מערבֿ-בערלינער פּאָעט קריסטאָף מעקעל). די אַנטשיידנדיקע קאָנסעקווענצן פֿאַר איר האָט געהאַט דאָס אונטערשרײַבן, אין איינעם מיט אַ גרופּע שרײַבער, דעם פּראָטעסט-דאָקומענט קעגן צונעמען די בירגערשאַפֿט בײַם דיכטער און זינגער וואָלף בירמאַן, וועלכער האָט עפֿנטלעך און שאַרף קריטיקירט דעם רעזשים. אין 1977 פֿאַרלאָזט סאַראַ קירש דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד און באַזעצט זיך אין מערבֿ-בערלין. זי ווערט ניט, ווי אייניקע אירע קאָלעגעס, קיין ″קעמפֿער מיטן קאָמוניסטישן שׂטן″, אָבער זי פֿאַרגעסט אויך גאָרנישט: שוין מיט יאָרן שפּעטער, אין 1993, זאָגט זי זיך אָפּ, צום בײַשפּיל, אויסגעוויילט צו ווערן אין דער בערלינער קונסט-אַקאַדעמיע, מאָטיווירנדיק עס דערמיט, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע ″איז אַ מקום-מיקלט פֿאַר די אַמאָליקע מיזרח-דײַטשישע מלוכישע שרײַבער און ″שטאַזי[1]-צוטראָגערס″. צו דער צײַט איז זי שוין אַ וועלט באַקאַנטע דיכטערין, אָנערקענט און באַלוינט מיט היגע און אינטערנאַציאָנאַלע פּרעסטיזשע פּרײַזן, ווי, למשל, דער הײַנריך הײַנע-פּרײַז, פּעטראַרקאַ-פּרײַז, עסטרײַכישע פּרעמיע פֿאַר אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, געאָרג ביוכנער-פּרײַז, א″אַ.

[1] שטאַזי (Staatssicherheit) – די מיזרח-דײַטשע מלוכה-זיכערהייט.

פֿון אירע וויכטיקסטע דיכטונג־ און פּראָזע־אויסגאַבעס דאַרף מען קודם־כּל דערמאָנען (חוץ די אויבן אָנגערופֿענע): ״שטיינברוק״, ״דאָס פּשוטע לעבן״, ״די וואַרעמקייט פֿון שניי״, ״ווינטערלידער״ וכדומה; און די רײַך אַרויסגעגעבענע צו איר 65סטער לעבנס־דאַטע ״ווערק אין פֿינף בענדער״.

דער שניי איז שוואַרץ אין שטאָט אין מײַנער

דער שניי איז שוואַרץ אין שטאָט אין מײַנער,
ס׳ליגט רוס און קאָפּעטש בײַ דעם פּלויט,
ווּ ס׳דרימלען הינט. אין די שעזלאָנגען
און אויף די שטולן זיצן מענטשן
באַקוועם, און עסן וואַרעם ברויט.

די טויבן הוליען אויף די דעכער,
געפֿינענדיק אין יעדן שטאַל
אַן אָפּדאַך, בויען נײַע נעסטן
און מיט אַ פֿעדער, צי מיט מאָך
פֿאַרשטעקן זיי אַ שפּאַלט, אַ לאָך.

איך גיי אַרויס, מײַן שוואַרצן פּעלץ
דערקענען גלײַך די הינט – און וויען,
און פֿירן מיך, און כ׳פֿאָלג נאָך זיי,
אַהין ווּ ס׳לייגט זיך ווײַסער שניי
שטיל אויפֿן יִידישן בית־עולם.

Sarah Kirsch. "Der Schnee liegt schwarz in meiner Stadt"

באַקענט פּערזענלעך האָבן מיר זיך אין מערץ 1993, אויפֿן צווייטן ירושלימער פּאָעזיע־פֿעסטיוואַל. דער אינטערעס, וואָס סאַראַ האָט אַרויסגעוויזן צו מײַן פּערזאָן נאָך איידער זי האָט עפּעס געלייענט אָדער געהערט פֿון מיר, לאָזט זיך דערקלערן גאַנץ פּשוט: אין דעם אימפּרעזעס־פּלאַן פֿון דעם פֿעסטיוואַל איז קעגן יעדן מחבר דערמאָנט געווען דאָס לאַנד וואָס ער רעפּרעזענטירט, למשל: ״טאָביאַס בערגגרען – שוועדן״, ״דליה רביקוביץ – ישׂראל״... בלויז אַנטקעגן מײַן נאָמען – הגם איך בין שוין צוויי יאָר ווי געווען אַ ישׂראל־בירגער – איז געשטאַנען: ״יִידיש״.

מײַן דערקלערונג, אַז אין ישׂראל איז די שפּראַך יִידיש אָפֿיציעל ניט אָנערקענט[1], האָט סאַראַ לאַנג ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. כ׳האָב זי אײַנגעלאַדן צו מײַן פֿאָרלייענונג אין טעאַטער ״חאַן״ – און שוין אַלע געבליבענע טעג האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין איינעם –שפּאַצירט, דערמאָנט זיך אין

[1] אַן אָפֿיציעלן סטאַטוס האָט אין ישׂראל יִידיש באַקומען אין יאָר 1996.

רוסישע און מיזרח־דײַטשישע אַ מאָל יונגע פּאָעטן, ווען מיר האָבןביידע געלייענט, געקענט, אייניקע פֿון זיי אָנגעווירן... כ׳האָב איר דערציילט, ווי גוט אין די מאָסקווער ליטעראַטור־קרײַזן איז באַקאַנט געווען דער נאָמען פֿון רײַנער קירש; אויך איך האָב אים דעמלט איבערזעצט – פֿאַרשטייט זיך, אויף רוסיש. אָבער אירע לידער, חוץ יענע, פֿון זייער בשותּפֿותדיקן בוך, האָב איך מער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין קיין שום פּובליקאַציע ניט געטראָפֿן.

– נו, גאַנץ לאָגיש, איז געווען איר ענטפֿער, – ווייסט אָבער, אין דער פּראָווינץ איז בײַ אײַך עטוואָס אַנדערש געווען... קענסטו אפֿשר דאָס לידל ״וואָדקאַ, וואָדקאַ, גאָלובושקאַ מאָיאַ״[1], ניין? איך האָב עס געהערט אין נאָוואָסיבירסק, אין דעם אַקאַדעמיע־שטעטל, אוי איז דאָס שוין געווען אַ שיכּורײַ... און יענעם טאָסט: ״װוסטרעטימסיאַ פּאָד סטאָלאָם״[2]?

דעם צווייטן שפּרוך האָב איך יאָ געקענט, און אויף מאָרגן, בײַ אַ ספּאָנטאַנער שׂימחה אין ״משכּנות שאננים״ האָט זיך אָט די ״באַפֿליגלטע פֿראַזע״ געהערט ניט נאָר בײַ די ״רוסן״ און ״אייראָפּעער״, נאָר אויך אין דער העברעיִשער בראַנזשע, צווישן די סאַברעס. טאַקע אויף יענער שׂימחה, ווי כ׳געדענק, האָט מיך סאַראַ שטיל אַ פֿרעג געטאָן, צי איך וואָלט אפֿשר געקומען אויף אַ פּאָר חדשים קיין דײַטשלאַנד, ס׳הייסט, באַקומען דאָרט אַ ליטעראַטור־סטיפּענדיע, לאָמיר זאָגן, אין רענדסבורג, אַן אַלט שטעטל ניט ווײַט פֿון איר – ״וואָלטן מיר געקענט אין איינעם מאַכן עטלעכע פֿאָרלייענונגען, ס׳ווערט ניט שלעכט באַצאָלט...״.

דאָס לעבן

דער ווינט קלאַפּט מיט דער טיר
פֿונעם סאַרײַ, דאָ און דאָרט אָן אַן אויפֿהער –
זיפֿצן, קרעכצן, אין דער אומקלאָרער לופֿט
לויפֿן דורך כוואַליעס איבערן געלן לײַב פֿונעם קאָטער.
דער קאָטער – אַזוי שפּעט
איבער לאָנקעס און הויכע ניט־געשניטענע גראָזן ער גייט.

Sarah Kirsch. "Das Leben"

זינט 1983 לעבט סאַראַ קירש אין טילענהעמע[3], אַ קליין דערפֿל אָדער, פּינקטלעכער געזאָגט, אַ כוטאָר מיט אפֿשר צוויי צענדליק גרויסע פּויערישע שטיבער אין מיטן דער ווײַט־צעשפּרייטער פֿלאַך און תּמיד, דאַכט זיך, גרוי־נעפּלדיקע זומפּן, וווּ עס פּאַשען זיך קי, בפֿירוש ניט פֿאַרהונגערטע – פֿליישיקע, מיט שווער־אָנגעפֿילטע אײַטערס און מיט אמתער ניבעלונגישער ווירדע.

[1] ״בראָנפֿן, בראָנפֿן, טײַבעלע מײַנס״ (רוס׳).
[2] ״מיר וועלן זיך טרעפֿן אונטערן טיש!״ (רוס׳).
[3] זע אין די ״דערגאַנצונגען צו די טעקסטן״.

אין אַ גרויען האַרבסטיקן אָקטאָבער־טאָג 1993 בין איך דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען אַהין מיט דעם פֿאַרבײַפֿאָרנדיקן אויטאָבוס אויף האַמבורג, און שוין פֿון דער ווײַטנס דערקענט איר הויף: אין הימל, אויף אַ שפּיציקן מאַסט האָט געפֿלאַטערט די ווײַסע פֿאָן מיטן בלויען מגן־דוד – די באַלעבאָסטע האָט געוואַרט אויף מיר. זי איז אַרויס מיר עפֿענען די פֿאָרטקע, באַגלייט פֿון אַ זעקסקעפּיקער משפּחה שאָף, לאַנגאויגיקע און רונד־פּנימדיקע, ווי אויף שאַגאַלס בילדער; פֿון דער געלגראָזיקער לאָנקע איבערן אָפּגעריבן־נאַסן וועג האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט אמת באַלעטישע "פּאַ" דער זיבעטער סאַראַס בן־בית, דער אייזל – אַ קראַסאַוועץ מיט צוויי סאַמעטענע אויערן; אַלע זענען זיי שטיל געוועזן אויפֿגערעגט פֿון דער נײַער באַקאַנטשאַפֿט.



שפּעטער איז מיט זײַן אויטאָ אָנגעקומען פֿון קיל, וווּ ער האָט שטודירט און געלעבט, מאָריץ, סאַראַס זון. מיר האָבן אויף גיך עפּעס אויסגעטרונקען און איבערגעכאַפּט, און זיך געלאָזט – מיט מאָריצן בײַם רודער – אין וועג: צום ים, אַזש קיין דענעמאַרק. ערשט שפּעט בײַ נאַכט זענען מיר צוריקגעקומען. אַ טויט מידער האָב איך זיך אויפֿגעהויבן מיט די שמאָלע הילצערנע טרעפּ אין דעם צימער פֿאַר געסט אונטערן דאַך, מיטן גרויסן וואַרעמען בעט, זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ – און נאָר אַזוי, מיין איך, די גאַנצע נאַכט ניט געהערט דאָס שרעקלעכע ווויען פֿון אַרטור קאָנאַן־דוילס באַסקערווילישן הונט אויף די שוואַרצע אַרומיקע זומפּן.

אין רענדסבורג, אין דעם יִדישן מוזיי "באַמבערגער־הויז", וואָס איז ביז 1993 געווען אַ בית־הכּנסת, האָב איך אָפּגעלעבט אין מײַן אַטעליע, אין דער אַמאָליקער תּלמוד־תּורה אויבן אונטערן דאַך, זיבן חדשים; דאָרט האָב איך אָנגעשריבן די פּאָעמע "רענדסבורגער מיקווה", און צו איר אויסגאַבע אין אַן אַלבאָם־פֿאָרעם – אויף יִדיש, דײַטש און אַ דײַטשן אויסלייג פֿון דעם יִדישן טעקסט (מיט פֿאַרביקע בילדער פֿון אינגאַ אַרו) – האָט סאַראַ צוגעשריבן, אויף איר לאַפּידאַרן אופֿן, עטלעכע אַרײַנפֿיר־שורות, גרינגע ווי לאַזורעווע כוואַליעכלעך און טיפֿע ווי אונדזער אָקעאַן יסורים:

אַ קליין באַגלייט־שיפֿעלע פֿאַר לעוו

די "רענדסבורגער מיקווה" איז אַ טעקסט וואָס האָט זיך אַזוי גליקלעכווײַז אַנטוויקלט בײַ דער שיינער געלעגנהייט פֿון אַ לאַנג־דויערדיקן אויפֿהאַלט פֿון דעם דיכטער אין דער קליינער אויסגעקליבענער שטאָט. זאָל דער לייענער פֿרײַנדלעך אויפֿנעמען די פּאָעמע און לייענען זי אויפֿן קול – דער עיקר, די טראַנסקריפּציע פֿון יִדישן טייל. דאָס איז די יִדישע שפּראַך, וואָס איז כּמעט אומגעבראַכט געוואָרן אין די דײַטשישע קאַצעטן, און וואָס שוין דערפֿאַר אַליין דאַרף מען זיך הײַנט צו איר צוהערן.

רענדסבורג – עכו, האַרבסט 1994

דער לידער־מאַכער
וואָס האָט איבערגעקערט אַ דיקטאַטור־מלוכה

(ווי אַזוי וואָלף בירמאַן האָט פֿאַר מיר אויף שטענדיק ״פֿאַרמאַכט״ די ד.ד.ר.[1])

אויגוסט 1980. שטעלט זיך פֿאַר אַ בילד: נאָך מיר, אַ מאָסקוועער (און דעמלט נאָך אַ רוסישן ליטעראַט), אַן אײַנגעלאַדענעם קיין מיזרח־דײַטשלאַנד פֿון זייער שרײַבער־פֿאַראיין, יאָגט זיך איבער בערלינער גאַסן און אויטאָסטראַדעס די פּאָליציי. דאָס האָט מײַן אַלטע חבֿרטע עסטער[2], אַ דײַטשקע פֿון דעם מערבֿדיקן שטאָטטייל, באַשלאָסן מיך צו באַזוכן מיט איר האַלביאָריקן טעכטערל אינעם האָטעל ״Stadt Berlin[3]״ און דאַן מיך דורכקאַטײַען אויף איר פֿאַמיליען־אויטאָ איבער דער מאָדערנסטער שטאָט פֿון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. און געשטעלט – אויפֿן מאַקסימום – עפּעס אַ קאַסעטע מיט sehr interessante לידער פֿון איינעם עפּעס אַ וואָלף בירמאַן, וואָס ניט דעם נאָמען, און נישט די לידער זײַנע האָב איך פֿריִער קיין מאָל נישט געהערט...

אַוועקגעשאַרט דעם אומנוצלעכן שטאָטפּלאַן, האָבן מיר אַ גוט פֿערטל שעה ניט געקענט פּטור ווערן פֿון זיי, און פֿאַרלוירן אונדזער שפּור האָבן זיי נאָר ווען עסטער – דו, פֿאַרמאַך כאָטש דעם גראַגער! – האָט אויסגעשלאָסן דעם רעוועדיקן רעקאָרדער.

נעלם געוואָרן, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ שטיל געסל, ז׳האָט גענומען די פּיצינקע כאַנאַ אויף די הענט און מיר האָבן געפֿונען אין דער נאָענט אַ שטילן גרינעם פּאַרק, און זענען אַרײַן זיך אָפּצודעכצן. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן נישט קיין פּאַרק, נאָר אַ בית־עולם, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, און עסטער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס מיידעלע אויפֿן פֿרישן גאַזאָן אַנטקעגן אונדז אויף יענער זײַט אַלייע – דאָס קינד האָט שוין געקענט זיצן און קריכן. עסטער איז נאָך אַלץ געווען ווי צעמישט, און האָט נאָר געוואָלט וויסן: וואָס אַ מין פֿאַר אַ וויכטיקן פּאַרקער־כּלל האָט זי עובֿר געווען, וואָס ס׳האָט אַזוי פּשוט משוגע געמאַכט די פּאָליציי? נישט געפֿינענדיק קיין דערקלערונג, האָט זי בינו־לבֿינו אָנגעהויבן מיר דערציילן, ווער יענער וואָלף בירמאַן איז און ווי זי האָט ליב זײַנע לידער, אין וועלכע ״ער האָט קלאָר זיי אַרײַנגעזאָגט אין דעם טאַטן און מאַמען –דעם חזיר כאָנעקער און דעם גאַנצן רעזשים זייערן״.

״דו, בליאָדע קו, – האָב איך איר אויף דעם געוואָלט ענטפֿערן, – דו אידיאָטקע וואָס דו ביסט...״,

– און פּלוצעם דערזען ווי דאָס קינד נעלם געוואָרן, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ שטיל געסל, ז׳האָט גענומען די פּיצינקע כאַנאַ אויף די הענט און מיר האָבן געפֿונען אין דער נאָענט אַ שטילן גרינעם פּאַרק, און זענען אַרײַן זיך אָפּצודעכצן. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן נישט קיין פּאַרק, נאָר אַ בית־עולם, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, און עסטער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס מיידעלע אויפֿן פֿרישן גאַזאָן אַנטקעגן אונדז אויף יענער זײַט אַלייע – דאָס קינד האָט שוין געקענט זיצן און קריכן. עסטער איז נאָך אַלץ געווען ווי צעמישט, און האָט נאָר געוואָלט וויסן: וואָס אַ מין פֿאַר אַ וויכטיקן פּאַרקער־כּלל האָט זי עובֿר געווען, וואָס ס׳האָט

[1] דײַטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק (מיזרח־דײַטשלאַנד).

[2] זע אויבן אין דעם עסיי ״שטילער אויגוסט. דרײַ זוניקע טעג״.

[3] הײַנט – דער ״פּאַרק־האָטעל״ אויפֿן אַלעקסאַנדערפּלאַץ.

אַזוי פּשוט משוגע געמאַכט די פּאָליציי? נישט געפֿינענדיק קיין דערקלערונג, האָט זי בינר־לבינו אָנגעהויבן מיר דערציילן, ווער יענער וואָלף בירמאַן איז און ווי זי האָט ליב זײַנע לידער, אין וועלכע "ער האָט קלאָר זיי אַרײַנגעזאָגט אין דעם טאַטן און מאַמען -דעם חזיר כאָנעקער און דעם גאַנצן רעזשים זייערן". "דו, בליאָדע קו, - האָב איך איר אויף דעם געוואָלט ענטפֿערן, - דו אידיאָטקע וואָס דו ביסט...", - און פּלוצעם דערזען ווי דאָס קינד דראַפּעט זיך אויף אַ בערגל, ווו אויבן אויף אַ גרויסן גרויען שטיין זענען מיט ווײַסע אותיות קאַליגראַפֿיש אויפֿגעשריבן צוויי ווערטער: .Bertold Brecht

אַ קוק אויף רעכטס, אויף לינקס: Georg Hegel... און אָט דער פּראָפֿיל פֿון דעם פֿילאָסאָף Fichte[1]... כ'האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צום קינד און... מײַן מיינונג וועגן די אינטעלעקטואַלע אייגנשאַפֿטן פֿון מײַן דעמלטיקער מוזע האָב איך איר אַרויסגעזאָגט... אין דרײַצן יאָר אַרום, דערפֿאַר אָבער שוין אין אָנוועזנהייט פֿון בירמאַן גופֿא, וועלכן ז'האָט גלײַך גענומען - בײַ אַזאַ געלעגנהייט?! - אויסלייגן די אַלטע געשיכטע אַזוי, ווי זי זעט עס... און מען דאַרף טאַקע זאָגן: פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע דרײַצן יאָר איז זי געוואָרן אַ סך רײַפֿער **פּאָליטיש** (און דאַנקען גאָט נאָך ניט איבערגעצײַטיקט **פֿעמיניסטיש**).

מיר זענען געזעסן אינעם רענדסבורגער "Neuwerk" און וואָלף האָט געהאַט געדולד זי ניט איבערצושלאָגן, צו ביסלעך אָפּגעזופּט פֿון דעם בירקופֿל און זיך שטיל דורכגעגאַן מיט די פֿינגער איבער די סטרונעס פֿון זײַן גיטאַרע. און ערשט ווען זי'ז צוגעקומען צו ברעכטן, האָט ער זיך פּלוצעם ווי פֿונעם שטריק אָפּגעריסן מיט "בײַ מיר ביסטו שיין" - !für dich, Lev, נו איז שוין גוט, danke, וועלוול!

די אַנדערהאַלב ייִדן, צוויי זויפֿנדע דיכטער,
דער פֿולער שוין "פֿול", און דער "האַלבער" - האַלב־ניכטער
רענדסבורג, נאָוועמבער 1993

---

[1] שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען דער באַרימטער בערלינער בית־עולם Dorotheenfriedhof, און אַז ברעכט האָט זיך דאָרט אַמאָל אַליין אויסגעקליבן פֿאַר זיך דאָס אָרט. אויף דעם פּרעסטיזשן אַלטן צווינטער (ווו ס'ליגן אויך ייִדן - אַרנאָלד צווײַג, אַנאַ זעגערס, א"אַ) האָט מען ביז דער לעצטער צײַט צו קבֿורה געבראַכט פֿילאָסאָפֿן, פֿאָרשטייער פֿון קונסט און קולטור, אד"גל. דער ערשטער פּאָליטיקער, וואָס האָט דאָרט געפֿונען זײַן אייביקע רו, איז געווען דער בונדעס־פּרעזידענט יאָהאַנעס ראַו, וואָס מיט אים האָב איך זיך פּערזענלעך באַקענט אין יאָר 1994, ווען ער איז נאָך געווען דער מיניסטער־פּרעזידענט פֿון נאָרדרײַן־וועסטפֿאַלן און האָט געהאַלטן אַ קולטור־אַנאַליטישן רעפֿעראַט אין ווופּערטאַל אויף דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום Exil ohne Ende, וועלכן איך האָב דערעפֿנט מיט מײַן ייִדישער פּאָעמע "רענדסבורגער מיקווה" ל.ב.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1936. זײַן פֿאָטער דאַגאָבערט בירמאַן האָט געאַרבעט בײַ דער שיפֿבויערײַ אין דעם ״פּראָלעטאַרישן״ האַמבורג און – זײַענדיק אַ ייִד און אַ קאָמוניסט – אַנגאַזשירט געווען אין דער אַנטיפֿאַשיסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן און איז אומגעקומען אין 1943, אין אוישוויץ. נאָך דער מלחמה טרעט וואָלף אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע ״יונגע פּיאָנערן״ און באַטייליקט זיך שפּעטער ווי אַ לייטער פֿון אַ פּיאָנערן־אָטריאַד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ״יוגנט־טרעפֿונג״ אין מיזרח־בערלין (1950). אין זײַן קאַפּיטאַליסטישן האַמבורג לערנט ער אין דער פּרעסטיזשער הײַנריך הערץ־גימנאַזיע, וואָס נאָר אַ קליינע צאָל קינדער פֿון אַרבעטער־פֿאַמיליעס האָבן געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט זיך דאָרט צו לערנען. דערבײַ שמט ער בײַ די פּעדאַגאָגן ווי דער ״ראַדיקאַל שלעכטער שילער״.

אין יאָר 1953 פֿאַרלאָזט בירמאַן מערבֿ־דײַטשלאַנד און אָרדנט זיך אײַן אין אַן אינטערנאַט אין שווערין, פֿון וואַנען ער פֿאָרט אַריבער שפּעטער קיין בערלין און גייט לערנען אין דעם הומבאָלדט־אוניווערסיטעט, שטודירט פּאָליט־עקאָנאָמיע, פֿילאָסאָפֿיע און מאַטעמאַטיק. ער שרײַבט זײַנע ערשטע לידער און באַקענט זיך מיטן באַרימטן פּראָלעטאַריש־אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמפּאָזיטאָר האַנס אײַסלער, וועלכער העלפֿט אים פֿאַרנעמען אַן אָרט אין דער סבֿיבֿה פֿון שעפֿערישע פּערזענלעכקייטן. אין 1961 איניציִירט בירמאַן די גרינדונג פֿון דעם ״בערלינער אַרבעטער־ און סטודענטן־טעאַטער״, און מיט אַ יאָר שפּעטער דערשײַנט זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג ״ליבע־געדיכטן״, וועלכע געפֿעלן שטאַרק דער יוגנט – ניט אָבער דער מאַכט. למשל, אַזאַ ליד:

אַ פֿרעג און אַן ענטפֿער, און ווידער אַ פֿרעג

די פֿערד, ווי סע זאָגט זיך, בײַ דער אַריבערשווימונג
בײַט מען נישט. גוט.
אָבער די אַלטע זענען דאָך דערטרונקען געוואָרן.

אָנערקענען די פֿעלער, – זאָגסטו, – ברענגט עס נוץ
נאָר דעם פֿײַנד.
גוט. וועמען ברענגט אָבער נוצן דער שקר?

דער סאָציאַליזם, זאָגט מען, איז אומפֿאַרמײַדלעך.
גוט.
אָבער ווער וועט אים אויפֿבויען?

בירמאַנס לידער־טעקסטן און מעלאָדיעס ווערן פּאָפּולער. אין 1963 פֿאַרמאַכן די שטאָט־מאַכטן דעם יוגנט־טעאַטער, אין 1965 פֿאַרווערט מען בירמאַנען דרוקן זיך און אַרויסטרעטן מיט קאָנצערטן. אומלעגאַלע קאַסעטעס מיט זײַנע לידער צירקולירן אין ביידע דײַטשע מדינות. ער ווערט אַ לעגענדאַרע פֿיגור, אַ לעגענדע ווערט שוין אַפֿילו זײַן וווינאַדרעס: שאָסיישטראַסע, 131.

דאָרט שאַפֿט ער בײַ זיך אַ מין אָפּגעזונדערטע קלײנע װעלט, בלױז פֿאַר זיך און פֿאַר זײַנע נאָענטע פֿרײַנד, װאָס האָבן דעמלט, באַגלײַך מיט אים, נאָך געגלײבט אין עפּעס אַ ״סאָציאַליזם מיט אַ מענטשלעכן פּנים״.

ער שרײַבט װײַטער געדיכטן און זינגלידער, און אַ גרױסן דערפֿאָלג ברענגט אים, דעם ״לידער־מאַכער״ (װי ער רופֿט זיך אַלײן אָן) דאָס אַרױסגעגעבענע אין מערבֿ־דײַטשלאַנד בוך ״די דראָט־האַרפֿע״.

ס'איז װערט צו באַטאָנען, אַז די בעסטע װערק זײַנע האָט בירמאַן אָנגעשריבן טאַקע אין זײַן לעבנס־תּקופֿה ביז 1976, און נאָך הײַנט געדענקט מען זײַנע לידער, אין װעלכע די פּאָליטיק איז פֿאַראײניקט מיט עקזיסטענציאַלע טעמעס – ליבע, פֿאַרגאַנגלעכקײט, בענקשאַפֿט, למשל: ״װי נאָענט זענען אונדז צו מאָל די טױטע / פֿון די, װאָס זענען לעבעדיק פֿאַר אונדז...״ (״דער הוגענאָטן־בית־עולם״).

דעם 13טן נאָװעמבער 1976 טרעט אַרױס בירמאַן מיט אַ קאָנצערט אין קעלן, מערבֿ־דײַטשלאַנד, און דער דאָזיקער קאָנצערט איז פֿאַר די DDR־מאַכטן ״דער לעצטער טראָפּן״. מען נעמט אים צו די בירגערשאַפֿט, מיט דער אָפֿיציעלער באַשולדיקונג אין אַנטי־סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

קוקנדיק רעטראָספּעקטיװ, האָט דער רעזשים אים דעמלט ״געװאָרפֿן אַ קניש אין קאָפּ״ – אָבער דעמלט איז די רעאַקציע פֿון אַ גרױסן טײל מיזרח־דײַטשישער אינטעליגענציע געװען זײער אַ שאַרפֿע, געװנוג צו דערמאָנען, אַז אַ גאַנצע גרופּע שרײַבער איז אַרױס פֿון דעם שריפֿטשטעלער־פֿאַרבאַנד, זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער בירגערשאַפֿט און אַװעק קײן מערבֿ־דײַטשלאַנד: סאַראַ קירש, גיונטער קונערט, רײַנער קונצע, טאָמאַס בראַש, און אַנדערע. שױן שפּעטער האָט דער שרײַבער יורעק בעקער געשריבן, אַז ״יענער קאָנצערט אין קעלן איז געװאָרן דער אָנהײב פֿון DDR־סוף״. דערגאַנצנדיק זײַן געדאַנק, קען מען זאָגן, אַז דער בונטאַרישער לידער־מאַכער בירמאַן האָט סוף־כּל־סוף איבערגעקערט די מלוכה־דיקטאַטור.

נאָך דעם װי די בערלינער מױער, און מיט איר אין אײנעם – די קעגנערשאַפֿט פֿון צװײ דײַטשע מדינות, איז געפֿאַלן, האָבן בירמאַנס ביכער, קאַסעטעס און קאָנצערטן פֿאַרלױרן זײער פּאָליטישן זין, הגם הערן זײַנע האַלב־פֿאַרגעסענע מעלאָדיעס קומען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג זײַנע אַמאָליקע חסידים פֿון דעם אַלט געװאָרענעם דור.

װאָלף בירמאַן איז אָבער ניט פֿון די װאָס לאָזן אין זיך פֿאַרגעסן. צו די 50 יאָר נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה נעמט ער אונטער אַ נײַע קולטור־פּאָליטישע אַקציע, װעלכע שטעלט אים װידער אין דער ערשטער רײ פֿון די אַקטועל־װירקנדיקע פּערזענלעכקײטן און אײנצײַטיק – אױף די העכסטע בינעס אין דײַטשלאַנד. אין 1994 איבערזעצט ער אױף דײַטש ״דאָס ליד פֿונעם אױסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק״ פֿון יצחק קאַצענעלסאָן און מאַכט אַ גאַסטראָל־טורנע איבערן גאַנצן לאַנד – דערצײלט װעגן דעם ייִדישן מחבר און זינגט, זיך אַלײן אַקאָמפּאַנירנדיק אױף דער גיטאַרע, לידער פֿון דער פּאָעמע.

זײַן ״Großer Gesang vom ausgerotteten jüdischen Volk״ װערט אין 1995 און שפּעטער אַרױסגעגעבן דורך פֿאַרשײדענע פֿאַרלאַגן, אָבער די ערשטע אױפֿלאַגע האָט

אַרויסגערופֿן אַ סך קאָמענטאַרן אין דער פּרעסע. דאָס רײַכע בוך איז אַרויס אין דײַטש און אויף ייִדיש, מיט אַ לאַטײַנישער טראַנסליטעראַציע פֿון דעם ייִדישן טעקסט און אַפֿילו מיט פֿאַקסימיליעס פֿון בירמאַנס שוואַרץ־וואַריאַנטן פֿון זײַן איבערזעצונג. אין אַזאַ פֿאָרעם איז דאָס געוואָרן, אייגנטלעך, אַ בוך פֿון וואָלף בירמאַנען, און דער דיכטער קאַצענעלסאָן מיט זײַן פּאָעמע – בלויז אַן אָביעקט פֿאַר בירמאַנס איבערזעצונג. אָבער אַ סך ערגער איז, וואָס דער איבערזעצער פֿילט זיך אין דער פּאָעמע אויף אַזוי פֿיל ״פֿרײַ״, אַז זײַן אַרבעט וואָלט ריכטיקער געוואָלט צו באַשטימען ווי אַ ״ווערסיע״ (דערבײַ, וואָס די דײַטשע וואָרט־נאָך־וואָרט־איבערזעצונג פֿון דעם ייִדישן אָריגינאַל האָט פֿאַר בירמאַנען צוגעגרייט אַן אמתער קענער פֿון דעם מאַטעריאַל – דער ייִדיש־דײַטשער היסטאָריקער אַרנאָ לוסטיגער). גאָר אַן אַנדער שפּראַכסטיל, אינטאָנאַציע, צו מאָל – איבערגעשטעלטע געדאַנק־אַקצענטן, פֿול מיט כּלערליי ״Arsch״ (״הינטן״, גראָב) און ענלעכע גאַסן־פּראָזעאָלאָגיע און יוגנט־סלענג.

דעם ״יובליי״־פֿרילינג 1995 (50 יאָר נאָך דעם קריג) האָב איך פֿאַרבראַכט אין בערלין, ווייס איך וואָס פֿאַר אַ דיסקוסיע האָט זיך צעפֿלאַקערט אַרום בירמאַנס איבערזעצונג און אויסגאַבע. די ליטעראַטור־קריטיק האָט געטענהט בנוגע דער ״דרייסטער״ (פֿרעכער?) סטיליסטישער אויסטײַטשונג, און די זשורנאַליסטן – וועגן דעם נוץ וואָס דאָס בוך וועט ברענגען פֿאַר דער זאַך פֿון ״Versöhnung״, פֿון דער היסטאָריש־עפּאָכאַלער ״איבערבעטונג״ צווישן דעם ייִדישן און דעם דײַטשן פֿאָלק.

אין אָט דעם קאָנטעקסט האָט מען זיך דערמאָנט אין דער אַלטער איבערזעצונג פֿון הערמאַן אַדלער ״דאָס ליד פֿונעם לעצטן ייִד״, אָבער אַדלערס וואַריאַנט, וואָס איז מיר שוין צו יענער צײַט באַקאַנט געווען, האָט אויך געטראָגן אין זיך שווערע טעקסטועלע, אינהאַלטלעכע און וועלט־אַנשוילעכע ״אויסטײַטשונגען״, ווי, צום בײַשפּיל, אָט די: אין דעם ייִדישן טעקסט שטייט בײַם מחבר געשריבן (ליד 6, פּערז 14) ״...קינדער אויפֿגעגעסן פֿון קעלט, פֿון הונגער און פֿון לײַז, / משיחים הייליקע, געהייליקטע אין לײַדן״ – וואָס אַדלער ״צעקײַעט״ עס דעם דײַטשישן לייענער אַזוי, אַז אין יעדן דערהרגעטן ייִדישן קינד איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ קריסטוס – אַ זאַך אַן אַבסאָלוט אוממעגלעכע בײַ קאַצענעלסאָנען! ווען איך האָב עס איין מאָל געזאָגט אַדלערן (מיר האָבן זיך געטראָפֿן אויף אַ פּ.ע.נ־קאָנגרעס אין וופּערטאַל), האָט דער אַלטער ייִד נאָר אַ שמייכל געטאָן: ״די קירך האָט זיך אַרײַנגעמישט... און ווער עפּעס אַ קאַצענעלסאָן איז – האָט מען דעמלט נאָך אויף דער וועלט ניט געוווּסט... און צי בין איך אַ כּשרער ייִד – פֿרעגט בײַ סוצקעווערן... גיט אים איבער אַ גרוס...״

– ווײ'ז מיר! – האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן בײַם טיש סוצקעווער, ווען איך האָב אים אַ פּאָר וואָכן שפּעטער באַזוכט אין תּל־אָבֿיבֿ, – וואָס טוט ער, מײַן טײַערער חבֿר, צי האָט ער דערציילט אײַך, אַז מיר זענען מיט אים אין איין געטאָ געווען, אין ווילנע...

"Das Lied vom letzten Juden". Zürich, 1951 [1]

"Gesänge aus der Stadt des Todes"; "Todeslagergedichte aus dem Wilnaer Ghetto" [2]

ניין, אַדלער האָט עס מיר ניט דערציילט, דערפֿאַר אָבער האָב איך שפּעטער אין אַ מינכענער ביבליאָטעק געפֿונען זײַנע צוויי ביכער אויף דײַטש – ״געזאַנגען איבער דער שטאָט פֿון טויט״ און ״טויטלאַגער־לידער פֿון ווילנער געטאָ. 1941–1942״

GLORIA MUNDI...

דעם 15טן נאָוועמבער 2006 האָט וואָלף בירמאַן, באַקומענדיק פֿון דעם פּרעזידענט האָרסט קעלער דעם ״גרויסן בונדעס־קרייץ״ פֿאַר זײַנע פֿאַרדינסטן (און צו זײַן 70סטן געבוירן־טאָג), געזאָגט אין זײַן ענטפֿערוואָרט, אָן קיין פֿאַלשער באַשיידנקייט: ״מײַנע ליטעראַטור־פּרײַזן, אין וועלכע עס פֿיגורירן אַזעלכע נעמען, ווי געאָרג ביכנער, הײַנריך הײַנע און פֿרידריך העלדערלין, האָב איך מיר אַליין פֿאַרדינט, אַלע – מיט מײַנע געדיכטן און לידער. אָבער אָט דעם בונדעס־קרייץ באַטראַכט איך ווי אַן אויסצייכענונג פֿאַר אַלע יענע נאָמענלאָזע מוטיקע מענטשן, פֿאַר אַלע אונטערדריקטע, פֿאַרפֿאָלגטע און דערנידעריקטע, וואָס האָבן אין די DDR־תּפֿיסות געזונגען מײַן ליד ״דערמוטיקונג״, פֿרויען און מענער וואָס האָבן זיך דרייסט קעגנגעשטעלט דעם רעזשים״.

דער דײַטשער זשורנאַליסט, וואָס ברענגט דעם ציטאַט, גיט דערבײַ קורץ אַ פֿרעג, צי איז דער ״גרויסער קרייץ״ אויך אַ באַלוינונג פֿאַר יענע פֿרויען און מענער וואָס האָבן אין די תּפֿיסות נישט געזונגען בירמאַנס לידער.

עכו, פֿעברואַר 2007

״דער פֿרעמדער קוק״. דאָס לעבן אין אַ גאַז־לאַמטערן[1]

״מורא פֿאַר אַן אָנגעשריבענעם זאַץ, אַ מין אומחן, אַן עקל צו שרײַבערײַ... עס איז אָבער פֿאַראַן אַ סיבה, פֿאַר וואָס איך פֿאַרנעם זיך מיט דעם. שרײַבן – איז דאָס אײנציקע און דאָס לעצטע, וואָס איך (נאָך) קען און בין מחויבֿ צו טאָן, אויב ס׳איז מיר שוין גאָרנישט מער ניט געגעבן. מיט אָט דעם געפֿיל הייב איך יעדעס מאָל אָן, און שרײַב ביז עפּעס אַ געוויסן פּונקט, וואָס אַז כ׳האָב אים גובֿר געווען – פֿיל איך זיך ווידער אין שלום מיט זיך אַליין... פֿון דעם פּונקט אָן – הער איך אויף פֿאָלגן מײַן אייגענעם פֿאַרטראַכט און פּלאַן, און תּיכּף פֿאַרפּלאָנטערט זיך אַלץ, מישט זיך איבער בײַ מיר, און איך ווייס מער נישט, ווו ס׳הייבט זיך אָן די אויסערע וועלט מיט אירע אָביעקטן און קעגנשטאַנדן, און ווו זי פֿאַרענדיקט זיך. צי דאָס אַלץ אַרום מיר קומט אַרויס פֿון מײַן אינעווייניק, אָדער איך אַליין בין אַן עלעמענט אין דעם אַלעמען? עס דערגייט, אַז דאָס אָנגעשריבענע פֿאַנג איך אָן אויפֿצונעמען ווי עפּעס אַ קעגנזעצלעכקייט צו דעם לעבן און זײַן״.

הערטאַ מיולער. פֿון דעם ראָמאַן ״דער טײַוול זיצט אין שפּיגל״

דעם 8טן סעפּטעמבער 2009, נאָך מיטאָג, האָב איך גלאַט אַזוי אַרײַנגעקוקט אין די אינטערנעץ־נײַעס און געפּלעפֿט געבליבן: הערטאַ איז שוין עטלעכע שעה ווי אַ נאָבעל־פּרײַז־טרעגערין! נישט וואָס זי האָט עס, חס־וחלילה, ניט פֿאַרדינט – מער פֿון אַ סך פֿריִערדיקע. נישט וואָס דער פּרײַז איז – פֿון דעם זיבעטן הימל אַ ברכה, ס׳האָבן אים ניט איין מאָל אַזוינע טיפּן באַקומען...

און אויפֿן צווייטן טאָג – נאַט אײַך:

"Wir freuen uns natürlich, daß Herta Müller eine Heimat in Deutschland gefunden hat"

פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן.

ניין, נישט בײַ פֿראַו מערקעל, פֿאַרשטייט זיך: בײַ די פּאָליטיקער אַרבעט זיך אויס אין דעם זעאָרגאַן אַ מין סטאַבילע אַקאָמאָדאַציע – ״אַ פֿעיִקייט פֿון דעם אויג אויפֿצוכאַפּן די פּאָקאַלע דיסטאַנץ אַ דאַנק דער צונויפֿדריקונג פֿון די קוועךמוסקלען פֿונעם שוואַרצאַפּל״. ס׳איך ניט קיין צופֿאַל, וואָס אין דער אָפֿיציעלער ביבליאָגראַפֿיע פֿון דער נײַער נאָבעליאַנטקע איז נישט אָנגעוויזן געוואָרן איר טראַגיש־פּרעכטיקער טראַקטאַט ״דער פֿרעמדער קוק, אָדער דאָס לעבן איז אַ פֿאָרץ אין דעם לאַמטערן״[3]. און קיין איינער פֿון די אַסיסטענטן בײַ דער פֿראַו קאַנצלערין האָט איר ניט אונטערגעזאָגט איבערצובלעטערן, איידער זי וועט זיך אַרויסזאָגן,

---

[1] אויפֿן סמך פֿון מײַן אַרטיקל וועגן הערטאַ מיולער אין ״פֿאָרווערטס״, 6.9.2002, זיבן יאָר פֿאַר איר גרויסן טריומף. ל.ב.

[2] ״מיר פֿרייען זיך, נאַטירלעך, וואָס הערטאַ מיולער האָט איר היימלאַנד אין דײַטשלאַנד געפֿונען״.

[3] "Der Fremde Blick oder Das Leben ist ein Furz in der Laterne". Göttinger Sudelblätter, 1999

הערטאַ מיולערס קליין ביכעלע, סך־הכּל 17 זײַטלעך טעקסט, פֿון װעלכן – װי אױך פֿון דעם אַלעמען װאָס די מחברין האָט אָנגעשריבן אין אירע לידער, פּראָזע, עסייִסטיק און אַרטיקלען – שטאַרצט אַרױס גאָר עפּעס אַ פֿאַרקערטער געדאַנק, װאָס ליגט אױף דער סאַמע אײבערפֿלאַך און מען קען דאָס איבערלײענען אַפֿילו אין אַ פּראָסטינקער אַנאָטאַציע פֿון אַ ביכער־פֿאַרלאַג: ״הערטאַ מיולער װײַזט גאַנץ איבערצײַגנדיק, װי אונטער דער דיקטאַטור פֿון טשאַושעסקו האָט זיך בײַ איר אַנטװיקלט דער ׳פֿרעמדער קוק׳, און װי עס איז איר ניט געלונגען פֿון אים פּטור צו װערן אין דײַטשלאַנד, נאָך דעם װי ז׳האָט זיך סוף־כּל־סוף אַרױסגעריסן אױף דער פֿרײַ, אין איר היסטאָרישן הײמלאַנד״.

אָ, דאָס ״היסטאָרישע הײמלאַנד״, צי דאַרף מען עס אונדז – דעם װאָס שרײַבט און דעם װאָס ער לײענט די דאָזיקע שורות – דערקלערן, װאָס אַזױנס דאָס איז! און װאָס ס׳איז דער ״פֿרעמדער קוק״ – דער קוק פֿון אַ פֿרעמדן, פֿון עפּעס אַ זײַטיקן, אַ טשוזשאַק.

הערטאַ מיולער אינטערפּרעטירט אָבער דעם באַגריף נישט אַזױ באַנאַל, װי ס׳װאָלט זיך געקענט אױסװײַזן פֿון דעם בוכטיטל. זי טײַטשט אױס ניט נאָר און ניט אַזױ פֿיל דעם ״פֿרעמדן קוק״ פֿונעם היגן עולם אױף דעם אײַנגעװאַנדערטן אין לאַנד (שטאַט, קװאַרטאַל), נאָר באַהאַנדלט דאָס פֿעסט אײַנגעװאָרצלטע געפֿיל פֿון אָפּפֿרעמדונג, פֿאַרפֿרעמדקייט, ניט־באַטײליקייט בײַם ״פֿרעמדן״ גופֿא, די אַלגעמײנע אין דער הײַנטיקער מיגרירנדיקער װעלט שפּירונג פֿון עקזיסטענציאַלער אױסגעשלאָסנקייט, דאָס זיך זעלבסט אידענטיפֿיצירן אַלס אַ ״פֿרעמדן״ – אַפֿילו, װי אין פֿאַל מיט אונדזער נאָבעליאַנטקע! – װען דער מענטש מאַכט אין דעם נײַעם לאַנד אַ דערפֿאָלגרײַכע קאַריערע, באַפֿרידיקט זײַנע שעפֿערישע און מאַטעריעלע אַמביציעס...

הערטאַ מיולער האָט דעביוטירט אין דער דײַטשער פּראָזע מיטן בוך ״נידעריקייטן״ (״Niederungen״), װאָס איז אין 1982 אַרױס אין בוקאַרעשט מיט גראָבע אַרײַנמישונגען פֿון דער צענזור.

אין 1987 פֿאָרט זי אַרױס, צוליב שאַפֿעריש־פּאָליטישע סיבות, קײן מערבֿ־דײַטשלאַנד, װוּ זי געהערט הײַנט צו די ממש פּאָפּולערסטע פּראָזאַיִקער. די װיכטיקסטע אױסגאַבעס: ״דער מענטש איז אַ גרױסער פֿאַזאַן אױף דער װעלט״ (1986), ״דער רײַזנדיקער אױף איין פֿוס״ (1989), ״דער פֿוקס איז שױן דעמלט אַ יעגער געװען״ (1992), ״האַרציקע חיה״ (1994), ״בעסער װאָלט איר זיך הײַנט נישט באַגעגנט מיט מיר״ (1997), א״אַ. אירע ביכער זענען איבערזעצט אױף 20 שפּראַכן.

אין רומעניע האָט הערטאַ מיולער – אַ טראַנסילװאַנישע דײַטשקע – געהערט צו דער קאַטעגאָריע פֿון ״נאַציאָנאַלע מינדערהײטן״, פֿאַר װעלכע אַפֿילו אַזאַ ניט־פֿילצאָליק אָרטגעבירטיק פֿאָלק װי דאָס רומענישע האָט געשפּילט דעם ״עלטערן ברודער״, מיט אַלע, װי סע זאָגט זיך, אַרױסדרינגענדיקע פֿאָלגן...

טראַנסילװאַניע (זימבערגן, Siebenbürgen, װי עס רופֿן אָן דעם קאַנט די ביז הײַנט נאָך דאָרט איבערגעבליבענע דײַטשן) – האָט אין פֿאַרשידענע צײַטן געגעבן דער אײראָפּעיִשער

ליטעראַטור ניט ווייניק גלענצנדיקע דײַטשע פּראָזאַיִקער און דיכטער, געבוירענע אין יענעם געביט און בשכנות (בוקאָווינע, גאַליציע). און רעדנדיק וועגן די דאָרטיקע דײַטשע שרײַבער, מיין איך נישט נאָר די ליטעראַטן פֿון דײַטשן אָפּשטאַם: אויף דײַטש האָבן, למשל, "געדיכטעט" אַזעלכע וווּנדערלעכע פּאָעטן, ווי די ייִדן אַלפֿרעד קיטנער, אַלפֿרעד מאַרגול־שפּערבער און דער סאַמע, מסתּם, באַרימטער דײַטשער דיכטער אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 20סטן יאָרהונדערט - פּאַול צעלאַן.

איבערזעצנדיק סוף 80ער יאָרן לידער פֿון אייניקע טראַנסילוואַנישע (באַנאַטער) דײַטשע פּאָעטן פֿאַר דער רוסישער אַנטאָלאָגיע "די לירע פֿון זיבן שטעט" (מאָסקווע, 1992), אין וועלכער עס זענען אויף 527 זײַטן פֿאָרגעשטעלט געווען 75 וויכטיקסטע פּאָעטן פֿון יענער געגנט, האָב איך דעמלט פֿאַרשטאַנען, אויף וויפֿל טראַגיש ס'איז תּמיד געווען דער גורל פֿון אָט דער ליטעראַטור, וואָס מ'האָט זי אין רומעניע געהאַלטן פֿאַר אַ מאַרגינאַלער, און קוקנדיק פֿון דײַטשלאַנד - אַ פּראָווינציעלער. דערבײַ האָט זיך די דאָזיקע ליטעראַטור אַפֿילו אין די אַנטיגערמאַנישע נאָכמלחמהדיקע יאָרן, ווי אויך שפּעטער, אונטער טשאַושעסקו, ניט אונטערגעגעבן, ניט געלאָזט זיך אויסוואָרצלען, און האָט אַרויסגעפֿירט אויף דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור־אַרענע אַ נײַעם דור אָנגעזעענע שרײַבער - פֿראַנץ האָדיאַק (געב. 1944), גערהאַרד אײַקע (געב. 1945), ראָלף באָסערט (געב. 1952), ריכאַרד וואַגנער (געב. 1952), און אָט איצט, אויפֿן העכסטן פּיעדעסטאַל - הערטאַ מיולער (געב. 1953), וואָס טאַקע זי, גיט אַליין אַ קוק, האָט אַרײַנגעשטעלט, meine Damen und Herren, אַ קנויט איר ווייסט אַליין וו'היין סײַ די רומענישע נאַציאָנאַליסטן, און סײַ די "היסטאָריש־אייגענע" דײַטשן...

איבערגעלייענט אויפֿן קאָמפּיוטער־עקראַן די איבערראַשונג־בשׂורה, האָב איך זיך צו ביסלעך אײַנגעשטילט און באַרויִקט, אָפּגעזוכט אינעם אַרכיוו הערטאַס mail-אַדרעס און "געמיילט" איר דרײַ ווערטער "Herzlich gratuliere, Lev" - הייסט עס, אַ האַרציקן יישר־כּוח. איר אַדרעס איז בײַ מיר פֿאַרבליבן פֿונעם יאָר 2004, ווען איך האָב זי געבעטן אַרויסטרעטן ווי אַ מין "ערבֿ" מײַנער פֿאַר דער "ADDA" ("דײַטשע אַקאַדעמישע אויסטוישדינסט"), ווו איך האָב געדאַרפֿט באַקומען אַ יאָר־סטיפּענדיע אין בערלין. זי האָט זיך מיט ענטוזיאַזם אונטערגענומען און געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נייטיק, אָבער מײַן פֿעלער איז געווען, וואָס געוואָנדן האָב איך זיך פּונקט צו איר: זיי האָבן דאָרט באַלד תּופֿס געווען, אַז מיט הערטאַ זענען מיר ביידע פֿון דעם אַמאָליקן "סאָציאַליסטישן לאַגער", פֿון איין רומעניש־בעסאַראַבישן געביט, פֿון דעם זעלבן בירגערשיכט "נאַציאָנאַלע מינדערהייט" און שפּעטער - "רעפּאַטריאַנטן", וואָס אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן הייסט עס "עמיגראַנטן", מיט אַלע אונדזערע קאָמפּלעקסן - פֿון הכנעה ביז אַגרעסיע... צו מײַן לאָיִאַליטעט אין זייערע אויגן האָט אויך זיכער נישט צוגעגעבן מײַן פֿרישיענקע "אַנטי־בערלינער" פּאָעמע "RF און FST", וואָס איך האָב זי דעמלט פֿאָרגעלייענט אין צענדליקער גרויסע און קליינע דײַטשע שטעט און שטעטלעך...

און ווייסט איר דען וואָס? - זיי זענען גערעכט געווען! נעמט נאָר דאָס אַליין: ווו און אין וואָס פֿאַר אַ קרײַז מענטשן מיר זאָלן זיך ניט געווען טרעפֿן מיט הערטאַ - פֿון בערלין ביז ירושלים, -

פֿלעגן מיר תּיכּף (און די ערשטע איז תּמיד געווען זי!) איבערגיין אויף רומעניש, טאַקע זיך נישט צונויפֿרעדנדיק, אָבער יעדעס מאָל שפּילנדיק דעם ספּעקטאַקל ווי אָפּרעפּעטירט...

באַקענט האָבן מיר זיך אין אַפּריל 1995, איך האָב דעמלט עטלעכע חדשים געלעבט אין בערלין בײַם וואַנזעע, און בין אין אַן אויפֿדערנאַכט צוגעפֿאָרן אין Literaturhaus, ווּ ס'האָבן געדאַרפֿט אַרויסטרעטן מיט רעפֿעראַטן סאַראַ קירש און נאָך איינע אַן אומבאַקאַנטע שרײַבטשטעלערין, וועמענס נאָמען איך האָב פֿריִער ניט געהערט: הערטאַ מיולער.

ביז דער פֿאַראַנשטאַלטונג איז שוין געבליבן אַ מינוט צוואַנציק, און סאַראַ האָט זיך נאָך אַלץ נישט געיאַווועט. און ווען איך האָב זיך אין אייבערשטן פֿאָיע אָנגעפֿרעגט בײַ אַ בילעטיאָרשע, איז דער ענטפֿער געווען, אַז פֿראַו קירש איז, דאַכט זיך, ניט געזונט, נאָר זיכער ווייסט עס בעסער פֿראַו מיולער – אָט שטייט זי דאָרט מיט די קאָלעגעס.

אַ קרײַזל פֿון אַ צען־צוועלף מענטשן, קיין איינער מיר נישט באַקאַנט, האָט הייס עפּעס אַרומדיסקוטירט. אויפֿן נאָמען הערטאַ האָט זיך אָפּגערופֿן אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿערציק, אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, וואַרטנדיק זי זאָל זיך קורץ איבערשמועסן מיט מיר. ז'האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו מיר און דערקלערט אַז סאַראַ האָט אונטערגעכאַפּט די גריפּע און וועט ניט קומען – און זיך שוין אויסדרייענדיק צוריק צו די מיטפּלאַפּלער, אַ פֿרעג מיך געטאָן, צי בין איך מיט סאַראַ פּערזענלעך באַקענט און וואָס אפֿשר איבערגעבן איר, ווער האָט זי געזוכט? כ'האָב זיך אָנגערופֿן, ז'האָט זיך ראַש, מיטן גאַנצן קערפּער, אויסגעקערעוועט צו מיר און געפֿרעגט, פּלוצעם אויף רומעניש: ״איר זײַט דער רוסישער איבערזעצער פֿון מירטשאַ דינעסקו? איר שטעלט זיך פֿאָר אַזוינס, ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט דאָרט אין דער פּרעסע פֿאַר טויטשטראָף״. און נעמט מיך אונטער דער האַנט, פֿירט צו און שטעלט מיך ווו ז'איז פֿריִער געשטאַנען, און אַליין גייט זי איבער דיאַמעטראַל אויף דער קעגנזײַט פֿונעם קרײַז, און – אַפֿילו ניט פֿאָרגעשטעלט מיך – שיט ווײַטער אויף רומעניש, בשעת אַלע אַרום גלאָצן און וואַרטן, ס'זאָל זיך אַ מאָל פֿאַרענדיקן די אַבסורדישע מיזאַנסצענע: ״שי פּע דעניזאַ קאָמענעסקו אַץ טראַדוס?״. יאָ, און קאָמענעסקו האָב איך איבערזעצט. ״שי פּע ווירדזשיל מאַזילעסקו?״. יאָ, און מאַזילעסקו. ״שי פּע איאָאַנאַ קרעטשונעסקו?״. יאָ, און קרעטשונעסקו...

יענץ מאָל האָט הערטאַ געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דעם עסטרײַכישן דיכטער טעאָדאָר קראַמער ״פּליטה – איז אַן אויסוועג נאָר אין פֿאַרגלײַך מיט דערהרגעט ווערן״. פֿון דעם דאָזיקן דיכטער האָב איך קיין מאָל פֿריִער ניט געהערט.

געבוירן אין 1897, אין אַ ייִדישער פֿאַמיליע; אַ פּראָסטער סאָלדאַט, שווער פֿאַרוווּנדעט אויף דער ערשטער וועלט־מלחמה; פֿאַר היטלערס אַרײַנדרינגונג אין עסטרײַך – אַ באַקאַנטער ליריקער, דאַן – איינער פֿון די, וועמענס ביכער זענען אײַנגעשלאָסן געווען אין דער רשימה פֿון ״שעדלעכע און ניט־געוווּנטשענע דרוק־מאַטעריאַלן״. אַרעסטירט געוואָרן, זיך קוים אַרויסגעריסן זומער 1939 קיין ענגלאַנד. אַכצן יאָר איינזאַמקייט און אַנטוישונג, זעלבסטמאָרד־פּרוּוון. זיך אומגעקערט קיין ווין קורץ פֿאַר זײַן טויט אין 1958.

״קראַמערס שאַפֿונג, – שרײַבט הערטאַ מיולער, – איז אַ באַווײַז, אַז דער סקאַנדאַל האָט זיך אָנגעהויבן נישט מיט די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן, נאָר פֿריִער, אין די פֿריילעך־באַלעבטע שטעט, אין די קאַפֿעטעריעס, קלייטן, אין די גרינע פּאַרקן, קלינגענדיקע טראַמווײַען... אין זײַן פּאָעזיע צײַגט ער דײַטלעך, ווי ניט נאָר די לײַט אין אוניפֿאָרמעס, נאָר אויך ציווילע מענטשן – שכנים, בריוטרעגער, שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך – האָבן בשעת דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם געמאַכט פּאָליטיק, זײַענדיק volens-nolens פּאָטענציעלע מוסרים. יעדער, ווער ס׳האָט זיך עפּנטלעך נישט געמאָלדן אַלס קעגנער פֿון דער דאָזיקער פּאָליטיק, איז געוואָרן אַ טייל פֿון איר. און דאָס וואָס קראַמערן האָט זיך אײַנגעגעבן מאַכן די פּליטה, איז דאָך פּליטה – אַן אויסנאַם – נאָר אין פֿאַרגלײַך מיט דערהרגעט ווערן. ווײַל עקסיל איז – אַ מאַראַטאָן פֿון איינזאַמקייט, אַן אַרויסגליטשן פֿון דער עקזיסטענץ״.

ז׳האָט פֿאַרענדיקט. דאָס פּובליקום – דער עיקר דײַטשע ליטעראַטן – איז זיך צעגאַנגען שטיל, זיך ניט איבעררעדנדיק צווישן זיך, טיף פֿאַרטראַכט אָדער ברוגז, אפֿשר באַליידיקט. צו מיר איז צוגעגאַן יורגען סערקע, מיט וועלכן מיר האָבן זיך שוין לאַנג ניט געזען. לעבן לעבט ער אין אַ דאָרף הינטער האַמבורג, און קיין בערלין איז ער דאָס מאָל געקומען אויף צוויי־דרײַ טעג. נו, וו׳זוי געפֿעלט מיר די הערטאַ? צי האָב איך זי געקענט אין רומעניע? אַגבֿ, ז׳האָט זיך דאָ נישט שלעכט אײַנגעאָרדנט. אַגבֿ, צי ווייס איך, ווי קאַנצלער ביסמאַרק האָט אַ מאָל דעפֿינירט די רומענער? – ״אַ רומענער – דאָס איז ניט קיין נאַציאָנאַליטעט, ס׳איז אַ פֿאַך. אַגבֿ, אויב איך וויל, האָט ער נאָך קיין האָטעל נישט באַשטעלט און קען איבערנעכטיקן בײַ מיר, וועלן מיר זיך אַ ביסל דורכשמועסן...

בײַ אַ פּאָר פֿלעשלעך רויטווײַן זענען מיר אָפּגעזעסן כמעט ביז אין דער פֿרי. ער האָט געשמט (און ניט נאָר אין דײַטשלאַנד) פֿאַר איינעם פֿון די סאַמע פּראָגרעסיווע מערבֿ־אייראָפּעיִשע זשורנאַליסטן, אין די 70ער־80ער יאָרן געאַרבעט אין דעם באַרימטן ״Stern״, און אין משך פֿון יאָרצענדליקער איז זײַן ליטעראַטור־היסטאָרישע טעמע געוועזן און בלײַבט – דער גורל פֿון שרײַבער, רעפּרעסירטע און אַרויסגעשיקטע אָדער אַנטלאָפֿענע פֿון זייער לאַנד: פֿערדינאַנד האַרדעקאָפּף, וואַצלאַוו האַוועל, וולאַדימיר וואָינאָוויטש, א״אַ[1].

אין דער קונסט שעצט יורגען – פּאָרט אַ זשורנאַליסט! – דעם בײַסיקן פֿאַקט (הגם ווײַזט צו מאָל אַרויס אַן אמת ראַפֿינירטן עסטעטיזם, ווי, למשל, אין זײַן מיקראָ־עסיי וועגן דער יידישער וואַסער־סימבאָליק, אָנגעשריבן פֿאַר דער ייִדיש־דײַטשער אויסגאַבע פֿון מײַן פּאָעמע ״רענדסבורגער מיקווה״). אָבער יענע נאַכט אין ״מײַן״ ווילע איבער דעם וואַנזעע האָט ער פּלוצעם גענומען דערציילן מיר אָן אַ שיעור שרעקפּליאָטקעס וועגן דעם קאַטאַסטראָפֿאַלן ״רומענישן״ אָנפֿלייץ קיין דײַטשלאַנד – פֿון זייערע דײַטשן, ציגײַנער, רומענער... און נעם נאָר די רומענישע קינאָ־מאַפֿיע אין בערלין! יאָ, שטעל זיך פֿאָר, קינאָ־מאַפֿיע!

---

[1] אים געהערט אויך דער ליטעראַרישער פּאָרטרעט:
"Heimweh der Seele. Eine Begegnung mit dem jiddischen Dichter Lev Berinski in Rendsburg". "Die Zeit". 2.12.1994.

און ווײַל הערנדיק אים האָב איך נישט אויפֿגעהערט כמיקען און לאַכן, האָט ער אויף מאָרגן זיך אָנגעשלאָגן אין געסט צו דעם ״טויפֿפּאָטער״ זייערן, ווו איך האָב זיך דערזען אין אַ דלותדיקער אַרענדע־וווינונג פֿון צוויי צימערלעך, פֿאַר אַ צעוואַקלטן טישל מיט אַ גרויסער פֿלאַש צויקע און אַ לאַבן ברינדזע אין טעלער אויפֿן פֿאַרלאַטעטן טישטעך. אַ יאַט פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק מיט ניט קיין שלעכטן דײַטש און זײַן ווײַב מיטן פּיצל בײַ דער ציצע האָבן זיך דערפֿרייט מיט דער געלעגנהייט אַ ביסל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ אויף זייער ליפּסקאַנישן[1] זשאַרגאָן, אָבער נאָך אַ פּאָר גלעזלעך ברענענדיקער משקה – זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף מיר, שיִער ניט אין טאַטנס טאַטן אַרײַן, און געמוסרט מיך: ווי האָב איך עס געקענט, איבערזעצן אין די 60ער־80ער יאָרן זייערע ״סאָציאַליסטישע״ פּאָעטן? און אַז איך האָב, למשל, געפֿרעגט, וואָס אַזוינס ״סאָציאַליסטישעס״ האָבן זיי געפֿונען אין די לידער בײַ דאַן לאַורענציו אָדער בײַ מירטשאַ קערטערעסקו, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נעמען הערן זיי צום ערשטן מאָל...

אָרעמינקע, פֿון הונגער פֿאַרביסענע עמיגראַנטן, פֿאַרלוירענע ערגעץ אין מיטן אייראָפּע...

Kursor.co.il ***12.10.09*** **דער ירושלימער רבֿ שמואל רבינוביץ האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן די פֿײַערלעכע צערעמאָניעס וואָס מען פֿירט דורך בײַם הייליקן אָרט לכּבֿוד די נײַע רעפּאַטריאַנטן. אין דעם בריוו, אַדרעסירט דער אָנפֿירונג פֿון סוכנות, טיילט ער מיט, אַז ״אַזוינע פֿײַערונגען דענערווירן די מתפּללים״.**

״דאָס וואָס אַ ׳פֿרעמדער׳ דענערווירט די היגע אײַנוווינער און פֿאַרשאַפֿט זיי דאגות, – שרײַבט הערטאַ מיולער, – האָט אַ דירעקטן שײַכות צו דעם ׳פֿרעמדן קוק׳. איך וויל אים דאָ, אָ דעם ׳קוק׳, נישט פֿאַרטיידיקן. ער טוט זײַנס און איז אייניקע מאָל צו פּרעווענטיוו אין זײַן פֿונקציע פֿון זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג אויך דאָרט, ווו ס׳איז איבער הויפּט איבעריק. אָט דער ׳קוק׳ דערנערט זיך מיטן פּחד וואָס שטאַמט פֿון די פֿריִערדיקע קאָנטאַקטן, זוכט דעם ׳קעגנער׳ אין צופֿעליקע מענטשן און איז זיי חושד אין פֿײַנטשאַפֿט, בייזע כּיוונס, קאַלטן גלײַכגילט, און אַז דער ׳קעגנער׳ איז פֿרײַנדלעך – אין צבֿיעות. (...) און אויף וויפֿל איך, – זעצט פֿאָר הערטאַ מיולער, – בין דערצו נאָך אַ שרײַבערין, אינקרימינירט מען מיר מײַן ׳פֿרעמדן קוק׳ פֿאַרדאָפּלט. דער דאָזיקער ׳קוק׳ האָט זיך, כּלומרשט, בײַ מיר אַנטוויקלט שוין נאָך דעם ווי איך האָב זיך איבערגעפּעקלט קיין דײַטשלאַנד. די פּראָפֿי־ליטעראַטן האַלטן אים, דעם ׳פֿרעמדן קוק׳ מײַנעם, פֿאַר עפּעס אַ קונסטאַרט, אַזאַ סאָרט מלאָכה...״

[1] ליפּסקאַן – אַ גאַס און דער מאַרק אין דעם היסטאָרישן בוקאַרעשטער ראַיאָן.

ראַנדנאָטיצן צו הערטאַ מיולערס בוך
"דער פֿרעמדער בליק אָדער דאָס לעבן איז אַ פֿאָרץ אין לאַמטערן"

"דו" און "זיי"

הערטאַ מיולער זוכט נישט קיין שולדיקע צווישן "זיי". די סיבה אויף צו פֿאַרלאָזן דאָס געבוירן־לאַנד איז פֿאַרוואָרצלט קודם־כּל אין דיר זעלבסט, אין דײַן פּסיכיק, אין דער נשמה. אַ גליקלעכער מענטש פֿאַרלאָזט נישט סתּם אַזוי דעם קאַנט ווו ער איז אויפֿגעוואַקסן, באַגעגנט זײַן ערשטע ליבע, באַקומען אַ פֿאַך. דײַן גורל, אַזוי אָרום, און דײַן וועלטשפּירונג האָסטו שוין מיטגעבראַכט אַהער, אין דעם נײַעם לאַנד, פֿאַרטיקערהייט. פֿרעמד ביסטו דאָרט געווען – און פֿרעמד וועסטו בלײַבן דאָ, ווי בײַ מאַנגערן שטייט: "ווו איך שטעל מײַן טראָט, בין איך אין דער פֿרעמד..."[1] און "איצט פֿאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים..."[2]).

צי קאָן דען זײַן, אַז הערטאַ מיולער האָט מאַנגערן ניט געלייענט? אויף דײַטש[3] אָדער אויף רומעניש[4]. ווײַל מיט ייִדן אין דער ליטעראַטור האָט זי זיך אָפּגעגעבן ספּעציעל, האָבנדיק, אמת, אין זינען דעם "דײַטשישן אַספּעקט" – די שרעקלעכע ראָל וואָס ס'האָט "אָפּגעשפּילט" (אָפּגעבושעוועט?) דער "פּראָסטער דײַטש" אין דעם ייִדישן פֿאָלקס־גורל.

נאָך הײַנט, אָפּגעלעבט אַזוי פֿיל יאָר אין דײַטשלאַנד, שרײַבט הערטאַ מיולער: "דאָס ערשטע, וואָס האָט באַשײַניקט דעם דאָזיקן טעקסט, איז געווען מײַן 'פֿרעמדער בליק'. 'אַ פֿרעמד לאַנד צערייצט ס'פֿרעמדע אויג' – מיט אָט דעם אַפֿאָריזם באַגנוגענען זיך מענטשן געוויינלעך. נישט איך אָבער.

(...)

דאָס אויף גיך זיך אַרומקוקן, דער שנעל אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער בליק – איז אַ דעפֿאָרמירטע קוקונג. אין אַ נײַעם מיליע, ווו ס'רובֿ מענטשן קוקן אויף דיר נישט עפּעס אַזוי, ברענט ער ווי פֿלאַם, דײַן קוק, אויף דײַן פּנים, און גליטשט ווי אַ צעהיצט פּרעסל איבער זייערע פּנימער און זשעסטן, און פֿיקסירט זיי מאָמענטאַל: אַ קורצער בליק – אַ פֿאַרטיקע מיינונג. (...) אָט דעם 'פֿרעמדן קוק' דײַנעם קענסטו קיין מאָל שוין נישט פֿאַרבעסערן, נישט אויספּראַווען, ווײַל אין אים איז אײַנגעפּלאָנטערט און איבערגעמישט מיט דער רעאַליטעט דײַן גאַנצע מיטגעבראַכטע פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אָבער צו דער אַרומיקערווירקלעכקייט קיין שום שײַכות נישט. קאָן טאָקע זײַן, אַז דײַן 'פֿרעמדער בליק' רופֿט אַרויס בײַ 'זיי' פֿײַנטשאַפֿט, ביסטו אָבער, אַזוי אַרום, ווידער אַליין שולדיק, אויף יעדן פֿאַל – טיילווײַז. (...) כ'האָב שוין אויך געהערט, אַז מיט

---

1 "די באַלאַדע פֿון דעם לײַזיקן מיט דעם געקרייציקטן".

2 "כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פֿרעמד...".

3 Itzik Manger. Ausgewählt und übertragen von Hubert Witt. Neues Leben, 1984

4 I. Manger, Ballade. trad. de Nina Cassian în colab. cu I. Bercovici, Bucureşti, 1983

דעם ׳סטירדישן׳ קוק מײַנעם דאַרף איך זיך גאָר נישט חידושן, וואָס די אויפֿזיכט־מדינה פֿלעג מיך אין מײַן געבוירן־לאַנד שלעכט באַהאַנדלען. דאָס הייסט: מיט אָט דעם בליק האָב איך אַליין פּראָוואָצירט די רומענישע דיקטאַטור מיך צו פֿאַרפֿאָלגן – און נישט זי, די דיקטאַטור, האָט בײַ מיר אויספֿאָרמירט, מיט דעם פֿאַרפֿאָלגן מיך, דעם דאָזיקן קוק״.

עליטאַרער זשאַנער, בלוטנדיקע טעמע

״דער פֿרעמדער קוק...״ איז אָנגעשריבן אין אַ ספּעציפֿישן ליטעראַטור־זשאַנער, וואָס דערמאָנט מיך, צו״אַ, אין דעם ״Traktat vom Steppenwolf״ (אַ טייל פֿון זײַן ראָמאַן (1927, ״Der Steppenwolf״). הערטאַ מיולערס אויספֿאָרשונג איז אויך אַדרעסירט די מענטשן מיט אַ קראַנקער נשמה און אַ פֿאַרקריפּלטן אָביעקטיווקייט־געפֿיל, און וואָלט זיך געקענט עפֿענען, ווי בײַ העסע, מיטן עפּיגראַף ״Nur für Verrükte״ – ״נאָר פֿאַר משוגעים״. אָבער מיט איין טראַגישן אונטערשייד: אין אונדזערע צײַטן איז די צאָל פֿון אַזעלכע מענטשן קאַטאַסטראָפֿאַל גרויס געוואָרן און פֿאַרכאַפּט שוין גאַנצע פֿאָלקסגרופּעס, לאַנדטיילן און מדינות.



און וואָס איז, אייגנטלעך, די מדינה ישׂראל, ווי נישט אַ לאַנד פֿון אימיגראַנטן, סליחה, רעפּאַטריאַנטן? אַ לאַנד מיט דעם ״חורבן־מענטש״ אַלס מאַסנטיפּ און זײַנע קינדער און אייניקלעך (די גאווהדיקע סאַברעס!) מיט דעם זעלבן גען; און די שוין שפּעטער אײַנגעוואַנדערטע פֿון פֿינף קאָנטינענטן – אַרויסגעפּערעטע אָדער אַנטלאָפֿענע פֿונעם געבוירן־לאַנד, פֿאַרלוירענע און נאָך אַ מאָל פֿרעמדע – פֿאַר די צברים און ותיקים, און שוין נישט זעלטן – פֿאַר זיך נעבעך אַליין. די ציוניסטישע אידעע, וואָס האָט אין משך פֿון אַ גאַנצער תּקופֿה פֿאָרט אויף עפּעס אַן אופֿן פֿאַראייניקט פֿאַרשידענע מאַסנשיכטן, עטנישע און אידעאָלאָגישע גרופּעס, – לעבט הײַנט איבער אַ שאַרפֿן קריזיס, וועלכער האָט אַזוי אַכזוריותדיק אַנטפּלעקט די אַלגעמיינע פֿאַרפֿרעמדונג. ״׳פֿרעמד׳, – שרײַבט הערטאַ מיולער, – איז פֿאַר מיר נישט קיין אַנטאָנים צום וואָרט ׳באַקענט׳, נאָר אַ קעגנזאַץ צו וואָס פֿאַר ניט איז ׳צוטרוי׳״.

עכּו, סעפּטעמבער 2009

מײַן מקור־החיים – דאָס לאַנד און די שטאָט
ווּ די מאַמע האָט מיך ניט געהאַט

דער בוקאַרעשטער ריַיאָן ״קרוטשאַ דע פּיאַטרע״ (Crucea de piatră) איז מיט זײַנע נאַקעטע קורווּעס אין די פֿענצטער אפֿשר איבער גאַנץ אייראָפּע ניט ווייניקער באַרימט געווען, ווי דאָס אַמסטערדאַמער פֿירטל De Wallen.

דינגען עפּעס אַ ווינלאָך אין אַן אַנדערער געגנט האָט דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק ניט געקאָנט, ווײַל דער קינפֿטיקער טאַטע מײַנער איז אַנומלט דעמאָלט רעקרוטירט געווען צום מיליטערדינסט אין בעסאַראַביע און גלײַך פֿאַרשלעפּט געוואָרן, ווי נעבעך אַ שנײַדערל, קיין בוקאַרעשט, ווּ זײַן אַרבעטסלוין האָט דעם בראַוון סאָלדאַט שמילק געסטײַעט, ווי מ׳פֿלעג עס זאָגן בײַ אונדז, אַף וואָסער מיט קושערע פֿודעם.

האָט די מאַמע, ווען ס׳איז אונטערגעקומען די צײַט (ניט ווּעלנדיק מסתּם, אַז דער ערשטער אײַנדרוק זאָל בײַ מיר זײַן אויף דער וועלט עפּעס אַ וויטרינע פֿון אַ באָרדעל, – האָט מײַן מאַמע זיך אומגעקערט מיך צו האָבן קיין קאַושאָן, צו אירע עלטערן, און אָט דעם טרויעריקן פֿאַקט באַדויער איך מײַן גאַנץ לעבן לאַנג, מחמת צו דעם גלאָבאַלן וועלטבאַרדאַק האָט מען מיך געדאַרפֿט אָנהייבן גרייטן פֿון דעם ערשטן טאָג אָן – פּאַמעלעך, פּאַוואָליע, צו ביסעלעך...

מאָזעס ראָזען שענקט מיר אַ ״מערסעדעס״

מיט 20 יאָר צוריק, פֿרילינג 1982, בין איך געקומען צו אים אין זײַן בוקאַרעשטער דינסט־רעזידענץ אויף ספּינטע ווינער, 11-9. ער האָט מיך עפּעס אַ פֿרעג געטאָן אויף אַ מין אומבאַקאַנטער שפּראַך, האָב איך אים קורץ געענטפֿערט אויף רומעניש: ״נו אינצעלעג״ –״כ׳פֿאַרשטיי נישט״.

ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם בליק אויף מיר:

– שפּרעכען זי אַוך דויטש?

– יאָ, רבי, אַבער אַוך אַף אינדזער לושן.

צו יענער צײַט איז מיר שוין אין לעבן ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך צו טרעפֿן, פֿירן לאַנגע דיסקוסיעס אָדער כאַפּן אויף גיך אַ שנעפּסל מיט אינטערעסאַנטע און עקסטראָאָרדינאַרע פּערזענלעכקייטן – האַנס מאַגנוס ענצענסבערגער, יורי גאַגאַרין, געאָרגי טאָווסטאָנאָגאָוו, פּאַבלאָ נערודאַ – אָבער ווי מען פֿירט זיך אויף מיט אַ רבֿ, און נאָך אַ רבֿ פֿון אַזאַ מדרגה...

◄►

וויטאַ: ראָזען, משה (1912, מוינעשט, – 1994, בוקאַרעשט. געבראַכט צו קבֿורה אין ירושלים). 1948-1994 – הויפּט־רבֿ פֿון רומעניע. זינט 1957 – דעפּוטאַט פֿון רומענישן פּאַרלאַמענט, געזעלשאַפֿטלעכער טוער, רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג "רעוויסטאַ קולטולוי מאָזאַיִק", די איינציקע אין די 50ער-80ער יאָרן פּעריאָדישע אויסגאַבע אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט מאַטעריאַלן אויך אויף העברעיִש. ראָזען האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם פּראָצעס פֿון דערמעגלעכן די עליה פֿאַר די רומענישע און סאָוועטישע ייִדן, געפֿירט אַ שאַרפֿן אידעאָלאָגישן קאַמף מיט דעם "אינטעלעקטועלן" אַנטיסעמיטיזם. מחבר פֿון אַ ריי ביכער: "אין שײַן פֿון דער תּורה", "יסודות פֿון ביבל", א"אַ.

◀▶

– ...נו, זאָל זאַן מאַמע־לושן, איך הער, מיר רעדן מיט אַך איין ייִדיש... איר קימט פֿין בעסאַראַביע?

– אַ סך יור, רבי, לייב איך שוין אין מאָסקווע...

– זוגט מיר נישט רבי... ווּס פֿאַראַ רבי בין איך פֿאַר אַך... אין מאָסקווע האָב עך זעך ניט אַזוי לאָנג ציריק געטראָפֿן מיט ווערגעליסן, איר לייענט זאַן זשורנאַל? אײַ, אַזוי גור?... איז ווּס שראַבט איר אים אין זאַן זשורנאַל? ווי, זוגט איר, איז אײַער נומען? קין לידער, דאַרף איך זעך מודה זאַן, לייען עך נישט, הייסט עס, כּמעט נישט... ווּס זשע טיט ער דאָרט, דער רעדאַקטאָר אײַערער, אַף קיראָווסקי זיבעצן? אַ פֿאַרעקשנטער ייִד...

– דוס זעלבע מיינט ער וועגן אַך... האָט איר אַ גריס פֿין אים.

– טאַקע?... נו, אין מיט בעסאַראַביע, איר האָט עפּעס קאָנטאַקטן מיט זיי? בעסאַראַביע, דעם אמת צי זוגן, אינטערעסירט מעך אַ סך מער ווי מאָסקווע... עפּעס קימט דאָרטן פֿאָר, איך קאָן נישט פֿאַרשטיין... עפּעס מיט ריסיש – ניט ריסיש... אויב איר קענט מיר דערקלערן, מעגט איר רעדן אָפֿן...

מיט די ווערטער נעמט ער אַראָפּ און לייגט אויף אַ זײַט דאָס טרײַבל פֿון איינעם פֿון די עטלעכע טעלעפֿאָן־אַפּאַראַטן אויף זײַן ברייטן טיש, און גיט ענערגיש אַ קוועטש אָן אויף עפּעס אַ קנאָפּ:

– איצט זענען מיר אַליין... ווּס לאַכט איר גור פּליצעם ווּס?

אַזוינע "טעלעפֿאָן־סצענעס" האָב איך ניט איין מאָל געזען אין קאַבינעט בײַ ווערגעליסן, ווו אויף איינעם פֿון זײַנע צוויי גרויסע טישן איז אויכעט געשטאַנען, ווי יעדער האָט עס געוווּסט, אַן אַפּאַראַט מיט אַ דירעקטער פֿאַרבינדונג "אַהין" – דאָס מיסטעריעזע "אַהין" האָט קיין אַדרעס, מיין איך, נישט געהאַט, הגם פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג יאָ עמעצער אָנקלינגען – אפֿשר דער בירָאָבידזשאַנער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, אפֿשר ממש עפּעס אַ געפֿערלעכער "באָס", און אפֿשר דאָס ווײַב, די קאַפּריזנע קראַסאַוויצע זשעניאַ קאַטאַיעוואַ...

אַ שיינע פֿרוי האָט געהאַט אויך דער רומענישער רבֿ, די פֿראַו אַמאַליאַ, וואָס זי איז געווען באַשײַמפּערלעך ייִנגער פֿון אים[1], אָבער בייזע צינגער אין בוקאַרעשט פֿלעגן באַהויפּטן, אַז בײַ

---

[1] ווי אַזוי ער האָט זי "אָויעקגעפֿירט" פֿון איר געבענטשטן מאַן איז אַ ראָמאַנטישער סיוזשעט פֿאַר זיך.

ראָזענען שטייט – נישט מער און נישט ווייניקער – אַ טעלעפֿאָן מיט אַ ליניע גלײַך צו טשאַושעסקו, ווו יענער זאָל זיך דעם מאָמענט ניט געפֿינען, אַפֿילו אין אויסלאַנד! האָב איך זיך באמת חמוריש צעלאַכט, זיך פֿאָרשטעלנדיק, ווי דאָמנו ניקאָלײַע[1], וועלכער האָט זיך קוים וואָס צוגעלייגט נאָכן מיטיק אויף דער רויטער באַרכעטענער סאָפֿע, מוז זיך נעבעך נאָך אַ מאָל אויפֿזעצן, אַראָפּלאָזן די צוויי באָרוועסע פֿיס, צושטעלן דאָס עקסטרע־טרײַבל צום אויער און זיך צוהערן, וואָס די צוויי זשידאַנעס קניאַקן דאָרט עפּעס וועגן בעסאַראַביע אַף זייער זשידאַנישן ייִדיש...

– סקוזאַץ, ד״ר ראָזען, – גיי איך איבער און רעד ווײַטער, אַז אויך די אָפּוועזנדיקע זאָלן מיך דאָרט פֿאַרשטיין, אויף רומעניש, – אַנטשולדיקט... ס׳אַזוי, דראַסיק יור האָב עך געשריבן אַף ריסיש, דער עיקר – פּאָעזיע. אַף ייִדיש האָב עך אונגעהויבן ערשט ניט לאָנג צוריק...

– מאָזל־טאָוו. ווילט איר זעך, מסתּם, דריקן אין אינדזער צײַטונג?...

– ...אין עך קען מיר אין ערגעץ נישט קויפֿן קען ייִדישע שראַבמאַשין...

– נו, שראַבט איר מיט דער האָנט, ס׳איז קען פּראָבלעם פֿאַר אינדז...

– איר פֿאַרשטייט ניט... דוס פּראָבלעם איז דער העברעיִשער אַלף־בית... ווען איך קען דו קריגן באַ אַך עפּעס אַן אָלט מאַשינדל, קלייפּ עך אָן אַף די טאַסטן לאַטײַנישע אָדער קירילישע אותיות...

– די נויט שאַרפֿט דעם שׂכל... אַ מאַשינדל... ווי אָבער נעם עך אַך אַ מאַשינדל?... קען איין איבעריקע האָבן מיר נישט... נו, אין לייענען קענט איר? אַ שראַבער דאַרף דאָך עפּעס לייענען...

– וועל עך זאַן בשעת־מעשׂה אַ שראַבער וווס שראַבט. לייענען האָב עך נאָך דערוואָל ווּס, אַף דאַטש, אַף ריסיש, רומייניש...

– איר קענט אַ ביסל די רומייִנישע ליטעראַטור? איך מיין – אַכיץ עמינעסקו... פֿין די האַנטיקע... פֿין אַזאַ איינעם, למשל, האָט איר געהערט – איאָאַן אַלעקסאַנדרו? ער דאַרף זאַן אין איַער עלטער.

– דרײַ יור ייִנגער.

– אַ, ווייסט איר דאָך! אַ האַרציקער גוי, אַן אמתער אינטעלעקטואַל, פֿיר יור שטודירט אין דײַטשלאַנד, אויך באַ הײַדעגערן. שפּייטער אויסגעלערנט, באַמערקט אַך, העברעיִש, געפֿורן קען ירושלים, אָלדינגס דאָרטן אויסגעזען מיט אייגענע אויגן אין איבערזעצט, אין אַ העכסטן סטיל, ״שיר השירים״ אַף רומײניש. אַקאַדעמיש אַרויסגעגעבן, מיט אויטאָרישע קאָמענטאַרן, כאָטש די קאָמענטאַרן זאַנע פּאַסן, פֿאַרשטייצעך, פֿאַר די גויים...

– ווּס ווילט איר, אַ גלויביקער מענטש... האָט מעך געוואָלט אַנרעדן, אין עטשמיאַדזין, אין 76סטן, זעך שמאָדן...

– אַן אַטעיִסט קען עס נישט... ער האָט גענעפֿנט דו באַם אוניווערסיטעט אַ העברעיִשן קורס, האָט ער שוואַרצע יורן פֿון זיי...

– איך ווייס. אין די גויים אינעם שראַבערפֿאַריין– נאָר ווּס זיי שפּײַען אים נישט אין פּנים. די ייִדן אָבער צאָפּן אויך פֿין אים בליט: ווּס קריכט ער עפּעס וו׳היין מע בייט אים נישט... וועגן זאַן איבערזעצונג פֿין ״שיר השירים״ שראַב עך איצט אַ רעצענזיע פֿאַר ״סאָוועטיש היימלאַנד״[2]... ווייסט איר ווּס, איך האָב אַ געדאַנק – איר פֿאַרקויפֿט מיר אַ ייִדישע מאַשינקע – גיט אַ קיק, אַ באַרג ליי, האָנאָראַרן פֿאַר צוויי יור ווּס כ׳בין דו ניט געווען – אין איך זעץ איבער

---

[1] הער (רומ׳).

[2] דערשינען אין 1983, נומ׳ 12.

אַ בינטל לידער פֿין אַלעקסאַנדרו אַף יִדיש, שיק עס אַך צי, אין איר דריקט זיי אופּ אין אײַער צײַטונג! זאָל ער זען, אַז יִדן שעצן אים...

איצטער האָט זיך שוין ראָזען צעלאַכט.

– מעי באַסטאַרדול טשע יעשט...[1] הערט אַ ממזר דרייט אויס...

מיט דעם רבֿ, – האָב איך אַ טראַכט געטאָן, – קען מען זיך אײַנפֿאַרשטיין...

– קודם נעמט אַוועק פֿינעם טיש אָ די קרויטבלעטער... דוס הייסט געלט באַ אים...

איז אַזוי, אַ מאַשינדל וואָלטן מיר אַך, למשל, געקענט צישיקן – לאָמיר זוגן, פֿין אַמעריקע, צי וועט איר עס אָבער באַקימען באַ אַך?... ווייסט איר ווּס , נעמט דערוואַל באַ מיר ביכער.

ער האָט געמאַכט מיט דער האַנט אין דער לופֿטן אַ ברייטן בויגן, ווײַזנדיק אויף די ביכערשרענק, שטײַף פֿאַרשטעלטע מיט אויסגאַבעס אין כלערליי שפּראַכן.

– נעמט וויפֿל אין וועלכע איר ווילט, גייט צי אין קליובט אויס – ענציקלאָפּעדיעס, לעקסיקאָנען, ביבל־אַטלאַסן... אַז איר פֿאַרנעמט זעך מיט איבערזעצן... אָן איבערזעצער קען נישט אָן דעם... איר זאָלט וויסן, דעם גרעסטן שודן האָבן דעם יִדישן פֿאָלק אונגעטאָן די אָלטע זיבעציק מיט זייער "סעפּטואַגינטאַ", פֿאַקטיש זענען זיי צוויי אין זיבעציק געווען...

– ראָזען, איך קען זעך נישט אימקערן און קען שראַבמאַשין...

– מאַן ביך אָבער מעג עך אַך שענקען? דערשרעקט זעך נישט, אַף רומייניש... העברעיִש, זוגט איר, פֿאַרשטייט איר נישט ... ווּס , קען איין וואָרט נישט?

– אַ פּור ווערטער אפֿשר, פֿין מאַן טאָטנס וואָקאַבולאַר, ער איז באַ מיר אַ שנאַדער, קענט איר זעך פֿאָרשטעלן...

דער רבֿ האָט שוין געהאַלטן אין איין האַנט דאָס טרײַבל און מיט דער צווייטער אָנגעדרייט עפּעס אַ נומער – איך בין אָבער זיכער געווען, אַז נישט צו טשאַושעסקו, ווײַל רעדן און אין אַ מינוט אַרום שרײַען האָט ער אָנגעהויבן אויף העברעיִש. דערבײַ ניט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פֿון מיר: צי איך פֿאַרשטיי טאָקע נישט...

◀▶

אַוועקגעפֿאָרן פֿון בוקאַרעשט בין איך דאַמלס מיט אַ יִדישן "מערסעדעס", אַ מאָדעל פֿון די 20ער יאָרן, שווער מיט רוחות. די צײַטונג פֿון די רומענישע יִדן פֿלעג אַרויסגיין אויף פֿיר שפּראַכן: רומעניש, ענגליש, העברעיִש און יִדיש. נאָך הײַנט קלינגען מיר אין די אויערן די ווילדע טענות, דאָס ווייגעשריי, דאָס האָמערישע לאַכן, הימלשע דראָונגען און קינדערשע תּנועות פֿון חיים רימער, דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער רעדאַקציע, וועגן וועלכן דער רבֿ האָט מיך פֿאַר פֿריִער אינסטרוקטירט:

– ער וועט בינטעווען, וויינען, שיטן מיט קללות – ענטפֿערט נישט, טיט זעך אײַערס...

– ווּס הייסט אַוועקגעבן? – האָט יענער אויפֿגעהויבן פֿון ראָזענס בריוועלע אַ פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן צו מיר? – ווּס, מע פֿאַרמאַכט ס'געשעפֿט? הלוואַי! מאַן משפּחה וואַרט

[1] אוי ביסטו שוין אַ בײַסטרוק... (רומ').

שוין אַ האַלב יור אַף מיר דאָרט, אין ירושלים... הערט, אפשר נעמט די ענגלישע, אַ נײַנקע, גיט נאָר אַ קיק – אַן עלעקטרישער מאָדעל, אַ פּאַרמעגן...

נאָר איך – נאָך קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט – האָב שוין געסאַפּעט, אַרײַנשטופּנדיק דעם גוואַלדיקן שרײַבטראַקטאָר אין מײַן טאָרבע וואָס כ׳האָב געהאַט געקויפט אונטער וועגס אין ליפּסקאַן...

– ווייסט איר ווּס, – האָט ער זיך געבעטן בײַ מיר ווי בײַם גזלן, – נעמט די בײדע, די ענגלישע מיט דער רומענישער, ווּס דאַרפט איר דעם פּאַרזשאַווערטן דראָפּיטש?...

כ׳האָב אָפּגעשפּיליעט דאָס הילצערנע דעקל, כ׳האָב פון איין זײַט אײַנגעריסן מײַן זעקל – און דער פּוד טשוהון איז אַרײַן.

– נו גיט, נעמט זי! נעמט!... אָבער נעמט זי איבערמאָרגן, ס׳זענען נאָך ניט אויסגעזעצט די יידישע זײַטלעך, גיט מיר כאָטש דעם נימער אַרויסלאָזן! ווּס טראַכט ער זער דאָרט, דער גרויסער באַלעבוס אינדזערער? ווּס האָט ער אַזוינס געפינען אין אײַך? ווער זענט איר אייגנטלעך? וויי׳ז מיר, אין עך זיץ דו אַ שקלאָף אין די קייטן, שוין פאַרגעסן ווי מײַנע קינדער זעען אויס! אין יענער גיט אַוועק די לעצטע מאַשינקע...

– חערט אויף, רימער, – האָב איך ניט אויסגעהאַלטן,– איר ווייסט עס גיט, ער האָט עס אַך שוין דערקלערט אין טעלעפאָן: אַנט אָדער מאָרגן קלינגט ער אָן אין ניו־יאָרק צי אין בוענאָס־אײַרעס, צי אין לאָנדאָן, אין מעלבורן, פּאַריז – אין מע ברענגט אַך אַ נײַע, מיטן אַוויאָן... פאַר אַך איז נאָך בעסער...

צי ס׳איז דעמלט דער ״רעוויסטאַ״־נומער רעכטצײַטיק אַרויס – ווייס איך ניט. אין האָטעל האָב איך מער דאָס טרײַבל נישט אויפגעהויבן און אויף מאָרגן בין איך אויסגעוווען די צײַט: גאָט היט דעם אָפּגעהיטענעם...

הײַנט שטייט דאָס אײַזערנע אַנטיקל בײַ היימישע מענטשן אין מאָסקווע, אין בעסטן צושטאַנד. וואָס קען געשען אים, דעם אייביקן ראָבאָט, ער וועט נאָך איבערלעבן ניט נאָר די יידישע זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור – די יידישע ציוויליזאַציע...

מיט משה ראָזען האָב איך זיך צום לעצטן מאָל געזען אין תּל־אָבֿיבֿ, אין 1994, נישט לאַנג פאַר זײַן פּטירה אין בוקאַרעשט.

פראַו אַמאַליאַ האָט יענעם אָוונט געהאַט געסט אין סאַלאָן, אין דער גרויסער לוקס־דירה ערגעץ, געדענקט זיך, אין אַ זײַט פון רח׳ דוד המלך. מיר מיטן אַלטן זענען געזעסן אין זײַן קאַבינעט, און איך האָב אים וואָרט־בײַ־וואָרט איבערדערציילט אויף יידיש מײַן הקדמה צו דעם רוסישן אָפּקלײַב פון זײַנע מער ווי דרײַסיק עסייען און דרשות אין דער רענאָמירטער מאָסקווער צײַטשריפט ״אינאָסטראַננאַיאַ ליטעראַטורא״, נומ׳ 9, 1990). די איבערזעצונגען האָב איך געמאַכט פון רומעניש, אין דער תּנך־טערמינאָלאָגיע האָט מיר געהאָלפן משה וואָלף – און ס׳האָט זיך באַקומען אַ פּובליקאַציע, וואָס איז דעמלט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַן אמתער בעסטסעלער.

צפֿו, מאַי 2002

מירטשאַ דינעסקו – דער **enfant terrible** בײַ טשאַושעסקו

אויף צו זײַן אַ באַרימטער שרײַבער
אין אייראָפּע
מוזסטו קודם ווערן באַקאַנט ווי אַ קאַניבאַל
אָדער מינדסטנס אויסטראַכטן אַ מיטל אַ מין
צו באַגרינען דעם מידבר סאַהאַראַ, למשל:
די פֿלעווריט־קראַנקע, מיט זייער וואַסער
אין די לונגען
אַראָפּלאָזן מיט פּאַראַשוטן אַהין.

Mircea Dinescu. "Călătoria"[1]

דער גורל איז צו מירטשאַ דינעסקו געווען אויף אַזוי פֿיל ווילגענייגט, אַז דער פּאָעט האָט נישט נאָר ניט געדאַרפֿט ווערן אַ קאַניבאַל, נאָר אַפֿילו נישט "חתונה האָבן מיט אַ פֿליישמילכל, / אַז דער אַמעריקאַנער טרעסט זאָל באַצאָלן / די חתונה־רײַזע, מיט אַ באַדינגונג: / רעגולער זיי צוצושטעלן צום קאָנווייער / קינדער, צוגעווירצטע מיט פּעפֿער און פֿלאַכע / ווי דער וועלט־פֿאַרשפּרייטער האַמבורגער זייער...".

ערשטנס – האָט דער גורל געגעבן דעם מירטשאַ אַזאַ אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, וואָס אַפֿילו חבֿר ניקו, דער צעלאָזטער דיקטאַטאָר, האָט זיך אַ לאַנגע צײַט געמוזט מיט דעם רעכענען.

צווייטנס – האָט אים די צעבושעוועטע רומענישע פֿאָלקס־סטיכיע אונטערגעכאַפּט, ווי אַ שטורמישע כוואַליע, און אַרויסגעטראָגן אויפֿן טעלעוויזיע־עקראַן – דעם קראַסאַוועץ, דעם TV־משיח מיט זײַן דערלייזונג־בשׂורה, אַז דער טיראַנישער רעזשים איז געפֿאַלן. יאָ, טאַקע ער, דער פּאָעט דינעסקו – און נישט עפּעס אַ פּאָליטיקער אָדער אַ גענעראַל – האָט דעם 22סטן דעצעמבער 1989 דער ערשטער געבראַכט דעם פֿאָלק און דער וועלט יענע היסטאָרישע ידיעה, און פֿאַר די מיליאָנען צושויער איז דאָס מער פֿאַנטאַסטיש געווען, ווי באַגרינען דעם מידבר סאַהאַראַ.

---

[1] דער אָנהייב פּונעם געדיכט "נסיעה".

אינווענטאַריזאַציע אין דער פֿערטער וועלט

אַ קאַווענע־שאָלעכץ, וואָס שווימט איבער
דעם באָספֿאָרוס פֿון מערישקעס;
אַ צײַטונג, עובֿר־בטל אין גאַנצן;
אַ פֿאַרברוינט־אָפּגעשיילטער קאַרטאָפֿל;
אַ קאָנסערווע־פּושקע פֿאַרזשאַווערט פֿון קינדער־טרערן;
אַ מעסער, פֿאַרחרמט פֿון דעם פּויפּסט און דעם אויבסט;
אַ געלעכערטע פֿלייטע אין די ליפּן בײַם רינשטאָק;
אַ שטיבלעט מיט דער פּערספּעקטיוו אויפֿן ים;
אַ פֿלעשל פֿון וועלכן ס׳איז אויסגעזויגן דער זין,
אַ היסטערישע לימענע...

דער לעצטער שאַנס דײַנער, דו, קאָלומבוס
פֿון מיסטגריבער און מיסטפּלעצער,
דו, לייענער אין די געשטערנס אויף די פֿליגל פֿון זשוקעס,
די וועלט קען נאָך אפֿשר אויפֿלעבן אויף ס׳נײַ –
מוזסט נאָר אָנערקענען
אַז דאָס אַלץ איז מער נישט קיין:
לימענע, פֿלעשל, שטיבלעט, געלעכערטע פֿלייטע,
מעסער, צײַטונג, קאָנסערווע־פּושקע, קאַרטאָפֿל,
קאַווענע־שאָלעכץ...

Mircea Dinescu. "Un inventar in lumea a patra"

אין מײַן רוסישער אַנטאָלאָגיע פֿון רומענישער דיכטונג פֿון די 60ער־80ער יאָרן ״דער לופֿטבאַלאָן אויף אַ שטריק״, וועלכע האָט געדאַרפֿט דערשײַנען אין 1990 אין דעם בוקאַרעשטער פֿאַרלאַג ״עמינעסקו״, זענען פֿאָרגעשטעלט געווען 45 מאָדערנע דיכטער מיט 300 לידער אין 5000 פֿערז־שורות – אַ היפּשער טייל פֿון דעם, וואָס איך האָב אין משך פֿון אַ פּאָר צענדליק יאָר איבערזעצט פֿון דער בעסטער צו יענער ליטעראַטור־תּקופֿה פּאָעזיע אין אייראָפּע. (די אַנטאָלאָגיע איז נישט דערשינען: נאָך זייער רעוואָלוציע אין 1989 האָט שוין ווייניק ווער אין רומעניע געהאַט חשק צו לייענען אויף רוסיש, ווי אויך אין רוסלאַנד האָט מען פֿאַרלוירן דעם אינטערעס צו די ״ברידערלעכע קולטורן״). אין יענעם רײַכן, הגם סוביעקטיוון, אויסוואַל פֿון הויך טאַלענטירטע פּאָעטן איז מירטשאַ דינעסקו געווען דער סאַמע ראַפֿינירטער, איינציײַטיק אָבער – דער סאַמע דעמאָקראַטיש־שפּראַכיקער דיכטער. זײַנע מעטאַפֿאָרן – וויזועל, סטיליסטיש און אינהאַלטלעך – זענען פֿענאָמענאָלאָגישע אָביעקטן, זיי קומען אויף בײַ אים גאַנצערהייט און לאָזן זיך נישט איינדײַטיק ״אויסטײַטשן״. דערבײַ איז דער וואָרטשאַץ און דער סינטאַקס בײַ דינעסקו – דאָס טאָג־טעגלעכע לשון פֿון דער ״יוגנט־גאַס״, פֿון די זשומיקע קאָמפּאַניעס אַרום דעם בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט און אויף די שלעכט־באַלויכטענע געסלעך מיט טאַנץ־פּלעצער און דיסקאָטעקן. דאָס קול פֿון די פּאַרקן און סטאַדיאָנען אין דער

הפֿקר־פֿאַרשטויבענער פּראָווינץ, אין די פֿאַבריקן און צוזאַמענוווין־היימען מיט זייער אַרגאָ און שטיפֿעריַי, אַ סלענג, אין וועלכן דער אַבסורד־קאָמפּאָנענט איז נישט בלויז אַ מאָדערנער סטילצייכן, נאָר אויך אַ פּראָטעסט־מיטל קעגן דער גרוויליקער רעאַליטעט, קעגן דעם ״טעראָר פֿונעם שׂכל־הישר״. דער ״פֿענאָמען דינעסקו״ באַשטייט אין דעם, וואָס דווקא ער – נישט קיין ״קעמפֿעריש״ אַנגאַזשירטער אָדער פֿאָלקסטימלעך־פּאַטריאָטישער דיכטער – איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלער דיכטער וואָס האָט מיט זײַן וויציקן אַרײַנזאָגן־מאַניר און באַלקאַניש־איראָנישן שמייכעלע חרובֿ געמאַכט די פּאָמפּע פֿון דער ״גאָלדענער תּקופֿה״, ווי עס האָבן אָפֿיציעל געהייסן די לעצטע צען יאָר פֿון טשאַושעסקוס רעגירן.

און טאַקע דאָס שמייכעלע און דער שפּילעווודיק־מעטאַפֿאָרישער ״יוגנט־סטיל״ האָבן עס דערמעגלעכט, אַז ער, דער אמתער enfant terrible – דאָס אומדערטרעגלעכע קינד, איז אויף אַ לאַנגער צײַט געוואָרן עפּעס אַ מיוחסל, אַ מין קאַפּריז בײַם טיראַן, וועמען ס׳פֿלעג צו מאָל אַזוינס דערלויבט ווערן וואָס מער קיינעם נישט.

נירוואַנע

״אין דרום־אינדיע וואַקסט אַ מין וווּנדערלעכער בוים,
וואָס אַז אַ מענטש עסט אויף אַ פּאָר בלעטער פֿון אים,
פֿילט ער זעכצן טעג קיין הונגער נישט״.

פֿון אַ צײַטונג

אונדזער טעגלעכן הונגער גיב אונדז, פֿאָטער אין הימל,
גיב אונדז קאַרטאָפֿל און ציבל,
און אַ קיך – ווו ס׳האָבן פֿאַרכלינעט זיך שוין אַזוי פֿיל מדינות,
און סלינע – אין וועלכער עס שפּיגלען אַלע געטער זיך אָפּ...

גליקלעך איז דער באַרבאַר
אויפֿן סאַמע ראַנד אימפּעריע –
וואָס מיט זײַן דרייסטער האַנט רײַסט ער אָפּ
אַ מאַרמאָרנעם ווײַנטרויבן־הענגל אויפֿן קאַרניז
פֿון דעם הייליקן טעמפּל.

*Mircea Dinescu. "**Nirvana**"*

מאָזעס ראָזען, דער רומענישער רבֿ־ראשי, זצ״ל, האָט מיר זומער 87׳ דערציילט (מיר זענען געזעסן בײַ אים אין אָפֿיס) אַזאַ עפּיזאָד:
״...הייבט ער זעך איף, דער בוכער, אין װענדט זעך דירעקט צו... נו, איר ווייסט צו ווימען, אין גיט אים אַזוי אַ זוג: טאָוואַרעש דער־און־דער, איר ווייסט דאָך, איך בין נישט אַזאַ גרויסער זשורנאַליסט, כ׳זיץ מיר אין קריץ מאַנע לידעלעך, אָבער אַז מ׳האָט מעך שוין יאָ געריפֿן צי דער דאָזיקער היסטאָרישער טרעפֿונג מיט אַך, איז אפֿשר קענט איר דו זיי, אינדזערע אונגעזעענע שעף־רעדאַקטאָרן, באַפֿיילן, זיי זאָלן איפֿהערן מיט דער שמיציקער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע ווּוס זיי פֿירן אַנט, אָ די חאַזערים...״.

זיך אָפּגעזעגנט מיטן רבֿ, בין איך אַוועק, ווי ס'איז נאָך פֿריִער געווען ביַי אונדז אָפּגערעדט, צו מירטשאַ אַהיים – ער האָט אָקערשט איבערזעצט, עקסטרע פֿאַר דער "Romania literară", אַ בינטל לידער מײַנע, טאַקע פֿון ייִדיש, אַזוי אַז נישט זײַן פֿרוי מאַשאַ און נישט עלענאַ, די רוסישע שוויגער, האָבן אים אין דעם פֿאַל העלפֿן נישט געקאָנט. און אַז כ'האָב אים געפֿרעגט, מיט וואָס האָט זיך דעמלט פֿאַרענדיקט זײַן יודאָפֿילישער אַפּעל צו טשאַושעסקו, האָט ער געמאַכט גרויסע אויגן:

– ווער האָט עס דיר צוגעטראָגן?... נו יאָ, בוקורעשט... גיסט אַ ניס אין ליפּסקאַן – הערט זיך אויף דודעשט... אָבער לעוו, ווען דו זעסט דעמלט זייערע... חזירישע נעזלעך...

אויפֿן טיש, חוץ מײַנע טעקסטן און זײַנע רוי־איבערזעצונגען, איז געשטאַנען אַ פֿלאַש ווײַן און... אַ געעפֿנט פּושקעלע מצות.

– איבערגעבליבן פֿון פּסח, – האָט ער אַ כמיקע געטאָן, – רבֿ ראָזען האָט צוגעשיקט... נישט דאָס ערשטע מאָל... מיט רויטן ווײַן נישט שלעכט, האַ? און ט'אָסטו ברינדזע, גאַגאָשאַרן... אַגבֿ, בנוגע די חזירים... פֿון זיי עטלעכע, ווייס איך, האָסטו אויך איבערזעצט... נו, דו זיצסט דאָך אין מאָסקווע, איר האָט דאָרט אײַעריקע... אַ חזיר, ער מיינט אַז אויב ער קען אָנשרײַבן אַ ליד, איז ער שוין, מיינט ער, אַ מענטש...



דער "שידוך" צעפֿאַלט זיך. דער לעצטער טראָפּן

אין אַ פֿרילינגטאָג 1989 טעלעפֿאָנירט מיר אַנדריי קאָוואַטש, דער עלטערער ברודער פֿון מאַריאַ דינעסקו, מירטשאַס ווײַב (ס'איז דאָס אָרט צו זאָגן: אַ באַקאַנטע איבערזעצערין פֿון רוסישער פּראָזע: באָריס פּאַסטערנאַק, מיכאַיל בולגאַקאָוו, א"אַ). אַנדריי האָט דעמלט געוווינט אין מאָסקווע און האָט זיך אויף פֿאַרנומען, ווי זײַן שוועסטער אוןביידע זייערע עלטערן, מיט ליטעראַטור – מיט דער רוסישער, אונגאַרישער און רומענישער. – האַלאָ, דו ביסט עס? דער מירטשאַ איז אַרעסטירט... ניין, דערוויַיל נישט אין תּפֿיסה... היימאַרעסט. נאָר מען דאַרף עפּעס טאָן. ווען מ'קען דאָ אין מאָסקווע אויפֿהייבן אַ רעש, ווי מיט וואַצלאַוון...

וואַצלאַוו האַוועל, דער באַקאַנטער טשעכישער דראַמאַטורג, אָפּאָזיציאָנער און דער צוקונפֿטיקער פּרעזידענט, איז דעמלט ניט לאַנג צוריק געווען אַרעסטירט אין פּראָג. די ליבעראַלע סאָוועטישע שרײַבער האָבן צודרינגלעך פּראָטעסטירט – און האַוועלן האָט מען דאָרט באַפֿרײַט.

מירטשאַ איז אָבער קיין דיסידענט, ווי מען שרײַבט עס הײַנט, און בכלל קיין פּאָליטישע פֿיגור נישט געווען. אין מאָסקווע האָבן צו יענער צײַט זײַן נאָמען געקענט בלויז אייניקע אויסגעקליבענע עסטעטן, געזעלשאַפֿטלעך אָנמעכטיקע "נעבעכדיקע ווערטער־פּוצערס". די פּאַריזער "ליבעראַסיאָן", ווו עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דער אינטערוויו מיט דינעסקו, אין וועלכן ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם טשאַושעסקו־רעזשים, האָט קיינער אין מאָסקווע נישט געלייענט... טאַקע דער דאָזיקער אינטערוויו איז פֿאַרן רומענישן דיקטאַטאָר געווען "דער לעצטער טראָפּן" אין זײַן לאַנגער געדולדיקייט מיט דעם אומאָפּהענגיקן באַהעמיסט.

פֿון די רוסישע שרײַבער, וואָס האָבן מער־ווייניקער אַ השפּעה געהאַט אויף דער קולטור־פּאָליטישער סבֿיבֿה, בין איך באַקאַנט געווען בלויז מיט דרײַ מענטשן – מיט דעם פּראָזאַיִקער אַנאַטאָלי פּריסטאַווקין, וועלכער איז דעמלט געוואָרן דער פֿאָרזיצער פֿון דער געגרינדעטער ליבעראַלער באַוועגונג "אַפּרעל", און מיט די פּאָעטן יעווגעני יעווטושענקאָ און אַנדריי וואָזנעסענסקי, אַנדריי האָט פּונקט אין יענע טעג געשריבן אַ קליינעם עסיי פֿאַרן בוך פֿון מײַנע רוסישע איבערזעצונגען פֿון מאַרק שאַגאַלס לידער און עסייען.

אַנאַטאָלי פּריסטאַווקין, פֿון זײַן צד, האָט צונויפֿגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם "אַפּרעל", אײַנגעלאַדן זשורנאַליסטן און אַ פּאָר פּאָליטיקער פֿון די נײַע, מ'האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט, און צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע. מאָסקווע איז נאָך דעמלט געווען "דאָס האַרץ פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און דעם סאָציאַליסטישן לאַגער". אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר אין טורמע איז מירטשאַ נישט אַרײַנגעפֿאַלן, כאָטש אָפּגעזעסן פֿאַרשפּאַרט אין שטוב איז ער ביזן סאַמע "פֿרײַהייט־אויסברוך", ווי איך רוף עס אָן. צו דער צײַט איז שוין אין מאָסקווע דערשינען, אין מײַנע איבערזעצונגען און אין דער פּאָפּולערער ביכער־סעריע "די מאָדערנע אויסלענדישע ליריק", דאָס ערשטע (און לעצטע) ביכל זײַנס אויף רוסיש.

וואָזנעסענסקי מיט יעווטושענקאָ האָבן אין איינעם מיך אויסגעהערט און אויפֿן אָרט אָנגעשריבן אַ בריוו צו אָלעג פּרודקאָוון, דעם שעף פֿון דער סעקציע פֿון אויסלענדישער ליטעראַטור אין דער אײַנפֿלוסרײַכער (ווי ס'האָט געוויזן דער פֿאַל מיט האַוועלן) סאָוועטישער צײַטונג "ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ":

"טײַערער אָלעג ניקאָלאַיעוויטש!

איך בעט אײַך אויפֿמערקזאַם אויסצוהערן דעם איבערזעצער ל. ס. בערינסקי. אין אַ שווערן מצבֿ געפֿינט זיך איינער פֿון די בעסטע רומענישע פּאָעטן מירטשאַ דינעסקו – אונטער דעם היימאַרעסט פֿאַר זײַן אַרויסטרעטונג, אַן אויפֿרוף צו אַ פּערעסטרויקע בײַ זיי. איך מיין אַז ס'וואָלט געווען ריכטיק, ווען די "ל.ג.", ניט אַרײַנמישנדיק זיך אין די אינערלעכע ענינים אין רומעניע, וואָלט דאָך פֿאַרעפֿנטלעכט 2-3 זײַנע לידער. איך גלייב, אַז דאָס וואָלט געווען צום מאָמענט סײַ פּאָליטיש, און סײַ מאָראַליש. *יעווג. יעווטושענקאָ*



(אַ צושריפֿט פּאַפּערעק, פֿון רעכטס):
'איך בין פֿולשטענדיק מסכּים, אָלעג ניקאָלאַיעוויטש, טײַערער, מען דאַרף העלפֿן'. *אַנ. וואָזנעסענסקי'*'

סוף מערץ 1991 האָב איך, שוין דרײַ צי פֿיר טעג אַ ישׂראל־בירגער, זיך צופֿעליק צערעדט אין דעם תּל־אָבֿיבֿער בית־טשערניכאָווסקי מיט עפּעס אַ העברעיִשן דיכטער, אַ וותיק פֿון רומעניע סאַנדו דאַוויד, וואָס האָט מיר צווישן אַנדערן אַ זאָג געטאָן, אַז דאָ אין לאַנד געפֿינט זיך דער פֿאָרזיצער פֿון דעם רומענישן שרײַבער־פֿאַראיין מירטשאַ דינעסקו מיטן ווײַב, און זיי פֿרעגן זיך אָן וועגן איינעם אַ פּאָעט פֿון מאָסקווע, וואָס האָט געדאַרפֿט פּונקט די וואָך אָנקומען אַהער מיט דער משפּחה... וואָס רעדט איר, וו'זוי איז אײַער נאָמען? יאָ־יאָ, אוי, ער וועט זיך אַזוי פֿרייען, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין "באַזעל", בײַם ים...– הער מיך אויס – האָט, צעגיסנדיק דעם קאָניאַק אין פֿיר גלעזלעך, אָנגעהויבן מירטשאַ – הער און זעץ עס גלײַך איבער דײַן פֿרוי! דו, לעולע, ביסט טאַקע אַ יאָר צען עלטער פֿון מיר, אָבער איך בין מיין אַ... רומענער. כ'האָב דאָ גוט זיך אַרומגעקוקט און שוין דײַן ענין באַטראַכט... דער עיקר: טאָמער זעסטו, אַז ס'איז אַלץ נישט פֿאַר דיר – איר געפֿינט אַ היים אין בוקאַרעשט, אין איינעם מיט די קינדער, מיט דײַנע עלטערן... דאָס צו זאָגן דיר האָב איך דיך טאַקע אַרומגעזוכט... מאָרגן פֿליִען מיר צוריק, מאַשאַ, גיב מאַרינען אונדזער נײַעם אַדרעס און טעלעפֿאָן...

זינט יענער קורצער טרעפֿונג בײַ זיי אין האָטעל האָב איך מירטשאַ מער נישט געזען[1]. צו מאָל קומט עס פּשוט נישט אויס, ווי, למשל, אויף דער לײַפּציגער בוכמעסע '95, ווו יעדער פֿון אונדז האָט דאָרט געהאַט אַ לייענונג – געלייענט אָבער אין איין טאָג און אין צוויי פֿאַרשידענע ערטער... און דאָך הערן מיר כּסדר איינער פֿון צווייטן. די וועלט איז, אייגנטלעך, שוין נישט אַ סך גרעסער פֿון בוקאַרעשט: טוסט אַ ניס אין עכּו אויף גולומבּ־גאַס – הערט זיך דאָרט אויף דודעשט.

---

[1] דער אַרטיקל איז געווען געשריבן אין 1996. שפּעטער האָבן מיר זיך מיט דינעסקו געטראָפֿן אין 2002 און אין 2003 – ביידע מאָל אין רומעניע. ל.ב.

קאָמפּיוטער

די וואָס שווענקען דעם גאָרגל פֿאַר דער סאַמע מלחמה מיט סענץ פֿון ראָמאַשקעס
די וואָס יאָגן זיך מיט אַ שעפּלעפּל נאָך אַ פֿלאַטערל
די וואָס קומען אין קלויסטער מיט אַן אייגענעם אָרגל אין בויך
די וואָס קאַלופּען זיך אין דער נאָז בשעת אַנדערע גראָבן זיך קבֿרים
די וואָס לאָזן דאָס וואַסער אין קלאָזעט מ׳זאָל נישט הערן זיי וויינען
די וואָס זוכן אויף מיסטפּלעצער קערלעך פֿון נײַע רעליגיעס
די וואָס טרוימען פֿון אַ לימוזין אָפּגעמיטיקט מיט אַ זשמענקעלע טשיפּסן
די וואָס לייגן זיך אָפּרוען און פּטור צו ווערן פֿון דעם דערעסענעם מלאך
די וואָס זאָגן זיך אָפּ אָנערקענען די עסטעטיק פֿון כּוח
אידעאַליסטן, מעלאָמאַנען, נעבעכדיקע ווערטער-פּוצערס זעען נישט
ווי די שטאָט הייבט זיך אויף אין דער לופֿטן פּישט זיך אויס דאָרט אין ים
ווי פֿון דער שיף גייען אַראָפּ גאַנצע בערג הימאַלײַאַ
מיט פֿולע וואַליזעס פּאַראַשוטיסטן
ווי דאָס פּרעסל, פֿון תּאווה צעהיצט, וואַרפֿט זיך אָן אויף דער מויז
ווי די נעווראָטישע וועלדער ציִען זיך צום סאַנאַטאָריום
אין די שעהען פֿון קליינהאַנדל מיטן גליק פֿון די פֿעלקער
ווען די אַקציעס עסן אָפּ מיט אַ ליד
און מיר שטאַרבן דאָ אויס אַפּלאָדירנדיק

Mircea Dinescu. "Computer"

זייער הײמלאַנד איז – וואָרטלאַנד

וועגן אַן אומבאַקאַנטער פּאָעמע פֿון אַ וועלט באַקאַנטן פּראָזאַיִקער

די פֿאַרשפּעטיקטע מתּנה

אין דעם גערודער, אין דער פֿילקעפּיקער האַוועניש פֿון דעם ליטעראַטן־הויז אויף דער מאָסקווער וואָראָווסקי־גאַס, האָב איך אים עטלעכע מאָל געוואָלט און כּסדר פֿאַרגעסן צו פֿרעגן: צי האָט עפּעס אַ גרונט אונטער זיך מײַן השערה, אַז זײַן פּאָעמע ״אַלף־בית פֿון סעוואַסטאָפּאָל״ (״Abc de Sebastopol״) איז אַן אַקטואַליזירטער פּאַראַפֿראַז פֿון ״שיר־השירים״ – אַ הייס־עמאָציאָנעלער דיאַלאָג צווישן אַ מיידל און אַ בחור וועגן ליבע און טויט, וועגן מענטשלעכקייט און אכזריות? ווײַל אַפֿילו אין דעם קולמינאַציע־פּערז, וועלכער דעקלאַרירט די אומשטערבלעכקייט פֿון ליבע:

Ñao morre o amor –
– די ליבע שטאַרבט נישט

הערט זיך דאָס קול פֿון דער אייביקער קלאַסישער שורה: ״עזה כּמות אַהבֿה״ –״שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע״...

זשאָרזשי אַמאַדו (Jorge Leal Amado de Faria) איז באַקאַנט ווי דער גרעסטער בראַזי־ליאַנער פּראָזאַיִקער, דער מחבר פֿון אַ גאַנצער רײ ראָמאַנען, אויך אַזוי פּאָפּולערע, ווי ״דער ריטער פֿון האָפֿענונג״, ״קאַטאַקאָמבעס פֿון פֿרײַהייט״, ״די אַלטע מאַטראָסן״, א״אַ. אָבער דאָס ערשטע וואָס איך האָב פֿון דעם שרײַבער געלייענט, מיט אַ יאָר 40 צוריק, איז געווען אַ פּאָעמע, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן אויף זײַן מוטער־שפּראַך פּאָרטוגעזיש אין אַ זאַמלונג פֿון געדיכטן אויף שפּאַניש, אין איינעם מיט נאָך נײַנצן לאַטײַן־אַמעריקאַנישע אויטאָרן – ״Cantos a Sebastopol״ (״לידער לכּבֿוד סעוואַסטאָפּאָל״), אַרויסגעגעבן אין מאָנטעווידעאָ, אין 1942, און געווידמעט דעם קאַמף פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון דער העראָישער שטאָט קעגן די היטלערישע האָרדעס. וועגן דעם כּמעט אומבאַקאַנטן ליטעראַטור־היסטאָרישן פֿאַקט דערמאָנט זיך (שוין סוף 80ער יאָרן) זשאָרזשי אַמאַדו אַזוי (אין זײַן נאָך אין ערגעץ ניט פֿאַרעפֿנטלעכטער הקדמה צום רוסישן בוך, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט צוגעגרייט, אין מײַנע איבערזעצונגען, פֿאַר אַ מאָסקווער פֿאַרלאַג):

״די פּאָעטן, אייניקע פֿון זיי – שטאַרקמוטיקע מענטשן, די אַנדערע – טרויעריק אין זייערע לידער, אָבער אַלע – איבערצײַגטע אַנטיפֿאַשיסטן – האָבן זיך פֿאַרזאַמלט דעמלט אין מאָנטעווידעאָ צו אַ זיצונג פֿון AIAPE (אַסאָציאַציע פֿון אינטעלעקטואַלן, אַרטיסטן, מאָלערס און שרײַפֿטשטעלער) מיט דער איינציקער כּוונה, אָפּצוגעבן דעם כּבֿוד די סאָוועטישע סאָלדאַטן אין דעם קעמפֿנדיקן סעוואַסטאָפּאָל, און דאָס איז געווען אַן אמתער יום־טובֿ פֿון פּאָעזיע און

סאָלידאַרישקייט. אין יענע צײַטן איז אורוגווײַ געווען אַ מוסטער פֿון אַ דעמאָקראַטיש לאַנד אין לאַטײַן־אַמעריקע. די ״Cantos״ זענען אַ היכפּאָעטישער דאָקומענט, אַ פֿריִגעביקע מתּנה פֿון אונדזערע הערצער, וואָס האָבן דעמלט געקלאַפּט אין איין קאָמפּאַקט מיט די הערצער פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער״.

די מתּנה האָט אָבער פֿאַרשפּעטיקט. צום מאָמענט, ווען די ״Cantos״ זענען אַרויס פֿון דרוק, איז סעוואַסטאָפּאָל שוין דרײַ וואָכן געווען אונטערן דײַטש, און די, פֿאַר וועמען די לידער זענען געשריבן געוואָרן, האָבן דאָס בוך קיין מאָל נישט איבערגעלייענט...

זשאָרזשי אַמאַדו – קאָמוניסט, לאַורעאַט פֿונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלן פֿרידן־לענין־פּרײַז – האָט אין משך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר נישט געקענט זיך דערשלאָגן, אַז דאָס בוך זאָל דערשײַנען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, הגם אייניקע מײַנע רוסישע איבערזעצונגען זענען שוין אין די 60ער יאָרן אַרויס אין דער צענטראַל־פּרעסע.

אָבער אַ בוך...

פּאַראַדאָקסאַל, נאָר אַזאַ בוך עקזיסטירט ניט אויף רוסיש ביז הײַנטיקן טאָג... פֿאַרן אָפֿיציעלן ראַטן־פֿאַרבאַנד איז סעוואַסטאָפּאָל און די גאַנצע קרים־קאַמפּאַניע געווען און איז אויף תּמיד געבליבן איינע פֿון די סאַמע שווערסטע מפּלות... אַפֿילו דער ליבלינג־פּאָעט פֿון אַלע סאָוועטישע פֿירער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו איז ניט אימשטאַנד געווען ״דורכצושלאָגן״ אַזאַ בוך, און בלויז אין דעם מאָסקווער זשורנאַל ״זנאַמיאַ״ (״די פֿאָן״) און אין עטלעכע צײַטונגען זענען, ווי געזאָגט, אַרויס אייניקע לידער.

אַ פֿאַרצווייפֿלטער, האָט ער מיר געשריבן, זומער 69, אַז ווען ס׳געפֿינט זיך עמעצער פֿון די פֿאַרדינסטפֿולע מאָלערס, וועלכער וואָלט באַגלייט די טעקסטן מיט גראַפֿיק פֿון אַן אָפּטימיסטישן נוסח, וואָלט ער, סימאָנאָוו, אָנגעשריבן צו אַזאַ אַלבאָם אַ וואָרט־פֿריִער, און שוין מיט אַזאַ פֿאָרשלאָג וואָלט מען זיך אפֿשר געקענט ווענדן צו עפּעס אַ ספּעציפֿיש־קינסטלערישן פֿאַרלאַג... זײַן בריוו, אין איינעם מיט אַ פּעקעלע פּאָטשט־צעטעלעך און טעלעגראַמעס פֿון זשאָרזשי אַמאַדו, ווי אויך דעם בוך־עקזעמפּלאַר פֿון די ״Cantos״, האָב איך פֿאַר מײַן אַרויספֿאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד אומגעקערט מײַן דאַמאָלסדיקן פֿרײַנד פֿעליקס וואָל, ווײַל דער איינציקער עקזעמפּלאַר אין לאַנד און די איניציאַטיוו זיך צו פֿאַרבינדן מיט זשאָרזשי אַמאַדו האָט געהערט טאַקע אים.

פֿעליקס וואָל, אַליין אַמאָל אַ גליקזוכער אויפֿן פֿעלד פֿון פּאָעזיע, האָט אין יאָר 59 געפֿונען דאָס ביכל אין סעוואַסטאָפּאָל (אין אַ גאָר ״ניט־פּאַסיקן״ אָרט!). די אויפֿשריפֿט אויף דער אינעווייניקסטער זײַט פֿונעם טעוועלע האָט אים פֿאַראינטערעסירט – אַ האַנטווידמונג אין לאַטײַנישער שריפֿט פֿאַר די סאָוועטישע מאַטראָסן פֿון דער פֿלאָטיליע ״סלאַוואַ״. ״סלאַוואַ״ – הייסט ״גלאָריע״, און אָ דעם נאָמען האָט געטראָגן אין יענע יאָרן די באַוווּסטע וואַלפֿישערײַ־פֿלאָטיליע, וואָס פֿלעגט זיך יאָגן נאָך די ריזיקע ים־חיות איבער אַלע אָקעאַנען, און איז יענץ מאָל אַרײַנגעגאַן אין דעם פּאָרט מאָנטעווידעאָ.

ביכער האָבן זייער גורל – Habent sua fata libelli

אין 1965 בין איך געוואָרן אַ סטודענט פֿונעם מאָסקווער מאַקסים גאָרקי־אינסטיטוט, ווו מען שולט אויס פּראָפֿעסיאָנעלע (נישט אומבאַדינגט גוטע) שרײַבער. און דעמלט זענען די "Cantos" אַריבער פֿון פֿעליקס ווול צו מיר. און אָט זעץ איך זיך אַוועק און נעם זיך פֿאַר דער אַרבעט, קודם־כּל פֿאַר דער פּאָעמע, באַמערק אָבער באַלד, אַז אַזוי גרינג גייט עס נישט.

Negra, ñao chores ñao,
quarda teus olhos pra mim.
Senta-te aqui na ponte,
da-me tua mao esquerda,
vou te contar uma historia –
uma historia de espantar.

יאָ, אויפֿן ערשטן בליק זעט עס אויס, ווי דער בחור פֿון דעם 20סטן יאָרהונדערט וואָלט טרייסטן געפּרוווט יענץ מיידל פֿון דעם אַלטן שיר, וואָס האָט זיך מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק צעווײנט, קלאָגנדיק: "שְׁחוֹרָה אֲנִי..." – "שוואַרץ בין איך...".

אָבער אין דעם קאָנטעקסט פֿון דער פּאָעמע – גיי ווייס עס! – האָט דאָס וואָרט "negra" גאָרנישט מיטן באַדײַט "שוואַרצע" אָדער "נעגערטע"... פֿיל מי און אַרומלויפֿן איבער מאָסקווע האָט מיר געקאָסט, כ'זאָל זיך דערוויסן פֿון אַן אויסלענדישן סטודענט אינעם לומומבאַ־אינסטיטוט, אַז אין דער בראַזיליאַן־פּאָרטוגעזישער פֿאָלקס־פֿראַזעאָלאָגיע באַטײַט דאָס וואָרט – "שיינינקע", "צערטלעכע", "געליבטע"...

מײַן געליבטע, נו ווײַן שוין ניט, ניין,
היט פֿאַר מיר אָפּ די אייגעלעך צוויי.
זעץ זיך צו אָט דאָ אויף די קלאַדקעס
לייג דײַן הענטעלע נ'מײַנע אַרײַן,
וועל איך זינגען דיר אַ געשיכטע,
אַ געשיכטע פֿון שרעק און פֿון פּײַן...

און ער זינגט איר פֿון עפּעס אַ ווײַסער שטאָט אויפֿן ווײַטן ברעג ים, ווו די מענטשן זענען גליקלעך און גלײַכבאַרעכטיקט געווען...

און ער זאָגט איר צו, אַז ביידע אין איינעם וועלן זיי זיך אויפֿהייבן אויף אַ שיף און אַוועקשווימען אין דער ווײַטער שטאָט, אין דעם ווונדערלעכן לאַנד... אָבער נאָך נישט הײַנט... הײַנט ווילדעווען דאָרט אַכזריותדיקע באַנדעס, פֿאַשיסטישע האָרדעס וואָס מאַכן פֿון דער שטאָט חורבֿות.

אין דער שטאָט בײַ דעם ים אין דער װײַסער,
װאָס זי הײסט סעװאַסטאָפּאָל – דאָרט יושען
די נאַציסטן, בלוט־דאָרשטיקע חיות.
זײ דערהרגענען קינדער און פֿרױען,
זײ דערמאָרדן לידער און בלומען,
זײ פֿאַרניכטן די פֿרײד און דאָס ברױט –
נאָר אומשטאַרביק איז די רעװאָלוציע!
ס׳ניט פֿאַראַן פֿאַר דער ליבע קײן טױט! –
Nem morre a revolução!
Ñao morre o amor!

צי האָט פֿאַר יענער גרױסער מלחמה די װעלט געהאַט אַן אמת בילד פֿון דעם װאָס ס׳האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט ראַטן־פֿאַרבאַנד? אויף אַלע קאָנטינענטן האָבן הונדערטער, טױזנטער ראַפֿינירטע אינטעלעקטואַלן געהאַלטן די באָלשעװיסטישע אימפּעריע פֿאַר אַ לאַנד פֿון פֿרײַהײט און גערעכטיקײט. נו, פֿאַרשטײט זיך, שטענדיק געפֿינען זיך אויך אַ פּאָר סקעפּטישע נודניקעס; אַנדרע זשיד, למשל...

זשאָרזשי אַמאַדו האָט אין דעם סאָװעטישן גן־עדן געגלײבט, און זײַן גלײבן אָטעמט אַזױ נאַיִװ און נאַטירלעך אַרױס פֿון דער פּאָעמע: ״רוסלאַנד, דו ביסט דאָס געװיסן פֿון אונדזער עפּאָכע...״.

די אַנטיפֿאַשיסטישע װעלט־באַװעגונג איז פֿאַר אַ סך קינסטלער געװען ניט נאָר אידעאָלאָגיע, נאָר אויך ראָמאַנטיק און אַפֿילו עסטעטיק. דער שרײַבער מאַטע זאַלקאַ (אַ געבוירענער ייִד בעלאַ פֿראַנקל, געשריבן אויף אונגאַריש און רוסיש) האָט בעת דעם בירגערקריג אין שפּאַניע אָנגעפֿירט מיט דער באַרימטער 12טער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און איז אונטער דעם מיליטער־נאָמען ״גענעראַל לוקאַטש״ געפֿאַלן דאָרט הינטער אועסקאַ. אַזעלכע פּערזענלעכקײטן װי ער זענען דעמלט געשטאַנען אין אָפּגעשפּיגלטער שײַן פֿון לעגענדאַרע היסטאָרישע פֿיגורן, װי דזשאָרדזש גאָרדאָן בײַראָן, גאַריבאַלדי אָדער עמיליאַנאָ סאַפּאַטאַ – דער פֿירער פֿון דער מעקסיקאַנישער רעװאָלוציע אין 1910. מאַרלען דיטריך, מיט איר קאָקטײל פֿון קאַבאַרע און אידעאָלאָגיע, האָט אין אַ שאַרף־געהאַקטן דזשעזריטעם אָפּגעשטעמפּלט דעם פֿאַשיזאַיִדיקן באַנדיט מעקי מעסער און זײַן לעבנס־אידעאַל פֿון דעמלטיקער בורזשואַזער גרױלשאַפֿט – די ״Sachlichkeit״ און אַנדרע מאַלראָס פּראָטאָטיפּן פֿלעגן מסתּם הנאה האָבן, הערנדיק אין ראַדיאָ דעם באַריטאָן פֿון ערנסט בוש, װי ער סקאַנדירט האַנס אײסלערס ״Einheitsfront״־ליד:

דרום לינקס, צװײ־דרײַ,
דרום לינקס, צװײ־דרײַ,
װאָ דײַן פּלאַץ, גענאָסע, איסט!
רײַ דיך אײַן אין די אַרבעטער־אײַנהײַטספֿראָנט –
װײַל דו אַוך אײַן אַרבײַטער ביסט!

אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז דאָס אָבער ניט אויף אַזוי פֿיל ראָמאַנטיש, ווי ציניש געווען. די ברידער פּאָקראַס האָבן פֿאַרן גליקלעכן און העלדישן סאָוועטישן פֿאָלק געשריבן אַזוינע פֿאַלש־פּלאַקאַטיווע מאַרשן ווי "יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ" ("אויב ס'איז מאָרגן אַ קריג"), אָדער דעם נישט ווייניקער אַגרעסיוון "בודיאָני־מאַרש", אין וועלכן דער באַרימטער מאַרשאַל מיט זײַן פּאָר לאַנגע פּסיכאָפּאַטיש־פֿאַרשפּיצטע וואָנצעס פֿאָרט אַרײַן אין דעם מוזיק־מליות אויפֿן פֿערד, ווי עפּעס אַן איבערוועלטלעכער מענטשהייטס־אויסלייזער. טראַגיש, איראָניש און טריומפֿאַל איז אָבער געווען דער גורל פֿון דעם מאַרש מיטן "קראַסני מאַרשאַל וואָראָשילאָוו" ("דאָס קאַזאַקן־ליד"), אָנגעשריבן אין 1937 און שוין ווינטער 1943 געוואָרן דער קאַמפֿהימען בײַ די ייִדישע פּאַרטיזאַנען – "זאָג ניט קיין מאָל...", וואָס האָט שפּעטער געבראַכט דער דאָזיקער מעלאָדיע דעם אמתן וועלטרום.

⮟

¿Berinski, es Usted judío? –

הייסט עס, צי בין איך אַ ייִד, גיט מיך פּלוצעם אַ פֿרעג סעניאָר אַמאַדו, זיצנדיק בײַם טיש מיט מײַנע לעצטע איבערזעצונגען פֿון די "Cantos". מיר רעדן שפּאַניש, ווײַל מיט פּאָרטוגעזיש האָב איך שוועריקייטן.

– No-no! No tiene importancia! –

טוט אַזש אַ פּליעסקע אויף מיט די הענט סעניאָראַ אַמאַדו – ס'איז איבער הויפּט נישט וויכטיק!

ביידע זענען זיי דעמלט, אין יאָר, מיין איך, 87, שוין אַלטע מענטשן געווען, און האָבן מסתּם צום לעצטן מאָל באַזוכט מאָסקווע.

אין 1991 האָב איך פֿאַרלאָזט רוסלאַנד, און אַלע קאָנטאַקטן מיטן שרײַבער האָבן זיך איבערגעריסן.

פּ.ס.

צו זײַן אומדערוואַרטער פֿראַגע – צי בין איך אַ ייִד – וואָס כ'האָב דעמלט פֿאַר איר קיין שום דערקלערונג נישט געפֿונען, האָב איך זיך אָבער אַ סך שפּעטער אומגעקערט – נאָך דעם, ווי אויף אַ פֿעסטיוואַל אין אייראָפּע האָט אַ שריפֿטשטעלער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע אין אַ געוויסן קאָנטעקסט דרך־אַגבֿ דערמאָנט דעם ראָמאַנסעראָ זשאָרזשי אַמאַדו, דעם "אמת באַרימטן "judío".

און ווען כ'האָב זיך ניט לאַנג צוריק געוואָלט אָנפֿרעגן וועגן דעם בײַ אַ ייִדישן שרײַבער, אַן אַלטן עולה פֿון בראַזיל, האָט ער זיך נאָר פֿאַרקרימט: אײַ, לאָזט אָפּ... אויך מיר אַ ייִד... פֿון די מאַראַנען...

עכו, יאַנואַר 2002

---

[1] אַזוי פֿלעג איך זיך באַגריסן מיט איר, ניט וויסנדיק דעמלט, אַז ס'איז די באַקאַנטע אין בראַזיליע שרײַבערין זעליאַ גאַטאַי (Zelia Gattai).

Escritos e publicados em 1942, estes "Cantos a Sebastopol", velhos de quase meio século, guardam a emoção de um tempo terrível, o da guerra contra o nazismo, quando os países democráticos, aliados à União Soviética, se batiam pela liberdade e pelo futuro e a barbárie nazi-fascista foi derrotada. Foi um tempo de luta e de esperança, um tempo de solidariedade ativa e combatente. De solidariedade dos povos do mundo para com os povos soviéticos, vanguarda em armas para deter o invasor e salvar o sonho do homem.

Alguns bons poetas, outros de inspiração menor, todos anti-fascistas, reuniram-se na sede da AIAPE (Associação de Intelectuais, Artistas, Periodistas e Escritores) para cantar o heroísmo dos soldados soviéticos na resistência de Sebastopol: foi uma festa da poesia e da solidariedade. Aconteceu em Montevidéu, no Uruguai, que era, naquele então, o exemplo de país democrático na América do Sul. São poemas datados, refletem o fervor de intelectuais que jamais duvidaram da vitória final da civilização sobre a barbárie. Hoje devem ser lidos como um documento, por vezes de alta beleza, sempre marcado pela generosa dádiva de corações que pulsavam ao ritmo do combate dos povos soviéticos. São poemas de amor à União Soviética.

דער אָריגינאַל־טעקסט פֿונעם קורצן פֿאָרוואָרט פֿון זשאָרזשי אַמאַדו צו דעם בוך (ביז הײַנט ניט דערשינען) ״לידער לכּבֿוד סעוואַסטאָפּאָל״ אין רוסישער איבערזעצונגען. ל.ב.

עכּו, יאַנואַר 2002

אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אין דעם וואַלד פֿון צוויי אותיות

סוף 50ער – אָנהייב 60ער יאָרן האָבן אין די אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן, כּמעט איינצײַטיק, פֿאַרנומען אַ פֿעסטע שעפֿערישע פּאָזיציע פּאָעטן פֿון אַ נײַעם דור און אַ נײַער וועלט־אָנשויונג. צווישן די פֿון זיי, וואָס שרײַבן נאָך הײַנט און האָבן אַ רעאַלע השפּעה אויף די קולטור־פּראָצעסן אין זייערע לענדער, קען מען אָנרופֿן שאַרל דאָבזשינסקי אין פֿראַנקרײַך, סאַראַ קירש אין דײַטשלאַנד, בעלאַ אַכמאַדולינאַ און אַנדריי וואָזנעסענסקי אין רוסלאַנד, איוואַן דראַטש אין דער אוקראַיִנע, אַנאַ בלאַנדיאַנאַ אין רומעניע, און, פֿאַרשטייט זיך, דעם אפֿשר סאַמע אַקטיוון און פּראָדוקטיוון פֿון זיי – דעם איטאַליענער עדאָאַרדאָ סאַנגווינעטי.

מיר האָבן זיך באַקענט סעפּטעמבער 1976 אין טאַשקענט, אויף דעם פֿעסטיוואַל פֿון יונגע שרײַבער פֿון אַזיע און אַפֿריקע. עס זענען אויך געקומען, ווי געסט, שוין ניט אַזוי יונגע פּענלײַט פֿון לאַטײַן־אַמעריקע, אייראָפּע און פֿון עטלעכע סאָוועט־רעפּובליקן...

אַ מאַן מיט אַ צעטראָגן־באַגײַסטערטן אָנבליק איז צוגעקומען צו מיר און גלײַך אָנגעהויבן (אָדער אפֿשר שוין פֿאָרגעזעצט) עפּעס דערציילן, אָבער אַזוי הייס, אַזוי שנעל... "מיט אים זײַ פֿאָרזיכטיק – האָב איך זיך אַליין אַ זאָג געטאָן – ס'אַן אמתער סאַנגוויניק..."

און ווי עפּעס אַן עכאָ דערהערט:

– סאַנגווינעטי, פּאָעטאַ ד'איטאַליאַ...

– פּאַרלאַ טעדעסקאָ? – האָב איך ווי אָפּגעהאַקט. (הערט גאָר אַ לשון: טעדעסקאָ איז בײַ זיי דײַטש!), האָט ער זײַן פֿראַזע – וואָס מיינט איר? – פֿאַרענדיקט אויף טעדעסקאָ, דערבײַ שוין אַ ביסל פֿאַרשטענדלעכער – הייסט עס, רעדנדיק ניט אַזוי שנעל.

◄►

עדאָאַרדאָ סאַנגווינעטי (געב' 1930, גענואַ) – ליטעראַטור־פּראָפֿעסאָר, מחבר פֿון אַ ריי פֿאָרשונגען וועגן דאַנטע, אַלבערטאָ מאָראַוויאַ, גווידאָ גאָצאַנאָ, א"אַ.

די ביבליאָגראַפֿיע פֿון זײַנע אייגענע פּאָעזיע־ און פּראָזע־ווערק, ווי אויך איבערזעצונגען פֿון שעקספּיר, מאָליער, דזשויס און ברעכט, פֿון די גריכישע און לאַטײַנישע אויטאָרן, וואָלט דאָ פֿאַרנומען אַ היפּשע פּאָר זײַטלעך. ער האָט אויך געשריבן טעקסטן פֿאַר טעאַטער און פֿאַר מוזיק־קאָמפּאָזיציעס.

האַרבסט 1963 האָבן די יונגע איטאַליענישע פּאָעטן־(נעאָ)־אַוואַנגאַרדיסטן געשאַפֿן זייער "גרופּע־63", אַלס אידעאָלאָג איז אָנערקענט געוואָרן דער קאָמוניסט עדאָאַרדאָ סאַנגווינעטי. גלײַך איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער קאַמף מיט דער עסטעטיק פֿון "בורזשואַזן ראַציאָנאַליזם" און צוזאַמענגעשטעלט דער אַפּעל צו אַנדערע פּאָעטן "ניט דורכלאָזן דעם אויטאָבוס כּל־זמן

ס׳זענען נאָך דאָ פלעצער״. די ליטעראַטור־קריטיק און די ״קלאַסישע לינקע״ האָבן דאָס אַלץ אויפֿגענומען איראָניש. אַלבערטאָ מאָראַוויאַ האָט אָנגערופֿן די דאָזיקע גרופּע ״מעקלערס בײַם נעאָקאַפּיטאַליזם״.

מיט יאָרן שפּעטער האָט סאַנגווינעטי איבערגעקוקט זײַן עסטעטיק־קאָנצעפּציע און ״רעהאַביליטירט״ אין זײַן פּאָעזיע די ״קאָמוניקאַטיווקייט״ מיטן לייענער אויף אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך פֿון ״פּאָסטקאַרטלעך״ – לידער, אַדרעסירטע פֿון קאָנקרעטע שטעט און לענדער, ווו ער האָט זיי געשריבן, צו קאָנקרעטע פּערזאָנען איבער דער גאַנצער וועלט. דער ״נײַער זשאַנער״ האָט אַרויסגערופֿן אין דער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע דווקא ניט קיין גרויסע, אָבער דאָך אַ מין ״ערד־טרעסעניש״, אַן אומדערוואַרטער איז געווען שוין דער בוכטיטל אַליין – ניט אויף דער מוטערשפּראַך, נאָר פּלוצעם עפּעס אויף דײַטש: ״Postkarten״[1]. אין דעם בוך זענען דאָ אַ פּאָר לידער, וואָס רופֿן נאָך הײַנט אַרויס בײַ מיר האַרציק־פֿריילעכע דערינערונגען אין יענעם פֿעסטיוואַל און די פּאָעטן, מיט וועלכע איך האָב זיך דאָרט נאָענט באַקענט (און אייניקע איבערזעצט דאָרט און שפּעטער אויף רוסיש). אין אונדזער ענגער קאָמפּאַניע זענען געווען: דער טשילער אָמאַר לאַראַ, די בילד שיינע פּאָעטעסע פֿון נעפּאַל באַנירא גירי, דער מאָנגאָל דאָזשאָאָגײַן צעדעוו, די פֿלאַמיקע באַבאַ דזשיגידאַ פֿון סיעראַ־לעאָנע...

מיט סאַנגווינעטי פֿלעגן מיר זיך טרעפֿן באַזונדער, מיר האָבן ״געאַרבעט״...

◀▶

דער גרויסער פּאָעטן־פּאַראַד אין טאַשקענט איז פֿאָרגעקומען אויפֿן פֿעלד פֿון דעם נײַעם ספּאָרטפּאַלאַץ, בײַ פֿולגעפּאַקטע טריבונעס אויף 10.000 פּלעצער.

די פּאָעטן האָט מען אויסגעזעצט אין דער ערשטער ריי בײַם סאַמע ראַנד פֿון דער ״אַרענע״, און יעדער פֿון זיי האָט געדאַרפֿט, ווען מ׳וועט אים לויטן אַלף־בית פֿאָרשטעלן, אַרויסגיין – אין איינעם מיט זײַן רוסישן איבערזעצער – צום מיקראָפֿאָן און פֿאָרלייענען איין ליד. ביזן ווײַטן ״סמך״ איז נאָך געווען און געווען, סאַנגווינעטי האָט ניט געקענט אײַנזיצן, אַלע מאָל מיך געצויגן בײַם אַרבל צום טונעל־אַרויסגאַנג, שוין אויף יענער זײַט פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט און זיך נערוועז צוגעהערט צו די אַפּלאָדיסמענטן:

– בײַ מיר וועלן זיי גאָרנישט פֿאַרשטיין, בײַ מיר דאַרף מען לייענען מיט די אויגן, די אַלע טאָפּלפּונקטן, קלאַמערן...

– איר קענט נישט דעם סאָוועטישן לייענער, – האָב איך אים געפּרוווט אײַנשטילן, – פֿאַרשטיין וועלן אַלע, און פֿאַר אַלעמען – די אוזבעקן...

– עדאָאַרדאָ סאַנגווינעטי, איטאַליאַ! – האָט זיך דערטראָגן פֿון אינעווייניק.

אַ שמיץ געטאָן די ביטשיקעס, זענען מיר אַרײַנגעלאָפֿן אוןביידע אַרויס אויפֿן ראַנד פֿעלד, ווו ער האָט זיך געשטעלט פֿאַרן מיקראָפֿאָן אין שײַנקרײַז פֿונעם פּראָזשעקטאָר, און איך בין געבליבן שטיין עטוואָס הינטער אים, אין האַלבליכט.

---

[1] Editore Feltrinelli, Milano 1978

io penso rose e vedo musiche di rose e sento colori di rose rosa (con qualche punta di garofani, forse di dalie: ma molto in secondo piano): sarà un effetto…

סאַנגווינעטי האָט אָפּגעלייענט זײַן ״פּאָסטקאַרטל № 52״, איצטער בין איך געווען אין דער ריי...[1]

איך באַטראַכט די רויזן, כ׳זע די רויזן־מוזיק, איך דערשפּיר בײַקאָלירן פֿון ראָזעווע רויזן (מיט אײַנצלנע פֿינטלעך פֿון געאַרגינען און נעגעלעך: אויפֿן הינטערפּלאַן) צי ס׳איז עפּעס, קאָן זײַן אַ ספּעציפֿיש־עפֿעקט פֿון טאַשקענט: אַ מיראַזש

צי שוין אפֿשר אַ ווונק פֿון דעם אַלקאָהאָל, פֿון זײַן פּרײַז וואָס ער שטײַגט שוין אין מיר, אין די שווער אָנגעבראָקנעטע ווענעס); יאָ, ס׳אויך דער פּרײַז:

א) פֿאַרן גרינעם (אָן צוקער גאָר) טיי,

ב) פֿאַרן אַראָמאַטיזירטן שטיקל זייף אין דער וואַנע,

ג) פֿאַר דער קאַווע (טערקיש, אויף האַלב צעפּירט) – דינסטיק פֿרימאָרגן

אין וועסטיביול פֿון אַ קולטורהויז; דאָס איז דער פּרײַז:

ד) פֿאַר סיגאַרעטן רונאָ און

ה) ראָסיִיסקיִע – בקיצור:

ו) דער חשבון (דווקא ניט אַזאַ גרויסער) פֿאַר דער שוואַרצער טראָפּישער רויז (כ׳מיין דעם מישמאַש, אינקלוסיוו אַ דעם רעש, דעם אומענדלעכן); נאָר ווען כ׳קען אויף אַ רגע

יענע טראָפּישע רויז אַרומנעמען, אַ שמעק טאָן, ווײַט ערגעץ אין דרויסן,

אין אַ גאָרטן, קאָן זײַן, מיט אַ שטילער גאַזעל: איך מיין

די גאַזעל וואָס באַשאַפֿן געווען איז בשלמות פֿון פֿײַער און וואַסער און רויזן.

איך האָב פֿאַרענדיקט און די טריבונעס האָבן אָנגעהויבן פּליעסקען, מ׳האָט געפּליעסקעט און געפּליעסקעט, אַפּלאָדירט און אַפּלאָדירט, און איך האָב שוין געהאַט אַ געפֿיל, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי... כ׳האָב זיך אומגעקוקט: אויפֿן פּעלד בין איך געשטאַנען אַליין – און דאָס פּובליקום, לויט דער אינסטרוקציע, האָט געפֿאָדערט דעם אויטאָר... איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צום טונעל – און אַרויס. רעכטס – מען זעט קיינעם נישט. לינקס – קיין לעבעדיקע נשמה... אַנו־אַנו... אין דער ווײַטנס, אין די פּוסטע דעמערונגען – עפּעס אַן אײַנגעשרומפּטע פֿיגור, צוגעפֿאַלן צום פֿײַערשוץ־קאַסטן.

– עדאָאַרדאָ!

ער האָט געוויינט ווי אַ קינד – געוויינט און געכליפּעט, אַראָפּגעשלונגען שווערע טרערן און געכאַפּט דעם אָטעם...

– עדאָאַרדאָ!

– אָבער לעוו... ס׳איז דאָך... ניט מעגלעך... צען טויזנט מענטשן... צען טויזנט... האָבן געהערט מײַן ליד...

[1] אין טאַשקענט האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, געלייענט די רוסישע איבערזעצונג. ל.ב.

◄►

פֿאַר "אונדזערע פֿרײַנד" האָט דער סאָוועטסקי סאָיוז ניט געזשאַלעוועט גאָרנישט: דער בעסטער האָטעל, די רײַכסטע באַנקעטן, די שענסטע בויך־טענצערינס נאָכן קבלת־פּנים בײַם ערשטן פּאַרטיי־סעקרעטאַר פֿון אוזבעקיסטאַן שאַראַף ראַשידאָוו, אַליין אַ שרײַבער, מחבר פֿון עטלעכע ראָמאַנען. און – די פּראָפּאַגאַנדיסטישע רײַזע־מאַרשרוטן איבער דער רעפּובליק.

אין סאַמאַרקאַנד אויף דעם מיטל־עלטערלעכן פּלאַץ רעגיסטאַן מיט זײַנע דרײַ מעטשעטן, אין דער מיט – "מעדרעסע שערדאָר", וואָס אויף רוסיש־טוריסטיש רופֿט מען אים גאַנץ פּשוט "Голубые купола" (בלויע קופּאָלן), – אין סאַמאַרקאַנד איז עדאָאַרדאָ צוגעלאָפֿן צו מיר:

– כ'האָב ערשט וואָס אָנגעשריבן אַ געדיכט פֿאַר מײַן צוקונפֿטיק בוך "פּאָסטקאַרטן", גיט אַ קוק ביטע, צי האָב איך דעם נאָמען פֿון דעם מעטשעט ריכטיק טראַנסקריבירט?

איך האָב אַרײַנגעקוקט אין זײַן נאָטיצהעפֿטל און זיך צעלאַכט: "*Golubie pukola*" איז געשטאַנען דאָרט. איך האָב אים דערקלערט, אַז אינעם וואָרט "קופּאָלאַ" האָט ער איבערגעשטעלט צוויי בוכשטאַבן, און "פּוקאָלאַ" קלינגט אויף רוסיש פֿיזיאָלאָגיש, נאָענט צום דײַטשן "pupsen"... סאַנגווינעטי האָט זיך ווי אַ ביסל פֿאַרשעמט, זייער אויפֿמערקזאַם איבערגעשריבן דאָס וואָרט, און אין קלאַמערן (scoreggiare!!!) – מײַן קאָמענטאַר...

קענט איר זיך פֿאָרשטעלן מײַן שאָק, ווען איך האָב שוין אין בוך, מיט יאָרן צוויי שפּעטער, דערזען אין דעם ליד, אַז "cupola" – יאָ, שטייט טאַקע ריכטיק, אָבער אַנשטאָט "golubie" – נאָט אײַך! –"gobulie".

עכּו, דעקאָבער 2002

בלויז געקומען אין לאַנד און דערזען עס מיט אייגענע אויגן, קען מען פּטור ווערן פֿון דער אַלטער פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ

דער אַמעריקאַנער שרײַבער מאַרטין נאַקעל שטאַמט פֿון אַלפּענאַ, מישיגאַן. זײַנע ווערק – פּאָעזיע, פּראָזע און עסייִסטיק – ווערן הויך אָפּגעשאַצט אין דער ליטעראַטורקריטיק, פֿון די וויכטיקסטע דאַרף מען אָנרופֿן: "דער מיטאָס פֿון יצירה", "ראָמאַן", "די ביבליאָטעק פֿון טאָמאַס ריוואַקאַ", "צוויי פֿעלדער, וואָס קוקן זיך אָן און שפּיגלען זיך אָפּ איינער אין אַנדערן". ער איז לאַורעאַט פֿון דעם פּרעסטיזשן "גערטרודע סטײַן־פּרײַז" און אַנדערע פּרעמיעס. נאָך זײַן דאָקטאָראַט בײַם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט איז ער אַ סך יאָרן טעטיק אין דעם טשאַפּמאַן־ און אין דעם סאַן־דיעגאָ־אוניווערסיטעט אַלס ליטעראַטור־פּראָפֿעסאָר, און פֿירט אַ סטודיע פֿאַר יונגע ליטעראַטן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

אין זײַן ערשטן בריוו צו מיר, מיט אַכט יאָר צוריק, האָט ער צוו"אַ געשריבן: "איך האָב אויך באַקומען אַן ערנסטע ייִדישע אויסבילדונג, זיך באַשעפֿטיקט מיט פֿאַרשידענע אַספּעקטן פֿון ייִדישער קולטור, און די ייִדישקייט מײַנע, ווי אַ מין 'לויכטנדיקער הינטערגרונט', האָט כסדר באַגלייט מײַן קינסטלעריש און שטייגעריש לעבן. איך לייען ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, בין ניט שלעכט באַקאַנט מיט דער ייִדישער מיטאָלאָגיע. אין מײַנע לערן־פּראָגראַמען פֿיר איך תּמיד אַרײַן פֿאַר די סטודענטן אַ קורס, וואָס כאַפּט אַרום די אָדער אַן אַנדער תּקופֿה פֿון ייִדישער געשיכטע אָדער קולטור".

זומער 1997, געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין ישׂראל, האָט ער מיך באַזוכט אין עכּו, ווו מיר האָבן פֿאַרבראַכט מיט אים און זײַן רבֿקהן (אַ זעלטענע קראַסאַוויצע!) אַ פּאָר אומפֿאַרגעסלעכע טעג. אָנהייב 1999 האָבן מיר זיך ווידער געטראָפֿן – שוין אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווו איך האָב אים באַקענט מיט שמואל באַט, און זיי זענען געבליבן חבֿרים ביז די לעצטע טעג פֿון דעם ייִדישן שרײַבער.

אין דער פֿאָלגנדיקער קאָמפּילאַציע פֿון אונדזערע שמועסן מיט מאַרטין נאַקעל אין ישׂראל ווערט באַהאַנדלט די פּראָבלעם פֿון ייִדישער זעלבסט־אידענטיפֿיצירונג, וואָס פֿאַר אים, דעם ענגליש־שפּראַכיקן שריפֿטשטעלער, איז דאָס ווײַט ניט קיין "טעאָרעטישע" פֿראַגע.

ל.ב.

"דאָס שאַפֿן פֿון מאַרטין נאַקעל טראָגט אויף זיך די לאַסט פֿון מענטשלעכע לײַדן מיט ווירדע און גײַסטיקן פֿלאַם... אויך בײַ אים – נאָך מאַרקסן און פֿרוידן, נאָך קאַפֿקאַ, באַבעל און באַשעוויסן, ווערט אַ פּרווו געטאָן אַרײַנצודרינגען אין די סודות פֿון עקזיסטענץ און זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעמאָנסטרירן עפּעס אַ קענטעניש דאָרט, ווו קיין קענטעניש איז בכלל ניט פֿאַראַן... און קיין שום אַנדער טיפֿ דענקען האָט אונדז ייִדן משה פּשוט ניט איבערגעלאָזט"

יודזשין גאַרבער

ל.ב. וואָס האָט דיך באַוועגט סוף־כּל־סוף צו באַזוכן ישׂראל? דײַן ייִדישער "ייִחוס"? אפֿשר דײַן רעליגיעזער חוש? היסטאָרישער נײַגער? צי אפֿשר רופֿן דיך אין וועג, ווי אַ מאָל דײַן באַרימטן לאַנדסמאַן דזשאָן ריד, די "הייסע ברענפּונקטן" אויפֿן פּלאַנעט?

מ.נ. ניין, געקומען בין איך צו געזעגענען זיך, מיין איך, מיט די אַלטע חלומות מײַנע און אילוזאָרישע טרוימען, פֿאַרבליבענע אין מיר נאָך פֿון קינדהייט. און ווי האָט עס אַנדערש געקענט זײַן, אַז אַלע מײַנע קינדער־יאָרן האָב איך געהערט "איבער אַ יאָר אין ירושלים"?... מיטן גלויבן אָדער ניט־גלויבן האָט עס בײַ מיר גאָרנישט צו טאָן... אַגבֿ, די נשמה פֿון אַ גלות־ייִדן האָט גוט פֿאַרשטאַנען דזשיימס דזשויס, וואָס אַליין איז ער קיין ייִד ניט געווען. אין "אוליס" באַשרײַבט ער זײַן פּערסאָנאַזש לעאָפּאָלד בלום, ווי יענער הערט ניט אויף צו חלומען פֿון עפּעס אַ פֿאַרם אין טבֿריה אויפֿן ברעג כּנרת... ווייסט, בלויז געקומען אין לאַנד און דערזען עס מיט די אייגענע אויגן, קען מען פּטור ווערן פֿון אַלטע אילוזיעס, פֿון דער פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ... זעסט אַ רעאַלע שטאָט – ירושלים. אַ רעאַלע גאַס. אַ רעאַלע גרופּע מענטשן, אָנגעטאָן אין חסידישע מלבושים וואָס זיי האָבן געטראָגן אין אייראָפּע מיט כּמעט דרײַ הונדערט יאָר צוריק, זענען אָבער זיכער, אַז די קאַפּאָטעס און מינהגים זייערע האָבן זיי געבראַכט פֿון דאָרטן צוריק, הייסט עס אַהיים. בײַ דעם קלימאַט און בײַ דער לאַנדשאַפֿט!... די רעאַליטעט, דו ווייסט ווי ס׳קומט פֿאָר, טרעט פּלוצעם אַרויס סופּעררעאַל, סוררעאַליסטיש, און דאָ, אין ישׂראל, איז זי פֿאַר מיר נאָך מער איבערצײַגנדיק, איידער מײַן שטוב אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווו איך וווין ניט ווײַט פֿון דער פֿלאַזשע, פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם "לאַלאַלאַנד"...

וואָס באַשטימט דעם מענטשן ווי אַ ייִד – זײַן גלויבן, דער דת? כ׳מיין נישט. זײַן אָפּשטאַם? אָבער קוק וויפֿל ניט־ייִדישע מענער אָדער ניט־ייִדישע ווײַבער קומען אָן קיין ישׂראל מיט זייערע קינדער, גאַנצע משפּחות, – זיי קומען אַהער אויף שטענדיק, הייבן אָן לערנען אַ נײַע שפּראַך, זוכן עפּעס אַן אַרבעט, ווערן איבערגעגעבענע בירגער פֿון דער מדינה...

פֿאַרשטייט זיך, אַז די לאַגע, בײַ וועלכער די רעליגיעזע אינסטיטוציעס האָבן אַזאַ השפּעה אויף דער טאָג־טעגלעכקייט, קען שוין מער לאַנג נישט דויערן, איר זײַט דאָך אַ ציוויליזירטע געזעלשאַפֿט...

ל.ב. דער סאַמע טראַגישער און סכּנותדיקער ווידערשפּרוך איז בײַ אונדז אָבער ניט דער, וואָס דו האָסט אים איצט אָנגערופֿן. און אויך ניט דער לאַנגדויערנדיקער קאָנפֿליקט מיט דער

אַראַבישער וועלט: דעם אויסערלעכן פֿײַנד, ווי גרויס און ווי געפֿערלעך ער זאָל ניט זײַן, קען מען – דאָס האָט נאָך דוד המלך דערוויזן – באַקעמפֿן אויף אַ טראַדיציאָנעלן אופֿן – מיט וואָפֿן...

מ.ג. ווייסט, אין די יונגע יאָרן האָב איך שטודירט קונסט־געשיכטע, און כ׳געדענק וואָס פֿאַר אַ מאָדנע געפֿיל כ׳האָב געהאַט פֿון די הונדערטער, טויזנטער איקאָנעס און בילדער פֿון קריסטלעכער טעמאַטיק. וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט עס אַלץ מיט מיר? – פֿלעג איך זיך פֿרעגן,– און איך מיט דעם אַלעמען? און עפּעס אַ שטילער פּחד פֿלעגט מיך באַפֿאַלן, אַ מין רייכל פֿלעגט זיך דערטראָגן, אַ ריח פֿון אַנטיסעמיטיזם... יאָ, כ׳בין געקומען אַהער צו דערזען און דערפֿילן: ווי אַזוי איז עס טאַקע, ווען דו געפֿינסט זיך צווישן אייגענע, צווישן ייִדן, אין דײַן נאַציאָנאַלער סבֿיבֿה? וואָס ענדערט זיך פֿאַר דיר, אָדער ס׳ענדערט זיך אפֿשר גאָרנישט?

ל.ב. ״אַנטיסעמיטיזם״... ״נאַציאָנאַלע סבֿיבֿה״... דער אמתער, ווי געזאָגט, גזר פֿאַר מדינת ישׂראל ווערט דאָ גראָב פֿאַרשוויגן. ער זיצט בײַ אונדז, בײַ אונדז אַליין אין די ביינער – אין דער אינערלעכער אָפּגעזונדערטקייט צווישן מאַסיווע עטנישע שיכטן פֿון אַזוי גערופֿענעם ״עם אחד״, אונדזער כּלומרשטן גוף. צווישן יענע אומצופֿאַסעוודיקע, זיך אָפּשטויסנדיקע טיילן פֿון דעם האַלבקינסטלעכן אָרגאַניזם; צווישן גאַנצע פֿעלקערשאַפֿטן, וואָס בילדן הײַנט אָט דעם ״עם״. און כ׳וויס נישט, וואָס ס׳וואָלט דאָ פֿאָרגעקומען, ווען גאַנץ ישׂראל האָט הײַנט ניט פֿאַר די אויגן אָט אָ דעם אויסערלעכן שׂונא, דעם גולם, דעם גלות... אין אָט דער נײַער לעבנס־סיטואַציע איז די דעפֿיניציע ״ייִד״ געוואָרן פֿאַר מיר אַ צו ברייטער, קאָנטורלאָזער באַגריף. געבוירן אין רומעניע און אויסגעוואַקסן אין סאָוועטישער מאָלדאַוויע, האָב איך אַלע מײַנע קינדער־יאָרן געהערט ״מיי, זשידאַנולעי!״, און שפּעטער, לעבנדיק אין אוקראַיִנע און אין רוסלאַנד – ״זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ״. מיט דעם שטעמפּל זענען דאָרט געוואַקסן מײַנע קינדער, אָבער ווייסטו ווי מען רופֿט אונדז אָן דאָ? – ״חזירים רוסים״! אַ וואָרטקאַלקע פֿון דעם ״russisches Schwein״, אַן ״איבערפֿלאַנצונג״ פֿון דעם סאָלדאַטיש־דײַטשן וואָרטשאַץ בעת דעם צווייטן וועלטקריג... האָב איך זיך דאָ צוריק טאַקע אומגעקערט צו דער היסטאָריש באַרעכטיקטער זעלבסט־אידענטיפֿיקאַציע – ״אַשכּנזי״...

מ.ג. אונדזער ייִדישקייט, מיין איך, נייטיקט זיך ניט אין אַ שטרענג־פֿאָרמולירטער דעפֿיניציע... פֿאַרשטייט זיך, די אינטערפּרעטירונגען פֿון יעבֿץ[1] זענען מיר ממש נעענטער, איידער דער תּלמוד גופֿא. מאַרטין בובערס ביכער קען איך לייענען ווי פֿילאָסאָפֿיש־עטישע שריפֿטן, מיר שטערט נישט זייער רעליגיעזער אינהאַלט. איך פֿאַרגעס אָבער נישט, אַז בײַ אונדז, ייִדן, איז אַ סך פֿריִער געשטעלט געוואָרן די ״To be״־פּראָבלעם – האַמלעטס ״זײַן צי ניט זײַן״? דער חוש פֿון געהערן צום ייִדנטום וואָרצלט ערגעץ אינעם אונטערבאַוווסטזײַן, דאָס איז ניט קיין פֿראַגע פֿון ״וועלן״ צי ״ניט וועלן״ זײַן אַ ייִד, פֿון קאָנצעפּציעס און אַמביציעס. אָבער אַז דו פֿרעגסט מיך שוין, בין איך געקומען אַהער זיך אַ ביסל אַרומצוקוקן אויף דער וועלט און אין מײַן אייגענעם לעבן. זע איך: אַלץ וואָס כ׳וואָלט דאָ געקענט געפֿינען פֿאַר זיך – איז שוין פֿאַראַן אין מיר, און דאָס וואָס ס׳פֿעלט אויס, – וועל איך שוין קיין מאָל אין ערגעץ ניט קריגן. אַזוי אָדער אַנדערש – אָבער איך זע זיך אין וועג.

עכּו, מײַ 2004

---

[1] יוסף בדחיים, פֿילאָסאָף און תּלמוד־קאָמענטאַטאָר, געבוירן סוף 15טן יאָרהונדערט אין פּאָרטוגאַל.

◄►

מאַרטין נאַקעל

אין וועג

מיר זענען שטיין געבליבן
ווען דערהערט האָבן מיר אין דער ווײַטנס
אַ געשריי...

און ווידער שאַ־שטיל.

דאָס איז אָנגעקומען פֿון דאָרטן פֿון וואַנען מיר זענען אַרויסגעגאַן,
אָדער אפֿשר פֿון דאָרטן וו׳הין מיר האָבן געהאַלטן דעם וועג.

געשטאַנען. זיך צוגעהערט.
געשוויגן. יענץ אָרט
– האָבן באַשלאָסן מיר –
איז דער מקור פֿון סוד.

מיר זענען געשטאַנען. זיך צוגעהערט.
געקוקט. באַטראַכט יעדן פֿעלדז.
יעדן בוים. יעדן שאָטן און שאָרך.
אַלץ. אַרום און אַרום.

בבֿל מאָנט כאָטש איין ליד

לעאָנאַרד שוואַרץ איז געבוירן געוואָרן אין 1963 אין ניו־יאָרק. דעביוטירט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע מיט דעם ליד "Exiles: Ends" ("דער קץ"), און דעם פֿאַקט, וואָס שוין דער דעביוט זײַנער איז געווען טעמאַטיש אַ "ייִדישער", האַלט דער מחבר פֿאַר זייער אַ וויכטיקן אין זײַן פּאָעטישער ביאָגראַפֿיע: דאָס ליד האָט פֿון אָנפֿאַנג אָן אידענטיפֿיצירט דעם אויטאָר און דעם שווערפּונקט פֿון זײַן שאַפֿן, דעם עיקר פֿון זײַן וועלט־עמפּפֿינדונג, וואָס איז דײַטלעך אויסגעדריקט געווען אין די לעצטע שורות פֿון ליד:

...זיך דערמאָנען אָן שטעט: די קאַטשקעס וואָס שווימען שטום־שטיל
אויף די מיזרח־בערלינער מיט בלעטער פֿאַרשאָטענע וואַסערן,
דער שמוץ נאָך דעם קריג ליגט נאָך אַלץ אויף די גאַסן.
אָן עלעגישע נאַכט, די שפּעט־האַרבסטיקע גראָזן
און דער שטאָלץ צו אַנטדעקן: דער טעמפּל Kristallnacht
אַ קרישטאָל־רײנע נאַכט און דער קוואַל פֿון אויפֿרעגונג:
די אײַנגעפֿאַלענע, מיט ברעטער פֿאַרקלאַפּטע שיל,
די געבורט פֿון דעם גלות־סטיל.
דאָס אומקערן זיך צו דעם חורבן, נאָך און ווידער אַ מאָל, אָן קיין אויפֿהער,
צונויפֿזאַמלענדיק אין זכרון דעם חושך און פֿאַרויסזעענדיק אים
אין דעם צײַטרום. אַ ביטערע קעלט. די שטערן מיט זייער
געטריקנטער מילך. דאָס זאַפֿן דעם טרויער. ערגעץ דאָרט איז די מויער.
פּוכלע איינזאַמקייט וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין שטיין. בלעטער, זָבֶל.
דער עקסאָדוס־עקסיל־עליקסיר פֿאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ –
יענע נאַכט, דער שוימיקער הבֿל.

"ווען איר ווייסט, – שרײַבט מיר אין אַ קורץ בריוועלע דער דיכטער,– וואָס פֿאַר אַ כּבֿוד און וואָס פֿאַר אַ פֿרייד דאָס איז פֿאַר מיר: מײַן "נײַער בבֿל" וועט אָפּגעדרוקט ווערן אויף ייִדיש... טאַקע אויף ייִדיש פֿלעגן רעדן מיט מיר די באָבע און דער זיידע, און כ'מיין, אַז נאָך הײַנט אַפֿילו וואָלט איך געקענט פֿאַרשטיין אַ ייִדישן טעקסט אין אַ לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע...".

דער אינטערעס צו זײַן ייִדישן אָפּשטאַם איז שוין תּמיד געווען בײַם פּאָעט אַ טיף־ממשדיקער: אין די 80ער קומט ער קיין ירושלים און פֿאַרבלײַבט דאָרט אויף אַ לענגערער צײַט – לערנט תּנך־העברעיִש אין אוניווערסיטעט. "אַ סך אויסצולערנען – איז ער זיך מודה, – האָב איך דעמלט, דעם אמת געזאָגט, ניט באַוויזן: די שטאָט האָט מיך אַזוי פֿאַרבלענדט און פֿאַרפֿירט...".

לעאָנאַרד שוואַרץ איז באַקאַנט ווי אַ דיכטער און עסייִסט, אין זײַן ביבליאָגראַפֿישער רשימה ווערן קודם־כּל אָנגערופֿן די "ווערטער צום אַרויסברענגען", "גנאָסטיק־ברכה" און אַ בילעט צום ראַנד פֿון די חפֿצים". זײַן לידער־זאַמלונג "דער טורעם פֿון כּלערלייִקע ברעגן" איז דערשינען אין דעם פּרעסטיזשן "Talisman"־פֿאַרלאַג.

"לעאָנאַרד שוואַרץ, – שרײַבט דער "American Book Review", – אַרבעט דערפֿאָלגרײַך אין אַ טראַדיציע, וואָס פֿאָדערט פֿון אירע נאָכפֿאָלגער אַ קלאָרקייט אין אויסדריקן קאָמפּליצירטע

גערדאַנקען, ווי אויך אַ הויך־לירישן ריינעם טאָן, מיט וועלכן דער פּאָעט באַהאַנדלט די עקזיסטענץ...״.

וועגן זײַן ליד (אָדער קורצער פּאָעמע) ״נײַער בבֿל״ זאָגט זיך דער דיכטער אַרויס בלויז אין עטלעכע ווערטער: *״כ׳האָב געמאַכט אין ניו־יאָרק אַ פּרווו עפּעס אויסצולויכטן, אויסצוליכטיקן עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן אַ ביסל אַנדערש איידער ווידער די זעלביקע אומזיניקע שינאה און דאָס מאַניפּולירן מיט דער בלינדער אומזיניקער שינאה...״.*

ל.ב. עכּו, פֿעברואַר, 2002

דער נײַער בבֿל

בבֿל איז, קודם־כּל, דער בבֿל־טורעם, זײַן פֿאַל, און שוין דאַן איבעראַל
דער לשונות־מישמאַש און דאָס מאַניפּולירן מיט ווערטער.

בבֿל איז – די אורשפּראַך, וואָס נאָך פֿאַר דעם ווערן אַ לשון, איז שוין דאָס אַ ליד.

בבֿל איז – נול און באָדן, מיטל־ענגלישער גרונט מיט אַראַבישער ציפֿער,
לאָמיר זאָגן, ס׳איז נול־ערד.

בבֿל איז – האַרץ־חוצפּה, אַ דעמיורג, זיקוראַט פֿון דעם לשון אַכּד,
אָנגעשטעלט אין דער זון, אין זײַן מויל וואָס אין אים – נאָך איין מויל:
דער מענטש שאַפֿט זיך געטער.

דאָ, ווּ ס׳זענען געשטאַנען דער צפֿון־ און דרום־פּאַלאַס, גענעצן הײַנט
רויכיקע אָפּגרונטן, און דעם רויך פֿון די חפֿצים צעטראָגן שוין כלערליי בריזן.

אין אָט דעם ווינטנרויך ווערן שוואָרמען די לײַבער, מיר אָטעמען אײַן
איינער דעם צווייטן: אונדזער בבֿל און זייער קאַבול.
אַרעס פֿאַרמערט זיך הויך איבער הויפּטשטעט: פֿורניטור־שטיקער
פֿון די פּילאָטן־קאַבינעס, פֿליִען, אויסלענדער פּינטלען נאָר מיט די אויגן
אויף מאַרסיאַנישע קראַטערס.

בבֿל איז – קאַבול, ביבל אין עפּעס אַ שופֿלאָד אין אַ מאָטעל־גאַרדעראָב
ערגעץ אין בירמינגעם צי אַלאַבאַמאַ, אויף דער עספּלאַנאַדע
פֿון Battery Park צי אין דעם וואַרטזאַל אין סאַנטאָ דאָמינגאָ.

דאָס מיידל פֿון קאַשגאַר, אין אַ רויט קליידל, שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן,
אַ יאָר דרײַצן, קוקט אַנטציקט אויף אַ פֿרעמדלענדערין, און באַמיט זיך אַרויסברענגען
מיט די צאַרטלעכע ליפּן דאָס איינציקע וואָס אין זכרון אויף ענגליש איז דאָ:
How do you do? –

אונדזער זשוואַוועער, צעהיצטער, משוגענער בבֿל, שוין עפּעס איבערגעשמוגלט,
אין גאַנצן פֿאַרלוירן די בושה און זוכנדיק ווייסט ער שוין וואָס אין דער הייך.

בבֿל: מעסאָפּאָטאַמיע, תּחילת סופּער־כּוח פֿון די תּקופֿות –
אָפּגעשטראָמט פֿון גילגאַמעש, פֿון אורוק – דו ביסט איצטער איראַק.

בבֿל – דו ביסט באַגדאַד און בעלגראַד, און דאָס הייפּעלע אונדזערס,
דו האַנדלסט מיט נעמען, פֿירסט אַ האַנדל מיט זיך אַליין.

דרײַ שפּראַכן פֿאַראַן אין בבֿל, נאָר עס שטאַמלען דרײַ טוויזנט,
דער World Trade Center ווי אַ צניפּל לעפּעטשעט –
כאָטש בינד אים אונטער אַ פֿאַרטעכל.

דאָס צניפּעלע פּלאַפּלט עפּעס אַ סאַגע פֿון לייבן, וואָס פֿרעסן אויף ביכער.
די לייבן האָבן שוין אויפֿגעפֿרעסן אַלע ביכער, און בבֿל איז גופֿא
אַ בוך אויף די פּאָליצעס אין דער ביבליאָטעק פֿון צופֿאַל־געשעענישן.

בבֿל ווייסט נישט פֿון אַדל און פּעבל, יעדע צונג איז באַרעכטיקט –
באַשמיר זי מיט פּוטער!

אָט איז ער, דער סערף וואָס האָט בבֿל אונטערגעשניטן, און אָט איז
דער אַקערשניט, פֿון וועלכן ס'איז בבֿל אַרויס –
און קיין איינציקער קערן האָט זיך דער קלינג ניט אַנטקעגנגעשטעלט.

מיט טרויער האָט בבֿל אַרומגעוואַשן זײַנע אָבֿות, מיט לאַנגזאַמע ווערעם
זײַנע גרינדערס באַלוינט.

בבֿל – דער שויס, דאָס געבוירן־אָרט פֿון הייבקראַנען אויף צו אויפֿבויען
כּל־מיני פֿאַרברעכנס, זײַן לעבנסוועג איז – אַ קינזשאַל און אַ קריג, –
און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַ קאַטאַסטראָפֿע אין בעט.

די וואָס אָנגעשערט האָבן קופּאָנעס מיטן אויפֿגעמאַכטן בבֿלס גאָלמעסער –
זענען פֿון דעם געבוי־מיסט געבוירן: פֿון צוויי בייזע ביתן:
דער פֿאָטער – אַ בית, און די מוטער – אַ בית, און די הייליקע יענע באַבונען
זענען געשטאַנען דאָרט אויף דער וואַך, די אומגעגנטן פּאַטראָלירט.

בבֿל איז – בודאַ וואָס באַגייט זיך אָן ווערטער,
בבֿל איז – פֿאָרן זיך, מבול און שלאַק, דונער און וואַלפֿיש־געברום.
בבֿל איז – טענות, בבֿל איז – האַק, בוש־בין־לאַדען און רום.
בעת עס קרישן זיך פֿעלדזן־פֿאַסאַדן און די הויכע הוידען זיך פֿענצטער –
שטייט Mr. FBI אין אַ זײַט: "ס'טוט מיר לייד".

דאָס לעפּעטשען פֿון ים־וועלן, ס'לעפּעטשען פֿון ווערפֿן,
פֿון די סופּערמאַרקעטס און קרעמלעך,
פֿון דער שטאָט, אַזוי שטאָלץ מיט איר אײַזן, מיט פּיפּיקע קעפּ –
וואָס איז אָבער נאָך דאָ צו לעפּעטשען? – ס'איז גאווה און פּולפּיט,
פּוסטע רייד, אָדער ווערטער אויף דער שפּיץ צונג, אָדער אפֿשר ס'דערשפּירן
שוין דעם קינפּטיקן אומגליק מיט די נאָזלעכער ווי בײַ דעם אָקס.

כ׳נעם אים אויף אַזוי ווי ער איז, דעם בבֿל־טורעם.

איך בין גרייט פֿון אַ גרעזעלע כאָטש צו געניסן, כ׳זאָל אָבער וויסן,
אַז ס׳איז ערגעץ פֿאַראַן אַ סאַבוויי, אַן אורידיאָ־סטודיאָ
צי דאָך עפּעס אַ סימן פֿון זיי – איך זאָל גלייבן,
אַז נאָך ניט אַלע מענטשן שוין האָבן חרטה וואָס זיי לעבן.

איר ווילט וויסן די סיבה פֿון דעם פֿאַרהיקען זיך און זיך ספּאָטיקען?
איר ווילט זען דעם אבֿן־נגף? – צי אין דער אמתן האָט איר אין דעם אַזאַ נויט?

די טורעמס שאָקלען זיך אויפֿן ווינט ווי אַ שיכּור וואָס זוכט שוין אַ פּלויט,
ווי ס׳וואָלט איינער זיך אָנגעשאָסן – און בעבדזשעט, און דברט, און רעדט,
און קען זיך ניט ספּראַווען מיט דער אייגענער צונג –
מיט זײַן שלעכט־געפּירטער מאַריאָנעט.

ט׳האָט איר די בעקערײַ מיט קוכנס פֿון פֿײַער, מיט לאַטקעס פֿון פּחד און גלוט,
מיט גוואַלדאָוועגע ברויטלאַבנס, באַשפּריצטע מיט בלוט.
ט׳האָט איר פֿלייש, מיט ראָסל באַשפּריצט, דעם צעבראָקטן אַספֿאַלט
– רויט אויף שוואַרץ –
און דאָס ווויען פֿון וועלף אויפֿן שמאָליקן מולד, וואָס ס׳הײַנט אײַער האַרץ.
בבֿל – אַ שפּילער, האָט פֿאַרשפּילט די באַליסטיק־בייז־באָל־שפּיל אין הימל.

בבֿל – אַ סטרעמפּל בײַ דיר אין דעם מויל,קלינגט זיס ווי אַ פֿלייט,
און קלאַפּט ווי אין פּויקן מיט טראָפּנס – אַ געפּערלעכער גרימל.

די טורעמס מיט זייערע קלעטער־פּעדעמלעך דערמאָנען אין ווײַנטרויבן־לאָזעס,
אויף קראַטעס: אָט איז ער – דער חורבן, וואָס אים האָט געפֿאָדערט
גאָט דיאָניסאָס, דער גריך,
צו דער טרעפֿונג פֿון מיזרח מיט מערבֿ, ניט וועלנדיק אײַנגיין
אויף קיין שום, ווי דאָס הייסט, זיך אָפּזאָגן פֿון דעם אייגענעם ״איך״.

בבֿל – אַ פֿעסטיוואַל מיט אויפֿרופֿן, רייד, באַוואָפֿנט מיט פֿאַקלען, טרוימען,
אָפּגעשאַפֿטע דורך שענערע טרוימען – און דער אמת
פֿון יעדן ווולקאַנישן קראַטער, פֿון Big Bang, דעם קאָסמישן ווילד־נס
וואָס רײַסט אויף פֿונעם שלאָף אונדז, די שלוכט צווישן ״ס׳אַ צופֿאַל אַ מין״
און ״ס׳פֿאַרטראַכט מיט אַ שרעקלעכן כּיוון געוועזן, אלהים!״.

דער ״B-1״ – באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן, האָט אַ וועג דאָ געבויעט צום קריג
מיטן קריג־שלאָג, און צום קריק־שלאָג אין ענטפֿער אויף קריגשלאָג,
און צום קריגשלאָג אויפֿן שלאָג אויף צוריק!

אָ, די געטאָ, דער פֿאַרשפּאַרטער ראַיאָן און די שטאָט – אונדזער אַנגסט־רעפּובליק.

בבֿל – אונטערגעבלעך געגוג צום באַוועגן זיך מיטן ווינט,
שטײַף געגוג, אַז דו זאָלסט ניט באַמערקן, אַז אין לופֿט שוין ער שוועבט.
בבֿל – אַ גומע־בלעזל צו דײַן פּנים צוגעקלעפּט.

דאָ־זײַן – איז בבֿל, ניט־זײַן – איז בבֿל. בלויז – בײַזײַן... וואָס נאָך פֿאַראַ בראַנד?
וואָס הייסט אויפֿרײַסן? וואָס הייסט באַזעצן אַ לאַנד?
דער הייליקער אויפֿרײַס. דאָס הייליק־באַזעצטע לאַנד.

בבֿל – אַ געשריי פֿון אַ מענטשן וואָס פֿון אויבן טוט זיך אַ וואָרף צו דער ערד
און דעם מענטשן וואָס פֿאַלט און שרײַט לעבן אים – ניט הערט.

בבֿל – אַ רגע פֿון פֿליִען־געפֿיל אין קאָשמאַרישן בבֿל־חלשות.

בבֿל – אַ זוניקער שטראַל גיט אין באָדן אַ זעץ, אין דער ערד,
און צערינט זיך מיט שײַנריטשקעס, שטראָמלעך שײַן – אָט אַזאַ מינענפֿעלד.

און אויב אַרכיטעקטור איז פֿאַרשטאַרטע מוזיק, זענען די פֿאַררויכערטע שטשערבן –
אַ ניגון פֿון אַ בית־עולם, ווי פֿײַער צעגליט.

בבֿל וויל, מען זאָל אים באַזינגען, ער מאָנט כאָטש איין ליד.

דער פּראָמינענטער רוסישער דיכטער – אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו

דעם פּאָעט פּאַרשטשיקאָוו קען מען פֿאַרגלײַכן מיט אַ מוזיקאַנט
וואָס האָט אַליין אויסגעמײַסטרעוועט פֿאַר זיך אַ נײַעם אינסטרומענט
און האָט זיך אויף ס׳נײַ אויסגעלערנט צו שפּילן אויף אים.

קיריל קאָוואַלדזשי

דער דיכטער, עסייִסט און איבערזעצער אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו איז געבוירן געוואָרן 1954 אין דעם ווײַט־מיזרחדיקן סאָוועטישן פּאָרט אָלגאַ. געלעבט אין קיִעוו, דאָנעצק, מאָסקווע, סאַן־פֿראַנציסקאָ, באַזל און קעלן. פֿאַרענדיקט די לאַנדווירטשאַפֿט־אַקאַדעמיע און דעם ליטעראַרישן מאַקסים גאָרקי־אינסטיטוט, שפּעטער – די סטענפֿאָרד־אַספּיראַנטור, ווו ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם פֿון קונסט־מאַגיסטער, אָבער זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער אַקאַדעמישער קאַריערע און אַריבערגעפֿאָרן קיין אייראָפּע. לאַורעאַט פֿון דעם פּרעסטיזשן אַנדריי בעלי־פּרײַז און מיטגליד פֿון דעם רוסישן .P.E.N־צענטער.

פּאַרשטשיקאָוו איז באַקאַנט געוואָרן אָנהייב 80 ער, גלײַכצײַטיק מיט נאָך צוויי פּאָעטן – איוואַן זשדאַנאָוו און אַלעקסאַנדער יערעמענקאָ: אין איינעם האָבן זיי געגרינדעט אין מאָסקווע אַ ליטעראַטור־גרופּע, וואָס די קריטיקער האָבן איר דעמלט געגעבן פֿאַרשיידענע נעמען – ״מעטאַ־מעטאַפֿאָריסטן״, ״מעטאַרעאַליסטן״, אד״גל.

אין איין צײַט מיט זיי האָט זיך אין מאָסקווע אָרגאַניזירט אַן אַנדער גרופּע פּאָעטן, וואָס איז אויך אַרײַן, קען מען שוין הײַנט זאָגן, אין דער רוסישער ליטעראַטור־געשיכטע – די ״קאָנצעפּטואַליסטן״, פֿאָרגעשטעלט, דער עיקר, אויך מיט דרײַ נעמען: דמיטרי פּריגאָוו, לעוו רובינשטיין און טימור קיבּיראָוו. צו גוטן, צי ניט, נאָר די ביידע גרופּעס האָבן אין משך פֿון די לעצטע פּאָר יאָרצענדליק געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער עוואָלוציע פֿון דער סאָוועטישער און נאָך מער – פּאָסט־סאָוועטישער רוסישער פּאָעזיע.

אין די צוויי גרויסע אַנטאָלאָגיעס – ״מעטאַרעאַליסטן״ און ״קאָנצעפּטואַליסטן״ (מאָסקווע, 2002) ווערט די צווייטע גרופּע רעטראָספּעקטיוו באַטראַכט ווי אַן עסטעטישער און קולטור־אידעאָלאָגישער אַנטיפּאָד און אַ קעגנגעוויכט צו די ״מעטאַפֿאָריסטן״. אין די 80ער־90ער יאָרן האָבן די ״קאָנצעפּטואַליסטן״ געהאַט בײַם פּובליקום, הויפּטזאַכלעך בײַם יונגן, אַ גרעסערן דערפֿאָלג איידער די ״מעטאַ־״, און ביז הײַנט נעמען זיי נאָך אונטער, מיט זייערע אַבסורדאַל־חוזק־מאַכערישע קאָמפּאָזיציעס, טורנע־רײַזעס איבער גאַנץ מערבֿ־אייראָפּע. מיר אָבער האָט תּמיד עפּעס געשטערט זיי צו סימפּאַטיזירן, אפֿשר די כיטרע מינע וואָס ליגט זיי אויפֿן פּנים און אויף דער שאַפֿונג. עפּעס דערמאָנען זיי מיר יענע חכמים און אַרײַנזאָגערס פֿון קאַשאָן, מײַן געבוירן־שטעטל, ווו מיר האָבן געלעבט אַ קורצע צײַט אויך נאָך דער מלחמה. אַגבֿ, די אַנטיסעמיטן רופֿן אָן דעם דאָזיקן טריִומוויראַט ״רוסיש־שפּראַכיקע פּאָעטן״, מחמת איינער פֿון זיי – פּריגאָוו – איז אַ דײַטש, און די צוויי אַנדערע – ייִדן (אין אונטערשייד צו די״ מעטאַפֿאָריסטן״, ווו צווישן די דרײַ״ באַגרינדער״ טראָגט נאָר פּאַרשטשיקאָווס פֿאָטער אַ ייִדישן פֿאַמיליע־נאָמען – ריידערמאַן).

בײַ די״ מעטאַפֿאָריסטן״ איז די פֿאַראײניקונג, ווי איך זע עס, בלויז אַ פֿאָרמעלע, באַזירט אויף פּערזענלעכע חבֿרישע באַציִונגען. דאָס זענען דרײַ גאָר פֿאַרשײדענע דיכטער, יעדער מיט זײַן אײגענעם פּאָעטישן קאָסמאָס. בײַ יעריאָמענקאָ, למשל, שטײט אין צענטער פֿון זײַן ווערק דער אַזוי גערופֿענער ״אַרטעפֿאַקט״ – וואָס מײנט אַלץ אין דער אַרומיקער וועלט, יעדן אָביעקט וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון מענטשן־טעטיקײט.

איוואַן זשדאַנאָוו איז, פֿאַרקערט, אַן אינטראָווערט, פֿאַרטיפֿט אין מעדיטאַציעס, אים אינטערעסירט דער פּסיכאָלאָגישער אַספּעקט פֿון דער וועלט־מיטאָלאָגיע, וועלכע ער נעמט אויף – און צו מאָל זײער טראַגיש – אויף אַ פּערזענלעכן אופֿן, ווי אַן אײגענע לעבנס־דערפֿאַרונג.

פּאַרשטשיקאָוו דערקלערט זײַן פּאָעטיק אַזוי: ״אין מײַנע טעקסטן זענען ניט פֿאַראַן קײן שום ״פּערזענלעכע״ אָפּשאַצונגען. דאָס זענען פֿולשטענדיק סוווערענע אָביעקטן, וועלכע קענען, ווי איך גלײב, זיך זעלבסט פּרעזענטירן. פֿאַר מיר איז וויכטיק, אַז ׳רעדן׳ זאָלן זײ – איך אַלײן האָב ווייניק וואָס צו זאָגן... אָבער וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן איז דאָס – אויפֿצושטעלן אין כּוח־הדמיון אַ ניט־געזעענע וויזועל־פֿאָרעם, אַ נײַע פּלאַסטישע זאַך...״.

ווי אַן אילוסטראַציע צו זײַן דערקלערונג קען דינען אַ פֿראַגמענט פֿון דעם ליד ״גלעזערנע טורעמס״:

אין דער פֿרי אויף דער גאַס גײען זײ אָן אַ סדר
די גלעזערנע טורעמס ווי בינטעלעך בײגעלעך
אונטערגעהאָנגענע אונטער דער לײדיקער הײך
(...)
זײ באַשטײען פֿון שפּירבאַרע קײַלעכלעך
זענען עטוואָס העכער פֿון מיטלוווּקס
מיט טערמאָמעטערס לײדיקע אויפֿן שפּיץ קאָפּ
(...)
דו ווערסט גאָרנישט דערזען בלויז דערהערן דעם קלאַנג:
יעדער טאָפּלינג וואָס טײלט זיך פֿון אַנדערן אָפּ
איז נאָך גלעזערנער אײדער זײַן פֿאָרלויפֿער
(...)
און מיט שפּליטערס באַדעקט זיך דער פֿלאַכער שיפּוע
דער שנײ ווײַסער שיפּוע
מיט די סוכּות אין דעם גן־עדן

[1] Artefactum (לאַט׳).

אין פֿאַרשטשיקאָווס פּאָעזיע האָב איך זיך פֿאַרליבט פֿון דעם ערשטן געדיכט וואָס איך האָב געהערט פֿון אים – אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, האַרבסט 1980, אין דער רעדאַקציע "יונאָסט" אין מאָסקווע. איך האָב פֿאַרשפּעטיקט און בין אַרײַן אין דעם ענגן זאַל, ווען אַן אומבאַקאַנטער בחור האָט דײַטלעך אָבער אַזוי מאָנאָטאָן, טראָץ דער רוסישער טראַדיציע צו דעקלאַמירן, געלייענט ווי פֿון עפּעס אַ נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכן רעפֿעראַט: "אונטער אָ דעם הימל, איבער אָ די קוילן / בלאָזט אַרויס דער ציקלאָן מיט אַ מעלעץ־שאָרך / אַ קירבעס, אַן עפּלבוים אָדער אַ בינשטאָק...".

אָפּגעלייענט, האָט ער שטילערהייט פֿאַרלאָזט דעם זאַל. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און גערייכערט.

– אַלעקסיי, איר זײַט פֿון סטאַלינאָ?

– ניין, ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין, האָט שוין די שטאָט געהייסן דאָנעצק. אָבער ווי האָט עס אײַך אויפֿגעבליצט?

דאָס האָב איך ניט געקענט ענטפֿערן. אין עטלעכע שורות, דאָרט אין זאַל, האָט ער אויפֿגעשטעלט פֿאַר מיר, ווי עפּעס אַ שטאָטמאַקעט, די גאַנצע טאָפּאָגראַפֿיע, געאָלאָגיע, לעבנס־שטייגער און פֿאַונע פֿון די הייפֿלעך מיט ערד־חלקים פֿון יענעם אינדוסטריעלן קאַנט, וווּ איך האָב אָפּגעלעבט אַ היפּשן טייל פֿון מײַנע יונגע יאָרן...

אויך הײַנט בלײַבט פֿאַר מיר פֿאַרשטשיקאָוו דער בעסטער פּאָעט אין דער נאָכסאָוועטישער רוסישער ליטעראַטור און דער איינציקער חבֿר מײַנער, פֿאַרבליבענער פֿון יענער תּקופֿה.

– נו, ווען הער איך פֿון דיר שוין אַ רוסיש ליד, – פֿרעגט ער מיך יעדעס מאָל ווען מיר טרעפֿן זיך, – דײַן וויץ האָט זיך עפּעס פֿאַרצויגן, האָ?...

"איך פֿיל נישט, – שרײַבט ער אין אַן עסיי, – אַז איך לעב אין עמיגראַציע, איך לעב אין אַ גלאָבאַלער וועלט, אין איין קאָנטינוום מיט מײַנע נאָענטע פֿרײַנד אין מאָסקווע, אין אַמסטערדאַם, אין ניו־יאָרק...".

– און אין עכּו? – מאַך איך זיך ברוגז.

עמיגראַציע?

"דאָס ניט האָבן יעדן טאָג די מוטערשפּראַך אין אויערן איז נישט אומבאַדינגט אַ קאַטאַסטראָפֿע פֿאַר אַ פּענמענטש, – שרײַבט מיר פֿאַרשטשיקאָוו, – צו מאָל פּונקט פֿאַרקערט: דאָס רייניקט אָפּ, ראַפֿינירט און מאַכט שאַרפֿער אונדז דאָס געהער".

נו־נו.

וואָס ס'איז "שפּראַך־עמיגראַציע" דאַרף מען פֿרעגן בײַ מיר.

פֿאַר די לאַנגע צוויי און צוואַנציק יאָר זעלבסט־פֿאַרשיקונג אויפֿן אומבאַוווינטן אינדזל ייִדיש האָב איך מיך צו דעם דאָזיקן modus loquendi כמעט אַדאַפּטירט: רעדן צום הימל.



③

אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָווס ווײַזגעבונג אינעם יאַסענעווער סטאַוו

עלעגיע

אָ, ווי רייִנבלוטיק איז אין דער פֿרי דער גראַניט׳נער קאַריער,
ווען איך מאַך אַ שפּאַציר און דעם ברעג פֿונעם טײַכעלע כ׳מעסט אויס,
ווען נאָך אַלע בײַנאַכטיקע שפּילן ס׳דערקריכן אַהער
באַרג אַרויף, פֿונעם וואַסער די זשאַבעס – קאָליריקע קעסטלעך.

און מיט טרויבן פֿון בראָשן איז אָנגעשטאָפּט, האָט אַ מין פֿונק
זייער גרינע אומרויִקע הויט אויף די גליטשיקע פּלייצעס.
וועלכע אוצרות ציטערן שטיל בײַ זיי אונטער דער צונג?
ניט אומזיסט פֿלעגן קומען צו זיי די וואָרזאָגערס נאָך עצות.

זיי דערשרעקן זיך ווען ס׳גיט אַ ברעך זיך, ווי אַן עפּל, די שײַן
אויפֿן שפּיגל, און ס׳ברויזט אויף אַ מין נוקלעאַרישער אויפֿרײַס,
נאָר זיי האָבן עס ליב, ווען צוויי וועסלעס זיך זאַנגלען דאָרט אײַן
נאָך דעם שיפֿל – און ס׳טריקנט ס׳געשטרויך אין פֿאַרשימלטן לופֿטקרײַז,

ווו די מיידעלעך שטריקן, און די ווײַבלעך, פֿול רויִג, ווי פֿאַר פֿרייד
כאַפּן פּלוצעם זיך שלאָגן, ליגן ווײַטער ווי גוטע באַקאַנטע.
זיי פֿאַרברענגען די נעכט ווי אין טשעכאָווס אַ פּיעסע – מיט רייד,
און די ווינטערצײַט – טיף אײַנגעפֿרוירן אין אײַז, ווי בײַ דאַנטע.

Алексей Парщиков. "Элегия"

ווערגעליס, ווען איך האָב אין 83סטן יאָר אים פֿאָרגעלייגט עטלעכע מײַנע איבערזעצונגען פֿון פֿאַרשטשיקאָווס לידער, האָט מיר מיט אַ מין צוטרוי באַמערקט:
– דאָס איז, ליאָווע, ניט פֿאַר אונדזער ייִדישן לייענער...
דעמלט האָב איך אין זײַן פֿראַזע דערהערט דעם אַקצענט אויפֿן וואָרט "אונדזער", און פֿאַרשטאַנען עס ווי "סאָוועטישער". הײַנט ווייס איך שוין, אַז געמיינט האָט ער די ייִדישע וועלט מיט איר מער ווי הונדערט־יאָריקער טראַדיציע, וואָס גיט אָפּ די פּריאָריטעט דער סאָציאַל־פּראָבלעמאַטישער דיכטונג. דערקלערן קען מען עס פּראָסט און פּשוט, צי עס העלפֿט אָבער איינעם...

פֿאַרשטשיקאָוו, מײַן ערשטער איבערזעצער פֿון ייִדיש, האָט געהאַט מיט דער דאָזיקער פּראָדוקציע אַ ביסל מער גליק אין דער רוסישער פּרעסע. פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ דער אַרבעט האָב איך אים געמוזט אונטערהעלפֿן, ווײַל ייִדיש קען ער נישט – הגם די מיטלשול אין דאָנעצק, נאָך לאַנג פֿאַר זײַן ווערן אַ באַרימטער פּאָעט, האָט ער פֿאַרענדיקט אונטער דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿון זײַן פֿאָטער – ריידערמאַן[1].

עכּו, אויגוסט 2003

[1] שוין צוגרייטנדיק דעם בוך צום דרוק האָב איך זיך דערוווּסט פֿון דער רוסישער וויקיפּעדיע, אַז דעם פּאָעטס זיידע יצחק ריידערמאַן, אַ באַקאַנטער קיִעווער קינדער־דאָקטער, איז אין 1941 אומגעקומען אין באַבי יאַר. (ל.ב., אויגוסט 2013).

דאָס פֿאַנטאַסטישע, זייער טאַטע־לשון
(צווי ראָמי־דיכטער)

„בײַ מיר אין דער היים“ – אונטער דעם טיטל איז סוף אַפּריל 2002 פֿאַרגעקומען אין דעם רומענישן קוראָרט־שטעטל נעפּטון (*Neptun*) דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָלאָקוויום, געווידמעט דער ליטעראַטור פֿון אייראָפּעיִשע קולטור־מינדערהייטן. אין דעם אוניקאַלן פֿאָרום האָבן זיך באַטייליקט 74 פֿאָרשטייער פֿון 19 לשונות, 10 לענדער. דער פֿילאָלאָגיקער צוזאַמענטרעף איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער



קאָאָפּערירונג פֿון דעם רומענישן UNESCO־פֿיליאַל מיטן שרײַבער־פֿאַרבאַנד און אַנדערע היגע און אויסלענדישע קולטור־ אינסטיטוציעס.

די רעפֿעראַטן האָבן געהאַלטן שריפֿטשטעלער וואָס שרײַבן אויף אַזוי גערופֿענע „מינדערהייט“־שפּראַכן, צו וועלכע – אין געוויסע היסטאָריש־דעמאָגראַפֿישע סיטואַציעס – קענען געהערן אויך „גרויסע“ לשונות, ווי, למשל, רוסיש אין רומעניע אָדער טערקיש אין דײַטשלאַנד.

אָבער אויך די „אויטאָכטאָנישע“ שפּראַכן, ד.ה. אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך וואָס איז היסטאָריש אייגנטימלעך פֿאַר דעם דאָזיקן לאַנד, – אויך זיי געפֿינען זיך הײַנט אין אַ גרויסער געפֿאַר, מחמת דער גלאָבאַליזירטער מאַסן־קולטור מיט אירע איבערנאַציאָנאַלע אינטערעסן, אַ זייפֿנשוים, שמוציקע מילינקעס וואָס האָבן פֿאַרפֿלייצט אונדזער פּלאַנעט.

ענגליש – „שפּראַך־קילער“ רופֿן אים אָן די לינגוויסטן, – באַדינט הײַנט, אין דער טעכניק, וויסנשאַפֿט, האַנדל, פּאָליטיק, אאַז״וו, 1,6 מיליאַרד מענטשן, אַ פֿערטל פֿון דער *Homo sapiens*־פּאָפּולאַציע.

ל.ב

וועגן דעם דיכטער בײַראַם כאַליטי האָב איך ביז אונדזער באַקענען זיך אויפֿן קאָלאָקוויום ניט געהערט: די „קליינע“ ליטעראַטורן קענען זיך איינע די אַנדערע נאָך ווייניקער, איידער מען קען זיי אין די „גרויס“־אימפּערישע קולטורן. דערפֿאַר איז עס ממש געווען אַן איבערראַשונג פֿאַר מיר, ווען אַ ציגײַנערישער דיכטער האָט זיך גענומען אויספֿרעגן בײַ מיר, צי די יוגנט אונדזערע לייענט נאָך הײַנט ייִדיש, צי מען גיט אַרויס אין ישׂראל פּרץ מאַרקישן, צי מ׳פֿלעגט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איבערזעצן משה קולבאַקן אויף רוסיש... כ׳האָב אים עפּעס געענטפֿערט, געבאָמקעט, געמורמלט – און אַליין געפֿילט, אַז דאָס פּנים ברענט מיר פֿאַר בושה, ווײַל איך, פֿון מײַן זײַט, האָב קיין איינציקן ראָמי־שרײַבער אין מײַן זכּרון, אַן אָנגעשטאָפּטן מיט נעמען, געפֿינען נישט געקאָנט. פֿון פֿאַרלוירנקייט האָב איך פּלוצעם אויסגעשאָסן מיט אַ פּאָר שפּאַנישע ציטאַטן פֿון גאַרסיאַ לאָרקאַס „ציגײַנערישן“ לידער־ציקל “Romancero gitano” און אָנגעהויבן אים

דערציילן עפּעס אַ קאָמישן עפּיזאָד פֿון מײַנע באַגעגענישן, אַ יאָר צוואַנציק צוריק, מיטן זינגער און אָנפֿירער פֿון דעם מאָסקווער ציגײַנער־טעאַטער ניקאָלײַ סליטשענקאָ.

בײַם הײַנטיקן טאָג לעבן און שאַפֿן, לויט דער אייראָפּעיִשער ״קולטור־סטאַטיסטיק״, ליטעראַטן וואָס שרײַבן אויף דער ראָמי־שפּראַך אין אַזעלכע לענדער ווי אוקראַיִנע, אונגאַרן, בולגאַריע, דײַטשלאַנד, טשעכישע רעפּובליק, סלאָוואַקײַ, סלאָווועניע, פּוילן, פֿראַנקרײַך, רומעניע און רוסלאַנד. נאָר אין יוגאָסלאַוויע האָבן פֿאַר דער צעפֿאַלונג פֿון דער פֿעדעראַציע פֿיגורירט אין דער רשימה פֿון די מיטגלידער פֿון אַלגעמיינעם שריפֿטשטעלער־פֿאַראיין 117 ראָמי־שרײַבער.

◀▶

בײַראַם כאַליטי איז געבוירן געוואָרן אין 1955 אין גנילאַנע (Гњилане, קאָסאָוואָ). הײַנט לעבט ער אין בעלגראַד און איז דאָרט באַקאַנט ווי אַ דיכטער און פּובליציסט. ער פֿירט אַן אַקטיווע קולטורעל־פּאָליטישע טעטיקייט און איז דער גרינדער און שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער סאַמע ערשטער נאַציאָנאַלער ראָמי־טעלעוויזיע ״Omaro drom״ (״אונדזער וועג״), ווי אויך דער הויפּטרעדאַקטאָר פֿון דעם זשורנאַל ״אַכימסאַ״. אין די טראַגישע מײַ־טעג פֿון 1999 האָט ער אַרײַנגעשיקט אַ בריוו צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט קלינטאָן מיט אַ שאַרפֿן פּראָטעסט קעגן די באָמבאַרדירונגען און צעברעקלען די מדינה.

זײַן דאָקומענטאַר־בוך ״ראָמי, אַ פֿאָלק מיט אַ פּײַנלעכן גורל״, אַרויסגעגעבן אויף ראָמי און סערביש אין 1977, איז אַן אויספֿירלעכע ענציקלאָפּעדיע פֿון דעם ציגײַנער־חורבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַן אמתן שאָק האָבן אַרויסגערופֿן די דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס און רשימות פֿון די קרבנות. בלויז אין איין קאָנצענטראַציע־לאַגער יאַסענאָוואַץ (Jasenovac, קראָאַציע) זענען אויסגעהרגעט געוואָרן 40,000 ציגײַנער, וואָס איז אָבער געווען נאָר אַ ״פּאַסירונג״ אין דער אויסראָטונג פֿון אַ האַלבן מיליאָן אייראָפּעיִשע ציגײַנער – ראָמאַ און סינטי.

אָבער געעפֿנט האָבן זיך די דאָזיקע פֿאָרשונגען מיטן גרעסטן טייל אין בוך – געווידמעט דער טראַגעדיע פֿונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום. וועגן דעם ייִדישן חורבן רעדט בײַראַם כאַליטי אויך אין זײַן דאָקומענטאַר־פֿילם ״אוישוויץ״, ווי אויך אין דער פּערמאַנענטער רובריק ״האָלאָקאָסט״ אין זײַן זשורנאַל ״אַכימסאַ״.

דאָס אַלטערטימלעכע וואָרט ״אַכימסאַ״ האָט אין דער הינדי־שפּראַך אַ פֿילפֿאַכיקן און טיפֿן רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישן באַטײַט. אָבער אין אונדזערע צײַטן האָט עס באַקומען אַן עמפּיריש־אידעאָלאָגישן זין, און מען איבערזעצט עס געוויינלעך ווי ״גוואַלדלאָזיקייט״ (״nonviolence״), צ.ב., אין די איבערזעצונגען פֿון מאַהאַטמאַ גאַנדיס ווערק. דער זשורנאַל ״אַכימסאַ״ איז אַן אינפֿאָרמאַטיווע אויסגאַבע, דערשײַנט אויף דרײַ שפּראַכן – ראָמי, סערביש און ענגליש, און באַהאַנדלט די אַקטועלע און היסטאָרישע אַספּעקטן אין דער עקזיסטענץ פֿון דעם פֿאָלק ראָמאַ און אַנדערע ציגײַנער־פֿעלקער. די וויכטיקסטע רובריקן אין זשורנאַל זענען: פּאָליטיק, עטנאָגראַפֿיע, האָלאָקאָסט, קולטור און ליטעראַטור, און ווי אַ זעלבשטענדיקע רובריק – פּאָעזיע. טאַקע פֿון אָט דער רובריק (אין דעם סערבישן וואַריאַנט) האָב איך אויסגעקליבן בײַראַמס אַ ליד, וואָס מיט אייניקע לירישע דעטאַלן און אינטאָנאַציעס דערמאָנט עס אין אונדזערע ביבלישע ליבע־מאָטיוון: אַ לײַדנשאַפֿטלעכער מאָנאָלאָג פֿון אַ פֿאַרליבט מיידל, אַ ווײַנגאָרטן...

האַרטע נעסטן

כ׳האָב מורא פֿאַרן טויט, פֿאַר אָט די מיאוסע
מאָרד־אַפּאַראַטן, נאַריש און פֿאַרשמוצט
ווי אַלטע קינדער־שפּילעכלעך – איך גיי
און לייג זיך שלאָפֿן, חלומען, און טאָמער
וועקסטו מיך מער ניט אויף – לאָז איך דיר איבער
דאָ, אויפֿן קישן וואָס איז דיר באַקאַנט,
מײַן האַרץ, פֿאַרסטאַרטשעט און לעבנסלאָז... איך הער
ווי ס׳ברומט און פֿײַפֿט, און ערגעץ קלינגט דער ווינט
צי גאָר די ליבעגלעקער? איך האָב אָבער
דאָ אויך אַ דינע לײַכטע רויטע קייט
פֿון ריין שאַפֿיר־באַגינען צוגעגרייט –
ווײַל כ׳ווייס ווי ס׳רופֿט, ווי שטאַרק דיך ציט דער וועג,



און ווען דו גייסט, חלילה, יאָ אַוועק –
דיר וואָלטן אַלע פֿייגל נאָכגעפֿלויגן,
די ווײַנגערטנער די זיסע אויסגעפּרווירן
אָן דיר. נאָר דו, אַ האַרבע ווינטערבלום,
וועסט קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין, פּשוט ניט קענען
זיך פֿאָרשטעלן אַפֿילו, ניין, דו וועסט
דאָס ניט באַגרײַפֿן – ווי אין פֿלאַם און זאָרגן
איך וואָלט דיך ליב געהאַט אין אַ פֿרימאָרגן
בשעת אין דרויסן רעגנט, און אין גאָרטן
פֿאַלט פֿון אַ בוים אַראָפּ אַ האַרטע נעסט.

וואַלדעמאַר קאַלינין איז געבוירן געוואָרן אין 1946, אין וויטעבסק. זײַן מאַמע האָט געשטאַמט פֿון אַ ווײַסרוסישער פויערן־פֿאַמיליע, דער פֿאָטער – פֿון די פּרײַסיש־פּוילישע ציגײַנער. זינט אָנהייב 90ער יאָרן לעבט ער אין לאָנדאָן, איז באַקאַנט ווי אַ דיכטער און איבערזעצער, אַ לאַורעאַט פֿון דעם ״Romany Award״־פּרײַז, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פֿאַר זײַנע איבערזעצונגען אויף דער ראָמי־שפּראַך פֿון ״תּהילים״ און ״משלי״.

נאָך לעבנדיק אין וויטעבסק, האָט קאַלינין איבערזעצט (און ווי ער האָט עס מיר ניט לאַנג צוריק געשריבן – פֿון מײַנע רוסישע איבערזעצונגען) מאַרק שאַגאַלס לידער און געווידמעט דעם גרויסן בן־עיר אַ ציקל אייגענע געדיכטן. זײַן פּאָעטישער סטיל פֿאַראייניקט די ציגײַנערישע פֿאָלקלאָר־בילדערישקייט מיט דעם טראַדיציאָנעלן פֿערז אין דער רוסישער דיכטונג.

ס׳געקומען אַן אַלמנה

ס׳געקומען אַן אַלמנה צו איר מאַן
וואָס ליגט אין קבֿר, שטיל מיט שניי פֿאַרשאָטן.
– דו פֿרעגסט מיך ניט, מײַן האַר, מײַן באַלעבאָס
וואָס הערט זיך מיט די קינדער אָן דעם טאַטן?

שטייט די ציגײַנערין ווי׳ן חלום, שטייט און טרוימט:
אַ זומערטאָג, די לעצטע רעגן־טראָפּנס,
און ער, איר מאַן, אַזוי נאָך יונג און בראַוו,
קומט רײַטנדיק – דאָס פֿערד שיט פֿײַער־סנאָפּעס,

און פּלוצעם – וואַקסט עס אויס, ווערט אַזוי גרויס,
אַז סע פֿאַרשטעלט די ווײַטן אין איר דרימל,
די ברייטע פֿליגל שפּרייט דער הימל אויס,
און ס׳רעדט דער הויכער גײַסט פֿון הינטער הימל:

– ווײַן זשע ניט, ווײַן ניט, ציגײַנערין,
איך וועל אים אומקערן דיר,
ס׳איז זײַן נשמה נאָך לעבעדיק,
ווערסט אים באַקומען בײַ מיר...

און די אַלמנה זעט, ווי אין די הייכן
אַ רעגן־בויגן שטעלט זיך, און עס ווערט
שלום־ושלווה אין דער וועלט – אַ פֿרידן
צווישן דעם גאָט און מענטשן אויף דער ערד.

דער טרוים צעגייט זיך, דער גן־עדן־זומער...
עס פֿינצטערט, קורץ זענען די ווינטערטעג.
״טאָ בלײַב בײַ גאָט, מײַן באַלעבאָס, מײַן הערשער״, –
זאָגט די ציגײַנערין, און לאָזט זיך קריק אין וועג.

די פֿאָלקסטימלעך־קלינגענדיקע באַלאַדע האָב איך פֿון דעם מחבר באַקומען מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך געווענדט צו אים נאָך אַ קאָנקרעטער אינפֿאָרמאַציע, ווי צו אַ פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון דעם נאָר וואָס דעמלט אָרגאַניזירטן אינטערנאַציאָנאַלן ראָמי־פּ.ע.נ.־קלוב. ווער ער פּערזענלעך איז און וואָס ער שרײַבט, האָט מיך, דעם אמת געזאָגט, ווייניק וואָס אינטערעסירט. צו זײַן אָפּיציעלן, סע קער צו זײַן, ענטפֿער האָט ער אָבער צוגעלייגט אַ פּאָר אייגענע לידער און אַ בריוו, אַ פּריוואַט בלעטל, אויף גיך מיט דער האַנט...

״...אין יאָר 1964, – שרײַבט ער מיר אויף רוסיש, – בין איך אַרײַן לערנען אין דעם

סמאָלענסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אויפֿן פֿאַקולטעט פֿון פֿרעמדשפּראַכן, ווו איר, חשובֿער לעוו, זענט שוין דעמלט געווען אויפֿן צווייטן קורס און, אַגבֿ, זיך אַקטיוו געדרוקט אין די דאָרטיקע צײַטונגען. איר דאַרפֿט מיך געדענקען, איר האָט שטודירט דײַטש, און איך – ענגליש, און צוויי גאַנצע סעמעסטערס, ביז איר זענט ניט אַוועק קיין מאָסקווע, האָבן מיר אין איינעם געוווינט אין איין צימער, מיט נאָך דרײַ צי פֿיר יאַטן, אין דער סטודענטן־היים, פֿול אָנגעפּאַקט מיט יענע רוסישע קראַסאַוויצעס – וואָס זאָגט איר הײַנט, האַ? יאָ, איך בין יענער זעלבער וואָווקאַ קאַלינין, כאָטש מײַן אמתער נאָמען איז תּמיד געווען וואַלדעמאַר. אַליין האָב איך זיך שטענדיק אידענטיפֿיצירט ווי אַ ציגײַנער, נאָר אַפֿישירן דאָס האָט זיך ניט געלוינט... אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך זיך טאַקע באַטראַכט און מער ניט געמאַכט קיין סוד פֿון דעם. אפֿשר האָט אויף מיר עפּעס אַ השפּעה געהאַט אײַער בײַשפּיל... צי האָבן מיר דעמלט געקענט זיך אַזוינס פֿאָרשטעלן, אַז איר וועט אַ מאָל ווערן אַ ייִדישער פּאָעט, און איך וועל זיך פּלוצעם נעמען צום שרײַבן, נאָך לידער דערבײַ, נאָך אויף אונדזער, ווי עס הייסט בײַ אײַך ייִדן, 'מאַמע־לשון', אין מײַן פֿאַל אָבער – 'טאַטע־לשון', די שפּראַך אויף וועלכער ס'פֿלעג ריידן צו מיר – ניין, זינגען, אַרויסזינגען! – מײַן פֿאַנטאַסטישער פֿאָטער...".

עכו, יוני 2003



פֿון לינקס: יעווג. דיבסקי, אַל. פֿאַרשטשיקאָוו, ז. שערמאַן, אָ. סוויבלאָוואַ, אי. גאַניקאָווסקי.

מאָסקווע, 80ער יאָרן

דרײַ ייִדישע מאָלערס

זכר שערמאַן און זײַן וועג
פֿון "געפֿילטע פֿיש" ביז "Deliberate Eclectism"

מײַנע אייגענע רוימען, געשאַפֿן אין פֿאַרבן
און ליכט, קומען אַרויס פֿון תּנך.

זכר שערמאַן

ווינטער 1986 האָט מיך דער דיכטער אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו באַקענט מיט דעם מאָלער זכר שערמאַן: "און פֿיר אים צונויף, זאַכאַרטשיק, אויך מיט זשעניען און איגאָרן...". און אין אַ שנייִקן מאָסקווער אויפֿדערנאַכט נעם איך מײַן פֿרײַנד אַלעקסאַנדער בראָדסקי און מיר פֿאָרן צו מיטן מעטראָ ביז דער ווײַטער סטאַנציע "שטשאָלקאָווסקאַיאַ" און געפֿינען גאַנץ גיך דעם נייטיקן אַדרעס. קיין שום אינטערוויו איז פֿאָרגעזען, פֿאַרשטייט זיך, נישט געווען, נאָר ווען זכר האָט אונדז אָנגעהויבן אַרויסשטעלן פֿאַר די אויגן איין בילד נאָכן אַנדערן און בשעת־מעשׂה דערציילט וועגן זיך און זײַנע ביידע חבֿרים – די מאָלערס יעווגעני דיבסקי און איגאָר גאַניקאָווסקי – און וועגן דער שווערער אַטמאָספֿער אין דעם מאָסקווער קינסטלער־פֿאַראיין, ווי מ'האָט, פֿאַקטיש, אויפֿגעהערט אָנצונעמען נײַע מיטגלידער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, באַזונדערש אַזעלכע ווי ער, שערמאַן, מיט זײַן "פּראָוואָקאַטיווער" טעמאַטיק ווי, צום בײַשפּיל, די בילדער "איסאַק באַבעל" אָדער "אין אָנדענק פֿון די עלטערן", אָדער "געפֿילטע פֿיש" (ווי ער האָט שפּעטער אָנגערופֿן דעם גאַנצן ציקל)...

שפּעטער האָט זיך בראָדסקי געטראָפֿן אויך מיט דיבסקין און גאַניקאָווסקין, און אין "סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ' 7, 1986) איז דערשינען זײַן פּובליקאַציע "דרײַ יונגע קינסטלער", דער ערשטער אָפּקלאַנג אין דער סאָוועטישער פּרעסע וועגן דער מאָסקווער גרופּע ייִדישע מאָלערס, מיט פֿאַרביקע רעפּראָדוקציעס פֿון זייערע בילדער.

וואָס זשע האָט זיי, די דרײַ חבֿרים, דעמלט פֿאַראייניקט אין דער מאָלערײַ?

– דאָס זוכן נײַע רוימען, – האָט דערקלערט זכר – אין משך פֿון יאָרהונדערטער האָט דאָס אויג פֿונעם צושויער זיך צוגעוווינט צו דער פּערספּעקטיוו אויף דער לײַוונט. מיר, הגם ניט די ערשטע, פֿאָרמירן געשטאַלטן אין אַ פֿלאַכן און פֿאַרשלאָסענעם רוים: די וועלט אויפֿן בילד אַנטשפּרעכט דער הײַנטיקער קאָסמאָגאָנישער קאָנצעפּציע וועגן דעם אַל ווי אַן אומענדלעכן, אָבער אַ געשלאָסענעם רוים מיט אַן איינציק־אייגענער קרומקייט...

אַגבֿ, שערמאַנס באַמערקונג, אַז אין די זוכעניש פֿון רוימען זענען זיי "ניט די ערשטע" האָט גאָרנישט מיט עפּעס אַ פּערזענלעכער "באַשיידנקייט", ער מיינט דעם אַלגעמיין־היסטאָרישן פּראָצעס אין דער קונסט, ווו קיין איינע פֿון אירע אַנטפּלעקונגען: פּאָעזיע, טעאַטער, מוזיק, מאָלערײַ אאַז"וו, – "אַנטוויקלט" זיך ניט, אין אונטערשייד צו דער טעכניק און וויסנשאַפֿט. און אַ דאַנק דעם טאַקע בלײַבט, למשל, "שיר השירים" אויף תּמיד אַן אַקטועלער לעבנספּולער שעדעווער...

זכר שערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1950, אין קאָקאַנד, אוזבעקיסטאַן, אויסגעוואַקסן אָבער אין דעם אוקראַיִנישן אָוורוטש, ווו די ערשטע ייִדישע משפּחות האָבן זיך באַוויזן נאָך אין יאָר 1629, און ווו שפּעטער, זינט 1850, איז אויפֿגעשטאַנען איינער פֿון די וויכטיקסטע חסידישע צענטערס. אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָבן דאָרט שוין פֿונקציאָנירט אַ תּלמוד־תּורה און אַ פּריוואַטע מענער־פֿאַכשול, און ס'איז זייער אַקטיוו געווען די דאָרטיקע סעקציע פֿון "פּועלי־ציון"...

זעט אויס, אַז אויך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאָרט עפּעס איבערגעבליבן פֿון דעם ייִדישן גײַסט־און־שטייגער, ווײַל שוין אין די זיבעציקער, לערנענדיק זיך אויפֿן פֿאַקולטעט פֿאַר קונסט אין דעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און פֿאַמעלעך זיך דערנענטערנדיק צו דער ייִדישער שאַפֿונגס־טעמע, האָט שערמאַן, אַזוי אומדערוואַרט פֿאַר זיך אַליין, אַנטדעקט, אַז די ייִדישע שטוב און טאָגטעגלעכקייט זענען אים באַקאַנט, גוט באַקאַנט. דאָס היימיש זיך פֿילן אין דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָט אים דערמעגלעכט, אויף אַ גאָר אייגענעם אופֿן, צו "פֿאַרקערפּערן" אויף די בילדער די טראַדיציאָנעלע טעמאַטיק אין דרייסט־פֿאַרביקע מאָדיפֿיקאַציעס. וועגן איינער פֿון זיי – "נח" ("נויעך"), האָט אַ. בראָדסקי געשריבן: "'נח' איז זייער וואָגיק. אין אים פֿילט זיך יענע פּלאַנעטאַרע קראַפֿט, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט האָבן אויף אויסצופֿילן די ראָלע פֿון דעם לעבנס־רעטער אויף דער ערד – די ראָלע, וואָס איז אים דורכן קאָסמאָס פֿאַרגרייט געוואָרן. נחס געשטאַלט איז בײַ שערמאַנען צונויפֿגעשטעלט ווי פֿון געאָלאָגישע שניטן – אַלס אַ פֿיגוראַטיווע גאַנצקייט אָבער האַלט זיך דער פּערסאָנאַזש בלויז אויף דער אינערלעכער קראַפֿט, אויף דעם גײַסטלעכן כּוח".

בײַם הײַנטיקן טאָג רעדן די מערבֿדיקע קונסט־קריטיקער פֿון דרײַ פּעריאָדן, אָדער דרײַ ריכטונגען אין שערמאַנס שאַפֿונג:

1. עקספּרעסיאָניסטישער רעאַליזם (1984-1971 expressional realism;
2. אַנאַליטישער אַבסטראַקציאָניזם (1991-1984 analytical abstract;
3. קונסט־רעוויזיאָניזם (2003-1991 revision art –

דערבײַ, וואָס אין יעדער פֿון די אָנגערופֿענע "תּקופֿות" געפֿין איך בילדער וואָס זענען מיר ממש צום האַרצן, האָב איך אָבער געהאַט מזל, אַז מײַן ערשט ביכל אויף ייִדיש, "דער זוניקער וועלטבוי" (מאָסקווע, 1988), האָט שערמאַן אילוסטרירט נאָך אין זײַן פֿיגוראַטיווער מאַניר און בעת זײַנע "ייִדישע" שטרעבונגען (אַגבֿ, ס'איז דאָס איינציקע בוך, וואָס ער האָט בכלל אַ מאָל אילוסטרירט). שפּעטער האָבן שוין זײַנע קינסטלערישע קאָנצעפּציעס געפּאָדערט פֿון אים עפּעס אַן אַנדער טעמאַטיק און אַן אַנדערן שטאָף – און דער עיקר, נאָך זײַן אָנקומען,

אין 1990, קיין ישׂראל. שערמאַן האָט זיך אַלץ מער און מער ״צוגעפּאַסט״ (פֿאַרשטייט זיך, אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן) צו דער ״פּאָסטמאָדערניסטישער״ קונסטוועלט. די מערבֿ־אייראָפּעיִשע מוזייען און גאַלעריעס האָבן אים אַלץ ברייטער געעפֿנט זייערע טירן, די דאָרטיקע בראַנזשע – צוגעלאָזט צו די לעבנס־״קוואַלן״ און באַפֿרײַט פּלאַץ פֿאַר זײַנע פּערסאָנאַלע אויסשטעלונגען אין די גרעסטע אייראָפּעיִשע קונסטצענטערס – און דאַן שוין אין מאָסקווע, אַפֿילו – יאַטעבעדאַם! – אין דער טרעטיאַקאָװ־גאַלעריע...

אַרלעקין און זײַנע פֿרײַנד. 1994

דער ערשטער פֿון דער ״אַמאָליקער וועלט״, וועמען איך האָב באַגעגנט אין ישׂראל נאָך מײַן אָנקומען אַהער אין מערץ 1991, איז געווען זכר שערמאַן. איך האָב געזוכט אויף דער תּל־אָבֿיבֿער אַלענבי־גאַס עפּעס אַן אויטאָבוס אַהיים, קיין בת־ים,– און פּלוצעם דערהערט, ווי עמעצער גיט מיך בײַם נאָמען אַ רוף:

– לעוו! האַ, ביסטו שוין אויכעט דאָ!

– ווי האָסטו מיך פֿון הינטן דערקענט?

– נאָך דעם פּליך דײַנעם... קום, ליסי טשאָרט, כ׳ווין דאָ ניט ווײַט, נו־נו, קום שוין! צענדליקער נײַע בילדער, נײַע פֿאַרבן, אידעען.

– און דאָס וואָס איז?

– דאָס איז נישט פֿאַר דיר... פּאָסט־מאָדערניזם...

– פֿאַר וואָס, נישט געפֿערלעך... די פֿאַרבן – בראַוואָ, ווי תּמיד... אָבער דער ״בכיוונדיקער עקלעקטיזם״ דײַנער...

– וואָס פּלוצעם מײַנער? ניט איך האָב אים אויסגעטראַכט...

איך האָב באַזוכט עטלעכע פֿון זײַנע אויסשטעלונגען אין תּל־אָבֿיבֿ און הרצליה, גענומען בײַ אים אַן אינטערוויו פֿאַרן רוסישן זשורנאַל ״Алеф״ (״אַלף״), נומ׳ 401, אָקטאָבער 1991. דורכגעפֿירט מיט אים אַ דיסקוסיע אויף דעם רוסישן ראַדיאָ ״רשת אַלף״...

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער פֿאַר זײַן ניט־קליינער משפּחה אויפֿגעבויט אַ שטוב ערגעץ אין אַ מושבֿ, איך האָב זיך אויכעט שוין געהאַט איבערגעפּעקלט קיין עכו... דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געזען אין יאָר דרײַ און נײַנציק, ווען זשעניע דיבסקי האָט זיך צו אים געיאַוועט אויף עטלעכע טעג פֿון איטאַליע, ווו ער האָט זיך אָנהייב נײַנציקער געקויפֿט אַ גרויסע ווילע הינטער מילאַן, דאָרט חתונה געהאַט, גענומען עפּעס אַ דאָרפֿסשיקסע און איז גליקלעך געווען מיט איר, מיט זײַן מאָלערײַ און דעם פּוילן הויף הינער...

מיט זשעניען און איגאָר גאַניקאָווסקין האָבן מיר זיך דעם לעצטן זומער געטראָפֿן אין קעלן, ווו בײדע ווױנען זיי שוין אַ יאָר צען. ״אָרגאַניזירט דעם טיש״, הייסט עס צונויפֿגעפֿירט אונדז האָט ווידער, ווי מיט זיבעצן יאָר צוריק, אַלעקסיי פֿאַרשטשיקאָוו, וועלכער האָט סוף 90ער עמיגרירט מיט די עלטערן, אַלס ייִדן, קיין דײַטשלאַנד...

דאָס ריידל, אַזוי אַרום, דרייט זיך, און אָט זיצן מיר ווידער בײַם רונדיקן טיש אויף דעם זעלבן פּלאַנעט.

– יאָ, זאַכאַרטשיק פּעלט נאָך דאָ... – גיב איך אַ זאָג, – שוין אַ לאַנגע צײַט קען איך זיך צו אים נישט דערקלינגען.

– ער האָט אַ נײַעם נומער, פֿאַרשרײַב... – נעמט זשעניע מיר לאַנגזאַם דיקטירן עפּעס אַ טעלעפֿאָנישן קאָד, וואָס איך זע, אַז אַזאַ איז בכלל בײַ אונדז אין ישׂראל ניט פֿאַראַן.

– הער, וואָס גיסטו מיר וואָס? צי איז ער אויף אַ רײַזע ערגעץ?

– ניין, זיצט דעם גאַנצן זומער בײַ זיך אין טאָראָנטאָ.

– אין וואָס פֿאַר אַ טאָראָנטאָ?

– וויפֿל טאָראָנטעס קענסטו, חכם?... אין דעם קאַנאַדישן...

נישטאָ קיין נײַס אויף דער וועלט, אַזוי אַרום "הולך אל דרום וסובֿבֿ אל צפֿון..."[1].

זאָל אים טאַקע, מײַן זאַכאַרטשיקן, דאָס "פֿאַרדרייען זיך" וויל באַקומען.

עכו, פֿעברואַר 2004

---

[1] "גייט ער קיין דרום און פֿאַרדרייט זיך קיין צפֿון". (קהלת, 6).

וועגן שׂרפֿות, מאָראַל־רוימען און ליכט־באַפֿרײַונג
(אַ שמועס מיט דעם מאָלער איגאָר גאַניקאָווסקי)

ל.ב. דערצייל מיר, איגאָר, פֿון דײַנע בײדע אויסשטעלונגען אין ישׂראל.

אי.ג. דער פּראָיעקט האָט, אײגנטלעך, פֿאָרויסגעזען דרײַ אויסשטעלונגען – הײַנטיקס יאָר – אין ישׂראל, אין "בית האמנים", תּל־אָבֿיבֿ, און אין דעם מוזיי "קורין ממן", אַשדוד.

ל.ב. מיט דעם זעלבן בילדער־באַשטאַנד?

אי.ג. ניין, אַהער האָב איך געבראַכט נאָר די זאַכן אויף פּאַפּיר. אין דײַטשלאַנד זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויך די לײַוונטן. עס גייט אין סטראַכירונג, טראַנספּאָרטירונג...

ל.ב. דײַן אויספֿירלעכע ביאָגראַפֿיע און די רשימה פֿון מוזייען און גאַלעריעס וווּ ד'האָסט זיך אויסגעשטעלט אין די לעצטע דרײַסיק יאָר וואָלט דאָ פֿאַרנומען אַ פּאָר פֿולע זײַטלעך, איז לאָמיר נאָר ברענגען אַ ציטאַט פֿון דעם אַנאָנס צום בוך "מיטבאַרירונג פֿון פּאַוזעס" («Соприкосновение Пауз», מאָסקווע, 2004), וואָס איר האָט בשותּפֿותדיק אַרויסגעלאָזט מיט דעם פּאָעט אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו. "גאַניקאָווסקי איגאָר סעמיאָנאָוויטש, געב. 1950 אין מאָסקווע. פֿאַרענדיקט דעם 'אינסטיטוט פֿון שטאָל און געשמעלצן'. לעבט און אַרבעט אין אָדענטאַל בײַ קעלן. באַטייליקט זיך אין אויסשטעלונגען אין רוסלאַנד און אַנדערע לענדער זינט 1976". און אָט ווי עס כאַראַקטעריזירט דיך דער "אַלגעמיינער קונסט־רייטינג": "אַ פּראָפֿעסיאָנעלער מאָלער מיט אַן אינדיווידועלן מאַניר, דערפֿאָלגרײַך אויפֿן קונסטמאַרק און בײַם פּובליקום". גאַנץ שיין... קיין ישׂראל קומסטו מיט אַן אויסשטעלונג, אויף וויפֿל איך ווייס, דאָס ערשטע מאָל – איז עס עפּעס פֿאַר דיר אַ געשעעניש, צי בלויז נאָך איין פּונקט אין דײַן לאַנגער רײַזעס־רשימה?

אי.ג. וואָס רעדסטו... ס'אַזוי וויכטיק פֿאַר מיר. כ'האָב שוין פּשוט געמוזט זען די רעאַקציע פֿון דעם היגן פּובליקום.

ל.ב. פֿונעם ייִדישן?

אי.ג. פֿונעם ישׂראלדיקן.

ל.ב. פֿון דײַנע אַרטיקלען "שליסלען" און "באַפֿרײַונג פֿון ליכט" האָב איך עס אַזוי פֿאַרשטאַנען, אַז דײַן אייגענע שאַפֿונג קענסטו אַנאַליזירן און דערקלערן ניט ערגער ווי די קונסטפֿאָרשער. דו שרײַבסט, צום בײַשפּיל: "באַפֿרײַען דאָס ליכט – איז בײַ מיר איינע פֿון די וויכטיקסטע אינערלעכע אויפֿגאַבעס...".

אי.ג. יאָ, אַזוי איז עס. ווייסט, מאָלן האָב איך אָנגעהויבן שפּעט, צו 24 יאָר, און אָפּגעגעבן דעם כּבֿוד, ווי סע פֿירט זיך, דעם שטעטל און דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער. איינע פֿון די ערשטע זאַכן איז בײַ מיר געווען אַ קליין אַקוואַרעל־בילדל "פֿריילעכס"... איך געדענק אָבער ווי שווער ס'איז מיר געפֿאַלן דעמלט צו מאָלן מיט ווײַסער פֿאַרב – די ערשטע פּענדזל־שטריכן האָבן אויסגעזען טאַקע ליכטיק און יום־טובֿדיק, נאָר בעת דער אַרבעט פֿלעג דאָס בילד ווערן אַלץ טונקעלער און טונקעלער...

איצטער האָב איך בילדער וואָס זענען פֿאַרגאָסן מיט ליכט און מיט גרויסע ווײַסע אייבערפֿלאַכן. אַלץ ווײַטער גיי איך אָפּ פֿון פֿיגוראַטיווקייט און ווענד זיך צו געאָמעטרישע

אַבסטראַקציעס. געאָמעטריע איז – די לעצטע גרענעץ, די ליניע ווו דער קעגנשטאַנד ווערט נעלם. געאָמעטריע איז אומאָפּהענגיק פֿון צײַט, געהערט צו דער אידעאַלער וועלט.

ל.ב. אין אַ רעצענזיע וועגן אײַער בשותּפֿותדיק בוך לייען איך אָבער: ״גאַניקאָווסקי מאָלט האַרט־מאַטעריעלע, קאָנקרעטע אָביעקטן...״.

אי.ג. ריכטיק. דאָרט רעדט זיך אָבער וועגן מײַנע קאָלאַזשן פֿון די 80ער יאָרן אויף די בוך־זײַטן פּאַראַלעל מיט פּאַרשטשיקאָווס לעצטע פּאָעמעס און לידער – ״נאַפּט״,



״דער אַנדערער״, ״די סאָמנאַמבול און דער אַפּעל[1]״, א״אַ... האָסט זיי שוין געלייענט?

ל.ב. יאָ, ער פֿלעג זיי מיר צושיקן... אײַער בוך אָבער האָב איך נאָך ניט געזען... די ערשטע ווילדע בשׂורה האָב איך פֿון אים דערהאַלטן פֿאַר אַ יאָרן, באַלד נאָך דער שׂרפֿה[2]... און אַ פּאָר וואָכן שפּעטער – אַ צווייטע נײַס: אַ נס האָט געטראָפֿן! אײַער בוך איז ניט פֿאַרברענט געוואָרן, ווײַל ס׳איז נאָך בכלל ניט אַרויס, די לעצטע קאָרעקטור האָט פֿאַרשפּעטיקט. האָב איך שוין געוואַרט... ביז נעכטן, ווען ד׳האָסט מיר געבראַכט די דריטע, אַבסאָלוט האָפֿענונגסלאָזע ידיעה.

אי.ג. איצט גיי גלייב נישט די אַלטע רוימער, אַז ״ביכער האָבן אַן אייגענעם גורל״...

ל.ב. ווי ביסטו בכלל אַרײַן אין דער ״בראַנזשע״? מאָלן, זאָגסטו, האָסטו אָנגעהויבן שפּעט, קיין סוריקאָוו־ אָדער סטראָגאַנאָוו־קונסט־פֿאַכשול ניט פֿאַרענדיקט, דערבײַ האָט מען דיך אין דעם ״מאָסך״־קינסטלער־פֿאַראיין אַרײַנגענומען פֿריִער ווי די צוויי חבֿרים דײַנע – זכר שערמאַן און יעווגעני דיבסקי, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אויסבילדונג.

אי.ג. קיינער האָט מיך אין דער ״בראַנזשע״ ניט אַרײַנגעפֿירט. וואָס יאָ, איז מײַן טרעפֿונג מיט דעם שוין באַקאַנטן דעמלט מאָלער איליאַ קאַבאַקאָוו. מײַן פֿעטער איז געווען אַ שכן מיט אים און האָט אים געבעטן ״אַ קוק וואַרפֿן״ אויף מײַנע ערשטע פּרוּוון. דורכגעקוקט עטלעכע בילדלעך, האָט איליאַ יאָסיפֿאָוויטש געזאָגט, אַז אין ״אַזאַ״ מאָלערײַ פֿאַרשטייט ער ניט, נאָר אים געפֿעלט בײַ מיר דאָס ל י כ ט. איך האָב דערנאָך לאַנג געטראַכט: וואָס מיינט ער מיט דעם, מיט מײַן ל י כ ט?...

ל.ב. אין ישׂראל שטעלן זיך אויס קינסטלער פֿון דער גאָרער וועלט און פֿון כּל־מיני אָפּשטאַם. צי דערוואַרטסטו דאָ פֿונעם פּובליקום און דער פּרעסע אַ ספּעציעל־אַקצענטירטע רעאַקציע אויף דיר ווי אויף אַ ייִדישן מאָלער, וואָס טעמאַטיזירט זײַנע בילדער אין אַ ייִדישן קאָנטעקסט? צי די רעאַקציע קען זײַן די זעלבע ווי, למשל, אין דענעמאַרק?

---

[1] דער סאַמע דערווײַטערטער פּון דער זון פּונקט אויפֿן אָרביט פֿון אַ פּלאַנעט אָדער קאָמעט (Aphelion).

[2] דער גאַנצער טיראַזש פֿונעם דערשינענעם בוך איז פֿאַרברענט געוואָרן בעת דער קרימינעלער אונטערצינדונג אין דער עליטאַרער מאָסקווער ״בילינגוואַ״־ביכערײַ.

אי.ג. ניין־ניין... ערשטנס – דער דערקענונגס־מאָמענט. אַפּילו די לעצטע בילדער מײַנע – ברייטע פּאַסן ליכט אין מיטן די געאָמעטרישע רוימען – רופֿן אַרויס בײַם היגן צושויער גאַנץ קלאָרע אַסאָציאַציעס, אַזוי ווי דאָס וואָלט געדאַרפֿט אומעטום זײַן.

ל.ב. ס׳הייסט, דער ישׂראלדיקער צושויער איז דער אמתער אַדרעסאַט פֿון דײַן שאַפֿן?

אי.ג. מינדסטנס – אין דעם וואָס באַטרעפֿט די אויסערלעכע אַטריבוטיק, למשל, אַן אָפּמאָלונג פֿון דער תּורה, פֿון אַ טלית.

ל.ב. דײַנע ״מאָראַל־רוימען״, וואָס זענען זיי – עטיק־געאָמעטריזאַציע? אָדער אַ מין געאָמעטריע־פֿאַרמענטשלעכונג? די פֿיזיקער באַשעפֿטיקן זיך מיט די פֿיזישע אייגנשאַפֿטן פֿון רוים; די מאַטעמאַטיקער – מיט זײַנע מאַטעמאַטישע כאַראַקטעריסטיקעס; מאָלערס, פּאָעטן און אַנדערע קונסטלײַט פֿאָרשן אויס דאָס גײַסטלעך־עטישע באַוווינען דעם רוים.

אי.ג. אַ מענטש, וואָס אין אַ געוויסן פּונקט פֿון אַזאַ מאָראַל־רוים באַגייט עפּעס אַ פֿאַרשולדיקונג, וואָס איז אַ סתּירה מיט די העכסטע געזעצן. ער הייבט אָן צו בלאָנדזשען אין כּלערליי פֿאַרווירבלונגען און לאַבירינטן, וואָס ער אַליין האָט געשאַפֿן. ביז אַ מאָמענט, ווען ער קערט זיך צוריק אום צו דעם זעלבן פּונקט און באַקומט, אַזוי אַרום, די מעגלעכקייט צו פֿאַרריכטן דעם חטא און אַרויסגיין אויפֿן ריכטיקן וועג. בײַ די ייִדן דערקלערט עס גוט דאָס וואָרט ״תּשובֿה״, וואָס האָט אַ שײַכות ניט נאָר צו יעדער אייַנצלנער פּערזענלעכקייט, נאָר אויך צו גאַנצע פֿעלקער און לענדער, צו דער מענטשהייט. נעם דאָס אַמאָליקע הײמלאַנד אונדזערס. ס׳איז קלאָר, אַז רוסלאַנד איז אין די לעצטע הונדערט יאָר באַגאַנגען אַ סך שווערע פֿאַרברעכנס. און אַרײַן אין אַ פֿאַרווירבלטער זאָנע – ביז הײַנט אָבער ניט נאָר גאָרנישט געטאָן אויף צו פֿאַרריכטן די חטאָים, נאָך אַפּילו ניט אָנערקענט זיי. און פּלאָנטערט, און דרייט זיך אויף איין אָרט, און ווייסט ניט, וו׳הין, אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג צו לאָזן זיך...

ל.ב. מיר אָבער ווייסן מיט דיר: צום טיש, די באַלעבאָסטע – הערסט? – רופֿט שוין!

עכּו, אויגוסט 2005

ריזיקע רויזן און רויטע טולפּאַנען[1]
פֿון דעם laudatio־וואָרט, געהאַלטן אין דעם ייִדישן מוזיי רענדסבורג, 3.7.2000

מײַנע דאַמען און הערן,

מײַן פֿאָרלעזונג איז געווידמעט דער הײַנטיקער דערעפֿענונג פֿון אירענע פֿרענקעלס בילדער־אויסשטעלונג, וואָס אַ צאָל פֿון זיי זענען אַנטשטאַנען, ווי זעלבשטענדיקע קונסט־ווערק, בעת אונדזער צוזאַמענאַרבעט ,האַרבסט 1999, אין Villa Waldberta, אין פֿעלדאַפֿינג הינטער מינכן.

ווי ס׳האָט אין יענע טעג געשריבן אין דער "Süddeutsche Zeitung"[2] סאַבינע צאַפּלין: "דאָס וועט זײַן אַ טרעפֿונג פֿון ליריק און מאָלערײַ, די אַמעריקאַנישע קינסטלערין אירענע פֿרענקעל קומט אָן קיין פֿעלדאַפֿינג מיט אירע עסקיזן צו לעוו בערינסקיס אַ ציקל לידער...".

במשך די געמיינזאַם אָפּגעאַרבעטע זעקס זוניקע וואָכן האָט זיך דער לידער־ציקל אַנטוויקלט צו אַ פּאָעמע, וואָס ז׳איז בײַם הײַנטיקן טאָג שוין באַקאַנט אין דײַטשלאַנד און אין פּאַריז אונטער דעם טיטל "לופֿטבלומען". אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל האָט סאַבינע צאַפּלין וועגן דער דעמלט נאָך ניט פֿאַרענדיקטער זאַך געשריבן, אַז דאָס איז "אַ מין באַרעדעוודיק פֿאַרשווײַגן דעם עיקר, אַ פֿאַרשווײַגן דורך רעדן אויף ייִדיש:

׳איך שרײַב נישט קיין דעקלאַראַציעס, – דערקלערט דער מחבר, – איך האָב די לידער אַזוי געשריבן, ווי די קאַטאַסטראָפֿע פֿון דעם אויסגייענדיקן יאָרהונדערט וואָלט בכלל ניט געווען, ניט פֿאָרגעקומען. ס׳אַ פּאָעמע וועגן לופֿטבלומען, ד״ה בלומען וועלכע באַשטייען פֿון לופֿט און זענען וווּנדערלעך שיין, אָבער נאָר אין אַ וויזועלער סובסטאַנץ, ווײַל גשמיותדיק עקזיסטירן זיי ניט׳. פּאָעזיע איבער דעמאַטעריאַליזירטער פֿלאָרע אין אַ שפּראַך, פֿון וועלכער מ׳דערוואַרט רייד וועגן ייִדן־פֿאַרניכטונג".



אי.פּ. און ל.ב.
שלעזוויג, אָקטאָבער 2000

---

[1] אַן איבערזעצונג פֿון דײַטש.
[2] 22.9.1999

און איצט צו די בילדער

אירענע פֿרענקעל – און איך מיין, אין דעם זאַל וועט עס קיין איבעראַשונג ניט זײַן – איז פֿאַרן פּובליקום ניט קיין י ִ ד י ש ע מאָלערין. די טעמאַטיק פֿון אירע בילדער, די סוזשעטן און געשטאַלטן האָבן איבער הויפּט ניט קיין שײַכות מיט דער ייִדישער טראַדיציע, מיט דער ייִדישער וועלט־געשיכטע אָדער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק.

ווען מיר וואָלטן אָבער געוואָלט באַטראַכטן די פֿראַגע אויף אַ גאָר גרינטלעכן אופֿן – איז אַזעלכס עפּעס ווי ייִדישע מאָלערײַ בכלל נישט פֿאַראַן. דאָס געבאָט, וואָס האָט די ייִדן פֿאַרווערט זיך צו שאַפֿן אָפּגעטער, האָט געווירקט אויף דער אַלגעמיינער ייִדישער קונסט אַזוי, אַז אין משך פֿון יאָרטויזנטער האָט זי זיך אַנטוויקלט אין דער ריכטונג פֿון וואָרט, טאַנץ און מוזיק, און די אַזוי גערופֿענע ייִדישע אָפּבילדנדיקע קונסט האָט זיך באַוויזן ערשט אין משך פֿון אַן ערך די לעצטע 100 יאָר, אין רוסלאַנד אַ ביסל פֿריִער (בײַם סקולפּטאָר מאַרק־מרדכי אַנטאָקאָלסקי, 1843–1902).

איך זאָג "די אַזוי גערופֿענע" – ווײַל אויך אין די דאָזיקע לעצטע הונדערט יאָר, און אויך בײַ די סאַמע פּראָמינענטע קונסט־פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער מענטאַליטעט און טעמאַטיק, ווי חיים סוטין, מאַרק שאַגאַל אָדער דער הײַנט אין תּל־אָבֿיבֿ לעבנדיקער יאָסל בערגנער, איז ניט געווען, פּונקט אַזוי ווי צו רעמבראַנדטס צײַטן, קיין ייִדישע מאָלערײַ אַלס אַזעלכע, אַלס אויטענטיש־ייִדישע, נאָר – ס׳געווען אַ טייל פֿון דעם אייראָפּעיִשן קונסטבאַזיץ, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר – מיט אַלע זײַנע טעמעס, מאַנירן, שטרעמונגען, געשטאַלטונגס־רייען און מעטאָדן – אַ קונסט־פֿענאָמען פֿאַר זיך, גענוי ווי דער פֿענאָמען פֿון דער כינעזישער מאָלערײַ אָדער די מאָלערײַ פֿון די אויסטראַלישע אַבאָריגענען.

אירענע פֿרענקעל טראָגט, אַזוי אַרום, קיין שום זינד אויף זיך פֿאַר דעם, וואָס זי איז הײַנט נישט עפּעס אַנדערש, ווי "בלויז" אַן אייראָפּעיִשע קינסטלערין און אַרבעט אויפֿן באָדן פֿון דעם עפּידעמישן פּאָסטמאָדערניזם, וועלכן איך פּערזענלעך – אין אַנדערע פֿאַלן – קאָן אים נישט פֿאַרטראָגן. דער ווערזנטלעכסטער – נעבעך – פּרינציפּ און דער אילוזאָרישער פֿאָרצוג פֿונעם פּאָסטמאָדערניזם, ווי איך פֿאַרשטיי אים, איז דאָס אַבסאָלוט אייגנוויליק צוגעאייגנטע רעכט זיך צו באַנוצן מיט אַלע שוין עקזיסטירנדיקע קונסטפֿאָרמעס, מיט פֿרעמדע סטילן, סוזשעטן און מיטלען, וואָס זענען דערפֿונדן און אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין דער קונסט זינט אָדם הראשונס צײַטן ביז אונדזערע טעג. מען דאַרף דערפֿינדן דעם וועלאָסיפּעד – דו ציסט אָן אויף זיך דאָס אָדער יענץ פֿרעמד העמדל, אַ פּאָר פֿרעמדע הויזן און שיך – און מאַכסט אַ פּראָמענאַד איבער די וועלט־גאַלעריעס, קלײַבסט דיר אויס און קאָמבינירסט אַלץ וואָס דו זעסט פֿאַר די אויגן, און ווערסט דערבײַ באַקאַנט און באַרימט, לויט דער פּאָסטמאָדערניסטישער פֿאָרמל:

באָסך + ברויגעל = געברויגלטער באָסך.

אָט די ספֿקדיק־dubiöse און בלי־ספֿק־debiliöse דערשײַנונג וואַנדערט הײַנט איבער אַלע קונסטאַרטן און הערשט שוין אין דער דיכטונג, טעאַטער, מוזיק, און פֿאַר אַלעם – אין דער מאָלערײַ.

דאָס וואָלט געקאָנט אפֿשר אויך דער פֿאַל פֿון אירענע פֿרענקעל זײַן, ווען אָבער... אָט דאָס ״ווען אָבער״ באַשטימט אַ ל ץ אין די ווערק.

דער צוריר.

דאָס באַרירן און באַשמעקן אַלדינגס וואָס דו ווילסט אַריבערטראָגן אויפֿן בילד פֿון דעם נאַטור־אַרום אָדער פֿון דײַן חלום, אָדער אַפֿילו פֿון דער באָסך־וועלט – און וואָס מוז אָבער דורכגעלאָזט ווערן דורך דײַנע אייגענע חוש־אָרגאַנען. דאַן איז עס שוין ניט קיין סטיל־אַנטלײַונג אָדער מעטאָד־גנבֿה: דײַן חוש־סיסטעם, דײַן קערפּער־און־פּסיכיק האָט עס אַרויסגעבוירן.

עס גייט, הייסט עס, אין טיילהאַפּטיקייט, אין דעם מיטזײַן־געפֿיל צום נאַטור־קאָסמאָס, אָדער (אַדרבה?) – צו דעם געטלעכן עולם־ומלואו.

און דאָס איז שוין – דער אויסגעשפּראָכן־ייִדישער עקזיסטענץ־אופֿן.

וואַסילי ראָזאַנאָוו, דער רוסישער פֿילאָסאָף און עסטעטיקער[1], האָט אָנהייב דעם 20סטן יאָרהונדערט געשריבן אין זײַן הקדמה צו דער רוסישער איבערזעצונג פֿון ״שיר השירים״ (פּעטערבורג, 1910) פֿון אַבראַם עפֿראָס: ״איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז ס׳ניט פֿאַראַן אין ירושלים עפּעס מער געוויינטלעכס, ווי באַגעגענען אויף דער גאַס אַ מענטשן, וואָס האַלט אין דער האַנט אַ בלום און טראָגט זי צו יעדע מינוט צו דער נאָז. אַן אַנדער מאָל האָב איך געלייענט, אַז די ייִדן אין זייערע געבעטהײַזער צעשנײַדן אַ פֿרישע לימענע און גיבן זי איבער איינער דעם צווייטן, און יעדער אָטעמט טיף אײַן דעם ריח.

אַלע ווייסן, – שרײַבט ווײַטער ראָזאַנאָוו, – פֿון דעם מינהג, לויט וועלכן די ייִדן אויף שבת און פּסח אָטעמען אײַן די אַראָמאַטן פֿונעם ווײַן אין די גלעזער אויפֿן טיש. אָט דאָס ווילשמעקן אָנשטאָט פֿאַרזוכן אויף דער צונג – איז ממש ווונדערלעך. אויף דער פֿראַגע, ווי איז די וועלט וואָס גאָט האָט זי באַשאַפֿן, וואָלט אַן אייראָפּעער געענטפֿערט: ׳פּרעכטיק׳; דער רוס וועט זאָגן: ׳שיין, ווי אַ מענטש שיין איז׳. דער מיטשפּירן־פּרינציפּ, דאָס התלהבֿות־געזעץ פֿירט דעם ייִדן אין אַ גאָר אַנדער ריכטונג, אַזוי אַז אויף דער געגעבענער פֿראַגע וועט דער ייִד ענטפֿערן: ׳גאָט האָט אַ דופּטיקע, אַ וויל־שמעקנדיקע וועלט געשאַפֿן׳.

דערבײַ מוז באַמערקט זײַן, – שטרײַכט אונטער ראָזאַנאָוו, – אַז די באַציִונג צו דער אַרומיקער וועלט, די פֿאַרהעלטעניש מיט אָט דער אַרומוועלט דורך שמעקן און אײַנאָטעמען איז אַ סך פֿאַרטרויענדיקער און אינטימער איידער דורך דער ראיה, דורך דעם זע־אָרגאַן״.

---

[1] Василий Розанов, 1856-1919 – אַן עקסטרעמער ״אַנטיסעמיט – יודאָפֿיל״. אָם בעסטן כאַראַקטעריזירט אים זײַן ״רעזומע״ אין דעם לעצטן בוך זײַנעם ״אַפּאָקאַליפּס פֿון אונדזערע צײַטן״: ״לעבט, ייִדן. איך בענטש אײַך אין אַלעמען, אַזוי ווי איך פֿלעג אײַך (...) אין אַלעמען פֿאַרפֿלוכן. אין דער אמתן זענט איר דער ׳צימעס׳ פֿון דער וועלט־געשיכטע, אַ מין ״קערנדל״ פֿון דער וועלט...״.

צי איז הער ראָזאַנאָוו אויך אין דעם לעצטן פּאָסטולאַט גערעכט, אין דעם קען מען שוין מסופּק זײַן, ווען מען באַטראַכט די בילדער פֿון אירענע פֿרענקעל, ווו די טאַקטילע חוש־ניואַנסן, די באַרירונגס־פּונקטן צווישן קעגנשטאַנד און קעגנשטאַנד, צווישן וועזן און וועזן, צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטשן און וועזנס און קעגנשטאַנדן ווערן געבראַכט צום אויסדרוק אַזוי עקזיסטענצפֿול און פֿײַן־שפּירעוודיק, און דער גאַנצער בילד־רוים – איז אַ פֿולשטענדיק באַוווינטער און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ וועלט אַ פֿאַרפֿלייצטע מיט צאַרטער מאַטעריע, אין וועלכער ס׳איז קיין איין ליידיק אָרט, קיין איינציקע וואַקוּום־צעל, קיין קוביק־מילימעטער פֿון נישט־זײַן ניטאָ, אַלץ – אַ געמיינזאַמער ליבלעכער אַרומנעם, פֿולזאַפֿטיק צונויפֿגעפֿלאָסן, זיס און לעבעדיק אײַנגעאָטעמט.

דאָס איז, חזר איך איבער, דער אוראַלטער ייִדישער דאָזײַן־אינסטינקט, דער התלהבֿות־אימפּולס, וועלכער שפּעטער, אין אַ פּאָר פֿאַרבײַגעלאָפֿענע יאָרטויזנטער אַרום, האָט ער אונדז אין אייראָפּע אויף ס׳נײַ געשענקט דעם לעבנס־באַיאָענדיקן חסידיזם, דאָס ייִדישע חסידות.

הייסט עס, איז אירענע, די ניט־ייִדישע מאָלערין, פֿאָרט אַ ייִדישע פֿאָרשטייערין אין דער וועלט־מאָלערײַ.

אָבער איר דאָס צו זאָגן – קענסטו מאָמענטאַל פֿון איר אַ פֿינצטערע ברוך־הבא אָפּלייזן: איר מאַמע שטאַמט פֿון דעם הויכן רוסישן אַדל; איר באָבע, זי איז געווען פֿון איין משפּחה – נישט מער און נישט ווייניקער! – מיט דעם גרעסטן סטראַשידלע פֿאַר די באָלשעוויקן, מיטן ווײַסן גענעראַל קראַסנאָוו.

רענדסבורג – עכּו, זומער–האַרבסט 2000

כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד...

Был всегда я бездомным в чужих краях,
Быть бездомным в родной мне отныне стране.
Посох вечного странника снова в руках,
Всё со мной – башмаки да рубашка на мне.

Прах земли я не брошусь лобзать впопыхах,
Как тот крупный вития с визитом его.
Целовать прах земли? Да ведь я же твой прах!
Это что ж, целовать себя самого?

Над лазурью Кинерета, сном наяву
Окружённый, застыну я, заворожён,
Принц в изгнанье, нашедший свою синеву,
Что была его грёзой-мечтой испокон.

Синеву целовать? Долгий вздох затая,
Как молебен безмолвный я буду стоять.
Я – лазурь твоя тихая. Синь твоя – я!
Как же можно себя самого целовать?

Пред пустыней твоей, очарованный весь,
Стану слушать я поступь верблюдов в песках,
Что качают уж тысячи лет на горбах
И товары, и тойру, и странников песнь,
Умирающую среди знойных дорог,
Незабвенно-живую, бессмертней всего…
Целовать твой песок? Это я – твой песок!
Кто ж, скажите, целует себя самого?

רוסיש: ל.ב.

הוספות

מאַנגעריאַדע

פענטאַפּטיך

④

מײַן מילכברודער איציק מאַנגער

אַ נײַס: די מאַמע זאָגט גאָר, אַז קיין עלטערן ברודער
האָב איך קיין מאָל ניט, זאָגט זי, געהאַט, און דער טאַטע,
ווי איך הייב אָן צו פֿרעגן, ווערט פֿײַער.

פֿון "מײַן עלטערער ברודער". ל.ב., 1982

ווען איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקומען דעם מאַנגער־פּרײַז, האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, אַרויסגייענדיק אויף דער גרויסער בינע, שוין געהאַט אין קעשענע אַ צוגעגרייט וואָרט. דערזען אָבער דעם פֿולן זאַל שרײַבער, פּראָפֿעסאָרן און יִדישע טוער מיט ערנסטע, באַדײַטנדיקע פּנימער, האָב איך באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט מײַנס טויג אויף כּפּרות, דאָ גייט ניט קיין חכמות, – דאָ מוזסטו זײַן סאָליד און מיושבֿדיק, און זאָגן דאָס, וואָס עס שטייט שוין מסתּם אין די פּאָר פֿריִער אָנגעשריבענע באַריכטן בײַ די לײַט פֿון דער פּרעסע.

בין איך צוגעגאַן צום מיקראָפֿאָן, איבערגעלייענט, פֿון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, אַ ליד און, אַפֿילו דעם פּובליקום קיין דאַנק פֿאַר זײַן געדולד ניט געזאָגט, זיך אומגעקערט אויף מײַן אָרט:

Dixi!

דאָס ליד מײַנס איז אויך אָבער ניט צו דער "טעמע" געווען, נאָר אויף וויפֿל מ'האָט מיך ערשט וואָס, אויף דער זעלבער בינע, באַגריסט און פֿאַרגעשטעלט ווי עפּעס אַ יִדישן אַוואַנגאַרדיסט – איז מיר דאָס פֿאָרטל אָפּגעגאַן גלאַט, אָן אַ באַגראָב...

וואָס זשע האָב איך געוואָלט אָבער זאָגן דאָרט – און גוט אַז כ'האָב עס ניט געטאָן?

◄►

ווען איך האָב, אַך, צוואַנציק יאָר שוין פֿאַרבײַ, פּלוצעם גענומען זיך שרײַבן אויף יִדיש, האָב איך פֿון דער יִדישער ליטעראַטור געלייענט דעם קלאַסיקער שלום־עליכם, אין רוסישע איבערזעצונגען, און דעם פּאָעט פּרץ מאַרקיש, אויכעט אויף רוסיש.

דער נאָמען פֿון איינעם אַן איציק מאַנגער איז מיר בפֿירוש אויך באַקאַנט געווען, נאָך פֿון די קינדער־יאָרן, אָבער אויף עפּעס אַ זעלטענעם אופֿן – ווי אַ מין סימבאָל, אַ מטושטש בילד פֿון אַ מענטשנטיפּ, אַן אַבסטראַקטע פֿיגור, דערבײַ אויסערסט אַ נעגאַטיווע: יענער מאַנגער!

דער ערגסטער פֿון אַלע פֿאַרשוינען אין אונדזער משפּחה־פֿאָלקלאָר: שלמה־שיכּורניק, גיצע סמירנאָוו, איציק מאַנגער...

גיצע סמירנאָוו פֿלעג יעדן חודש זיך יאַווען נאָך דירה־געלט, מיט אים איז אַלץ קלאָר געווען...

שרײַבן לידער בכלל, הייסט עס, אויף רוסיש, האָב איך אָנגעהויבן גלײַך נאָך דער מלחמה, צו זיבן אָדער אַכט יאָר. געוווינט האָבן מיר אויף דער טעבעקעריִע – אין דער אָרעמסטער

מאַכאַלאַ פֿון צעבאָמבעטן קעשענעוו, ווו קיין וואַסער בײַ אונדז און קיין עלעקטריע איז אין שטוב ניט געווען, אַזוי אַז מײַן טאַטע, דער תּמיד פֿאַרטומלטער שנײַדער, פֿלעג ניט שטאַרק זיך איבערנעמען, ווען דער קליינער דרעקוץ פֿלעג זיך שוין ווידער אַשאָזען בײַם לאָמפּ און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן קריצן סטישקיס, ברענען גאַז אַ שעה נאָך אַ שעה – ווען כאָטש מאַכן די שול־אויפֿגעבונגען...

– נאָכאַמול סטישקיס? – פֿלעג ער סוף־כּל־סוף פֿאַרלירן ס׳געדולד און צעשרײַען זיך, אַז די מאַמע אין קיך זאָל דערהערן:

– רוכל! רוכל! ער שראַבט שוין, דער אונלייגער, ווידער סטישקיס! טאָסטי אַ נײַעם איציק מאַנגער! זאָלסט וויסן, רוכל, ער וואַקסט איף פּינקט אַזאַ וואַגאַבאָנד – די געדענקסט אים, רוכל, יענעם מאַנגערן אין טשישמידזשיו?

דעם עפּיזאָד מיט עפּעס אַ מאַנגערן אין טשישמידזשיו האָב איך פֿון לאַנג געקענט –דער טאַטע פֿלעג אים דערציילן בײַם טיש בעת יעדן ״טראָסק״, ווען סע פֿלעג זיך צונויפֿנעמען בײַ אונדז – אויף 1טן מײַ און אויף 7טן נאָוועמבער, די גרעסטע סאָוועטישע יום־טובֿים – די גאַנצע קעשענעווער משפּחה, און צו מאָל נאָך קרובֿים פֿון טשימישליִע און בענדער, די פֿעטערס און מומעס מיט זייערע אַלע קינדער, צווישן וועלכע איך בין דער עלטסטער געווען און ס׳מיוחסל, דער געבוירענער נאָך ״באַ די רומיינער״.

מײַן פֿאָטער, וואָס אַ קול צום זינגען האָט ער געהאַט ווי זײַן אָנגעשטאָפּט מיט האָלצקוילן פּרעסל, – דווקא ער פֿלעג, נאָך אַ פּאָר גלעזלעך ווײַן, זײַן דער ערשטער, און דיאַדיאַ גדליה, דער עלעגאַנטער פֿאַריקמאַכער מיט צוויי פֿולע לאַצן קריגסמעדאַלן, האָט שוין אונטערגעבאָמקעט:



לאָמיר אַלע טרינקען לחיים,
טראַלאַלאַ־לאַלאַלאַ,
פֿאַרן ליבן חבֿר סטאַלין,
טראַלאַלאַ־לאַלאַלאַ!

פֿאַר אָקטיאַברסקי רעוואָלוצי,
טראַלאַלאַ־לאַלאַלאַ,
אין פֿאַר סטאַלינסקי קאָנסטיטוצי,
טראַלאַלאַ־לאַלאַלאַ!

אָפּגעזונגען אַ פּאָר סאָוועצקי לידער – אַז די שכנים, בפֿרט ניקאָלײַ דער מיליציאָנער, זאָלן עס הערן, און דאַן, שוין פֿאַר זיך אַליין, – ״אָבֿינו מַלכֵּנו״, ״שטייט אַ בחור״, און שוין שפּעטער – ״סופֿלעקאַטע פּינ׳לאַ בריִו״ אויף רומעניש, און ״דע טשע מ׳אַץ דוס דע לינגע בוי״, – פֿלעגן זיי נעמען דערמאָנען זיך אין אַמאָליקע צײַטן:

– די געדענקסט, אַרל, אין יאָס לייבן קלויסטער, לייבן די ״טריי יעראַרך״...

– ציפּע, דערמאָנסצעך, אין יעדער קאַפֿעניאַוואַ פֿלעג מען דאָרט ציטרוגן שוואַרצע קאָווע אָבליגאַט מיט אַ טעסעלע קאָלט־וואָסער. אין דו זשליאָקן זיי עס ווי ביר, נאָך פֿין אײַזערנע קרושקעס... ס׳הייסט באַ זיי קאָווע!... די גאָל זאָל זעך זיי... אין אַ טוג, געדענקסט, רוכל, אין

טשישמידזשיו, נו, דעם טוג ווען מיר האָבן שפּאַצירט דאָרט ביז אַפּדערנאַכט, נו, ווען כ׳האָב גערעדט דאָרט מיט מאַנגערן – ווּס, די געדענקסט שוין נישט?

אין בוקאַרעשט, סוף די 30ער יאָרן, נאָך פֿאַר מײַן געבוירן ווערן בײַ זיי, האָבן מײַנע עלטערן עס ליב געהאַט, מאַכן אַ פּראָמענאַד אין דעם שיינעם שטאָטגאָרטן טשישמידזשיו. דער פּרעכטיקער פּאַרק עקזיסטירט נאָך הײַנט. איז איין מאָל, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, ווען זיי זענען זיך אַזוי דורכגעגאַן אונטערן שירעם, האָבן זיי פּלוצעם דערזען אויף אַ באַנק, אויף דער צווייטער אַלעע, אַ מענטשן מיט אַן אויפֿגעמאַכטער פֿלאַש ווײַן לעבן אים און אַ גלאָז, שוין אויף אַ האַלב אויסגעליידיקט. דער טאַטע מײַנער האָט אים, פֿאַרשטייט זיך, תּיכּף דערקענט – לויט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אין אַ ייִדישן זשורנאַל צי אפֿשר אַ בלאַט. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם איינזאַם זיצנדיקן מאַן און אים מיט גרויסער נײַגער געפֿרעגט: ״זײַט מוחל, אַ גיט אָוונט אײַך, צי זענט איר דער זעלבער איציק מאַנגער, נו, יענער, דער זעלבער?...״אויף וואָס דער מאַן האָט אים פֿרײַנדלעך און זייער אינטעליגענט, אויף רומעניש, געענטפֿערט: ״דוטע, בעיאַטולע, אונדע טי־אַי דוס שי נו־ם באַטע קאַפּול״ – ״גיי זיך, ייִנגעלע, ווּ ביסט געגאַן און דול מיר דעם קאָפּ נישט״.

מײַן קינפּטיקע מאַמע, וואָס ז׳איז דעמלט געשטאַנען דערבײַ, איז, נאַטירלעך, אויף תּמיד געבליבן אַן עדות פֿון דער היסטאָרישער סצענע, אַזוי אַז דער טאַטע, ווען ער פֿלעג מיך, מיט אַ יאָר צען שפּעטער, פּאַקן שרײַבן סטישקיס, האָט געקענט אַפּעלירן צו איר:

– רוכל! רוכל! ס׳וואַקסט באַ דיר אַ *פּיטשאָר דע באַן גאַט*[1], ווי יענער מאַנגער אין טשישמידזשיו!״

אַן אויסניצער, הייסט עס, אַ בעל־הוצאה, וואָס רײַכע עלטערן האַלטן אים אויס...

עפּעס מאָדנע שײַנט עס מיר אָבער הײַנט, וואָס פּונקט דעמלט, אין יאָר, מיין איך, 37, האָט מאַנגער, לויט זײַן ביאָגראַפֿיע, געלעבט, און פֿון לאַנג שוין, אין וואַרשע...[2]

ס׳איז אַוודאי ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט געקאָנט אַ מאָל קורץ זיך אַרײַנכאַפּן אין בוקאַרעשט – אָבער ספּעציעל זיך אַוועקזעצן אונטערן רעגן, אין אַ פּוסטן פּאַרק, און דאָס פֿאַרפֿאַלק זאָל זיך דאָרטן פּונקט דעמלט דורכפּראָמענאַדעווען – אַלץ נאָר צוליב דעם, אַז כ׳זאָל מיט אַ יאָר זעכציק שפּעטער זען אָ־די סצענע ווי מיט אייגענע אויגן...

איך זאָג נישט, ס׳איז אוממעגלעך – איך זאָג נאָר, ס׳איז מיר עפּעס מאָדנע...

אַזוי אָדער אַנדערש – נאָר אין די אַכציקער, ווען כ׳האָב שוין אַליין געהייסן, אַנטשולדיקט, אַ ייִדישער פּאָעט, פֿלעג איך יעדעס מאָל, קומענדיק פֿון מאָסקווע קיין בוקאַרעשט, אָפּווישן אין האָטעל אַ ריין גלעזל און אַרײַנלויפֿן אונטערוועגס, אויף קאַליאַ וויקטאָריע, קויפֿן זיך אַ פֿלעשעלע צויקע, און אַוועקזעצן זיך אין טשישמידזשיו אויף אַ ווײַטערער באַנק – נאָר צו דער צײַט האָבן זיך די רומענישע ייִדן שוין איבערגעפּעקלט, כּמעט אַלע, קיין ישׂראל, אַזוי אַז קיין איין ייִדיש פּאָרל האָט מיך דאָרט ניט באַמערקט, אויך קיין גוייִש ניט, און אויך, איין מאָל, אונטערן רעגן.

---

[1] דער זון פֿונים פֿאַרטיקן קערבל (רומ׳).

[2] זע אין די ״דערגאַנצונגען צו די טעקסטן״.

אומזיסט – O tempora, o mores! – בין איך דעמלט אָפּגעזעסן ביז אין דער טיפֿער נאַכט, אײנער אַלײן אינעם אײַנגעשלאָפֿענעם גאָרטן, ווּ נאָר דזשיקאַ פּעטרעסקו – פֿון דעם בלישטשענדיקן אין די נאַסע בלעטער אויפֿן בוים רעפּראָדוקטאָר – האָט מיר געזונגען אַלטע און נײַע נאָסטאַלגישע לידער:

ס׳אַ אינאָפּטאַט אין טשישמידזשיִו,
שי לונאַ נ׳טשערול סאַרע קאַ׳אָ מינונע,
שי לונאַ שטיִע דאַר נו ווריאַ סע ספּונע,
קע ס׳אַ׳נאָפּטאַט אין טשישמידזשיִו...

מאַנגער. סוף Belle Époque. טשישמידזשיִו...

◀▶

וואָס ס׳האָט אָבער אויף מיר, אַ סך שפּעטער, נאָך אַ גרעסערן אײַנדרוק געמאַכט – איז דער פֿאַקט, אַז מאַנגער איז געבוירן געוואָרן אין טשערנאָוויץ!

געוווינט האָבן מיר, ווי געזאָגט, אין די פֿערציקער יאָרן אויף דער לוציקער טעבעקעריִע בײַם קעשענעווער וואַקזאָל און יעדן מאָרגן פֿלעג די מאַמע נעמען דעם מילך־בידאָן און גײן צום וואָקזאַל טרעפֿן דעם צוג "טשערנאָוצי – קישיניאָוו", וואָס פֿלעג אָנקומען אַרום זעקס אין דער פֿרי, און מיט אים – די טשערנאָוויצער פּויערטעס מיט זייערע פֿולע קוישן מילכיקס: קײַז, ברינדזע, אַ מין סאָרט זויערמילך וואָס האָט דאַמלסט געהייסן לאַפּטע־בעטוט און הײַנט קען די גאַנצע וועלט דעם פּראָדוקט אונטער אַ ציוויליזירטן נאָמען – יאָגורט. די מאַמע פֿלעג קויפֿן פֿאַר מיר אַ ליטער מילך – די טשערנאָוויצער מילך איז געווען אַ סך פֿעטער ווי בײַ די היגע גויעס, און אַ ביסעלע ביליקער.

איז וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט עס צו מאַנגערן, צו מײַן מעשׂה־שהיה?

פּראָסט און פּשוט... די מאַמע פֿלעג צוקומען, ווי ס׳איז אָפּגערעדט בײַ זיי געווען, צום צווייטן וואַגאָן, הייסט עס – נעמען מילך בײַ דער זעלבער פֿרוי, פֿון דער זעלביקער קו, וועלכע – ס׳איז אַבסאָלוט ניט אויסגעשלאָסן – האָט דאָרטן, אין טשערנאָוויץ, געקענט זײַן אַן אייניקל פֿון דער קו, וואָס אויף איר מילך איז מיט עטלעך־און־דרײַסיק יאָר פֿריִער אויפֿגעוואַקסן דער געניאַלער פּאָעט איציק מאַנגער – מײַן עלטערער מילכברודער!

◀▶

וואָס ס׳איז גאָר שוין פֿאַנטאַסטיש: אין די אַכציקער יאָרן, ווען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט אויסגעבראָכן די פֿרײַ, האָט זיך – נאַט אײַך! – אַרויסגעוויזן, אַז מײַן טאַטע, דער תּמיד פֿאַרטומלטער שנײַדער, האָט זײַן גאַנץ לעבן לאַנג בשתיקה געשריבן סטישקיס.
אײנס אָדער צוויי פֿון זיי האָט ער דעמלט – דרייסט און אָפֿן, אונטערן אייגענעם נאָמען! – אַרײַנגעשיקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד", און מען האָט עס דאָרט אָפּגעדרוקט – און פֿון דעמלט אָן האָב איך וועגן איציק מאַנגער אין טשישמידזשיִו מער ניט געהערט.

⑤

אי. מאַנגער און מ. צאַנין. תל־אָבֿיבֿ, 60ער יאָרן

״ווּ איך שטעל מײַן טראָט...״

אין די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליק ווערן אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור סטאַביל פֿאָרגעשטעלט פֿיר אויף ס׳נײַ ״אַנטדעקטע״ דיכטער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן נישט דערלעבט צו זײַן עדות פֿון זייער טריומף: פּאַול צעלאַן, עלזע לאַסקער־שילער, משה קולבאַק און איציק מאַנגער. דערבײַ איז דער וועג צו אָנערקענונג און רום אין אייראָפּע געווען פֿאַר די דײַטש־שפּראַכיקע פּאָעטן גאָר אַן אַנדערער, ווי פֿאַר די, וואָס האָבן געשריבן אויף ייִדיש, און דאָס איז קלאָר און נאַטירלעך.

אויך דער וועג פֿון משה קולבאַק איז געווען נישט דער זעלבער ווי בײַ מאַנגערן, און דאָס פֿאָדערט שוין יאָ אַ דערקלערונג. די סאַמע קורצע און באַשײַמפּערלעכע דערקלערונג איז, אַז דער אויסגעשפּראָכענער עקספּרעסיאָניזם אין קולבאַקס ווערק איז פֿאַרן אייראָפּעיִשן לייענער (ליטעראַטור־פֿאָרשער, פֿאַרלעגער, אד״גל) נישט געווען – ווי אַן עסטעטישע קאַטעגאָריע – עפּעס אַ נײַס, בשעת מאַנגערס פּאָעזיע האָט אין דער מאָדערנער אייראָפּעיִשער דיכטונג קיין שום אַנאַלאָג פֿון אַזאַ פֿאַרמיש: מיזרח־ און מערבֿ־קולטור, פֿאָלקסטימלעכקייט און העכסטע ראַפֿינירטקייט, מיטל־אַלטערלעכע פֿאָרמען און מאָדערניסטישע פֿערזמיטלען.

די רײַכע אייראָפּעיִשע קולטור־געשיכטע האָט אין משך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער געפֿונען פֿאַר יעדן שעפֿער – ווי גרויס אָדער אייגנאַרטיק ער זאָל נישט זײַן – אַן אינדעקס, אַ נישע, אַן אַרומגעצייכנטן אָרביט. מאַנגער אָבער בלײַבט דערווײַל, אין אָט דעם קולטוראָלאָגישן קאָסמאָס, נישט קלאַסיפֿיצירט (וואָס עס דאַרף אונדז גאָר נישט ערגערן).

באַנעמען און דעפֿינירן מאַנגערס שאַפֿונג אין פֿולער מאָס קען מען נאָר פֿאַרשטייענדיק, פֿון וואָס פֿאַר אַ קוואַל, פֿון וואָס פֿאַר אַ שויס־גענעטיק ז׳איז אויפֿגעקומען, און אין וואָס פֿאַר אַ גײַסט־סבֿיבֿה האָט זיך אַנטוויקלט דער דאָזיקער פֿענאָמען.

און דער קוואַל איז – דער ברויזנדיקער און זידנדיקער באַלקאַניש־רומעניש־בוקאָווינישֿ־בעסאַראַבישער קעסל, אין וועלכן – אַז מיר רעדן שוין דאָ וועגן ייִדן – ס׳האָבן זיך אויסגעקאָכט בעת דעם ערשטן דריטל פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט אַ פּאָר צענדליק ייִדעלעך, וואָס די גאַנצע וועלט קען הײַנט זייערע נעמען. סאַמי ראָזענשטאָק פֿון מוינעשט – דער פֿראַנצייזישער דיכטער און גרינדער פֿון דאַדאַיִזם טריסטאַן צאַראַ; דער פֿראַנצייזישער און רומענישער דיכטער בענזשאַמין פֿאָנדאַן – בענטשיק וועקסלער פֿון יאַס, אומגעבראַכט אין אוישוויץ, אין 1944; דער פֿראַנצייזישער דיכטער קלאָד סערנע – ערנסט קאָסמאַ פֿון טירגו־אָקנאַ; דער ערשטראַנגיקער דײַטשער דיכטער אַלפֿרעד מאַרגול־שפּערבער פֿון סטאָראָזשינעץ, וואָס דאָס האָט ער אויפֿגעכאָוועט דעם גרויסן פּאָעט פּאַול צעלאַן פֿון טשערנאָוויץ; סעלמאַ מייערבאַום־אײַזינגער – די הויך־טאַלענטירטע דיכטערין, אַ גײַסט־יורשטע פֿון דער אוניקאַלער טשערנאָוויצער פּלעיאַדע, וואָס ס׳איז איר אָבער נישט באַשערט געווען אויסצופֿילן די הימלשע מיסיע. דעם 16טן דעצעמבער 1942 איז די 18־יעריקע פּאָעטעסע געשטאָרבן אין אַ דײַטשישן אַרבעטס־לאַגער, און בלויז אירע 57 אויף דײַטש אָנגעשריבענע לידער זענען אונדז איבערגעבליבן.

און – אַ גאַנצע ריי נעמען פֿון ייִדן, וועמענס ווערק האָבן אײַנגעזאַפּט ס׳יויכל פֿון דעם בבֿליש־בײַבאַלקאַנישן קעסל און מיט עשירות עס אויסגעפּליעסקעט אין דיכטונג און פּראָזע אויף רומעניש, אונגאַריש, אוקראַיִניש, און ניט דען אין בוטשאַטש, אויפֿן אַמאָליקן דנאָ פֿון אַזוי גערופֿענעם גאַליציש־בעסאַראַבישן ים, האָט אָנגעשריבן אויף ייִדיש זײַנע ערשטע לידער דער קינפֿטיקער העברעיִשער נאָבעל־לאַורעאַט שמיל טשאַטשקעס? און מיר ווענלן, פֿאַרשטייט זיך, נישט פֿאַרגעסן די נעמען פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענען, משה אַלטמאַנען, אליעזר שטיינבאַרגן, יעקבֿ שטערנבערגן, איציק מאַנגערן. דער טעם פֿון דעם יויכל איז ביז הײַנט נאָך, זעט אויס, נישט אויסגעוועפּט. ווײַל אויב ס׳זאָל אויסגעוועפּט ווערן, דאַרף אויסגעוועפּט ווערן די לאַנדשאַפֿט, דער שפּראַך־ אָדער שפּראַכן־קלאַנג, דער מעלאָס־פֿאַרמיש פֿון דעם בערגיק־פּלייניקן קאַנט, דער ריח פֿון ווײַן און פֿון ברינדזע, דער אומריס פֿון טאַטע־מאַמע אויף אַן אַלטער פֿאָטאָגראַפֿיע...

ווען איך עפֿן, לאָמיר זאָגן, איציק מאַנגערס ״זבאַרזשעריאַדע״, און לייען דאָרט די שורה ״of, drăguța, unde eşti״ אין רומענישער שריפֿט – ווי זאָל איך זיך נישט דערמאָנען, אַז דאָס לידל האָב איך צענדליקער מאָל געשפּילט, אָנהייב די 60ער, אויף מאָלדעוואָנישע, אוקראַיִנישע און ייִדישע שׂימחות, ווען כ׳האָב זיך ווי אַ קלעזמער־אַקאָרדעאָניסט, אַרומגעשלעפּט מיטן אויסגעריבענעם ״Meisterspiel״ איבער גאַנץ בעסאַראַביע, און אַז פֿון דער טאָקע אייגענער מײַנער לעבנס־תּקופֿה, און נישט ווי אַ ציטאַט פֿון מאַנגערן, האָט זיך די שורה אַרײַנגעכאַפּט, שוין ענדע די 90ער, אין מײַן פּאָעמע ״לופֿטבלומען״... אָדער אפֿשר האָט מאַנגער יאָ געהאַט צו דעם עפּעס אַ שײַכות –אַ גענעטישע קרובֿישאַפֿט אויף עפּעס אַ מילך־כעמישן ניוואָ?

◄►

אַז מאַנגערס פּאָעזיע זאָל זיך פֿילן אין אייראָפּע בײַ זיך אין דער היים, האָט אייראָפּע געדאַרפֿט קודם דורכמאַכן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ נישט־פּשוטן וועג, וואָס האָט געבראַכט דעם אייראָפּעער צו אַ נײַעם מין אויפֿנעמען די עקזיסטענץ־ און גײַסט־רעאַליטעט, צו אַ געפֿיל, אַן אויספֿיר, אַז אָט דער אַלטער קליינטשיקער קאָנטינענט איז אַ היים פֿאַר יעדן היסטאָריש־אָפּשטאַמיקן פֿון דאַנען, און אַז אַרויסוואַרפֿן אַ מענטשן פֿון זײַן היים – איז אַ פֿאַרברעכן. אַ פּשוטער, דאַכט זיך, געדאַנק...

פֿאַר מיר – איין מאָל אַ פֿאַרכאַפּטן צוזאַמען מיט מײַן בעסאַראַבישן געבוירן־קאַנט, און איין מאָל אַן אַרויסגעפּערעטן פֿון דער רוסישער אימפּעריע (און, זעט אויס, כ׳וועל נאָך זײַן אין וועג...) – פֿאַר מיר איז די טעמע פֿון היימלאָזיקייט, וואָס פֿאַרנעמט בײַ מאַנגערן, טעקסטועל, רעלאַטיוו ווייניק פּלאַץ, איז אָבער דער גרונט־לייגנדיקער קאָמפּאָנענט פֿון זײַן וועלטשפּירונג און דער שאַרפֿסטער אימפּולס צום שאַפֿן, – די וויכטיקסטע. און ווען איך דאַרף באַשטימען אַ מאָטאָ פֿאַר מאַנגערס אַלגעמיינער ליריק, וואָלטן דאָס געווען צוויי שורות:

”ווו איך שטעל מײַן טראָט – בין איך אין דער פֿרעמד...“

און

”איצט פֿאַר איך זיך וואַלגערן אין דער היים...“

היימלאָזיקייט – איז בײַ די ייִדן זייער אַן אַלטער מאָטיוו (”על נהרות בבֿל...“) – אָבער אויך אין אייראָפּע האָבן די פּאָעטן שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געקלאָגט און געיאָמערט. אַ האַלבן יאָרטויזנט נאָך אונדזער ”זיצן און וויינען בײַ די טײַכן פֿון בבֿל“ איז אָווידי נאַזאָן, דער צאַרטער פֿריוואָלער פּאָעט, פֿאַר גאָרנישט, ממש פֿאַר גאָרנישט אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון רוים אין אַ באַרבאַרישער צפֿון־אויסרײַסעניש, ווו ער איז געשטאָרבן פֿאַר אומעט און אײנזאַמקייט, נאָך צען יאָר זיך עניוותדיק בעטן צוריק אין זײַנע בריוו און ”Tristia“־עלעגיעס:

”ווען דעם צאָרן וואָלט אײַנגעשטילט זײַנעם דער קייסער,
און דערלויבט, איך זאָל שטאַרבן אין מײַן אייגענער היים...“

וואָס, דאַכט זיך, גייט אונדז אָן אָ־דער אַלטער אַלטרוימישער געצן־דינער? – נאָר שטייענדיק בײַ זײַנע פֿיס, אונטער זײַן דענקמאָל אין קאָנסטאַנצאַ, אין אַמאָליקער Tomis, האָב איך געפֿילט ווי די טרערן גיסן זיך מיר פֿון די אויגן... .

אין אַלע שפּראַכן, אויף וועלכע ס׳האָבן געשריבן פּאָעטן פֿון אַשכּנזישן אָפּשטאַם, איז די טעמע פֿון היימלאָזיקייט (דעקלאַרירט אין אײַנדײַטיקע טעקסטן, אָדער פֿאַרבאָרגן אין די מעטאַפֿאָרן, אין דעם מחברס אונטערבאַוווסטזײַן) – דער ווייטיקדיקסטער, בלוטנדיקסטער עקזיסטענץ־מאָטיוו; און די ערשט מיט יאָרצענדליקער צוריק אויסגעשריגענע חורבן־טעמע איז נאָר אַ מאַקאַברישער שלוסאַקאָרד אין דער צײַטרוימיקער פּלאַנעטאַרער טרויער־סימפֿאָניע.

וואָס דען, ווי נישט די היימלאָזע קלאָג, איז, שוין אין 20סטן יאָרהונדערט, די פּאָעזיע פֿון עלזע לאַסקער־שילער און פּאַול צעלאַן אויף דײַטש; פֿון אָסיפּ מאַנדעלשטאַם און יאָסיף בראָדסקי אויף רוסיש; פֿון אַלען גינזבערג און לעאָנאַרד שוואַרץ אויף ענגליש; פֿון ח״נ ביאַליק

און נתן זך אויף עבֿרית? וואָס איז די טעמע פֿון דער ייִדיש־ייִדישער דיכטונג אין ישׂראל, פֿון די אַלע פּאָעטן, וועלכע זענען געוואָרן – ווער פֿריִער, ווער שפּעטער, ווער מער אַכזריותדיק און ווער ווייניקער ווילד – אַרויסגעשמיסן פֿון אייראָפּע, פֿון דער היים, ווו זיי זענען אַ מאָל קינדער געווען, יונגע לײַט געווען, פֿון דער ערשטער ליבע און ערשטע דעביוטן פֿאַרשיכּורט געווען... געווען... געוויין...

פֿאַר זיי – אויב אַוועקשאַרן די איבערפֿלעכלעכע ספּעקולאַציעס – בלײַבט אייראָפּע די אייביקע היים...

"די נאַכט – דער עקסאָדוס־עקסיל־עליקסיר / פֿאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ", – זאָגט דער געבוירענער שוין אין 1963סטן יאָר ענגליש־שרײַבנדיקער דיכטער לעאָנאַרד שוואַרץ.

אַ גענעטישע בענקשאַפֿט?

אַ גאַניאַלער 17־יאָריקער פּאָעט, וואָס – פּאָרויסזעענדיק, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט ער זיך צעקריגן מיט אייראָפּע און פֿאַרלאָזן זי – שרײַבט אין זײַן פּאָעמע "די שיכּורע שיף" (וואָס איז אין 20סטן יאָרהונדערט פֿון הונדערטער פּאָעטן איבערזעצט געוואָרן אויף צענדליקער לשונות), טרויעריק זיך באַקלאָגנדיק:

Je regrette l'Europe aux anciens parapets –
איך בענק נאָך אייראָפּע, נאָך די אַלטע פּאַראַפּעטן

די שורה איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט 137 יאָר צוריק.

צי איז נישט יענע אַלטע, קליינינקע, יענע אַנטרונען געוואָרענע אייראָפּע פֿאַר אַ האַלבער וועלט הײַנט – פּונקט דאָס, וואָס פֿאַר אונדז, ייִדן, דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע שטעטל, דער זיס־שמערצלעכער מיטאָס, צו וועלכן קיין וועג אויף צוריק איז נישטאָ?

היימלאָזיקייט און אייראָפּע־צענטריזם – צוויי געפֿילן, צונויפֿגעשמאָלצן אין איין וויי, וואָס האָט בײַ מאַנגערן דורכגעמאַכט אַ געוויסע מוטאַציע און זיך פּאָעטיש אויסגעדריקט, ווי אויך בײַם אויבן ציטירטן אַרטיור רעמבאָ, אין אַ פֿאַרפֿריִערדיקער, נאָך פֿאַר מאַנגערס אָפּפֿאָרן קיין ישׂראל, שאַרף־עמאָציאָנעלער, פּאָלעמישער שורה:

"כ'וועל נישט קושן דײַן שטויב ווי יענער גרויסער פּאָעט..."

זײַן דערקלערונג אין די פֿאָלגנדיקע שורות, פֿאַר וואָס ער וועט נישט קושן דעם שטויב – געהערט שוין צו אַן אַנדער טעמע, וואָס האָט מער מסתּם אַ שײַכות צו "יענעם גרויסן פּאָעט".

דער ערשטער מאָוויסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור

"...quaerunt male reddere verba
discunt posse minus, quam potuere, loqui"

***Ovidi Nasonis. Artis amatoriae*[1]**

מאַנגער – איז אַן אייראָפּעער, ער האָט באַהערשט אַלע שיכטן פֿון דיכטונגס־ און טעאַטער־עסטעטיק, די פֿילאַרטיקע אייראָפּעיִשע קלאַסיק און דעם מאָדערניזם, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דער פּאָמפּעזער רעטאָריק, פֿאַלשער טיפֿזיניקייט און דידאַקטיק – די דרײַ פּוסטע מומיעס פֿאַרבליבענע פֿון דער שפּעטער אויפֿקלערונגס־תּקופֿה.

אין זײַן ווערק שטעלט זיך מאַנגער נישט אויף די שפּיצפֿינגער – ער בלײַבט שטענדיק געטרײַ דער מענטשן־פֿרײַנדלעכער טראַדיציע פֿון די "פּראָסטע" זשעניִען פֿון רענעסאַנס – ראַבלע, שעקספּיר, סערוואַנטעס, פּעטראַרקאַ, באָקאַטשאָ, נאָר פֿאַר אַלעם -געטרײַ זיך אַליין, דעם בן־אָדם און דעם ייִד איציק מאַנגערן. ער פּרעטענדירט נישט אויף אַ "פֿילאָסאָפֿישער" צי "היסטאָרישער", צי "נאַציאָנאַלער" אָביעקטיווקייט, ער שפּילט נישט קיין נבֿיא ("גאָטס מויל" לויטן ספֿר שמות) און רעדט אין זײַן אייגענעם נאָמען און זיך ניט ווענדנדיק צו דער "מענטשהייט" אָדער צום "פֿאָלק", נאָר יעדעס מאָל – צו דעם מענטשן, צום לייענער.

מאַנגער, וועמענס מײַסטערשאַפֿט אין פֿערז און טעאַטער־דיאַלאָג איז געווען אַזוי פֿילזײַטיק, האָט אויך פֿאַרשטאַנען צו באַנוצן זיך מיט סאַמע "אָרעמע" קונסטמיטלען. ניט, חלילה, זיך צופּאַסנדיק צו יעדן לייענער און צושויער, און ניט מחמת פֿאַלשער אָדער עכטער באַשיידנהייט – נאָר אַרויסגייענדיק, ווידער אַ מאָל, פֿון זײַנע פֿאַך־אויטאָרישע און קולטוראָלאָגישע פֿאָרשטעלונגען. אים איז, למשל, צום האַרצן געווען די עסטעטיק (פֿאַר אייניקע – "אַנטי־עסטעטיק") פֿון דעם מיטל־אַלטערלעכן פֿאָלקסטעאַטער, פֿון די וואַנדערנדיקע טרובאַדורן און די שפּעטערדיקע פּאָעטן פֿון "קאַרמינאַ בוראַנאַ", די יונגע ווירשן־שרײַבער אין די קאַטוילישע סעמינאַריעס. אים איז פֿרעמד און מסתּם דערווידערדיק געווען דער פּרעטענציעזער אינטעלעקטואַליזם – און זײַענדיק אַליין אמת אַ ייִד אַ חכם, פֿירט ער מיט זײַן לייענער אַ שפּיל און שרײַבט:

"און אָט בין איך דאָס אייניקל פֿון אונדזערע אַלטע נאַרן –
ר' אײַזיק וואָליך ווירמייסן און ר' שלמה פֿון פּראָגן..." –

און מאַנגערס לייענער איז אַ מבֿין אויף דער־אָט זעלבסט־איראָניע – וואָס, אַגבֿ, ניט יעדן אויטאָר (און נישט מיט יעדן לייענער) גליקט עס אַזוי אָפֿט...

[1] "מ'לערנט זיך רעדן ערגער, איידער מע קען" (לאַט'). פּובלי אָווידי נאַזאָן – "ליבע־שטודיעס".

◀▶

במשך די 5-4 יאָרצענדליקער נאָך דעם חורבן־שאָק האָט מען אין אונדזער ליטעראַטור פֿאַרגעסן, פּאַקטיש, אין שפּיל, קלאָונערײַ, שאַרפֿזיניקע מיסטיפֿיקאַציעס. כּמעט אַלץ, וואָס הײַנט ווערט געשאַפֿן אויף ייִדיש, איז ערנסט אָדער גאָר טראַגיש, סײַדן שוין יענע ״פֿריילעך״־ביליקע כאָכמאָלאָגיע אויף דער עסטראַדע, פֿול פּאָליטישע רמזים און קערפּערטיילן. אין דער סיטואַציע, ווען אַן אמתער וואָרטמײַסטער איז בײַ אונדז געוואָרן אַ זעלטענער פֿענאָמען, האָט אין דעם נאָך ניט ביזן דנאָ איבערגעטריקנטן טײַכבעט אַ פֿלייץ געטאָן דאָס פּרימיטיווע צוזיפֿשטעלן עטלעכע געגראַמטע סטראָפֿעס אָדער דאָס דערציילן עפּעס אַ נודנע געשיכטע, ״אַ מאַנסע מיט אור״, ווי מײַן טאַטע פֿלעג זאָגן. דער קעשענעווער, געדענק איך, אָפּגעריבענער בדחן אויף מומע שלימעס חתונה אין יאָר 1950 פֿלעג עס מאַכן צען מאָל בעסער, ניט זײַענדיק קיין חשובֿער מיטגליד פֿון דעם שרײַבער־פֿאַראיין... און דער רעצענזענט דער הײַנטיקער, אַז ער האָט שוין ניט וואָס צו זאָגן פֿון אַזאַ ״פּאָעזיע״ אָדער ״פּראָזע״, נעמט ער אונדז רעדן וועגן דעם הומאַניזם (מילא) און עפּעס אַ ״גוטן געשמאַק״ פֿון דעם מחבר. און ווען זײַן אויטאָר וואָלט טאַקע יאָ געהאַט עפּעס פֿון דעם וואָס ס׳פֿלעג זיך אַמאָל רופֿן ״גוטער געשמאַק״ – צי קומט אים אין קאָפּ, דעם רעצענזענט, אַז צו שרײַבן בײַ הײַנטיקן טאָג, אין דער הײַנטיקער וועלט ״אין אַ גוטן געשמאַק״ – דאַרף מען האָבן אַ זייער שלעכטן געשמאַק...

איציק מאַנגער איז אין זײַן שאַפֿונג ניט ווייניקער ״עסטעטיש״, ווי, לאָמיר זאָגן, ה. לייוויק אין זײַנע סימבאָליסטישע לידער אָדער משה קולבאַק אין די סאָנעטן, פֿון וועלכע די בעסטע, לויט דער שטרענג קלאַסישער פֿאָרם, קענען דעם אמתן לייענער דערמאָנען אַפֿילו אין לעקאָנט דע ליל, דעם maître פֿון די ״פּאַרנאַס״־פּאָעטן. מאַנגערן האָט מען ניט געדאַרפֿט דערציילן, וואָס ס׳איז עסטעטיק. אָבער יענע ״עסטעטיק״, אַזוי ווי מען פֿאַרשטייט עס נאָך הײַנט אין דער ייִדישער סבֿיבֿה, איז פֿאַר מאַנגערן געווען – צו באַנאַל. ער איז געגאַנגען זײַן וועג – און געקומען צום ראַפֿינירטסטן עסטעטיזם, וואָס האָט אים דערמעגלעכט, למשל, צו הערן דעם גראַם־איבערקלאַנג צווישן ״נאַרן״ און ״פּראָגן״ – אַן איידל־איראָנישער אַסאָנאַנס, וואָס נישט יעדער לייענער, דערצויגן אויף דער ״קאָרעקטער״ (קאָנווענציאָנעלער) דיכטונג, קען אים, לײַדער, דערהערן.

אָן אַ שפּיל, אָן אַ לעבנסלוסטיקן שפּאָט־שמייכעלע – איז ניטאָ קיין פּאָעזיע. פֿערזן – דאָס יאָ, די שענסטע און קליגסטע אַפֿילו.

פּאָעזיע און פֿערזן – איז נישט דאָס זעלבע, ווי ס׳רובֿ לייענער און ניט ווייניק פֿון שרײַבנדיקע מיינען. אין מיטל־אַלטער (און אַזש ביזן 18טן יאָרהונדערט) פֿלעג מען, אַ שטייגער, שרײַבן אין פֿערזן וויסנשאַפֿטלעכע טראַקטאַטן[1], אָבער קיינעם איז נישט געקומען אין קאָפּ, דאָס אָנצורופֿן פּאָעזיע!).

[1] צוו״אַ: דער ״מיקראָלאָג״ פֿון גווידאָ ד׳אַרעצאָ (1025) אָדער מ. לאָמאָנאָסאָווס ״בריוו בנוגע דעם נוץ פֿון גלאָז״ (1752).

מאַנגער – איז דער ערשטער, הגם אַ ״סטיכעיִשער״, מאָוויסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, כאָטש טאַקע ניט קיין אויסגעשפּראָכענער. ער האָט גוט באַהערשט, ווען ער האָט עס געדאַרפֿט, די קונסט פֿון ״שלעכט שרײַבן״, און האָט אָנגעוואָנדן דעם סטיל־אינסטרומענט אַ יאָר 30 פֿאַר דעם רוסישן פּראָזאַיִקער וואַלענטין קאַטאַיעוו (1997-1896, אַגבֿ, אַהרן ווערגעליסעס שווער), וועלכער האָט פֿאָרמולירט די פּרינציפּן פֿון דער ״נײַער״ סטיליסטיק און זי מיט ווירטואָזקייט געשילדערט אין זײַן אמת פֿאַר אים נײַער פּראָזע (צו דער צײַט – אין מיטן די 60ער יאָרן – איז קאַטאַיעוו שוין אָנערקענט געווען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַלס אַ לעבעדיקער קלאַסיקער – דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט דעם 70־יאָריקן שרײַבער פֿאַר עקספּערימענטן וואָס האָבן דיסקרעדיטירט דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דער טערמין ״מאָוויזם״ קומט פֿון פֿראַנצייזישן mauvais (״שלעכט״, ״געשמאַקלאָז״) און דעם דאָזיקן מעטאָד קען מען, אין דעם ליטעראַרישן און געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטעקסט, באַטראַכטן ווי אַ שעפֿערישן פּראָטעסט קעגן דעם ״גלאַטן״ קאָנפֿאָרמיסטישן שרײַבן.

אויף וויפֿל דער מאָוויזם איז טאַקע קאַטאַיעווס אַ דערפֿינדונג, איז ניט גרינג צו זאָגן, ווײַל מאָוויסטישע סימנים טרעפֿן מיר, צום בײַשפּיל, שוין אויף די בילדער בײַ סעזאַנען, וואָס מסתּם דאָס האָט געמיינט דער גרויסער סורעאַליסטישער סטיליסט סאַלוואַדאָר דאַלי, ווען ער האָט געשריבן אין ״Dali par Dali״, אַז סעזאַן איז נעבעך זײַן גאַנץ לעבן נישט פֿעיִק געווען אָנצומאָלן אַ קײַלעכיקן עפּל״.

Egmont Hesse.*"Itzik Manger. Poesiealbum 205"*

אַ באַשײַמפּערלעכן מאָוויסטישן קאָמפּאָנענט טראָגן אין זיך די דראַמאַטורגיע און די פּראָזע בײַם הײַנטיקן ייִדישן שרײַבער מיכאל פֿעלזענבאַום, – צי איז דאָס אַ סימן פֿון דעם מחברס הויכער Raffinesse, אָדער ס׳פּאַסט דאָ מער דער זעלבער דיאַגנאָז, וואָס דאַלי האָט געשטעלט סעזאַנען? – כ׳קען נאָר זאָגן, אַז בײַ פֿעלזענבאַומען, אין זײַנע בעסטע פּאַסאַזשן, איז די פּראַזע


נ י ג ו ן

נישט נאָר ״שלעכט״ (מאָוויסטיש) אויסגעלייגט, נאָר אויך ״שלעכט״ (אַבסורדאַל, ניט־לינעאַר) דורכגעטראַכט – וווּס פֿאַרשאַפֿט מיר נאָך מער הנאה.

מאַנגער – טראָץ שאַרפֿע פֿאָרוואָרפֿן און טענות צו אים מצד אייניקע זײַנע בני־דור (יעקבֿ גלאַטשטיין & Co) איז דווקא מ ע ר אַ י ִ ד י ש ע ר דיכטער, איידער אַ סך פֿון די פּראָמינענטע שרײַבער אונדזערע, ווײַל ער – טאַקע ער, וועלכער האָט גוט געוווּסט פֿון וואַנען די פֿיס בײַ דער קריסטלעך־אייראָפּעיִשער עסטעטיק וואַקסן, – איז תּמיד געבליבן אינדיפֿערענט צו דער ״שיינהייט״ אין דער אינטערפּרעטאַציע פֿון די סימבאָליסטן אָדער די אינטערנאַציאָנאַל־געפֿאותטע אמת־זוכער, וואָס האָבן זיך בפֿירוש נישט געמיאוסט דאָ און דאָרט צו אַרגומענטירן מיט דער צוויי־אַקישער פֿאָרמל פֿון דעם אַנטיסעמיט דאָסטאָיעווסקין, לויט וועלכער ״די שיינקייט וועט ראַטעווען די וועלט״.

און ווײַל טאַקע ניט עסטעטיק, נאָר קודם־כּל עקזיסטענציעלקייט איז דער אוראַלטער יידישער פּרינציפּ, וועלכער קומט צום דײַטלעכסטן אויסדרוק אין תּנך און אַנדערע אונדזערע אוצרות, וואָלט אפֿשר יעקבֿ גלאַטשטיין געדאַרפֿט זיך טיפֿער אַרײַנקוקן אין מאַנגערס שאַפֿונג און באַזירן זיך אין זײַן אורטייל ניט אויף די אויסערלעכע, פֿערז־טעכנאָלאָגישע און וואָרטשאַץ־דעקאָראַטיווע אויבערפֿלאַכן, ווען ער, גלאַטשטיין, האָט געשריבן, אַז מאַנגערס ״ליד [...] איז מאָנאַכיש־באַלאַדיש־געציילעמט פֿון אָנגעבאָרגטער פֿרעמדקייט״. צי אפֿשר זענען מיר אַלע גאָר, מיר אַשכּנזים, אַן אָפּגעשמדט פֿאָלק, וואָס האָט פֿאַר זיך אויסגעקליבן ווי אַ פֿאָלקסליד דעם לויטער באַלאַדישן טעקסט ״אויפֿן וועג שטייט אַ בוים״? די באַלאַדע־פֿאָרם האָט דאָך דורכגעמאַכט אין משך פֿון דעם לעצטן יאָרטויזנט אַלע דרכים און מעטאַמאָרפֿאָזעס פֿון דער, יאָ, קריסטלעכער מערבֿ־קולטור, און דער מאַרשרוט־פּונקטיר איז: דאָס גויִישע פֿאָלקס־טאַנצליד, צב״ש, אין פּראָוואַנס (״ballare״ – ״טאַנצן״); דאַן – אַ זשאַנער אין פֿאָלקסדיכטונג (למשל, בײַ די רומענער אין ״Miorița״); און זינט דעם 14טן יאָרהונדערט – אַ ראַפֿינירטע פּאָעטישע פֿאָרם בײַ די גרעסטע אייראָפּעיִשע דיכטער, ווי דיו בעלע, דאַנטע, און – נאַט אײַך! – בײַ מאַנגערן ווי אַ זינג־ און אַ טאַנץ־ליד, וואָס מ׳קען עס ווידער ״באַליאַרן״, אין דעם טאַקט פֿון 3/4, ווי אַ וואַלס אינעם פּאַרק טשישמידזשיו. און אַגבֿ – איז דען ניט פֿון ״אָנגעבאָרגטער פֿרעמדקייט געצלמט״ געווען שוין דאָס ערשטע, גרונטלייגנדיקע ווערק אין דער יידיש־יידישער ליטעראַטור – אליה בחורס ״בבֿא־בוך״?

מאַנגער און דער רואה־ואינו־ניראה פֿון דעם אַלבערטפּלאַץ

אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט, אָנהייב מײַ, בין איך, נאָך אַ קורצן שפּאַציר אין צענטער דרעזדען, צוגעקומען צום שיינעם Albertplatz מיט זײַנע עלף גאַסן, וואָס שטראָמען אַרײַן אַהער פֿון אַלע עקן שטאָט, און מיט זײַנע צוויי אַלטע פֿאָנטאַנען – "שטורמישער וואַל" און "שטילע וואַסער". מײַן פֿאָרלייענונג צו מאַנגערס 100־יעריקן יובילײ האָט זיך אין "עריך קעסטנער־מוזײ" געדאַרפֿט אָנהייבן ערשט 7 אַ זייגער, האָב איך נאָך געהאַט אַ גוטע שעה צײַט...

אַזוי אַרומקוקנדיק זיך און זוכנדיק מיט די אויגן, ווו מ׳פֿאַרנעמט אין דער Antonstrasse, באַמערק איך אויף דער אַנדערער זײַט, בײַ דעם ראָג, עפּעס אַ מאָדנע פֿיגור פֿון אַ מאַנצבל, אַ מין באָהעמע־פּאַרשוין, וואָס וואַרט דאָרט אויף עמעצן און זעט אויס פֿון דער ווײַטנס ווי איינע פֿון די זיך באַוועגנדיקע מעטאַל־קאָנסטרוקציעס אין באַזל, אין דעם פּאַרק פֿון מאָדערנער סקולפּטור.

איך לאָז זיך צו אים, און דאָ שווימט מיר אויף אין זכּרון שוין אַן אַנדער אַסאָציאַציע – דער רואה־ואינו־ניראה פֿון הערבערט וועלס "The Invisible Man" אין דער שרעקלעכער סצענע, ווען דער הויפּט־פּערסאָנאַזש גריפֿין אַנטלויפֿט פֿון זײַנע פֿאַרפֿאָלגער, און לויפֿנדיק וואַרפֿט ער פֿון זיך אַראָפּ דאָס העמד, די הויזן, די שיך – ווערט אַ טייל נאָך אַ טייל דורכזעעוודיק, נעלם.

אויך דער – ווען איך שטיי שוין פֿאַר אים – איז אַ מין קאָמבינאַציע פֿון לופֿט און באַשטאַנדטיילן: אַ הוט אויפֿן סאַמע שפּיץ "האַלדז" (אַ הויכער שטויס ביכער), צוויי דאַרע אַקסלען – אַ שמאָל טישל מיט אַ וויניעט־פּאָטאָ פֿון אַ שטייענדיק ייִנגעלע, אַ טעסעלע קאַווע, אַ בלײַשטיפֿט, אַ צײַטונג, אַ גלאָז whisky... אַזאַ, הייסט עס, מאָדערנער דענקמאָל – דעם וועלט באַקאַנטן דײַטשן פּאָעט עריך קעסטנער.

די הייך פֿון דער סקולפּטור – 1.68 מ׳, דער פּינקטלעכער וווקס פֿון דעם פּראָטאָטיפּ. אויפֿגעשטעלט 1990. סקולפּטאָר: וואָלף־אײַקע קונטשע.

◀▶

דאָס פּובליקום, וואָס איז געקומען יענעם אָוונט צו מיר, איז געווען נישט אַזוי גרויס, איך האָב זיך אָבער ניט שטאַרק געערגערט, ווײַסנדיק, אַז ווען עריך קעסטנער אַליין האָט אין דרעזדען, אין זײַן היימשטאָט, געהאַט אָנהייב 1967 אַ לייענונג, "האָט זיך בלויז אַן אויסגעווײלטס פּובליקום באַטייליקט אין דער פֿאַראַנשטאַלטונג" –

"Nur ein ausgewähltes Publikum nahm an dieser Veranstaltung teil".

אין דעם בוך (1975) "Closing Times" פֿון דעם ניו־זעלאַנדישן שרײַבער דעניעל **דעווין** דערציילט דער מחבר וועגן זײַן פֿרײַנדלעכער באַקאַנטשאַפֿט מיט איציק מאַנגערן און זייער ערשטער באַגעגעניש:

---

1 Daniel Markus Davin. אים איז געווידמעט מאַנגערס געדיכט "דער אָוונט טונקלט". די פֿולע ייִדישע איבערזעצונג פֿון זײַן טעקסט, פֿון וועלכן עס איז גענומען דער אויסצוג, זע אין: "די גאָלדענע קייט", נומ׳ 82.

"...איציק האָט געזאָלט אַרויסגיין אויף אָוונטברויט מיט דזשאָן ווילעט, אַ חבֿר מיט וועמען כ׳האָב אים (קעסטנערן – ל.ב.) באַקענט אין עדינבורג, ווען דזשאָן און עריך קעסטנער זײַנען, פּונקט ווי מיר, אַנטלאָפֿן פֿון אַ רעפֿעראַט" – און אַנטלאָפֿן זענען זיי יענץ מאָל, ווי אויך מסתּם אַ סך מאָל נאָכן באַשריבענעם עפּיזאָד, אין אַ שענק. פֿאָרגעקומען איז דאָס אַלץ אין אויגוסט 1950, אויפֿן פֿילטאָגיקן קאָנגרעס פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּ.ע.נ.־קלוב, וווּ מאַנגער האָט אויכעט געדאַרפֿט אַרויסטרעטן מיט אַ רעפֿעראַט. (וואָס ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט פֿון דעם – איז אַ געשיכטע פֿאַר זיך).

די סצענע פֿון זײַן ערשטער באַגעגעניש מיט מאַנגערן – טאַקע אין דעם טאָג פֿון דער אָפֿיציעלער קאָנגרעס־דערעפֿענונג – באַשרײַבט דעווין אַזוי:

"– בראָנפֿן וועט זײַן בײַם קבלת־פּנים וו׳הין מיר גייען? – פֿרעגט דער פֿרעמדער מיט אַ קול פֿון פּאַטעטישער דאגה און מיט אַזאַ שווערער באַטאָנונג אַז צו ערשט האָב איך געמיינט אַז אויב ס׳וועט יאָ זײַן בראָנפֿן וועט ער אַהין ניט גיין.

– ניין.

ער האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרמישפּטער צום טויט.

– קומט מיט מיר, – זאָג איך, – איכ׳ל געפֿינען אַן אָרט ווו מע קען קריגן בראָנפֿן".

פֿאַר עריך קעסטנערן אָבער, וואָס אים איז דעמלט פֿאָרגעשטאַנען צו ווערן אין אַ יאָר אַרום פֿאָרזיצער פֿון דעם דײַטשן פּ.ע.נ.־קלוב, האָט זיך יענער קאָנגרעס אָנגעהויבן, מיין איך, מער "דיסציפּלינירט", הגם:

"Gerade in seinen späten Lebensjahren trank er oft viel Whisky"[1].

די שטאָט דרעזדען, ראשית שריפֿטלעך דערמאָנט אין די אַנאַלן פֿון יאָר 1216, האָט גענוג מיט וואָס און מיט וועמען צו גרויסן זיך אין איר לאַנגער קולטור־געשיכטע – אָבער אין 20סטן יאָרהונדערט איז איינס פֿון די סאַמע געליבטע געשטאַלטן צווישן די היגע ווײַט־באַרימטע "Stars" געווען עריך קעסטנער.

געבוירן אין 1899, האָט ער געהערט צו דער זעלבער גענעראַציע פֿון אייראָפּעיִשע שרײַבער, וואָס איר פֿאָרשטייער איז אויך געווען איציק מאַנגער, און ניט נאָר אין אַ צײַט־כראָנאָלאָגישן זינען. ביידע האָבן זיי געהאַט אין זייער פּאָעטישן גורל און בן־אָדמישן לעבנסגאַנג אַ סך מער ענלעכס ווי בלויז די נטיה צום אַלקאָהאָל (וואָס בײַ מאַנגערן, מיין איך, האָט בכלל געטראָגן אָפֿט מאָל אַ ספּעקטאַקולאַרן כאַראַקער).

איציק מאַנגער, וועלכער האָט זײַנע ערשטע לידער, נאָך לערנענדיק אין דער טשערנאָוויצער דײַטשער פֿאָלקסשולע, געשריבן אויף דײַטש, איז אַלס דיכטער דערצויגן געוואָרן פֿון דעם דײַטשן פּאָעט, דעם בוקאָווינער ייִד אַלפֿרעד מאַרגול־שפּערבער, – איציק מאַנגער, וועלכער

[1] "גראָד אין זײַנע שפּעטע לעבנס־יאָרן האָט ער געטרונקען אָפֿט און פֿיל וויסקי" – לויט: Matthias Stressow, "Auf den Spuren Erich Kästners in Dresden". Hellerauss-Verlag, 1999.

האָט איבערזעצט פֿון דײַטש און איז גוט באַהאַוונט געווען אין דער מאָדערנער דײַטשער דיכטונג, – איציק מאַנגער האָט זיכער געלייענט דעם זייער פּאָפּולערן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה עריך קעסטנער, וועמענס ביכער האָט מען, ווי ״אַמאָראַלישע״, פֿאַרברענט אין יאָר 1933 אין בערלין (און צום צווייטן מאָל – שוין אין יאָר 1965! – אין דיסלדאָרף, די אַקציע האָט דורכגעפֿירט דער ״עוואַנגעלישער יוגנטבונד פֿאַר אַנטשיידענעם קריסטנטום״).

צי האָט עריך קעסטנער פֿאַר זייער טרעפֿונג אין דעם שאָטישן שענק שוין געהאַט געלייענט אַ מאָל מאַנגערן, ווייסן מיר ניט, אָבער עס שײַנט אוממעגלעך צו זײַן, ער זאָל איבער הויפּט ניט האָבן געהערט דעם נאָמען פֿון דעם וווּנדערלעכן יידישן דיכטער.

ביידע – אויפֿגעוואַקסן אין ביטערער אָרעמקייט, (אידאַ קעסטנער, זײַן מוטער, אַ געבילדעטע אינטעליגענטע פֿרוי, האָט געמוזט, אַז איר זון זאָל קענען גיין לערנען, גיין אַרבעטן אין אַ פֿריזירערײַ).

ביידע – געשריבן, באַגלײַך מיט לידער, אויך פּראָזע, און די גאַנצע נשמה אַרײַנגעלייגט אין טעאַטער.

ביידע – געהאַסט דעם פֿאַשיזם און יעדן סאָרט מיליטאַריזם, און אויב מאַנגער האָט זײַן ״מלחמה־באַלאַדע״ אָנגעשריבן ״אין טאָג, ווען היטלער איז געוואָרן קאַנצלער״, האָט קעסטנער זײַן ״פֿאַנטאַזיע פֿון איבער מאָרגן״ געשאַפֿן – אויף זײַן טרוימערישן אופֿן – נאָך אין יאָר 1927.

און ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קינפֿטיקער קריג,\
האָבן פֿרויען געזאָגט: ניין!\
און האָבן דעם ברודער, דעם זון און דעם מאַן\
פֿעסט פֿאַרשלאָסן אין דר׳היים.

און האָבן געלאָזט זיך, אין יעדן לאַנד,\
צום קאָמאַנדירס הויז,\
און האָבן געהאַלטן אַ שטעקן אין האַנט,\
און געטריבן די ניבֿזים: אַרויס!

און האָבן יעדן געלייגט איבער קני,\
ווער באַפֿוילן ס׳האָט דעם ערשטן קנאַל:\
די הערן פֿון באַנק און אינדוסטרי,\
דעם מיניסטער און גענעראַל.

דאָ און דאָרטן – טרעשטשעט אין צווייען דער שטאָק.\
דאָ און דאָרטן – דאָס גרויסע מויל שווײַגט.\
אין אַלע לענדער איז אויס קריג,\
מ׳הערט בלויז קוויטשען די מיאוסע לײַט.

די פֿרויען גייען אַהיים צוריק\
צום ברודער און זון, און מאַן,\
און זאָגן זיי: ס׳איז פֿאַרענדיקט דער קריג!

יענע קוקן אין פֿענצטער אַרויס – און דעם בליק
ווענדן אָפּ פֿון די פֿרויען נ׳אַ זײַט...[1]

דאָס וואָס אַזאַ היסטאָרישער ״אויסוועג״, אַזאַ ״לייזונג״ פֿון דעם קינפֿטיקן וועלטקריג (״אין יעדן לאַנד״) איז אַ פֿאַנטאַזיע, אַ פּוסטער חלום,– האָט קעסטנער געוווּסט, פּונקט אַזוי, ווי מאַנגער האָט געוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַ רעאַלן אַכזריות וועט די וועלט־געשיכטע פֿאַרקערפּערן די אַפּאָקאַליפּטישע בילדער פֿון זײַן ״מלחמה־באַלאַדע״, די גרויזאַמע שפּיל פֿון זײַן אויסגעמאַטערט־פֿאַרשׂרפֿעטן כּוח־הדמיון:

״און די מאַמעס הורן אין די שטאַלן מיטן טויט
פֿאַר אַ היטל צוקער און אַ לאַבן ברויט״.

אַז פּאָעטן זאָגן נבֿיאות – איז באַוווּסט.

וואָס פֿאַר אַ פֿענאָמענאַלן צײַט־געפֿיל האָבן אָבער די ביידע פֿאַרמאָגן געדאַרפֿט, אַזוי פּינקטלעך פֿאָרצוזען דאָס י אָ ר פֿון דעם מלחמה־אויסברוך?

קעסטנערס ״פֿאַנטאַזיע״ איז אָנגעשריבן אין 1927, מאַנגערס ״באַלאַדע״ – אין 1933, די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין 1939. צווישן די דרײַ דאַטעס – אַ סטאַבילער צײַט־אינטערוואַל פֿון 6 יאָר. אויב אָננעמען דעם געגעבענעם צײַט־אָפּשניט פֿאַר איין טאָג (לויט, למשל, דער ״בראשית״־טראַדיציע, ווו איין טאָג אַנטשפּרעכט איין קאָסמאָגאָנישער תּקופֿה), קענען מיר פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס קעסטנער האָט זײַן ליד אָנגערופֿן אַזוי פּעדאַנטיש, ניט גאָר עפּעס ווי אַ פּאָעט, נאָר ווי אַ כראָניסט אַ נודניק: ״**פֿאַנטאַזיע פֿון איבערמאָרגן**״.

מאַנגער, מיט זעקס יאָר שפּעטער, וואָלט שוין זײַן ליד געקענט אָנרופֿן ״**די באַלאַדע פֿון מאָרגן**״.

אַזוי, ניט קענענדיק זיך פּערזענלעך, האָבן די צוויי פּאָעטן – דער דײַטשער און דער ייִדישער – ביידע אין איינעם פּראָגנאָזירט זייער תּקופֿה און אַרויסגעגעבן די מאַטעמאַטיש־פּײַנלעכע פֿאָרמל, דעם טראַגישן צײַט־אַלגאָריטם. אַזעלכע פֿאַלן פֿון אַ גאַנץ ספּאָנטאַנער אומאָפּהענגיק־צוזאַמענדיקער פֿאָרשונג, אָדער ״מיטאַרבעט״, זענען מער באַקאַנט אין דער וויסנשאַפֿט – פּאָעזיע האַלט דער דורכשניטלעכער ערד־באַוווינער פֿאַר גראַם־שטראַם... אַן אַנדער זאַך איז – וואָס ניט יעדער ווער סע שרײַבט לידער, אַפֿילו שיינע לידער, איז אַן אמתער פּאָעט: הערן די הײַנט־טאָגיקע ״מוזיק פֿון די ספֿערעס״, ווי אויך דעם לאַנגן זשאַווערסקריפּ פֿון דער אַלטער פּלאַנעטאַקס – איז אַן אײַנגעבוירענער נס. מיט אַזאַ געהער האָט געלעבט אויף דער ערד דער מלכותדיקער תּהילים־מחבר. דער יונגער אַרטיור רעמבאָ. גאַרסיאַ לאָרקאַ. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי האָט פֿאָרויסגעזאָגט, אין אַ טראַגישער ליבע־פּאָעמע, די רוסישע רעוואָלוציע – און אַ טעות געהאַט בלויז אין איין יאָר.

ניט קיין גרויסע חכמה איז – צו באַשרײַבן אין אַ הויך־עסטעטישער רעטראָספּעקציע אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפֿע אָדער אַ היסטאָרישן קאַטאַקליזם...

---

[1] "Fantasie von Übermorgen". לויט דער אויסגאַבע:
"Lärm im Spiegel" – (Leipzig u. Wien, C. Weller Co. Verlag. 1929).

צי האָבן וועגן אַזוינע, למשל, זאַכן גערעדט מאַנגער און קעסטנער יענע נאַכט בײַם טישל, בײַם זיס־ביטערן גלעזל וויסקי?

צי האָט אין יענער אויגוסט־נאַכט 1950, בלויז עטלעכע האַרבע יאָר נאָך דער מלחמה, דערציילט דער דײַטשער דיכטער דעם ייִדישן פּאָעט, וועמענס קרובֿים און נאָענטע זענען אומגעקומען אין די געטאָס, פֿון דעם עפּיזאָד, וואָס ער, קעסטנער, האָט אַליין איבערגעלעבט און באַשריבן אים, און משוגע־דרייסט אים פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1938?

אונדזער ווײַנאַכטס־געשענק
(פֿראַגמענט)

ווען איך בין דעם 10טן נאָוועמבער, אַרום דרײַ אַ זייגער אין דער פֿרי, געפֿאָרן מיטן טאַקסי איבער דער בערלינער Tauentzien, האָב איך דערהערט, ווי אויף ביידע זײַטן גאַס קלימפּערט גלאָז. ס'האָט געקלונגען, גלײַך ווי טוצן וואַגאָנען, אָנגעלאָדן מיט גלאָז, וואָלטן זיך איבערגעקערט. כ'האָב אַרויסגעקוקט פֿונעם טאַקסי און דערזען שטיין, פֿון לינקס און פֿון רעכטס, פֿאַר יעדן פֿינפֿטן, בערך, הויז, אַ מאַן, וואָס האָט – געבנדיק ענערגיש אַ פֿאָכע מיט דער לאַנגער אײַזערנער שטאַנג – אויסגעהאַקט איין וויטרינע נאָך דער אַנדערער, אַריבערגייענדיק אַזוי פֿון איין קלייט צו דער צווייטער און זיך אויף ס'נײַ נעמענדיק פֿאַר די נאָך גאַנצע שויבן. חוץ די דאָזיקע מענער אין שוואַרצע ברידזשן, רײַטשטיוול און ציווילע זשאַקעטן, איז אין דער ברייט און לענג קיין איין מענטש ניט צו זען געווען. דער טאַקסיסט האָט פֿאַרנומען אין דער קורפֿירסטענשטראַסע. אויך דאָ זענען געשטאַנען, אין אַ באַשטימטער דיסטאַנץ איינער פֿונעם צווייטן, מענער, וואָס האָבן אויסגעשלאָגן מיט לאַנגע שטאַנגען "יודישע" פֿענצטער. יעדער פֿון זיי האָט געהאַט, זעט אויס, אַ נאָרמע פֿון פֿינף ביז צען הײַזער. גלאָזקאַסקאַדן זענען מיט אַ הילכיק סקריטשען געפֿאַלן אויפֿן ברוק. ס'האָט געקלונגען, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט באַשטאַנען ניט פֿון נאָך עפּעס אַנדערש, ווי בלויז פֿון טרעשטשענדיקן גלאָז. ס'איז געווען ווי אַ נסיעה פֿון אַן אומזיניקן דורך אַ חלום. צווישן אולאַנד־גאַס און קנעזעבעקשטראַסע האָב איך געהייסן אָפּשטעלן זיך, געעפֿנט דאָס מאַשינטירל און שוין געהאַט אַרויסגעשטעלט דעם פֿוס אויפֿן באָדן, ווי ס'טיילט זיך פֿלוצעם אָפּ פֿון אַ בוים אַ מאַן און גיט צו מיר שטיל־שטרענג אַ זאָג:

– ניט אַרויסגיין! גלײַך ווײַטער פֿאָרן!

אויף זיך האָט ער געהאַט אַ מאַנטל און אַ הוט אויפֿן קאָפּ.

– אָבער הערט אויס, איך וויל נאָר...

– אַרויסגיין פֿאַרווערט! מאָמענטאַל ווײַטער פֿאָלגן!

ער האָט אַרײַנגעשטופּט מיך אין מאַשין צוריק, געגעבן אַ ווונק דעם שאָפֿער, אַ קלאַפּ צו דאָס טירל... און ס'איז ווידער געגאַן דורך דער געשפּענסטיקער "שפּליטערס־נאַכט". אויף דער ווילמערסדאָרפֿער שטראַסע האָב איך נאָך אַ מאָל געהייסן זיך אָפּשטעלן. און ווידער איז צוגעקומען אַ מאַן אין ציוויל.

– פּאָליציי! ווײַטער פֿאָרן! נאָך לאַנג וואַרטן?

אין די נאָכמיטאָג־צײַטונגען איז עס געשטאַנען, אַז ״די קאָכנדיקע פֿאָלקס־נשמה, נאָך אַזוי פֿיל גערודלד מצד די אָפֿיציעלע מאַכטן אין באַצוג צו די ׳יודישע געשעפֿטן׳, איז ספּאָנטאַן אָנגעקומען צו זעלבסטהילף״.

◄►

אויסגעהערט קעסטנערס וואָרע געשיכטע, האָט מאַנגער, מיין איך, ניט פֿאַרפֿירט קיין דיסקוסיע, שטיל אויפֿגעהויבן – zum Wohle! – און איבערגעקערט דאָס גלעזל אין די איבערגעטעריקנטע ליפּן. און אפֿשר פֿאַרגעלייענט דעם וויזאַווי אַ פּאָר סטראָפֿעס פֿון זײַן אַמאָליקער, נאָך פֿון יאָר 26, איבערזעצונג פֿון רײַנער מאַריאַ רילקעס ״משוגעת״:

די גאַסן ווי פֿידלען אַרום, אַרום,
איך טאַנץ אַ באַרוישטע – איך פֿלי.
די אויגן פֿאַררייסן צו שטערן אַרויף
– מאַרי – מעלאָדי – מעלאָדי.

די מענטשן דערשראָקענע בײַ די ווענט,
די אויגן מיט פּחד באַגלאָנצט.
אַזוי גרויס איז דאָך נאָר אַ קיניגין,
ווען זי טאַנצט איבער גאַסן און טאַנצט...

ביידע האָבן געשוויגן. אין די פֿענצטער האָט שוין אפֿשר גענומען שאַרײַען. דער ערד־האַלבקײַלעך האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגערוקט פֿון דער פֿינצטערער זאָנע.

◄►

נאָך מײַן לייענונג אין דעם קעסטנער־מוזיי איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יונגע פֿרוי, איינע, מסתּם, פֿון די אַרבעטערינס. צי אינטערעסירט עס מיך... אַ בראָשור, אַרויסגעגעבן מיט צוויי יאָר צוריק, צו קעסטנערס יובֿל, מיט אייניקע פּרטים פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע, וואָס מ׳האָט זיי פֿריִער ניט אָפּישירט.

און אָט לייען איך אויף דער זײַט 15:

"...nicht Emil Kästner Erichs Vater war, sondern der Hausarzt der Familie, der jüdische Sanitätsrat Dr. Zimmermann, der die Familie zeitweise unterstützte und zu Beginn der Nazi-Zeit nach Sao Paulo emigrierte. Dieses Geheimnis hat erst 1981, zehn Jahre nach Erich Kästners Tod, sein Sohn Thomas gelüftet" – ״נישט עמיל קעסטנער איז געווען עריכס פֿאָטער, נאָר זייער משפּחה־רופֿא, דער ייִדישער ערן־דאָקטער צימערמאַן, וואָס פֿלעג פֿון צײַט צו צײַט שטיצן די פֿאַמיליע און האָט צום אָנהייב פֿון דער נאַצי־תּקופֿה עמיגרירט קיין סאַן פּאַאָלאָ. דעם סוד האָט ערשט אין 1981, צען יאָר נאָך עריך קעסטנערס טויט, אויפֿגעדעקט זײַן זון טאָמאַס״.

און שוין שפּעטער, וועגן דאָקטער צימערמאַן גופֿא, אין אַן אַנדער אויסגאַבע: ״ער איז געווען ניט בלויז דער משפּחה־דאָקטער, נאָר אויך אַ פֿרײַנד פֿון דער פֿאַמיליע. ער האָט געוווינט

אויף דער ראַדעבערגער שטראַסע און איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער ייִדישער געמיינדע. אין די צײַטן פֿון דריטן רײַך האָט ער עמיגרירט קיין דרום־אַמעריקע, וווּ ער איז אין 1953 געשטאָרבן״.

אַז עריך קעסטנער האָט געוווּסט וועגן דער אמתער פֿאָטערשאַפֿט, דרינגט אַרויס אויך פֿון זײַן קאָרעספּאָנדענץ. שוין אין די בריוו צו דער מוטער פֿון לײַפּציג (ווינטער 1919) דערמאָנט ער כּסדר ניט דעם פֿאָטער, נאָר איינעם אַן ״.E״.

...בײַם ראָג פֿון Alauenstrasse און דעם שטילן אַלבערטפּלאַץ, מיט זײַנע צוויי נאָך ניט אײַנגעשלאָפֿענע פֿאָנטאַנען, בין איך, נאָך מײַן לייענונג, צוגעגאַן צו קעסטנערן. די נאַכט האָט שוין אָנגעפֿילט די סכעמאַטיש־פֿעלנדיקע קאָנטור־חללס. פֿאַר מיר איז געשטאַנען גאָר אַן אַנדער פֿיגור, אַן אַנדער געשטאַלט – אַ מענטש מיט אַ פֿולשטענדיקן לײַב און גורל.

– אַך דו קאָפּדרייער...



אַרײַנשעפּטשען אים אונטערן הוט אַ פּאָר הייסע ווערטעלעך? אָדער געבן אים, ווי אַן אַלטן חבֿר פֿון מײַן מילכברודער, אַ היימישן פּאַטש אין דער פּלייצע?...

כ׳האָב זיך באַלד אָבער דערמאָנט, ווי איך האָב עס אַליין פֿײַנט, ווען מען ווערט פּלוצעם פֿאַמיליער מיט מיר, אַ ייִדישע טבֿע...

כ׳וואָלט אים, למשל, אַ פֿרעג געטאָן, אפֿשר קען ער כאָטש אַ ביסעלע ייִדיש? ווײַל איך זע׳ס דאָך ווי מיט אייגענע אויגן: אָט זיצט דאָקטער צימערמאַן מיטן קליינטשיקן עריך בײַם קאַכל־קאַמין, וווּ סע ברענט אַ פֿײַערל, און אין שטוב איז הייס, און ער לערנט אים, ווי אין יענעם ליד, אונדזער אַלף־בית...

״צימערמאַן״ איז דאָך ״טעסלער״ אויף ייִדיש. אָדער ״פּלאָטניק״ אויף רוסיש. צי האָט זיך עפּעס אַ יאַנקל טעסלער פֿון מיקולינאָ, אָדער אַ יאָסל פּלאָטניק פֿון כריסטינאָווקע ניט אַרײַנגעכאַפּט, אַנטלויפֿנדיק פֿון די פּאָגראָמען סוף 19טן יאָרהונדערט, אין דער גרינער לופֿטיקער זאַקסישער געגנט?

דעם אמת געזאָגט, איז מיר ניט אַזוי וויכטיק, ווער פֿון פּאָעטן (מאָלערס, מוזיקאַנטן, רעזשיסערן) איז יאָ געווען אַ ייִד, און ווער ס׳איז פּלוצעם – נעמט דעם וסעוואָלאָד מייערהאָלד! – געווען און שוין אויף תּמיד, אין אַלע וועלטן געבליבן אַ גוי.

אָבער ווער ווייסט, ווען קעסטנער וואָלט יענץ מאָל, אינעם שאָטישן שענק, זיך פֿאַר מאַנגערן ״מודה געווען״ – אפֿשר וואָלט זייער באַקאַנטשאַפֿט אַ המשך געהאַט.

כאָטש אַזוי פֿרייט עס מיך אויכעט: אַ גוטער Drink איז שוין אַ מציאה אין אונדזער הינטישן לעבן...

דער הײַנטיקער ראָק־סטאַר איציק מאַנגער

די לעצטע צײַט איז אין דער ייִדישער פּרעסע פֿאַרעפֿנטלעכט אָדער אַנאָנסירט געוואָרן אַ ריי אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן, געווידמעט איציק מאַנגערן, און בפֿרט דעם ״געאָגראַפֿישן״ אַספּעקט פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע: ״איציק מאַנגער אין לאָנדאָן״, ״אויף די טײַכן פֿון פּוילן״, ״איציק מאַנגער אין קאָוונע״, ״איציק מאַנגער און זײַן טשערנאָוויצער סבֿיבֿה״, א״אַ.

אין דרעזדען איז מאַנגער בײַ זײַן לעבן ניט געווען – אַזאַ פֿאַקט איז אונדז עפּעס, אויף יעדן פֿאַל מיר, ניט באַוווּסט, הגם, מיט די פֿאַקטן, ווען עס גייט אין מאַנגערס Vita, דאַרף מען זײַן פֿאָרזיכטיק.

וואָס ס'איז שוין אָבער יאָ אַ פֿאַקט, פֿיקסירט אין אַפֿישעס און צײַטונגען, איז דער הײַיאָריקער מאַנגערס אויפֿהאַלט – אין אַ פֿולמאַשטאַביקן בילד־געשטאַלט – אין דער זאַקסישער הויפּטשטאָט, ווו דער עלעגאַנטער מאַן אויפֿן גרויסן פּאָרטרעט האָט מיט די אייגענע אויגן געזען (און בפֿירוש צופֿרידן געבליבן) די גאַנצע סדרה פֿון טעאַטער־אָוונטן, פּאָעזיע־ און מוזיק־אימפּרעזעס, עפֿנטלעכע ״מאַנגער״־טרעפֿונגען און – פֿאַר וואָס נישט? –אַ פּאָר אמתע, אין מאַנגערישן סטיל, שימחות אינעם רווישיק־פֿילרוימיקן ״קימל״־שענק, לכּבֿוד טאַקע מאַנגערס 100סטן געבוירן־טאָג.

דאָס צענטראַלע געשעעניש פֿון דעם מאַנגער־פֿעסטיוואַל איז געוואָרן די נײַע אויפֿפֿירונג פֿון דעם דרעזד'נער ראָק־טעאַטער – דער מוזיקאַלישער ספּעקטאַקל ״קישעף״ (די אָרטאָגראַפֿיע פֿון דעם טיטל פֿאָלגט אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענס אָריגינאַל), לויט מאַנגערס ״האָצמאַך־שפּיל״, אַ ווערסיע פֿון דער ״קישעף־מאַכערין״ וואָס מאַנגער האָט באַאַרבעט אין די יאָרן 1936-1937, אין וואַרשע, פֿאַרן דאָרט געגרינדעטן דעמלט ייִדישן קינדער־ און יוגנט־טעאַטער.

די פּרעמיערע אין דרעזדען איז געשפּילט געוואָרן דעם 30סטן מײַ – איינע פֿון די צוויי דאַטעס, וואָס ווערן אין פֿאַרשידענע קוואַלן אָנגעוויזן ווי מאַנגערס געבורטסטאָג (דער 30סטער – און ניט דער 28סטער מײַ איז אָנגעוויזן אויך אין דער בערלינער אויסגאַבע ״Ich, der Troubadour״, אַ זאַמלונג פֿון מאַנגערס לידער, באַלאַדעס און פּראָזע אין שוין באַוווּסטע און נײַע דײַטשע איבערזעצונגען[1].

מאַנגערס יובֿליי איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, ניט דאָס איינציקע, וואָס ס'האָט יענע טעג אינטערעסירט דעם היגן דײַטש, קיין אידיליע, ווי אויך אויף דער גאַנצער וועלט, האָט אין דער שטאָט ניט געהערשט. למשל, די מיאוסע געשיכטע, וואָס האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש: אויפֿן פֿאַסאַד פֿון אַ צענטראַלן בנין איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ ריזיקער היטלער־פּאָרטרעט – ווי אַ ״פּראָטעסט קעגן נאַציזם״ (האָבן שפּעטער דערקלערט... די נעאָ־נאַציס).

– מאַנגער, זאָגען זי? – פֿאַרטראַכט זיך אויף אַ רגע דער דײַטש, דווקא אַן אינטעליגענטער פּראָפֿעסאָר, – יאַ־יאַ, אײַן יודישער ליוריקער...

---

[1] Edition Dodo. Berlin, 1999

צי איך האָב אָבער געזען, – פֿרעגט ער מיך, – נעכטן בײַ נאַכט אָדער הײַנט אין דער פֿרי די "גראַוזאַמע שווײַנערײַ" אין טעלעוויזיע? דעם בלוטיקן טעראָראַקט אין תּל־אָבֿיבֿ בײַם "דעלפֿינאַריום"?

– חזירים, – דער צאָרן פֿאַררויטלט אים דאָס פּנים,– וואָס איז דאָ נאָך צו טענהן... אָבער מען קען זיי, הייסט עס, זייער פּאָזיציע, אויכעט פֿאַרשטיין – דאָס פּלאַמיק־האַרציקע פֿאָלק איז דאָרשטיק נאָך אַ שלוק פֿרײַהייט...

– אַזוי גאָר?...

◄►

די מיינסטע דיסקוסיעס מיט מײַנע צופּעליקע און ניט־צופּעליקע vis-a-vis פֿירן זיך, לײַדער, אויף אַ ווולגאַר־פּאָליטישער אומגאַנגשפּראַך און אויף עפּעס אַן אויבערפֿלאַכיקן ניוואָ: שרון – אַנאַן – אַראַפֿאַט – יאָשקע פֿישער...

– קאַקער־פֿישער! – פֿאַרליר איך ס'געדולד, – בראָשקעס־ווישער!...

ערשט מיט אַ יאָר צוריק, געדענק איך, האָב איך געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט דעם מענטשן, וועגן די הײַנטיקע שטרעמונגען אין דעם יידיש־קריסטלעכן דיאַלאָג, וועגן עפּעס אַ היסטאָרישן אויסוועג פֿאַר דעם, אייגנטלעך, אייראָפּעיִשן עם־אַשכנז, וועגן "שולדגעפֿיול" בײַ די דײַטשן אין די 60ער-80ער יאָרן, וואָס פֿאַרן נײַעם דור זייערן איז דאָס ניט מער אַזוי זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך...

◄►

פֿון דעם "ד.ר.ט."־פֿענאָמען – דעם "דרעזד'נער ראָק־טעאַטער" – האָב איך שוין געשריבן (אין "פֿאָרווערטס" און אין די ישׂראלדיקע רוסישע צײַטונגען): ווי ער איז, סוף 1994, געגרינדעט געוואָרן, וועלכע יידישע פּערזענלעכקייטן און געזעלשאַפֿטן באַטייליקן זיך אין זייער טעטיקייט, וואָס פֿאַר אַ טײַערער בחור איז דעטלעף הוטשענרויטער, דער טעאַטער־לײַטער, אאַז"וו... בײַ דער מאַנגער־פֿאַראַנשטאַלטונג אין דרעזדען, אַזוי ווי איך האָב עס געזען און פֿאַרשטאַנען, איז דאָס בעסטע און שענסטע געווען – דער טעאַטער־רעפּערטואַר, וואָס דאָס מאָל, פֿאַרשטייט זיך, איז באַשטאַנען פֿון מאַנגערס ווערק, אַ טרילאָגיע: "די מגילה פֿון איציק מאַנגער" (געשטעלט אין 1996), "גן־עדן" (1999) און "דער קישעף" (2001). אין אָט דער קורצער סטאַטיסטיק איז פֿאַרבאָרגן אָבער פֿיל מער ווי די טיטלען און דאַטעס. דער טעאַטער איז געשאַפֿן, רײַף און באַקאַנט געוואָרן אונטער דעם גליקלעכן צייכן, ניין, אונטערן הויכן שטערן איציק מאַנגער. פֿאַרן טעאַטער איז מאַנגער דער ברויט־ (וואָס זאָג איך, זיי אַרבעטן בחינם), – דער גײַסט־געבער און דער ריכטונג־ווײַזער. און וואָס מיך גופֿא צו זיי אַזוי ציט – די ליבע צו מאַנגערס פּאָעזיע, דערבײַ מיין איך נישט נאָר די אַקטיאָרן, נאָר אויך זייער פּובליקום, וואָס זיי האָבן עס "אָנגעשטעקט" מיט אָט דער ליבע, די פּאָר הונדערטער דײַטשע יינגלעך און מיידלעך, סטודענטן און אַרבעטער, יונגע מאַמעס און פֿאָטערס... ווען איך האָב נישט מורא צו ווערן פּאַטעטיש, וואָלט איך געזאָגט: דער דאָזיקער דרעזד'נער טעאַטער – איז מער ווי אַ טעאַטער.

אַ פֿאַקט פֿאַר גאַנץ דײַטשלאַנד.
אַ דערשײַנונג אין אייראָפּע.
אַ דוגמא פֿאַר דער וועלט.

נאָר איך זאָג׳ס נישט אַרויס, כ׳האָב עס נאָר דאָ אָנגעשריבן, שטומערהייט.

די פּרעמיערע פֿון דעם „קישעף״ (ווי אויך אַלע ספּעקטאַקלען) איז געשפּילט געוואָרן אין דער "Theater-Ruine St.Pauli", וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אמתע רויִנע פֿון דעם ריזיקן קלויסטער אויפֿן קעניגסבריקער־פּלאַץ אין דרעזדען־נײַשטאָט. דער קלויסטער, מיט זײַנע אַ מאָל 1000 זיצפּלעצער, מיטן 78־מעטער הויכן טורעם, איז דערעפֿנט און געהייליקט געוואָרן אין 1891. אָנהייב 1945 איז ער אויסגעברענט געוואָרן בעת דער קאַטאַסטראָפֿאַלער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער באָמבאַרדירונג.



פֿון אויסן, שטייענדיק אויפֿן טראָטואַר, באַמערקט מען כמעט די צעשטערונגען ניט, אָבער אינעווייניק זענען ביז הײַנט ניט אַראָפּ פֿון די ווענט די גוואַלדאָוונע שרעקלעכע שוואַרצע בראַנדפֿלעקן. אין 1993 האָט מען די ווענט פֿאַרפֿעסטיקט און איבערגעגעבן די רויִנע פֿאַר עפֿנטלעכע אימפּרעזעס. די געראַמע אַלטאַר־נישע אונטער דעם פֿאַרבליבענעם קופּאָל דינט ווי אַ בינע, און אין דעם אַמאָליקן גרויסן געבעטרוים קען מען נאָך איצטער אויסשטעלן ביז 500 בענקלעך פֿאַר צושויערס. קיין דאַך איז איבער דער רויִנע ניטאָ, נאָר אונטערן קופּאָל קענען די אַקטיאָרן רעפּעטירן אויך ווען סע רעגנט, ווי ס׳איז טאַקע געשען אויף דער לעצטער, אויף דער גענעראַל־רעפּעטיציע...

נאָך דער רעפּעטיציע האָט דער רעזשיסער אָוועקגעזעצט די אַקטיאָרן און זיי גענומען אָנגעבן אָנווײַזונגען, יעדן איינעם, אינדיווידועל... און זײַנע דערקלערונגען האָט ער יעדעס מאָל אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „טאָמער שפּילן מיר טאַקע איבער מאָרגן...״

– וואָס הייסט „טאָמער״? – האָב איך אים סוף־כּל־סוף אַ פֿרעג געטאָן, – איר האָט דאָך געמאָלדן שוין אין דער פּרעסע, אין ראַדיאָ... בילעטן פֿאַרקויפֿט...

– יאָ, אָבער די וועטער־אויסזיכטן... און וואָס שייך די בילעטן – נעם לייען איבער, דאָרט אונטן...

אין דעם בילעט איז געשטאַנען: „די אימפּרעזעס קומען פֿאָר נאָר בײַ אַ גוטן וועטער. אין פֿאַל, אַז דער וועטער פֿאַרערגערט זיך בשעת דער פֿאַראַנשטאַלטונג און עס ווערט געשפּילט ווייניקער ווי 30 מינוט, באַקומט דער צושויער צוריק דעם פּרײַז פֿונעם בילעט״.

◄►

אַ טעאַטער אונטערן אָפֿענעם הימל איז אויף דער וועלט קיין נײַעס, אויך אין אַ רויִנע־טעאַטער בין איך שוין אַ מאָל געזען, און ניט איין מאָל, – אין דעם נאָכמלחמהדיקן, חרובֿ געמאַכטן קעשענעווער "Сад-театр Победа" (דער גאָרטן־טעאַטער „נצחון״) אויף דער צענטראַלער לעניך־גאַס, וואָס די קעשענעווער ייִדן (אין אונטערשייד צו די **ריסישע** *ייִדן, אָנגעקומענע נאָכן קריג) פֿלעגן זי אָנרופֿן אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ. אין אָט דער רויִנע פֿון*



דעם פּאַלאַץ ״Mitropolia״, אין אַ ״זאַל״, אָרעם אַרומבאַשלאָגן מיט בלאָווע פּאַניר־ווענט, מיט אויסגעשטעלטע לאַנגע בענק, פֿלעג מען אונטער אָפֿענעם הימל געבן אָוונט־קאָנצערטן, און אַז ס'איז שוין גוט פֿינצטער געוואָרן – דרייען אַלטע סאָוועטישע אָדער אויסלענדישע פֿילמען. אַזוי האָב איך געזען דעם לעגענדאַרן ״Последний табор״ (״דער לעצטער טאַבאָר״) מיט ליאַליאַ טשאַרנאַיאַ, וואָס צו אירע צײַטן איז זי זיכער געווען ניט קיין קלענערע אַקטריסע, איידער פֿראַנטשעסקאַ גאַאַל (Franceska Gaal), וועלכע איך האָב דאָרט אויך געזען אין ״פּעטער״, אָדער אַפֿילו מאַריקאַ רעק (Marika Rökk) אין דעם מיוזיקל ״Die Frau meiner Träume״– דעם איינציקן טראָפֿיי־פֿילם, דערלויבטן פֿון סטאַלין...

יענע רויִנע פֿון מײַן קינדהייט, כּסדר אַן אָנגעפּולטע מיט טאַנץ, מוזיק און קינאָ־קראַסאַוויצעס, איז מיר, זעט אויס, גוט אַרײַן אין מײַן אונטערבאַוווּסטזײַן, אויף אַזוי טיף, אַז קונסט אַסאָציִירט זיך תּמיד בײַ מיר מיט עפּעס, וואָס טראָגט אין זיך אַ דעסטרוקטיוון יסוד־עלעמענט, אַ צעשטערנדיקן, אַגרעסיוון אימפּולס...

אַ סך שפּעטער, שוין אין די 70ער יאָרן, זיצנדיק אויף אַ קאָנצערט אין דעם גרויסן פּרעכטיקן ״דאָם״־קלויסטער אין ריגע און הערנדיק יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַכס ״לײַדנשאַפֿטן לויט מאַטעוסן״, אין דער אויפֿפֿירונג פֿון דעם אַקאַדעמישן כאָר אין באַגלייטונג פֿונעם פּראָמינענטן ריגער אָרגל, האָב איך פּלוצעם געהאַט דאָרט אַ וויזיע – כ'האָב דערזען אַרום מיר אַ רויִנע, ריזיק און אָנגעפּילט מיט שוואַרצן שרעק, ווי אַ צעוואָרפֿענער אוניווערס... הײַנט מיין איך, אַז דאָס איז געווען ניט קיין בלויזער פֿאַנטאַזם, נאָר אַן אַריבערגעטראָגענער מיט באַכס מוזיק אין דער צײַט־דימענסיע (ווי, למשל, אַ טעלעוויזיע־קאַדער) דאָקומענטאַר־אָפּדרוק פֿון דער קאָלאָסאַלער סאַן־פּאַולי־רויִנע אין דעם מאָמענט פֿון צעשטערונג. אָדער אפֿשר – אַ מאָמענטאַל־נעגאַטיוו, פֿאַרבליבן אין די אויגן און אינעם לינקן – געשטאַלטן־שאַפֿנדיקן – צערעבראַלן האַלבקײַלעך בײַ איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט זיך פּונקט דעמלט געפֿונען דאָרט אונטער דעם אײַנפֿאַלנדיקן דאַך, – אַ לופֿטבילדל אין דער נאָאָספֿערע, וועגן וועלכער ס'האָבן אין 20סטן יאָרהונדערט געשריבן אַזעלכע ערנסטע געלערנטע, ווי טעיאַר דע שאַרדען און דער גרינדער פֿון געאָכעמיע און ראַדיאָלאָגיע וולאַדימיר ווערנאַדסקי. דאָס אַפּאָקאַליפּטישע בילד, אָדער, אויב איר ווילט, וויזיע, האָט מיך נאָך אַ סך יאָר ניט געוואָלט אָפּלאָזן, ביז כ'האָב עס ניט באַשריבן, שוין מיט אַ יאָר צען שפּעטער, אין דעם טריפּטיך ״קיום״, געווידמעט דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, וווּ אין דעם פֿינאַל זענען פֿאַראַן אַזעלכע נקמה־דאָרשטיקע שורות:

און פּלוצעם גיב איך – *שמע*, דו מענטשישער דור! – אַ שרעקלעכן נערעק,
אַ קלאַפּ אין די קלאַווישן! ווײַ, ווי סע טרייסלט די ווענט פֿון מײַן ״פֿריילעכס״
און דאַן פֿון מײַן ״שער״, ווי ס'צעשפּאַלט זיך די גאָטיק, דער שפּיציקער דאַך!

אונ די וועלט דרייט צו מיר אויס דעם אויער, און איך מאַך עס crescendo
און – dansant, ווי סע קער צו זײַן! ס'שיט זיך קאַלך און שטיקער גראַניט.
און ווען כ'הייב אויף דעם קאָפּ, זע איך דורכן צעטרעשטשעטן הימל
הויך אין קאָסמאָס – דעם דרײַעק, מיטן אייביקן אויג אין דער מיט...

זעט אָבער אויס, אַז אין משך פֿון די דרײַ פֿאַרגאַנגענע נאָך יענעם קאָנצערט יאָרצענדליקער האָט זיך די וועלט, אָדער דער סוביעקטיווער וועלטבאַנעם בײַ דעם ייִנגערן מענטשן־דור שטאַרק פֿאַרענדערט, מער עמפּיריש און געזינטער געוואָרן, אויף אַזוי פֿיל, אַז דער רעזשיסער (יאָרג בערגער, געב' 1962) איז שוין מסוגל געווען צו באַטראַכטן די רעאַלע סאַן־פּאַולי־רוײַנע מיט איר קאָסמיש־אויסגעבערענטן אינטעריער ווי בלויז אַ ניט־טראַדיציאָנעלן שפּילרוים, וואָס שאַפֿט פֿאַרן אויפֿפֿירער אָן אַ שיעור נײַע מעגלעכקייטן צו עקספּערימענטירן מיט די בינע־ און זאַל־פֿונקציעס, מיט די האָריזאָנטאַל־ און ווערטיקאַל־דימענסיעס, מיט די מיזאַנסצענעס, באַלויכטונג, אַקוסטיק... אָט דער אויסגערעכנט־עקספּערימענטאַלער מעטאָד אין פֿאַראייניקונג מיט מאַנגערס פֿאַנטאַזיע־פֿײַערווערק און שפּריצנדיקן הומאָר, מיטן גערעדטן און געזונגענעם ייִדיש־לשון, מיטן גרויסן הייסן ענטוזיאַזם און אַרבעטס־פֿעיִקייט פֿון די יונגע אַקטיאָרן, – דאָס אַלץ האָט געבראַכט דעם פֿאַרדינטן רעזולטאַט: אַ פּראַכט פֿון אַ ספּעקטאַקל איז געבוירן געוואָרן.

ווײַל קונסט איז נקמה.

מיטן דײַטשן פּובליקום – יונגע מענטשן צווישן 18 און 35 – האָט דער טעאַטער קיין "פּראָבלעמען" ניט, זייער זעלטן אָבער קען מען דאָ טרעפֿן אַ ייִדישן צושויער, און ניט ווײַל אין דרעזדען איז, חלילה, קיין ייִדן ניטאָ. אַ מאָדנע געפֿיל: ייִדיש קלינגט אויף דער בינע, אַ ייִדיש וואָרט הערסטו דאָ און דאָרט צווישן דעם עולם, און אַרום – קיין איין ייִדיש פּנים. אין אַזאַ תּקופֿה לעבן מיר: ייִדיש – באַזונדער, און ייִדן – באַזונדער.

נאָכן ספּעקטאַקל ווערט גראַנדיעז געפֿײַערט מאַנגערס געבוירנטאָג.

אונטערן קופּאָל, אויף דער פֿרײַגעמאַכטער בינע שטייט, פֿאַרנעמענדיק דרײַ פֿערטלעך פֿון דעם אַמאָליקן אַלטאַר, אַ טיש, כ'וואָלט געזאָגט אַ מין ריזיקער נאַשערײַ־פּאָדיום, מיט צענדליקער סאָרטן פֿלעשער אויף אים – פֿלעשער ווײַן, פֿלעשער ביר, פֿלעשער קאָלאַ און וואַסער; אויף די טאַצן און טעלערס – פֿריש גרינס, געבראָקטע סאַלאַטן, געווייקטער הערינג, געפֿילטע פֿיש, געבראָטענע הינער, געבאַקענע קוכנס, געפּרעגלטע פּירעזשקעס, געמישטע זיסקייטן, געזיסטע מישקייטן... (זײַט מוחל, כ'פֿאַררעד זיך אַ ביסל, אַ לחיים אײַך, prosit...

אַן אמתער יום־טובֿ – געסט, אַקטיאָרן, חבֿרים, מאַמעס מיט עופֿעלעך, פּלוצעם – דרײַ פֿאָליציסטן, וואָס יאַוועז זיך און ווילן וויסן וואָס ווערט דאָ געפֿײַערט, גראַטולירן דעם מאַן אויפֿן גרויסן פּאָרטרעט און בעטן דעם עולם צעגיין זיך ניט שפּעטער ווי... אינדערפֿרי. אַרום דעם טיש־גיגאַנט – אַ המון, אַ מענגע, אַ כאָפּטע, אַ כאַליאַסטרע, אַ באַנדע פֿרעסערס און פֿלאַפּלערס, אָפּשפּעטערס און חוזק־מאַכערס. און אויף דער אונטערשטער פֿלאַך, ווו עס זענען די ברייטע שורות בענקלעך געשטאַנען, אין דעם האַלב־אויסגעלאָשענעם "זאַל" – אַ דועט זשאָנגליאָרן; און לעבן זיי, אין דער זײַט, אויף עפּעס אַ קעסטל זיצט מיט אַ מאָדנער

האַרמאָניקע אַ מעקסיקאַנער פֿון אַ יאָר צוואַנציק, און פֿאַרלעך טאַנצן, אַך, "לאַ פּאַלאָמאַ", "לאַ קומפּאַרסיטאַ", "קוקאַראַטשאַ", "בעסאַמע מוטשאָ"...

– אַ מתּנה פֿאַר יעדעמען! מאַנגערס נײַ בוך אויף דײַטש!

און – ער, דער אייביקער טרובאַדור, דער בן־מאה, שטייט און קוקט אויף אונדז אַלע פֿון זײַן פּאָרטרעט אַראָפּ, און דערוואַרט, דאַכט זיך, עפּעס פֿון אונדז...

אַ־נו, אַלע אין איינעם:

Happy birthday to you!
Happy birthday to you…

צופֿוסנס בײַ אים, אויפֿן פּיעדעסטאַל־טישל – ליגט (נײַן, גנעדיגע פֿראַו, דיזעס בוך ווירד ניכט געשענקט!) אַ צעעפֿנטע לוקס־אויסגאַבע, "די מגילה פֿון איציק מאַנגער", וואָס דער טעאַטער האָט אַרויסגעגעבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין אַ סאָלידן אַלבאָם־פֿאָרמאַט, מיט פֿאַרביקע פֿריילעכע צייכענונגען פֿון שמואל בונים, מיט דבֿ זעלצערס נאָטן, מיט מאַנגערס געדיכטן אויף ייִדיש און אין אַ ייִדיש־לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע, און מיט פּאָעטישע איבערזעצונגען אויף דײַטש און אויף ענגליש.

אַ ווײַסע טויב, די "פּאַלאָמאַ" באַפֿרײַט דעם נאַכטיקן הימל
פֿאַר דער גאָלדענער פּאַווע, וואָס פֿליט שוין אַרײַן אין דער הייך, און אין פֿלי
זעט זיך לאַנגזאַם אַרום, ווי ז'וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ דרימל,
און נעמט זוכן די נעכטיקע טעג, טרילי־טראַלאַ־טרילי...

און צום טרילן האָבן שוין פֿאַרקאַטשעט די אַרבל די קלעזמערס...

מאַנגער קוקט זיך אַרײַן פֿון אויבן אין די פּנימער, אין דעם עפּעס נײַעם סאָרט מענטשהייט, יונגע לײַט, וואָס ייִדיש און דער ייִדישער גײַסט איז אַרײַנגעדרונגען, ווי אַ דיבוק, אין זיי, און זיי זינגען און לאַכן, שפּילן און פֿירן דעם סקריפּעטשעק־סמיטשעק נאָר ווי יענע אַמאָליקע ייִדל מיטן פֿידל און בערל מיטן באַס, מאַכן העוויות און גרויסע אויגן, פּײַקלען אין די דזשעז אָדער ראָק־פּויקן...

ער באַטראַכט אונדז, טראַכט עפּעס, און פּלוצעם צעלאַכט ער זיך, איציק מאַנגער.

ווײַל קונסט איז פֿאַרגעבונג.

איציק מאַנגער, אַלע האָבן'ס געזען, איז געשטאַנען און איז גליקלעך געווען: אַזאַ יום־טובֿ! געקוקט און געשמייכלט – אָבער קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, אַפֿילו קיין פּשוטן "danke sehr" נישט געפֿונען פֿאַר די יונגע סאַטירן, – צי האָט מען דעם יאָט נאָך אין חדר אַמאָל ניט אײַנגעפּלאַנצט, טוס קרוטשאַ, שיינע מאַנירן?

דרעזדען – עכּו, אָקטאָבער־נאָוועמבער 2001

דאָס צעטרייסלען די לופּטן
(אַ פּערטל יאָרהונדערט אין דער ייִדישער ליטעראַטור)

1. וואָס מיינט פֿאַר מיר ליטעראַטור?[1]

דעם פּוילישן סאַטיריקער יעזשי לעץ געהערט אַזאַ באַמערקונג: ״דאָס וואָס איין פּאָעט דערציילט וועגן אַ צווייטן פּאָעט, קען מען דערציילן אויך ניט זײַענדיק קיין פּאָעט״. וואָלט איך איבערפֿראַזירט די סענטענץ: ״דאָס וואָס איין פּאָעט דערציילט וועגן אַ צווייטן פּאָעט, דערציילט ער וועגן זיך אַליין״. למשל, אָנשטאָט צו זאָגן ״און מאָטל ווישנעק איז מיר געקומען אַנטקעגן...״ – זאָגט ער: ״און איך זע, ווי מאָטל ווישנעק קומט מיר אַנטקעגן...״.

דער שריפֿטשטעלער זשיל ראָזיע, ניט שלעכט קענענדיק, זעט אויס, די נאַטור פֿון אַ שרײַבנדיקן פּאַרשוין, גיט מיר אין זײַן בריוו מיטן פֿאָרשלאָג צו קומען קיין פּאַריז און האַלטן אַ רעפֿעראַט, אַזאַ עצה: ״איר וואָלט געדאַרפֿט שרײַבן אַ טעקסט וועגן וואָס מיינט פֿאַר אײַך ליטעראַטור בכלל (און נישט נאָר אַ קאָמענטאַר פֿון אײַער ליטעראַטור)״.

זענען זיי ביידע – סײַ לעץ און סײַ ראָזיע – גערעכט, און רעדן דאָ וועל איך טאַקע נישט וועגן ״מײַן ליטעראַטור״, נאָר וועגן מײַן 55־יעריקן אויפֿהאַלט אין דער ליטעראַטור (רעכענענדיק פֿון מײַן ערשטער פּובליקאַציע, 1953, אין אַ קעשענעווער צײַטונג) – און ״מײַן ליטעראַטור״ האָבן שוין אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן קאָמענטירט אַזעלכע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, ווי שאַרל דאָבזשינסקי, סאַראַ קירש, מירטשאַ דינעסקו, און אויף ייִדיש –אַהרן ווערגעליס, מרדכי צאַנין, אַבֿרהם סוצקעווער...).

וואָס מיינט, אַזוי אַרום...

פֿרעגט אַ דאָקטער, וואָס מיינט פֿאַר אים מעדיצין.

פֿרעגט בײַם סטאָליער, וואָס עס מיינט פֿאַר אים סטאָלערײַ.

זינט מײַנע ערשטע לעבנסיאָרן פֿלעג איך יעדן טאָג זען, וואָס ס׳האָט פֿאַר מײַן טאַטן געמיינט שנײַדערײַ: פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט 16-14 שעה אָפּשטיין בײַם טיש און אָפּזיצן אײַנגעהויקערט בײַם ״זינגער״־מאַשינדל, אָדער אויף טערקיש בײַם אויסנייען דעם קאָלנער און אײַנסטריגעווען די פּאָר אויפֿגעבלאָזענע אַרבל לטובֿת זײַנע דרײַ קינדערלעך און דער מענטשהייט־ציוויליזאַציע אין איר פּראָגרעסיווער סטאַדיע פֿון אַ Homo vestitus – וואָס הייסט ״דער מענטש אַן אָנגעטאָנענער״, אָדער אפֿשר Homo velatus – ״דער מענטש אַ באַדעקטער״.

---

[1] פֿון דער פֿאָרלייענונג אין מעדעם־ביבליאָטעק דעם 20סטן אָקטאָבער 2007.

ווי איך געדענק, האָבן די גרעסטע השפּעה אויף מײַנע ערשטע ליטעראַריש־עסטעטישע פּרעפֿערענצן געהאַט די פֿוטוריסטישע לידער און פּאָעמעס פֿון דעם רוסישן דיכטער וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי; און מיט יאָרן שפּעטער – די צאַרטע ליריק (אין רוסישע איבערזעצונגען) פֿון אַרטיור רעמבאָ, ווי אויך אַלעקסאַנדער פּושקינס כוליגאַנישע פּאָעמע ״גאַווריליאַדאַ״, אייגנטלעך, אַ וואַריאַציע אויף דעם ״געטערקריג״ פֿון וויקאָנט עוואַריסט דע פּאַרזש פּאַרני (״La Guerre des Dieux״).

אָבער דער גרעסטער לירישער דיכטער, חוץ שלמהן מיט זײַן ״שיר־השירים״, איז פֿאַר מיר געווען און בלײַבט גײַ וואַלערי קאַטול, וועלכער פֿלעגט עס פֿאַרשטיין צו באַוויינען נעבעך אַ פּיצל פֿייגעלע וואָס איז געשטאָרבן אויף די קני בײַ אַ מיידל. אַ ציקל זײַנע לידער האָב איך איבערזעצט אַ מאָל אויף ייִדיש און אַרײַנגעגעבן אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״, האָט מיר אָבער ווערגעליס גאַנץ ערנסט באַמערקט, אַז ווען איך לייען מער די סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן, וואָלט איך פֿאַרגעסן פֿון עפּעס אַ רוימישן גוי...

– קיין שום ספֿק נישט! – איז געווען מײַן ענטפֿער.

צי האָט אויף מײַן עסטעטישן געשמאַק, ליטעראַרישע פּרינציפּן און טעמאַטיק געהאַט השפּעה די ייִדישע פּאָעזיע?

איך מיין אַז ניט.

אפֿשר ווײַל שרײַבן אויף ייִדיש האָב איך אָנגעהויבן אין עלטער פֿון 42 יאָר, ווען כ׳בין שוין געווען, זײַט מוחל, אַ דערפֿאַרענער רוסישער אויטאָר, און ווײַל פֿאַרנעמענדיק זיך אַ סך יאָרן מיט איבערזעצונגען, האָב איך, פֿון איין זײַט, געהאַט פֿאַר די אויגן אַ מער ברייטע פּאַנאָראַמע פֿון סטילן, מעטאָדן, קונסט־קאָנצעפּציעס, און פֿון דער צווייטער זײַט – כמעט קיין פֿאָרשטעלונג נישט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, חוץ שלום־עליכמס פּראָזע אין רוסישע איבערזעצונגען, און עטלעכע ציקלען פּאָעטיש־קאָנפֿאָרמיסטישע לידער פֿון פּרץ מאַרקישן, אויכעט פֿון אַ רוסישער אויסגאַבע.

אויף רוסיש האָב איך זיך אויכעט באַקענט, נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן, מיט די לידער, פּאָעמעס און דראַמאַטישע סיוזשעטן פֿונעם תּנך.

דאָ פּאַסט, מיין איך, אײַך צו דערמאָנען דעם עפּיזאָד מיט אַן אויספֿרעג־אַנקעטע, אויף וועלכער ס׳האָט אַ מאָל געענטפֿערט איציק מאַנגער, און זײַן ענטפֿער איז פּובליקירט געוואָרן אין די ״ליטעראַרישע בלעטער״ נומ׳ 17, דעם 25סטן אַפּריל 1930.

געפֿרעגט איז געווען בײַ אים, ווער ס׳איז זײַן באַליבטער שרײַבער – און אָט עטלעכע ציטאַטן פֿון זײַן ענטפֿער.

״...אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור האָב איך אַ סך געליבטע. קודם־כּל איז מיר ליב און טײַער דער כינעזישער דיכטער און שיכּור לי טײַ פּע.

[...]

כּדי צו דערמאָנען כאָטש אַ טייל פֿון די, וואָס זענען מיר ליב, וועל איך אָנרופֿן דעם פּערסישן

זינגער פֿון ווײַן אַפּיס (האַפּיז – ל.ב.), און דעם פֿראַנצויזישן שיכּור־וואַגאַבונד – ווערלען. איך האָב ליב באָקאַטשאָ...

[...]

מײַן באַליבטסטער שרײַבער אין ייִדיש?

ס'איז מיר קודם־כּל ליב יעדער איינער, וואָס האָט טאַלאַנט און שרײַבט ייִדיש, אָבער וועלנדיק מאַכן אַן אויסנאַם (ס'קומט מיר אַפֿילו אָן אַ ביסל שווער) מוז איך זאָגן: שלום־עליכם, דוד בערגעלסאָן, און אליעזר שטיינבאַרג".

שלום־עליכם און דוד בערגעלסאָן, וועלן מיר דאָ באַמערקן, זענען געווען פּראָזאַיִקער, און אליעזר שטיינבאַרג האָט געשריבן משלים (פֿאַבלען), אַ באַזונדערער ווערסיפֿיצירונג־זשאַנער, וואָס מעג בײַם אַלטן עזאָפּ (Aisopus, 600 יאָר פֿאַר אונדזער ערע) גוט, און בײַ שלמה עטינגער אפֿשר ניט אַזוי שלעכט זײַן, – אָבער אין ביידע פֿאַלן האָט עס גאָרנישט מיט דער לירישער אָדער דראַמאַטישער דיכטונג, צו וועלכער ס'געהערט מאַנגערס שאַפֿונג, אַזוי אַרום: מאַנגער האָט ניט געפֿונען אין דער ייִדישער ליטעראַטור קיין איין איינציקן נאָמען, וואָס ער וואָלט אים געקענט אָנרופֿן ווי זײַן באַליבטן פּאָעט...

די פּראָזע די ייִדישע (ווען כ'האָב זיך צו ביסעלעך באַקענט מיט איר שוין אויף ייִדיש) האָט אויך אויף מיר קיין גוואַלדיקן אײַנדרוק נישט געמאַכט... (וואָס שייך דער וועלטפּראָזע, דאַרף איך פֿאַר אַלעם אָנרופֿן ניקאָלײַ גאָגאָלס נאָוועלעס, פֿראַנסואַ ראַבלעס "גאַרגאַנטיואַ און פּאַנטאַגריעל", טאָמאַס מאַנס ראָמאַן "דאָקטאָר פֿאַוסטוס", יאַראָסלאַוו האַשעקס בוך "בראַווער סאָלדאַט שווייק" און דעם "סטעפּנוואָלף" פֿון הערמאַן העסע. אין דער דראַמאַטורגיע – שעקספּירס "האַמלעט" און סאַמיועל בעקעטס "וואַרטנדיק אויף גאָדאָ").

מער, דאַכט זיך, ווי ליטעראַטור האָט געווירקט אויף מיר מאָלערײַ – הִיעראָנימוס באָסך (באָש), פֿראַנסיסקאָ גויאַ און סאַלוואַדאָר דאַלי. אָבער קודם־כּל – די מוזיק! – י. ־ס. באַך און מאָצאַרט, און שוין פֿון אונדזער דור – קשישטאָף פּענדערעצקי און מײַן ברודער סערגיי בערינסקי, דער עיקר דערבײַ – סימפֿאָנישע מוזיק, מיט איר סטיכישער פּאָליסעמאַנטיק, פּילבאַדײַטיקייט, דאָס הייסט: אַבסאָלוט פֿרײַ פֿון דעם ווערבאַלן אָדער דעם אָנשווילעכן עלעמענט, וואָס ביידע טראָגן זיי אין זיך די אויסגאַנגס־"אײַנגעבוירענע" פֿונקציע אונטערצוזאָגן דעם מענטשן אָדער אַפֿילו באַשטימען פֿאַר אים די אַזוי גערופֿענע "טעמע", "אידעע", "טענדענץ" פֿון דעם קונסטווערק.

ווי קען איך זיך אָריענטירן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז דעם אַלף־בית אונדזערן האָב איך באַהערשט ערשט צו 42-43 יאָר, שוין אַ באַהאָנגענער מיט קינדער און זאָרגן, און ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, ווי זוכן און געפֿינען אַ זיכערע פּרנסה אין די רוסישע זשורנאַלן און פֿאַרלאַגן. אָריענטיר איך זיך טאַקע שוואַך, אין פֿאַרגלײַך מיט מײַנע אַלגעמיין־פֿילאָלאָגישע קענטענישן אויפֿן געביט פֿון דער רוסישער, דײַטשער און רומענישער ליטעראַטור, בפֿרט אָבער – וואָס שייך סטיליסטיק און ווערקבוי.

און דאָך: שרײַבנדיק צו מאָל אַ ייִדישן אַרטיקל, אַן עסיי, אַ הקדמה אָדער אַ נאָכוואָרט צו עפּעס אַ בוך פֿון אַ ייִדישן אויטאָר, אָדער זיצנדיק איבער אַן איבערזעצונג פֿון ייִדיש אָדער אויף ייִדיש, פֿלעג איך דערבײַ לייענען נישט נאָר די טעקסטן פֿונעם מחבר – נאָר אויכעט מאַטעריאַלן „אַרום אים“, אין אַזאַ מאָס, אַז איך זאָל זיך פֿילן פֿרײַ, באַהאַנדלענדיק דעם שרײַבער און אָפּערירנדיק מיט זײַן שאַפֿונג.

ניט, הייסט עס, דאָס טעאָרעטישע וויסן, נאָר – אַזוי ווי ס'פֿלעג עס טאָן מײַן פֿאָטער דער צושנײַדער, ווען אַ קונה פֿלעג אים ברענגען אַן אָטרעז[1] אויף אַ קאָסטיום צי אַ מאַנטל. אַ פּאָר מינוט פֿלעג דער טאַטע רײַבן דעם שעוויאָט אָדער דראַפּ צווישן די פֿינגער, צוהערן זיך צו דעם שאָרעך, דאַן – אין דער פֿולער שטיל, געבן אַ צושאָקל מיטן קאָפּ, וואָס האָט געזאָלט הייסן: „יאָ, פֿון דעם שטיק סחורה וועט איר, דאָמנו[2] צורקאַנו (צי בערנבוים), האָבן אַ פֿײַנע „טרויקע“: אַן עלעגאַנט רעקל אויף די אַקסל, אַ פּאָר שיינע הויזן מיט צוויי שטײַפּע דאָפּל־מאַנזשעטן, און אַ זשילעט, אַ זשילעט מיט אַ זייגער־קעשענקע, אָט, אָט־אָ־דאָ“.

אָדער – אַז דאָס צײַג איז אים נישט געפֿעלן געווען – אָנרופֿן די זאַך מיטן אייגענעם נאָמען, און מיט אַ קרום שמייכעלע אַ פֿרעג טאָן די קליענטקע:

– אין פֿין דעם טינוף, מאַדאַם, ווילט איר זעך איפֿניין אַ רעגלאַן?

אויף אַזאַ, זאָג איך, אופֿן, אָנטאַפּנדיק די סחורה און זיך צוהערנדיק צום שאָרעך פֿון דעם געוועב, האָב איך זיך pas cu pas, אַנטשולדיקט, טראָט נאָך טראָט באַקענט, ווי אַן איבערזעצער, מיט דער פּראָזע פֿון יצחק באַשעוויס, שמיל גאָרדאָן, הערשל פּאָליאַנקער, מרדכי צאַנין, צבֿי כּנר א"אַ, – און ניט בײַ יעדעמען, דאַרף איך אײַך זאָגן, פֿלעג איך „אָננעמען דאָס שטיקל אַרבעט“.

וועגן דעם הײַנטיקן מצבֿ...

וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור האָב איך געשריבן ניט ווייניק, אויף אַלע מײַנע דרײַ-פֿיר בכּתבֿ־שפּראַכן. ברענג איך דאָ אַ ציטאַט פֿון אַ ייִדישער פּובליקאַציע: „די גאָלדענע תּקופֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור – אָנגעהויבן מיט מענדעלעס „קליאַטשע“ און פֿאַרענדיקט מיט דעם פֿאַרמאַכן, אין 1995, דעם זשורנאַל 'די גאָלדענע קייט' – איז פֿאַרבײַ...“[3]

דאָס דאַרף געזאָגט ווערן, כּדי ס'זאָל געזאָגט ווערן דער צווייטער אמת: אַן אַקטועלע ייִדישע ליטעראַטור – איז פֿאַראַן. אָבער אין עפּעס אַ לאַטענטן צושטאַנד, אין אַ קוים אַנטפּלעקטער אַרומצייכענונג און כּמעט אַן אָטעמלאָז־אומבאַוועגלעכן לעבנס־פּראָצעס. די עיקרדיקע סיבה – דאָס פֿאַטאַלע אויספֿעלן פֿון ליטעראַטור־קריטיק, פֿון קריטיקער לויטן באַרוף, וואָס וואָלטן אימשטאַנד געווען ניט פּשוט צו אָפּקאָמענטירן, נאָר אַנאַליזירן און פֿאָרמולירן דעם סאָציאַל־אינהאַלטלעכן און עסטעטישן באַדײַט פֿון אַ ליטעראַריש ווערק“.

---

[1] אָפּשניט (רוס').

[2] הער (רומ').

[3] זע ווײַטער אין „די ייִדישע פּען און דער ייִדישער פּ.ע.נ.“

און ווײַטער דאָרט: "פּאַמעלעך, אָבער אויף זיכער גייען מיר ווערן, מיר ייִדישע שרײַבער, אַ מאַרגינאַלע ליטעראַטור. ס'הייסט – אַ בראַנזשע פֿון באַגאַבטע ליבהאָבערס און פּראָפֿעסיאָנעלע גראַפֿאָמאַנען, אַן אָביעקט פֿאַר רחמנותדיקע נדבֿות און ביטול־שמייכעלעך...".

מײַן פֿאָרשונג, אַ הייסער אַקטועל־אַנאַליטישער טריפּטיך, וואָס וואָלט געדאַרפֿט אַרויסרופֿן אין אונדזערע "ליטעראַרישע קרײַזן" אַ פֿאַראינטערעסירטן אָפּענעם שמועס, איז זומער 2006 אַרויס אין "פֿאָרווערטס", אין צוויי נומערן.- און איז "אין דער לופֿטן" הענגען געבליבן – קיין שום אָפּקלאַנג, קיין וואָרט ניט, קיין טעלעפֿאָן־אָנרוף... קיין שרײַבער, קיין לייענער... קיין "ייִדיש"־דאָצענט צי אַ "ייִדיש־ליבהאָבער"...

פֿאַר מיר איז עס געווען אַ גורלדיקער סימן און "דאָס לעצטע טראָפּנדל".

טײַערע פֿרײַנד, חשובֿע צוהערער!

אויף דער פֿראַגע "וואָס מיינט פֿאַר מיר ליטעראַטור" – קען מען געבן אַ גאַנצע ריי ענטפֿערס, לויט דעם, וואָס מען פֿאַרשטייט אונטער דער פֿראַגע. אַ מער פֿולן ענטפֿער וואָלט איך אפֿשר געקאָנט געבן אין עפּעס אַ בוך וואָס וואָלט, צום בײַשפּיל, געהייסן "דער פּערמאַנענטער יום־טובֿ", אָבער אַזאַ בוך איז שוין פֿאַראַן, און אַזוי, לויטן זין, הייסט עס טאַקע, "A Moveable Feast", הגם דערציילט ווערט דאָרט נישט וועגן דעם דלות און פֿאַריתומטקייט פֿון עפּעס אַן אויסגייענדיקער קולטור, נאָר וועגן "אַ באַרימטער קאַפֿעטעריע אויפֿן פּלאַץ סען־מישעל", און וועגן דעם, ווי דער מחבר, מיסטער העמינגווי, האָט איין מאָל "באַגעגנט דזשויסן, וועלכער איז זיך איינזאַם דורכגעגאַנגען, נאָכן אינדערפֿרײַיקן ספּעקטאַקל, לענג־אויס דעם בולוואַר סען־זשערמען".

2. אַ בינטל טענות – איך ווייס נישט צו וועמען, און צו זיך אַליין[1]

לייענען און שרײַבן אויף ייִדיש האָב איך אָנגעהויבן שוין נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעשריבן (מיט לאַטײַנישע אָדער קירילישע אותיות) און פֿאַרעפֿנטלעכט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" עטלעכע צענדליק לידער (איבערשרײַבן זיי אויף דער ייִדישער מאַשינקע – נאָך דעם ווי ווערגעליס האָט זיי שוין אָנגענומען – פֿלעג חיים ביידער). שווערקייטן מיט דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע האָב איך ביז הײַנט – איבער דעם "סאָוועטישן" אויסלייג, וואָס איך קען פֿון אים נישט פּטור ווערן.

דאָס שרײַבן לידער אויף ייִדיש איז געווען פֿאַר מיר תּחילות – מיט מײַן 30־יאָריקן "סטאַזש" פֿון אַ רוסישן פּאָעט – אַ שפּיל, אַ שפּאַס, אַ פֿאַרווײַלונג... נו, פּאָעזיע איז בכלל אַ מין "פּערלשפּיל", אויף ייִדיש אָבער – מיט צעשאָטענע פּערל.

ניט דער ייִדישער גורל, אַזוי אַרום, האָט אַרײַנגעפֿירט מיך אין דער ייִדישער דיכטונג, נאָר, מ'קען זאָגן, פּונקט קאַפּויער...

---

[1] פֿון דעם אַרויסטרעט אויף דער פּאַריזער ייִדיש־קאָנפֿערענץ, יוני 2000.

און ניט מײַן פֿאַרדינסט איז עס (אָבער אויך נישט מײַן שולד), וואָס תּיכּף האָט מען מיך אָנגעהויבן צו דרוקן, און דאַן – אַרויסלאָזן ביכער, פּרעמירן, פֿאַרבעטן צו פֿאַרשידענע פֿעסטיוואַלן, דערקלערן מיר, טאַקע אין דער ייִדישער סבֿיבֿה, אַז כ׳בין דורך און דורך אַ ייִדישער פּאָעט, אָדער – נאָט אײַך! – אַז שרײַבן שרײַב איך, נו יאָ, אויף ייִדיש, אָבער...

– אָבער ייִדיש האָסטו כאָטש ליב? – גיט מיך אַ פֿרעג איינער פֿון זיי, פֿון די פֿלאַמיקע ייִדיש־ליבהאָבערס.

– ליב האָבן, – בין איך זיך פֿאַר אים מודה, – האָב איך טאַקע ליב שפּאַניש, אַך:

Verde que te quiero verde.
Verde viento. Verdes ramas...

– וואָס, אויף שפּאַניש גראַמסטו שוין עפּעס אויכעט?
– ניין, ס׳איז לאָרקאַ.
– האַ?
– גאַרסיאַ...

אַ שאַפֿער, אַ מײַסטער וואָס אַרבעט מיטן לעבעדיקן וואָרט, קען ניט ליב האָבן אָדער נישט ליב האָבן זײַן שפּראַך – דאָס איז ניט קיין אָביעקט פֿאַר הייסע געפֿילן. דאָס איז רויוואַרג, רוישטאָף, מאַטעריאַל, פּונקט ווי פֿאַר אַ גלאָזבלאָזער – זײַנע צעהיצטע גלעזערנע טרײַבלעך, פֿאַר אַ טעפּער – דאָס ליים, פֿאַר אַ סטאָליער – אַ פֿאַרשטעכלטע ניט־באַאַרבעטע ברעט, און פֿאַר אַ שנײַדער – דאָס שינעל־געוואַנט־שטיק "צוויי צוואָנציק אַף הינדערט פּערציק", פֿון וועלכן ער שנײַדט ממש שטיקער, און פֿון וועלכן מײַן טאַטע, אַ געוועזענער בוקאַרעשטער *קראָיִטאָר*[1], פֿלעגט נאָך דער מלחמה, אין פֿאַרהונגערטן קעשענעוו, מיר אָפּשפּאָרן אויף אַ פּאָר צוויפּגעשטוקעוועטע הייזעלעך...

שוין אַ יאָר מיט אַ סמיטשיק, ווי ער ליגט אויפֿן שטילן בית־עולם, אויפֿן באַרג הינטער עכּו, מײַן שמיליק, – גיב איך אים איבער אַ גרוס: האַלט זיך, טאַטעניו, דאָרטן, ווי איך האַלט זיך דאָ. אונדזער בראַנזשע איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען!

אָבער ליב האָבן – עמעצן אָדער עפּעס – דאַרף מען זײַן דאָך אַ ליבהאָבער...

פֿאַרנעמענדיק זיך, ווי יעדער בעל־מלאָכה, מיט מײַן שווערער און נודנער אַרבעט – זיך שפּילן מיט ווערטער – קען איך אויך אָבער פֿאַרשטיין די ראָמאַנטישע ליבהאָבערײַ, און כ׳געפֿין עס פֿאַר זייער אַ פּאָזיטיוון און וויכטיקן פֿאַקט, וואָס אין אונדזערע טעג עקזיסטירן און קומען אויף אין פֿאַרשידענע לענדער אַלץ נײַע און נײַע באַוועגונגען, געזעלשאַפֿטן, קאַטעדרעס, סעמינאַרן, קלובן און קרײַזלעך פֿון ייִדיש־ליבהאָבערס – סײַ אין דער ייִדישער סבֿיבֿה און סײַ בײַ נישט־ייִדן.

צו דער שאַפֿערישער ליטעראַטור האָט עס אָבער קיין שײַכות נישט. סײַדן – אַ נעגאַטיוון.

---

[1] שנײַדער (רומ׳).

אין דער הײַנטיקער ייִדישער קולטור־סיטואַציע קען יעדער אַקטיוועט ליבהאָבער, אויב ער וויל עס נאָר, ווערן צוגערעכנט צו דער ליטעראַטור, צום טעאַטער; ער קען מיטן נעבעכדיקן דרײַ־אַקאָרדן־סקריפּ פֿון זײַן גיטאַרע אַרומגאַסטראָלירן ווי אַ ייִדישער זינגער; מיט זײַן "אַלט שטעטל"־בילדל, איבערקאָפּירט פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, אַ געפֿונענער אויף אַ תּל־אָבֿיבֿער גאַס, שטעלט ער זיך אויס ווי אַ ייִדישער מאָלער...

פּראָפֿאַנאַציע. דעוואַלואַציע. "קיטש" אויף דײַטש הייסט – כאַלטורע. איך מיין נישט נאָר די יונגע.

אַ סאָלידער מענטש זעצט זיך אין רחובֿות אַוועק און שרײַבט אָן אַ בוך, אַן איבערבליק – נישט מער! – פֿון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור אין אַלע תּקופֿות, און גיט דאָרט אַ שטעל אַרײַן אַ לויבגעזאַנג פֿאַר איינעם נאָך לעבעדיקן ל.ב., און געפֿינט אים דאָס אָרט – ניט ווייניקער! – צווישן דאַנטע און שעקספּיר – מאַכט חוזק פֿון אים און פֿון זיך אַליין, און פֿאַרשטייט עס נישט.

ווי קען מען, ווי מעג מען דאָס – אַזוי ציניש פֿאַרבילִיקן דאָס ייִדישע וואָרט, דעם פּרײַז פֿון אַ שפּראַך, דעם באַדײַט פֿון אַ בוך, דעם סימבאָל פֿון אַ שרײַבטיש?

זײַן אַרגומענט: ער האָט ליב ייִדיש. זאָלן אַלע דערוויסן זיך פֿון זײַן בוך, וואָס אויך ייִדיש פֿאַרמאָגט, און אויך אין אונדזערע טעג...

אַ מאַניאַקאַלער ערןאָמאַן הייסט – אַ זונבֿ. פֿלעגן די גריכישע ווײַבלעך אים צום צווייטן מאָל ייִדישן.

אַ קלעפּטאָמאַן איז – אַ גנבֿ. פֿלעגן די טערקן אים אָפּהאַקן די שולדיקע האַנט.

אַ גראַפֿאָמאַן – האָט תּמיד געלעבט אַ משוגענעם טאָג: וועמען שטערט ער דען?

מיר שטערט ער!

ער מאַכט מיר קאַליע, ער פֿאַרדאַרבט מיר, צעלאָזט און צעפּעסטעט מײַן לייענער, דעם ייִדישן מאַסן־לייענער (איר קענט זיך שוין פֿאָרשטעלן אָט די מאַסן, די מענגעס, דעם המון פֿון ייִדישע לייענער!) – און ער רײַסט מיר אונטער דאָס גאַנצע געשעפֿט. הײַנט, ווען די גרויסע ייִדישע מײַסטערס, סטיל־ און וואָרט־ווירטואָזן, ווערן שוין אַזוי ווייניק אין צאָל, הייבט ער אויף, דער צעבושעוועטער גראַפֿאָמאַן, דעם קאָפּ, ער גיט שוין דעם טאָן און וויל שפּילן דאָס ערשטע פֿידעלע. זײַנע "ווערק", זײַנע פּובליקאַציעס פּילן אָן די אַלמאַנאַכן, די צײַטונגען! ער גיט שוין אַרויס זײַנע ביכער. מען זעצט אים שוין איבער אויף אַנדערע שפּראַכן, דעם "פֿאָרשטייער פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור..."

יאָ, גראַפֿאָמאַנען זענען תּמיד געווען, אָבער תּמיד – אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע...

וווּ זשע איז די ליטעראַטור־קריטיק, וועמעס פֿונקציע איז עס טאָקע – דערקלערן דעם לייענער און דערקלערן דעם שרײַבנדיקן, וואָס ס'איז ליטעראַטור (אָבער נישט, זאָל גאָט אָפּהיטן, ווי מען מאַכט זי!)?

אָבער אַז יעדער פּאָטענציעלער אָדער פּראַקטיצירנדער רעצענזענט ווערט שוין אַ ליטעראַטור־פֿאָרשער – איינער פֿאַרנעמט זיך מיטן קלאַסיקער י.ל. פּרץ, דער צווייטער –מיט סעמיאָן גריגאָריעוויטש פֿרוג, דער דריטער – דווקא מיט דער הײַנטיקער ליטעראַטור: מיטן

בעסטן, אָבער שוין טויזנט מאָל אָפּקאָמענטירטן אונדזערן דיכטער, וועלכער פֿאַרשטייט, אַגבֿ, בעסער פֿון זײַנע לויבזינגערס, אַז דער גרעסטער זשעני קען מיט זיך ניט פֿאַרטרעטן אַ גאַנצע ליטעראַטור...

אָבער אַז די איבעריקע, אַלע יענע אַ.ב. און מ.פּ., ל.ב., ב.ס., וו.ט., מ.ל., ג.ע., א"אַ, – דאָס גאַנצע בינטל נײַע ייִדישע ליטעראַטן שטייט אים, דעם דיפּיראַמביסט, נישט אָן.

וואָלט ער באַוויליקט כאָטש איין מאָל צו דערקלערן – סײַ זיי, יענע אַלע איקס־איגרעק, און סײַ דעם לייענער – מיט וואָס זענען זיי אַזוי שלעכט?

זײַן פּאָזיציע פֿאָרמולירט פֿאַר מיר פּראָפֿעסאָר ד.מ. קלאָר און אָפֿן (אָפֿן הייסט –אונטער פֿיר אויגן, בײַ אַ גלאָז טיי אין אַן אָקספֿאָרדער שטילן האָטעלכל):

– קיין ייִדישע ליטעראַטור איז נישטאָ. אַ שרײַבער איז אַ מאָל געווען פּרץ, אַ שרײַבער איז אויך געווען... הײַנט צו טאָג אָבער... ווי זאָגט איר איז אײַער נאָמען?

– אָבער נעמט בלעטערט איבער, למשל, אַ פּאָר פּיעסעס פֿון פֿעלזענבאַום!

– ווי, זאָגט איר, הייסט ער?

"באַקוועם און רענטאַבל" – ווי ס'פֿלעג שטיין אויף די רעקלאַמשילדן פֿון "אַעראָפֿלאָט".

אַזוי לאַנג, ווי מיר האָבן נישט קיין אַקטועלע ליטעראַטור־קריטיק, וועט בײַ אונדז קיין ליטעראַטור־פּראָצעס נישט זײַן: מען שרײַבט, מילא... ווער בעסער, ווער ערגער...

ליטעראַטור־קריטיק – איז דאָס איינציקע, וואָס אימשטאַנד איז אָפּצושפּיגלען דאָס אַלגעמיינע בילד, די רעאַלע פּאַנאָראַמע פֿון אַ הײַנטיקער ליטעראַטור. און אָן דעם – זעט זיך יעדער אין שפּיגל אַליין, זיך אַליין...

און קיין ליטעראַטור־קריטיק וועלן מיר נישט האָבן אָן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן זשורנאַל –איך מיין טאַקע אַ זשורנאַל און נישט די אַלמאַנאַכן, קאָלעקטיווע זאַמלונגען און העפֿטן, וואָס דערשײַנען נאָך דאָ און דאָרט.

זעט אָבער אויס, אַז די "פֿאָרשטעלונג" פֿון פּראָפֿעסאָר ד.מ. איז באַקוועם נישט נאָר פֿאַר אים – פֿאַר דער ייִדישער וועלט: "נישטאָ" – איז נישטאָ וואָס צו קלערן, אַרײַנלייגן געלט, נערווירן זיך...

וואָס שוין אָבער גאָר שלים איז – אַז בײַ דער זעלבער "פֿאָרשטעלונג" האַלטן זיך אויך ניט ווייניק ייִדישע שרײַבער פֿון דעם עלטערן דור.

נאָך אין די 70ער יאָרן, ווען איך האָב זיך אין מאָסקווע גענומען איבערזעצן פֿון ייִדיש, פֿלעג איך שוין דעמלט הערן: "מיר זענען די לעצטע".

"מיר זענען די לעצטע" – אָט די פֿײַנלעכע פֿראַזע האָב איך שפּעטער געהערט אין קעשענעוו, אין בוקאַרעשט, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין ניו־יאָרק, אין תּל־אָבֿיבֿ, אין בערלין, אין קאָפּענהאַגן און אַמסטערדאַם – אומעטום, וווּ איך רעד מיט די דאָרטיקע אָדער אָנגעקומענע אויף עפּעס אַ טרעפֿונג ייִדישע שרײַבער פֿון דעם כאָטש אַ ביסל פֿון מיר עלטערן דור.

דאָס געפֿערלעכע מאָטאָ ווערט אַרויסגעבראַכט מיט אַ טיפֿן קול פֿון אַ פּאַטום און מיט אַ זיסן נאָסטאַלגישן זיפֿץ, און תּיכּף – אַ קורץ געלעכטערל פֿון געהיימער צופֿרידנקייט. צי הייסט עס ניט בײַם אַלטיטשקן – "צו די ערשטע טאַקע געהער איך נישט, זאָל כאָטש זײַן – צו די

לעצטע...״. אַגבֿ, פֿון די ״ערשטע״ האָב איך אַזוינס עפּעס נישט געהערט, קיין מאָל און אין ערגעץ נישט – נישט פֿון ווערגעליסן, נישט פֿון סוצקעווערן, פֿון צאַנין אַוודאי נישט...

וואָס מרדכי צאַנין, מיט וועלכן מיר צערעדן זיך אָפֿט מאָל בײַ אים, טראַכט פֿון זײַן אייגענער ״ערשטקייט״ צי ״לעצטקייט״, ווייס איך ניט, ס׳קומט אים פּשוט נישט, מיין איך, אין קאָפּ, מחמת ער האָט עס תּמיד געוווּסט: דרכיו מי ימצא, ווער קען שוין אויספֿאָרשן דעם אייבערשטנס וועגן? די קאַפּריזן פֿון דער וועלט־געשיכטע...

דערפֿאַר קען ער פּלוצלעך אַ זאָג טאָן:

– איר ווייסט, לעוו, אויב ס׳נאָך באַשערט, ייִדיש זאָל אַ מאָל תּחית־המתים אויפֿשטיין, קען דאָס געשען נאָר אין דײַטשלאַנד...

יאָ, ער האָט נאָך, דער מעכטיקער זקן, עפּעס אַ האָפֿענונג, ער חלומט נאָך, דער פֿאַרחלומטער קעמפֿער, גלייבט אין עפּעס אַ ווונדער, אַ נס...

...און דער קאַראַוואַן גייט זיך ווײַטער ⑥

״מיר זענען די לעצטע״.

פֿאַרשטייט אויך דער לייענער שוין, אַז טאָמער אַזוי, איז ער אויכעט – דער חשובֿער ייִדישער לייענער – דער לעצטער.

דאַרף דער שרײַבער, אַזוי אַרום, זיך מער נישט צעברעכן דעם קאָפּ, זוכן דאָס איין־און־איינציקע וואָרט, – וואָס, צוליב אַן איינציקן לייענער? דאַרף דער לייענער זיך מער נישט בויערן דעם מוח, באַגרײַפֿן און אײַנזאַפּן דאָס וואָרט, ס׳איין־און־איינציקע...

אַך, אַן אידיליע: זיי מאַכן זיך ביידע באַקוועם אין צוויי ווײַסע שעזלאָנגען אויפֿן ברעג פֿון דער ליעטע, ציִען אויס – אַ מחיה – די פֿיס, צוויי פּאָר פֿיס, פֿיר פֿאַרדינסטפֿולע פֿיס מיט צוויי כיטרע ייִדישע קעפּ ערגעץ אויבן: צי זיי זענען שוין ניט אין גן־עדן?

די סענטימענטאַלע תּקופֿה פֿון ייִדיש אַלס ״מאַמע־לשון״ קומט צום סוף – אַ טרויעריקער פֿאַקט, אָבער אַ פֿאַקט. איך מיין, אַז הײַנט זענען מיר עדות און אָנטייל־נעמערס פֿון אַ קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס, ווען אַ שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק – דאָס מאָל פֿון דעם פֿאָלק אַשכּנזים – לעבט איבער אַן אָרגאַנישע טראַנספֿאָרמאַציע, וואָס וועט דערלויבן דער דאָזיקער שפּראַך ווײַטער צו עקזיסטירן אויף אַ נײַעם סובסטאַנציעלן אופֿן – אַ מעטאַמאָרפֿאָזע, ווי ס׳קומט פֿאָר, למשל, מיט פֿלאַטערלעך, אַרויסגעבוירענע פֿון די לעלעס. דער גורל פֿון דער לאַטײַנישער שפּראַך, וואָס זי לעבט נאָך הײַנט סײַ אין די אויטענטישע ״Carmen״־לידער בײַ קאַטולן, סײַ אָבער אין די פֿראַנצייזישע סאָנעטן בײַ אַרטיור רעמבאָ אָדער אין די רומענישע ווערליבערס בײַ מירטשאַ דינעסקו. אויף אַ ספּעציפֿיש־אינטויִטיוון אופֿן פֿילן הײַנט אָט די ענלעכקייט פֿון די ביידע גורלות – דעם לאַטײַנישן און דעם ייִדישן – די לינגוויסטן, און ס׳איז אפֿשר גאָר סימפּטאָמאַטיש, וואָס, מאַנפֿרעד קאַוקע, צום בײַשפּיל, האָט זיך גענומען ווידערגעבן מײַנע לידער אויף לאַטײַן – און כ׳מוז אײַך זאָגן, איך האָב פֿון זיי גרויסע הנאה!

Adventum exspecto Messiae. Liberos de prato
territos removete florido necnon capellam et hiemem Judaicam

suis cum ollulis pelliculisque gallinisque in angulo calceatis – Eheu
Aprilis mensis iam rediit. Adventum exspecto Messiae.

Iterum September – Deducite de pratis liberos
adventum exspecto Messiae. Iam volat. Hiems iam renovata

fumum de focis evolvi, stellas aberrare, missilia igniri
iubet: omnia descendere impediunt. Moram iam non patior.

Terra nive obducitur velut pelliculo, disco oppilatur volanti.
Quo loco, si veniat, ponat pedem, clarus noster Messias
ad Roch-Meschech advolans, nunc paulo ante hiemem?

Quem, proh! abducite sua cum capella, quoniam volant liberi…

זאָל זשע אונדזער ייִדישע שפּראַך לעבן נאָך לאַנגע יאָרן, נאָר ווען ס׳וועט אונטערקומען די צײַט – האָבן דעם זעלבן גורל, די אומשטערבלעכקייט פֿון לאַטײַן.

3. די ייִדישע פען און דער ייִדישער פּ.ע.נ.
(געקירצט)

סעמאַנטיק: רעפּאַטריאַציע, עמיגראַציע, גלות.

רעפּאַטריאַציע – **repatriation** – **עולה זײַן** – דאָס אומקערן זיך פֿון אַ ציוויל־ אָדער מיליטער־געפֿאַנגענעם, אַ פּליט, אַן איבערוואַנדערער צי אַן עמיגראַנט אין זײַן געבוירן־לאַנד.

עמיגראַציע – **emigration** – דאָס אַרויספֿאָרן פֿון אייגענעם לאַנד אויף אַ קורצער צי אַ לענגערער צײַט, צי אויף שטענדיק, מחמת עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, עטנישע, א״אַ סיבות.

גלות – **exile** – פֿאַרטרײַבונג, אַרויסשיקונג, דעפּאָרטאַציע.

מײַן פֿרײַנד אַ.ב., אַ רוסישער פּראָזאַיִקער, געבוירן אין סאָוועט־מאָלדאַוויע, איז לויטן בירגער־סטאַטוט אַן עולה אין ישׂראל, און ווי אַ שרײַבער געהערט ער צו דער נײַסטער רוסישער עמיגראַנטישער ליטעראַטור. איך, אַ געבוירענער אַ פּאָר יאָר פֿאַר אים אין דער זעלבער געגנט, וואָס האָט אָבער צו יענער צײַט געהייסן בעסאַראַביע און איז געווען אַ טייל פֿון Romania Mare[1], – איך בין אָנגעקומען אַהער פֿון מאָסקווע, ווו כ׳האָב אָפּגעלעבט די לעצטע דרײַסיק יאָר אין דעם רוסישן גלות, נאָך דעם גלות דעם רומענישן, מאָלדאַווישן און אוקראַיִנישן. אַ רעפּאַטריאַנט וואָלט איך, אַזוי אַרום, געהייסן ווען איך קער זיך פֿון מאָסקווע אום אין דער הײַנטיקער, שוין זעלבשטענדיקער, מאָלדאָווע אָדער קיין רומעניע.

---

[1] גרויס־רומעניע (רומ׳).

און אַלס שרײַבער קען איך אין ישׂראל נישט געהערן צו עפּעס אַן עמיגראַנטישער ליטעראַטור, ווײַל אין דער ייִדישער מדינה שרײַב איך אויף דער שפּראַך, וואָס ווערט דאָ אָפֿיציעל אָנערקענט פֿאַר אַ שפּראַך פֿונעם ייִדישן פֿאָלק – לשון־ייִדיש. און זאָגן, אַז מיט מײַן ייִדיש בין איך דאָ אין עקסיל, – וואָלט עס ווידער נישט קאָרעקט געווען, מחמת פֿון דעם היסטאָריש־געאָגראַפֿישן און סעמאַנטישן גלות האָב איך זיך שוין יאָ אַרויסגעריסן, און עפּעס אַ באַגריף ווי ״פּערמאַנענטער גלות״ האָט נאָך די מענטשהייט נישט צוגעטראַכט.

די ייִדישע ליטעראַטור געהערט צו דער אייראָפּעיִשער קולטור. אַנטשטאַנען אויף די אַלטע ברעגן פֿון רײַן, האָט זי דערגרייכט איר הויכפּונקט אין מיזרח־אייראָפּע און האָט געגאָלטן אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך, ווי אויך אויף אַנדערע קאָנטינענטן, פֿאַר איינער פֿון די אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן. נאָר אויב פֿאַרפֿינקטלעכן די אָנגענומענע דעפֿיניציע, דאַרף מען זאָגן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז פֿון אָנפֿאַנג אָן ביזן הײַנטיקן טאָג געווען און בלײַבט אויף אַלע באָדנס, וווּ זי געפֿינט נאָך אַ מקום־מיקלט, – אַן עקסיל־ליטעראַטור. טאַקע ווי אַן עקסיל־ליטעראַטור איז זי געבוירן, אַרויסגערופֿן צו עקזיסטענץ געוואָרן, ווײַל איר שליחות איז נעמלעך געווען – אָפּצושפּיגלען דעם גײַסטלעכן און פֿיזישן קיום פֿון אַ פֿאַרטריבענעם פֿאָלק. פֿון אַ פֿאָלק, וועמענס גענעטיק האָט אין משך פֿון יאָרטויזנטער דורכגעמאַכט אַ מוטאַציע־מהלך און אויסגעאַרבעט בײַ זיך, אין דער אייגענער נאַטור, דעם ״עקסיל־גען״.

אָט אָ דער נאַטור־פֿענאָמען, אָט דער שטענדיקער מצבֿ אירער איז אַ סך טראַגישער ווי די לאַגע פֿון אַ ״נאָרמאַלער״ עמיגראַנטישער ליטעראַטור, וואָס אַזוי אָדער אַנדערש, פֿריִער צי שפּעטער, מיט אירע לעבעדיקע מחברים אָדער שוין נאָר מיט די ווערק זייערע, קערט זי זיך סוף־כּל־סוף אום ״אַהיים״. אַזוי איז דאָס פֿאָרגעקומען, אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פֿון אונדזער ערע, מיט די גענײַאַלע טרויעריקע עלעגיעס ״Tristia״ און ״Epistulae ex Ponto״ פֿון דעם פֿאַרשיקטן אין דער באַלקאַנישער אויסרײַסעניש אָווידי; אַזוי איז עס געווען, שוין אין 20סטן יאָרהונדערט, מיט די ווערק און ס׳רובֿ שרײַבער פֿון דער דײַטשער ליטעראַטור־עמיגראַציע (בערטאָלט ברעכט, ליאָן פֿויכטוואַנגער, לעאָנהאַרד פֿראַנק, א״אַ), ווי אויך מיט דער ליטעראַרישער ירושה פֿון דער רוסישער עמיגראַציע פֿון די 20ער־80ער יאָרן.

די לאַגע פֿון אַ ייִדישן שרײַבער איז פֿיל שלימער, ווײַל אַזאַ ״היים״, אַזאַ קולטור־געאָגראַפֿישן פּלאַצדאַרם הינטער זיך, אַזאַ ערגעץ־ווו־מעטראָפּאָליע און עפּעס דאָך אַ מין פּערספּעקטיוו אין דער צוקונפֿט – האָט ער, דער ייִדישער שרײַבער, ניט.

דער פֿאַנטאַסטישער אָבער פּאַראַדאָקס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זײַענדיק פֿון דעם ערשטן אָטעמצוג, ווי געזאָגט, אַן עקסיל־ליטעראַטור, האָט זי גובֿר געווען דעם נעקראָפֿילישן אינסטינקט, די טיף פֿאַרבאָרגענע, לויט זיגמונט פֿרוידן, נטיה צו זעלבסט־ליקווידירונג, ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע, דאַכט זיך, עמיגראַנטישע ליטעראַטורן. אמת, קיין איין ליטעראַטור האָט אין דער עמיגראַציע ניט געגעבן קיין דורות (ניט פֿאַרפֿלאָנטערן מיט די ״קאָלאָניאַלע ליטעראַטורן״, ווי, אַ שטייגער, די ליטעראַטורן אויף פֿראַנצייזיש אין צפֿון־ אָדער עקוואַטאָריאַל־אַפֿריקע). די רוסישע ליטעראַטור־עמיגראַציע,

פֿאַרמאָגנדיק אַזעלכע גיגאַנטן, ווי איוואַן בונין, מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ, וולאַדימיר נאַבאָקאָוו, און מיט עטלעכע יאָרצענדליקער שפּעטער –אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין און יאָסיף בראָדסקי, – דערבײַ וואָס זי האָט געהאַט אַ ריזיקע השפּעה אויף דער ליטעראַטור און אַלגעמיינער סאָוועטישער קולטור – האָט קיין צווייטן דור אין ערגעץ נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט.

בעת די ייִדישע ליטעראַטור, דער אמתער נע־ונדניק, האָט נאָך הײַנט די צעזייטע איבער אַ האַלבער וועלט דורות – די זיידעס, די זין־און־טעכטער, די אייניקלעך און אַפּילו אוראייניקלעך.

אָבער – צעזייטע איבער אַ האַלבער וועלט, נאָך אַ מאָל אַ צרה.

די ייִדישע פּען

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה – טראָץ אַלע שרעקלעכע פֿאַרלוסטן – האָט די ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל שרײַבער אין די עטלעכע צענדליק קולטור־צענטערס פֿון אַרגענטינע , פֿש״אַ, דרום־אַפֿריקע, אויסטראַליע, פֿראַנקרײַך, און אַ קורצע צײַט נאָך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. צום אָנפֿאַנג 80ער יאָרן האָבן זיך אין די דאָזיקע צענטערס באַוויזן יונגע ליטעראַטן, וועלכע שטעלן פֿאָר, באַגלײַך מיטן עלטערן דור, אונדזער הײַנטיקע ליטעראַטור. פֿון אָט די ייִדיש־צענטערס זענען אַרויס די שוין אין די 40ער־50ער יאָרן געבוירענע יצחק ניבאָרסקי, אַבֿרהם נאָווערשטערן, דניאל גלאַי, דוד כּץ, און שפּעטער, און דאַן נאָך שפּעטער – לאה ראָבינסאָן, שלום בערגער, א״אַ.

אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, צום אָנהייב 50ער, נאָך אַלע אַכזריותדיקע פֿאַרפֿאָלגונגען און פֿאַרניכטונגען, – איז ניט נאָר מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, נאָר מיט וועלכער־ניט־איז ייִדישער סבֿיבֿה, מיט אַ ייִדיש וואָרט אויף דער גאַס פֿאַקטיש פֿאַרענדיקט געוועז. און דווקא דאָרט – קוקט! – האָט זיך אָנפֿאַנג 80ער, נאָך פֿאַר אַלע גאָרבאַטשאָווס ״פֿרײַהייטן״, געיאַוועט (נאָר ווי פֿון אונטער דר׳ערד אַרויס אָדער פֿון הימל אַראָפּ) אויף די רחבֿותן פֿון דער אימפּעריע, אין מאָלדאַוויע און ווײַסרוסלאַנד, אין אוקראַיִנע און בײַ דער וואָלגע, און אין מאָסקווע אַליין, שיִער ניט בײַ דער סאַמע קרעמל־וואַנט[1] – אַ יונגע כאַפּטע היימיש־געבאַקענע ייִדישע ליטעראַטן, וואָס דער אַלף־בית פֿון זייערע נעמען איז הײַנט ווײַט באַקאַנט: בעלאָוסאָוו, בערינסקי, ווייצמאַן, טשערנין, כײַמאָוויטש, לעמסטער, סאַנדלער, עסטרײַך, פֿעלזענבאַום, קרוטיקאָוו... (די ראָלע פֿון אַהרן ווערגעליס אין ״צונויפֿשאַרן״ און ״לעגיטימירן״ זיי אַלע – איז אַ באַזונדערע טעמע).

און – קוקט! – נאָך הײַנט, ווען דער דור פֿון די 5־6 איבערגעבליבענע אין די 90ער יאָרן אויף די שפּליטערס פֿון דער אימפּעריע ייִדישע שרײַבער איז שוין דאָרט אין גאַנצן אַוועק, – לאָזט זיך פּלוצעם הערן אַ נײַ קול, ישׂראל נעקראַסאָוון, בײַ וועמען כ׳האָב ניט לאַנג צוריק איבערגעלייענט אַזאַ האַרץ־דורכדרינגענדע ליד:

---

[1] פֿון דער רעדאַקציע ״סאָוועטיש היימלאַנד״ ביזן רויטן פּלאַץ איז צו פֿוס געווען בײַ די 15 מינוט.

מײַן קינדהייט. אַ רוסישע שקאָלע.
מײַן שטאָט, וואָס זי ווייסט ניט איר נאָמען.
טראַמווײַען מיט טירעלעך שמאָלע,
און ריזיקע לײדיקע קראָמען.

מײַן שטאָט איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן,
און ס'הוידעט זי הײַנט אין די הימלען,
און ס'גייען אי שעהען, אי יאָרן,
ווי אַלטע סאָוועטישע פֿילמען.

אין ישׂראל, וווּ דער ערשטער, דאַכט זיך, זשורנאַל אויף ייִדיש, "די ראָזע", איז אַרויס נאָך אין יאָר 1877, – אין ישׂראל, וווּ דער גרעסטער אויף דער וועלט ייִדישער ליטעראַטור־צענטער, דער שרײַבער־פֿאַראיין, האָט געציילט מער ווי צוויי הונדערט מיטגלידער און האָט געהאַט אין דעם פּיצינקן לאַנד דרײַ פֿיליאַלן – אין תּל־אָבֿיבֿ, אין ירושלים און אין חיפֿה, און יעדע פֿון די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָט געפֿירט אַ זעלבשטענדיקע קולטור־ליטעראַרישע טעטיקייט און אַרויסגעגעבן ביכער פֿון די היגע אויטאָרן, – אין ישׂראל האָט זיך, אויף וויפֿל איך ווייס, אין משך פֿון 20סטן יאָרהונדערט און שוין ביזן הײַנטיקן טאָג קיין איין אָרטיקער, דאָ־געבוירענער ייִדישער ליטעראַט ניט באַוויזן.

אַ דערקלערונג, פֿאַר זיך אַליין, פֿון אָ דעם ייִדיש־ישׂראלדיקן "פֿאַנטשער" האָב איך דווקא יאָ, ווײַל באַלד נאָכן צווייטן וועלטקריג האָב איך פֿאַרכאַפּט אָפּצולעבן אַ יאָר מיט אַ סמיטשיק אין קאַושאָן, אַן אמת ייִדיש שטעטל מיט אַ באָד־גאַס, מיט פֿאַרוואַקסענע סטעזשקעס און פֿאַרמיסטיקטע "ריפּעס"[1]...

הײַנט זענען די "יונגע טאַלאַנטן" פֿון אָנהייב 80ער – רײַפֿע שרײַבער, ווען ס'איז אויסגעפֿאַלן אין די קומענדיקע 3-2 יאָרצענדליקער ווײַטער ציִען דעם ציטערנדיק־לעבעדיקן פֿאָדעם פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער – שוין אין אַ נײַער תּקופֿה, אין אַן אַנדערער, גלאָבאַליזירטער וועלט, וווּ ליטעראַטור און קולטור זענען ענדגילטיק אַרײַן, אינסטאַלירט געוואָרן אין דעם אַלוועלטיקן קאָמערציאַליזאַציע־פּראָצעס, דערבײַ אויף אַ האַרטן קאָנקורענץ־טעכנאָלאָגישן אופֿן. און פּונקט ווי יעדע אַנדערע פּראָדוציר־טעטיקייט, קען אין דער מאָדערנער וועלט אויך די ליטעראַטור ניט עקזיסטירן איזאָלירט, ווי עפּעס אַ פּור פֿילאָסאָפֿישע "זאַך אין זיך". דאָס, אַגבֿ, האָבן גוט פֿאַרשטאַנען שוין מיט כּמעט הונדערט יאָר צוריק די "אינזיכיסטן", וועלכע זענען טאַקע אַזוי אַקטיוו געווען אין דער "אויסערוועלט". ניט בלויז זייער שאַפֿונג, נאָר אויך זייער טעטיקייט האָט אין יענע יאָרן אַקטיוויזירט, אָנגעפֿילט מיט ענערגיע דעם ייִדישן ליטעראַטור־פּראָצעס.

אָנשרײַבן אַ ליד קען מען, ווי מיר ווייסן, אין אַן אָקאָפּ, און אַ ראָמאַן – אין אַ שפּיטאָל צי אין תּפֿיסה. אָבער ליטעראַטור ווערט דאָס אָנגעשריבענע נאָר ווען מענטשן לייענען עס. ווי ס'איז ניטאָ קיין מאָלערײַ אָן קיין צושויער, ווי ס'איז ניטאָ קיין מוזיק אָן קיין צוהערער, אַזוי איז ניט פֿאַראַן קיין ליטעראַטור אָן לייענער – דאָס האָט שוין אונדזער זיידע יאַנקל געוווּסט און אַרײַנגעשלאָסן ווי אַ לעבנס־פּראָגראַם אין זײַן פּסעוודאָנים.

[1] רינשטאָקן (רומ').

אַן אמתער שרײַבער פֿאַרקויפֿט זיך ניט – זײַנע ביכער פֿאַרקויפֿן זיך!

ווען כ'בין, שוין פֿופֿצן יאָר פֿאַרבײַ, אָנגעקומען קיין ישׂראל, האָט מיר צאַנין בעת אונדזער ערשטן שמועס אַ זאָג געטאָן: "נו, מיט ביכער פֿאַרקויפֿן האָבן מיר דאָ קיין פּראָבלעם נישט, אַ פּראָבלעם איז – ווּעמען דאָס בוך צו פֿאַרשענקען...".

איך חזר איבער – פֿופֿצן יאָר צוריק.

פֿאַמעלעך, אַזוי אַרום, אָבער אויף זיכער, גייען מיר ווערן, טײַערע קאָלעגעס, אַ מאַרגינאַלע ליטעראַטור. ס'הייסט – אַ בראַנזשע פֿון באַגאַבטע ליבהאָבערס און פּראָפֿעסי־אָנעלע גראַפֿאָמאַנען, אַן אָביעקט פֿאַר רחמנותדיקע נדבֿות און ביטול־שמייכעלעך...

דער ייִדישער פּ.ע.נ.

הײַנט זענען מיר אויף דער וועלט ניט די איינציקע ליטעראַטור, וועמענס שרײַבער זענען צעזייט איבער לענדער און רחבֿותן. די צעזייטקייט, דער מין־סימן פֿון אַזעלכע ליטעראַטורן מאַכט זיי חלשותדיק־שוואַך, ווײַל יעדע אָפּגעזונדערטע געמיינשאַפֿט איז צו קליין אויף צו אַנטוויקלען אַ ווירקלעכן ליטעראַטור־פּראָצעס.

אַפֿילו דאָ אין ישׂראל, ווו מיר בלײַבן נאָך כּסדר די גרעסטע קאָמפּאַקט־"גרופּע" ייִדישע ליטעראַטן, קענען מיר ניט – סײַ שעפֿעריש, און סײַ שטייגעריש – אַנטשפּרעכן די מאָדערנע "נאָרמעס" וואָס גאַראַנטירן עפּעס אַ פּערספּעקטיוו, אַ צוקונפֿט פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

איז לאָמיר זיך טאַקע אַרומזען: וואָס טוען אַנדערע אויף צו ענדערן אַזאַ סיטואַציע?

איינציקע – ווי, למשל, דער דײַטש־שפּראַכיקער שרײַבער־פֿאַראיין אין ישׂראל – נעמען זיך אָן מוט און ווירדע, און מעלדן, אַז "דער פֿאַרבאַנד פֿאַרענדיקט זײַן טעטיקייט"; די ציגײַנער־שרײַבער – נעמען זיך אָן שׂכל און גרינדן זייער ראָמי־P.E.N־צענטער. די ייִדישע שרײַבער – וואָס אַזאַ ייִדיש־אַלוועלטלעכן P.E.N האָבן זיי שוין זינט 1927, – נעמען זיך אָן פֿאַטאַליזם אָדער עגאָיִזם און טוען ניט קיין ריר מיטן פֿינגער.

וואָס איז דער P.E.N און צו וואָס דאַרף אים האָבן אַ שרײַבער?

די אַבּרעוויאַטור P.E.N איז גילטיק פֿאַר דרײַ ענגלישע באַגריפֿן:

"Poets, Essayists and Novelists", און אויסער דעם באַטײַט דאָס וואָרט "Pen", ווי אויך אויף ייִדיש, די שרײַבפֿעדער.

דער אינטערנאַציאָנאַלער P.E.N־קלוב, אין וועלכן עס גייען אַרײַן די אַלע לאָקאַלע P.E.N־צענטערס (לויטן טעריטאָריאַלן אָדער שפּראַכלעכן פּרינציפּ) איז אַ פֿרײַוויליקע פֿאַראייניקונג פֿון שריפֿטשטעלער, געגרינדעט אין לאָנדאָן, אין 1921. דער ערשטער פּרעזידענט פֿון דעם P.E.N־קלוב איז געווען דזשאָן גאָלסואָרסי, וואָס שפּעטער, אין יאָר 1932, האָט ער פּראָקלאַמירט די "דעקלאַראַציע פֿון דעם P.E.N־פֿאַרבאַנד", ווו דער ערשטער פּונקט איז געווען: "דער P.E.N טרעט אַרויס פֿאַר ליטעראַטור אַלס קונסט (קיין זשורנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע), און ווײַטער זענען איבערגערעכנט געוואָרן פּונקטן, וואָס זענען ביזן הײַנטיקן טאָג אַקטועל, און וואָס דרײַ פֿון זיי ציטיר איך דאָ טאַקע פֿון די P.E.N־תּקנות:

״דער קאָמיטעט פֿאַר איבערזעצונגען און שפּראַך־וויסנשאַפֿטלעכע רעכט סטימולירט דאָס איבערזעצן ליטעראַרישע ווערק פֿון ניט־צאָלרײַכע פֿעלקער אָדער פֿאַראייניקונגען אין די וועלט־שפּראַכן״.

״דער P.E.N־פֿאָנד פֿאַרנעמט זיך מיט אונטערשטיצן די אויפֿקלער־טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, ווי אויך מיט אויסהעלפֿן די פֿאַרפֿאָלגטע אָדער סאָציאַל ניט־פֿאַרזיכערטע שרײַבער און זייערע פֿאַמיליעס״.

״אויף מיטגלידשאַפֿט אין דעם P.E.N־קלוב האָבן רעכט שרײַבער, רעדאַקטאָרן און איבערזעצער, וואָס האָבן עס פֿאַרדינט מיט די ליטעראַרישע מעלות פֿון זייערע ווערק אָדער מיט זייער אַלגעמיינער טעטיקייט״.

דער ייִדישער P.E.N־צענטער איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע, און זײַן ערשטער פֿאָרזיצער איז געווען משה קולבאַק. מחמת באַוווּסטע היסטאָרישע סיבות געפֿינט זיך איצט אונדזער P.E.N אין ניו־יאָרק, זײַן פֿאָרזיצער איז דער דיכטער און מאָלער יאָני פֿײַן. איינער פֿון די וויכטיקע אויפֿטוען פֿון דעם צענטער איז געווען דאָס אויסשטעלן דעם שרײַבער יצחק באַשעוויס־זינגער אַלס קאַנדידאַט פֿאַרן נאָבעל־פּרײַז (1978).

מיט אַ יאָר זיבן צוריק האָט מיר יאָני פֿײַן, אין ניו־יאָרק, באַשריבן זייער אומגינסטיקן מצבֿ: ״פֿון די שרײַבער זענען מיר צוויי געבליבן – יהודה עלבערג אין קאַנאַדע און איך דאָ. און די אַנדערע עטלעכע מיטגלידער זענען אַלמנות און קרובֿים פֿון די אַוועקגעגאַנגענע...״. און ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט (איך בין דעמלט געווען דער פֿאָרזיצער פֿון דעם ישׂראלדיקן ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין), אַז דעם P.E.N־צענטער זייערן זאָל מען איבערפֿירן קיין תּל־אָבֿיבֿ, אין בית־לייוויק.

צי האָט ער אָבער געוווּסט, אַז פּונקט וועגן דעם – וועגן איבערנעמען זייער צענטער – האָט מיר מיט אַ יאָר פֿריִער, אין 1998, שוין געהאַט געשריבן יהודה עלבערג . אין זײַן ביטערן לאַנגן בריוו האָט ער מיר געשריבן: ״איר זײַט דאָך אַזוי יונג נאָך, פֿול ענערגיע, איר וועט עס קענען שאַפֿן...״. ניין, שאַפֿן דאָס (ווי אויך אַנדערע וויכטיקע זאַכן) האָב איך ניט געקענט. עלבערגס בריוו האָב איך פֿאָרגעלייענט אויף אַ זיצונג פֿון אונדזער פֿאַרוואַלטונג, אייניקע האָבן שיִער נישט געוויינט, אָבער די אייניקע זענען געבליבן אַ מינדערהייט, און איך, דער אַזוי גערופֿענער פֿאָרזיצער, אין איינעם מיט זיי...

אַוועק עלבערג. אַוועק די לעצטע ״סאָוועטישע״ ייִדישע שרײַבער אין רוסלאַנד: אַהרן ווערגעליס, שמואל גאָרדאָן, באָריס מאָגילנער... דער לעצטער ייִדישער שריפֿטשטעלער אין מאָלדאַוויע – יחיאל שרײַבמאַן. אין ניו־יאָרק – הייםביידער. קיין איין ייִדיש־ישׂראלדיקער שרײַבער פֿון עלטערן דור קומט מער ניט אַרײַן אין בית־לייוויק: מרדכי צאַנין איז הײַנט אַ בן־מאה. אַבֿרהם סוצקעווער – 93. איטשע גאָלדבערג אין ניו־יאָרק – 102.

הײַנט שטייען מיר ייִדישע עקסיל־שרײַבער – וואָס דאָס זענען מיר, ווו מיר זאָלן זיך ניט אויפֿהאַלטן – פֿאַר אַ גורלדיקן אויסקלײַב. פֿאַראייניקן אונדזערע נעמען און שעפֿעריש־

גײַסטלעכע פּאָטענצן אונטער דער עגידע פֿון דעם ייִדישן פּ.ע.נ.־וועלטצענטער – אָדער ווײַטער זיך שלעפּן מיטן וויסטן וועג־אַראָפּ, מיט דער סטעזשקע וואָס פֿירט אונדז אין באָד. **אויף ס׳נײַ אויפֿשטעלן אַ געמיינזאַמען מיקלט, שאַפֿן אַ פּ.ע.נ־זשורנאַל** (מיטן שווערפּונקט ״אַקטועלע ליטעראַטור־קריטיק״), **עפֿענען אַ קאָלעקטיווע אינטערנעץ־זײַט**, שליסן, כאָטש אויף 5 יאָר אַן אָפּמאַך מיט אַ סאָלידן פֿאַרלאַג, וואָס וואָלט אינטערעסירט געווען **אַרויסצוגעבן און פֿאַרשפּרייטן אונדזערע ביכער אויף ייִדיש און אין איבערזעצונגען.** פּרוּוון **גרינדן אַ ייִדישן P.E.N־פּרײַז...**

און זאָל זיך דער דאָזיקער צענטער געפֿינען טאַקע אין צענטער וועלט, און ניט ערגעץ, לאָמיר זאָגן, אויפֿן ברעג פֿון עפּעס אַ בעריש־ראָמאַנטישן טײַך בירע אָדער פּרעכטיקן ים־המלח, וואָס אויף אַלע מאָדערנע שפּראַכן הייסט ער – ״טויטער ים״.

עכּו, יוני 2006

דערגאַנצונגען צו די טעקסטן

צו דעם בוכטיטל ״אַטלאַנטידיש״

אַן אַסאָציאַטיווער צוזאַמענשטעל פֿון ״אַטלאַנטידע״ און ״ייִדיש״. אַטלאַנטידע (אַלטגריכיש: Ἀτλαντὶς) – דער לעגענדאַרער קאָנטינענט צי אַן אינדזל מערבֿ צו פֿון גיבראַלטאַר, אַנטקעגן די הערקולעס־סלופּעס (Columnae Herculis). די ערשטע דערמאָנונג וועגן דער פֿאַרשוווּנדן געוואָרענער אַטלאַנטיס־ציוויליזאַציע טרעפֿן מיר בײַ דעם פֿילאָסאָף פּלאַטאָן. לויט זײַנע אָנווײַזונגען האָט זיך דאָס לאַנד בעת אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן ערד־ציטערניש אַראָפּגעלאָזט אויפֿן דנאָ אָקעאַן.

צו דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם מחבר

דער מחבר לייענט פֿאַר זײַן פּאָעמע ״רענדסבורגער מיקווה״ אין דער אַמבאַסאַדע פֿון דעם דײַטשן לאַנד שלעזוויג־האָלשטײַן אין באָן (Bonn) אויף אַן אָפֿיציעלער פֿאַראַנשטאַלטונג, געווידמעט דער 50־יאָריקער דאַטע פֿון פֿאַרענדיקונג פֿון דעם 2טן וועלטקריג. די לייענונג איז פֿאָרגעקומען אין איינעם פֿון די צוויי זאַלן, אין וועלכע ס׳האָט שטאַטגעפֿונען די אויסשטעלונג פֿון אינגאַ אַרוס בילדער, געשאַפֿענע פֿאַר דער פֿיל־קאָליריקער אויסגאַבע פֿון דער פּאָעמע.

צו דעם טריפּטיך ״שטילער אויגוסט. דרײַ זוניקע טעג״ פֿון די זכרונות פֿון טאָלקושינאַ מאַריִאַ יעפֿימאָוונאַ, אַ ווייניק־גראַמאָטנע רוסישע פֿרוי פֿונעם דאָרף סוויאַטניצקאָיע אוראָטשישטשע, על־פּי־טעות מיטגעשלעפּטע מיט אירע צוויי קינדער צום פֿאַרניכטונגס־ריוו

די פּאָליצייען זאָגן: קוק, אַזאַ דרייסטע! (...) וויטיען האָב איך געהאַלטן אויף דער רעכטער האַנט, ליאָניען צוגעהאַלטן מיט דער לינקער, אַזוי ביז כ׳בין אַראָפּגעפֿאַלן אין ריוו. כ׳ווייס נישט, וויפֿל כ׳בין דאָרט אָפּגעלעגן, ניט געהערט גאָרנישט, דערנאָך הער איך, מע ווײנט. מײַן זונדעלע וויטיאַ אונטער דער רעכטער האַנט. דערנאָך הער איך עמעצער זאָגט:.ענדיק אים. אַן אַנדער קול זאָגט: באַלד, כ׳וועל אים פֿונעם נאַגאַן. איך ווייס נישט פֿון וואָס, נאָר ס׳האָט אַ קנאַל געטאָן, אַ שאָס, און מײַן זונדעלע וויטיאַ האָט זיך נאָר אַ ריס געטאָן און אַנטשטילט געוואָרן. (...) דערנאָך הער איך עמעצער הייבט מיר אויף דעם פֿוס און זאָגט:.ניין, אַ פּאָר פֿאַרדרעקטע שקראַבעס, – און אָפּגעלאָזט מײַן פֿוס. דערנאָך האָבן זיי מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט, אונטערגעהויבן און אַרויסגעצויגן מײַן וויטיען, וואָס איז געווען אײַנגעוויקלט אין אָ קאָלדרעכל. האָבן זיי אַראָפּגענומען פֿון אים דאָס קאָלדרעכל און אים צוריק אַראָפּגעוואָרפֿן.

דערנאָך זענען זיי נאָך לאַנג אַרומגעקראָכן איבער די טויטע און אַראָפּגעצויגן וואָס ז׳האָבן דאָרט געפֿונען. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן אונדז פֿאַרשיטן מיט ערד. עטלעכע מאָל האָבן זיי מיר געטראָפֿן מיט קלומפּן אין קאָפּ.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל. און איך ליג און ווייס ניט, צי בין איך לעבעדיק, צי ניין , און איך טראַכט: ווו זשע זענען מײַנע צוויי קינדערלעך, פֿאַר וואָס זע איך זיי נישט? ווײַל מענטשן

פֿלעגן זאָגן, אַז אויף יענער וועלט זעט מען אַלע טויטע, און איך זע ניט אַפֿילו די, וואָס מ׳האָט זיי געהרגעט מיט מיר אין איינעם.

דאָ הער איך, ערגעץ רעוועט אַ קו און סע שרײַען קראָען. איצטער, טראַכט איך, וועלן זיך יאַוועןן די מתים. און דאָ פֿיל איך, ווי די קראָען ציִען מיך בײַ די האָר, און עפּעס אַ שרעק איז אָנגעפֿאַלן אויף מיר. און פֿאַר שרעק אפֿשר האָבן זיך אַליין בײַ מיר אויפֿגעעפֿנט די אויגן, און כ׳האָב דערזען איבער מיר דעם הימל. איך האָב געוואָלט זיך אויפֿהייבן , נאָר ניט געקענט זיך אַ ריר טאָן. כ׳האָב געפּרוווט אַרויסציִען די פֿיס, צו ביסעלעך אַרויסגעצויגן זיי און זיך אונטערגעהויבן. (...) מײַנע קינדערלעך האָב איך גלײַך געפֿונען, ליאָניאַ איז געלעגן בײַ מיר צופֿוסנס און וויטיאַ דאָרט, ווו כ׳האָב ערשט וואָס געהאַלטן דעם קאָפּ. איך האָב געוואָלט אויפֿהייבן וויטיען, נאָר די הענט זענען בײַ מיר געווען ווי געליימט.

(...) אין דער פֿרי בין איך אַריבער דעם ריוו. די ווונד ניט איבערגעבונדן, דער קאָפּ דרייט זיך. דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב טרוסן אויף זיך, האָב איך זיי אַראָפּגעצויגן, איבערגעבונדן די ווונד וואָס האָט געבלוטיקט און געלאָזט זיך גיין ווי אויף ליימענע פֿיס. אַזוי האָב איך זיך געשלעפּט דעם גאַנצן טאָג. (...) איין מאָל האָב איך פֿון דער ווײַטנס געזען אַ דאָרף נאָר בין זיך ווײַטער געגאַן, ווײַל כ׳האָב קיינעם פֿון די לעבעדיקע ניט געוואָלט זען.

Писала Толкушкина 1943г.

Подлинник написан красными чернилами на обрывках топографических карт и клочках бумаги без знаков препинания с орфографическими ошибками. Подлинник хранится в документальном фонду Смоленского областного исторического музея. Инв № 9208.

דער פֿולער רוסישער אָריגינאַל (7 זײַטן) געפֿינט זיך אין דעם דאָקומענטאַר־פֿאָנד פֿונעם סמאָלענסקער היסטאָרישן מוזיי. אינווענטאַר־נומער 9208.

צום אַרטיקל ״רויטע רויז פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע״


Mount Royal Hotel
MARBLE ARCH, LONDON, W1A 4UR
Telephone: 01-629 8040
Cables: Mounroy London W1
Telex: 23355

אַ פֿראַגמענט פֿון אַ. שליאָנסקיס בריוו צו דאָרע טייטלבוים קיין פּאַריז

צו דער ״אַפּאָלאָגיע פֿון אַ רשה״

״זיי שרײַבן דאָך אַלע אַ ה י ן...״ – און ניט נאָר אויף אַ געהיימען אופֿן. בלויז אַ מענטש, וועלכער האָט עס אין יענעם לאַנד אויף זײַן אייגענער שקורע דערפֿילט, קען הײַנט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ מסרישן, געפֿערלעכן – קודם־כל פֿאַר דעם רעדאַקטאָר – כאַראַקטער האָט געטראָגן אין זיך, אַזאַ, למשל, שלוסאַקאָרד אין דעם ד. ריטערס (בוזי מילערס) אַרטיקל ״זיך שטעלן אין די רייען פֿון די שאָלעם־קעמפֿער״ (״ביראָבידזשאַנער שטערן״ 27 יולי 1986):

״(...) אינ לעוו בערינסקיס ״נײַע לידער״– . סײַ אינ דעם אינהאַלט, סײַ אינ דער פֿאָרם – וועט איר געפינענ ווייניק קלאָרקײַט, דערפאַר געקינצלקײַט – וויפל איר ווילט! (...) שוינ ניט

צום ערשטן מאָל האָט ליב דער אַוטאָר אַ קאָקעטיר טאָן מיטן מאָלדאַווישן יִידישן דיאַלעקט. צוליב וואָס?[1] (...) פאראן אינעם ציקל נאָכ א ליד״ סטאניסלאוו דער טאנאכ־לייענער״. (...) א סאכ ציקאווע זאכנ:״ א גרינ־בלויער רעגנ פונ וויַינענ, א דוש פונ לאזורעוונ שנאפס״, ״ארום פיאָלעטעוועביימער גלאנצנ לוזשעס פונ מאשקע. ״און טאָמער דארפט איר – ״שקאפעס און הינט״... וויניק? נאט איַיכ נאָכ: ״שיזאָפרענישע געלע הינער״... און שוינ גאָר צום סאָף, אינ דער לעצטער שורע טוט איַיכ דער מעכאַבער א גלעט איבערנ קאָפּ מיט א ״ראָזעווענ קאטאקליזם״...

די יִידישע סאָוועטישע פּאָעזיע, טרוי צו די טראדיציעס פונ אירע גרויסע אָנהייבער, ווי די גאנצע סאָוועטישע פּאָעזיע, האלט ניט פונ קיין קאטאקליזמענ, ביפראט אזעלכע, וואָס די סאָנים פונ שאָלעם ווילנ ברענגענ מיט זייערע נוקלעארע אופריַיסנ און שטערנ-מילכאָמעס.

ניינ, מיר דארפנ ניט קיינ קאטאקליזמענ, אפילע קיינ ראָזעווע״.

(די סטיליסטיק און אָרטאָגראַפּיע – ״ב.ש.״)

פֿון אַלעקסאַנדער בראָדסקיס ענטפֿער דעם ״ב.ש.״ אין ״ס.ה.״ נומ׳ 8, 1986:

״די זאַך איז דאָ, ווי געוויינלעך, ניט אין בערינסקין, – האָט געשריבן אין זײַן ענטפֿער דעם רעצענזענט אַלעקסאַנדער בראָדסקי, – נאָר אין דער פֿאַרשפּרייטער קרענק: טויבקייט צום פּאָעטישן וואָרט. (...) בערינסקי טראָגט ניט אונטער דעם לייענער קיין אָפּגעהיט־איבערגעקײַטע קאַשע, נאָר צווינגט אים אַרבעטן מיטן קאָפּ און מיט דעם האַרץ, דענקען און פֿילן. און ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז לייענען לידער איז אַ לײַכטע און פּשוטע זאַך? נאָר אויב שוין גאָר ערנסט ריידן – גייט עס דאָ ניט בלויז וועגן דער פֿעִיקייט אויפֿצונעמען אַ באַליביקע נײַע שטים אין דער דיכטונג, נאָר וועגן אידעאָלאָגישע דריידלעך.״

---

[1] שיקע דער קרימער (דער פּערסאָנאַזש פֿין מאַן סטיך ״יִידישער פּאָציפֿיזם״ א״א), ווען ער האָט באַ זעך אין בענדער איבערגעלייענט דעם אַרטיקל פֿינעם בירֿאָבידזשאַנער מייוון, האָט ער מיר גליאַך אונגעקלינגען קיין מאָסקווע:
– זוג, ווּוס מיינט ער מיט דעם, מיט עפּעס ״אַ קאָקעטיר טאָן״ – ״אַ קאַק אין טיר טון״?
– יאָ, שיקעלע.
– איז אין ווּעמענס טיר מיינט ער עס?
– אין דער טיר אַף קיראָווסקי 17!
– ווּוס, קיראָוו לייבט נאָך דאָרט?
– ניין, ווערגעליס אַרבעט נאָך דאָרט.

ל.ב.

צום אַרטיקל ״אין דער שיף, אויסגעבויט פֿון מענטשן־גופֿים״

״איבערציילן אויף די פֿינף פֿינגער...״ –

דער זרת:

אויפֿן אַלטן שליאַך, מיט וועלכן נאַפּאָלעאָן האָט זיך מיט זײַן אַרמיי צוריקגעצויגן פֿון מאָסקווע, ווינטער 1812, קריכן זומער אַרויס פֿון די פּוילעכץ־שטינקענדע סמאָלענסקער וועלדער טויזנטער שלענג, צעלייגן זיך אויפֿן זאַמד זיך אויסוואַרעמען די ביינער, שלאָפֿן אײַן און וויקלען זיך מיגלדיק אָן אויף די רעדער פֿון אונדזער לאַסטאויטאָ – דעם איינציקן אפֿשר אויפֿן גאַנצן טראַקט. אין דער הילכיקער קאַראָסעריע, באַדעקטער מיט גרינעם ברעזענט, – די בריגאַדע געאָדעזיסטן, אין וועלכער איך בין אַ וואַלדהאַקער, און אַזוי טרעסן זיך מיר, פֿון סמאָלענסק ביז דאָראָגאָבוזש, עטלעכע מאָל יעדע וואָך – איבערן דניעפּער בײַ סאָלאָוויאָוואָ און ווײַטער, דורך די קוים וואָס נאָך אָטעמדיקע דערפֿלעך אָן עלעקטרע און ראַדיאָ, ווען כאָטש עפּעס אַ קלייטל, אַ פּאָסטפּונקט...

מיר לייגן דורך אין די וועלדער און זומפּן דעם טעאָדאָליט־גאַנג – פֿאַר דער צוקונפֿטיקער הויכוואָלטאַזש־ליניע, מײַ 1963.

דער רינגפֿינגער:

אין אַ קאַלטן טײַך, נעענטער צום דנאָ, אויב ס'געפֿעלט דיר צו טוקן זיך וואָס טיפֿער, קען מען אונטערכאַפּן דעם פּעדיקולאָז, גאַנץ געוויינלעכע לײַז[1] – אויף יעדן פֿאַל אין דער כמאָסט בײַ קאַרדימאָוואָ.

דער לאַנגער:

אין דעם סמאָלענסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אַז גייסט לערנען דאָרט, האָסטו אַ שאַנס צו באַקומען אַן אָרט אין סטודענטן־היים – אַ בעט מיט אַ נאַכטטישל (אָבער, ווײ'ז מיר, מיט נאָך פֿינף מיטווינער אין צימער) – האָב זשע שׂכל, ווײַל דער קאַרטאָגראַפֿישער זומער־סעזאָן פֿאַרענדיקט זיך און די בריגאַדע אָט־אָט צעלאָזט מען.

דער טײַטפֿינגער:

די גויים אין יאַרצעוואָ זענען פּונקט אַזוי שלעכט ווי די בעסאַראַבער ייִדן אין טשימישליִע – זיי לאָזן דיך אַפֿילו אין הויף נישט אַרײַן, אין דעם קרומען הילצערנעם בית־שימוש, ווען דו קענסט שוין ניט אויסהאַלטן, אײַנהאַלטן...

דער גראָבער:

– יאָ, און דער געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר גלינקאַ? – וועט איר מיך פֿרעגן, – אָדער דער פּאָעט טוואַרדאָווסקי? אָדער יורי גאַגאַרין? אַלע דאָך פֿון סמאָלענשטשינע...

---

[1] לײַז, – פֿלעג מיר דערקלקערן מײַן באַלעבאָסטע סאַוועליעוונאַ, – איז צום גליק. האָב איך טאַקע געפֿונען דאָרט אין קאַרדימאָוואָ די מציאה פֿון מײַן לעבן, אַנו טרעפֿט: וועלכע?

מוז איך זיך מודה זײַן: דער בעסאַראַבער ייִד איז טאַקע ערגער פֿון דעם סמאָלענסקער גוי, ווײַל דער בעסאַראַבער ייִד צאַפּט נאָך דערבײַ בלוט בײַ דיר:

– כאָטש אין די הויזן, – גרינזט ער, – וווּס אַרטעס מעך...

ס׳פֿאַראַן אַ זגאַל אָבער – דער סמאָלענסקער ייִד. דאָס איז שוין, ברידערלעך...

קומט צו אין גזשאַטסק צו מיר, סענטיאַבער 1963, דער זשורנאַליסט אַלעקסאַנדער מײַסקי, צי קען איך אים געבן אויף אַ טאָג־צוויי די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון נעכטן: אויף איין קאַרטל לייען איך גאַגאַרינען מײַנע (דעמלט נאָך רוסישע) לידער; אויפֿן צווייטן שפּאַצירן מיר מיט יורי אַלעקסייעוויטש בײַם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ; און אָט שטייען מיר לעבן דעם ״גאַזיק״ פֿאַרן אַרײַנזעצן זיך און אָפּפֿאָרן אין די אָוונטיקע פֿעלדער, ווו די האָזן, דערציילט גאַגאַרין, דערשרעקן זיך אין דער פֿינצטער פֿאַר די פּלוצעם אײַנגעשלאָסענע שײַנוואַרפֿערס וואָס פֿאַרבלענדן זיי, און בלײַבן ווי פֿאַרשטיינערט זיצן, נעם זיי מיט די נאַקעטע הענט (לײַדער טרעפֿן מיר מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער קיין איין האָז אין דעם האַרבסטיקן גראָז – בלויז היימלאָזע קעץ וואָס נערן זיך אין די סטערניעס מיט מײַז...).

– סאַשאַ, – זאָג איך דעם זשורנאַליסט, – דו פֿאַרשטייסט אַליין, אַזוינע פֿאָטאָגראַפֿיעס...

– וואָס רעדסטו וואָס! מאָרגן באַקומסטו זיי, כ׳וועל נאָר עפּעס אויסקלײַבן פֿאַר מײַן רעפּאָרטאַזש ... ווי זאָגט מען׳ס: ווי כ׳בין אַ ייִד...

״אַ סמאָלענסקער ייִד״, וואָלט איך הײַנט צוגעגעבן און צען מאָל אַ טראַכט געטאָן איידער עפּעס געטרויען אים...

צום אַרטיקל ״דער פֿרעמדער קוק״. דאָס לעבן אין אַ גאַז־לאַמטערן״

דער קאָלאַזש איז גענומען פֿון הערטאַ מיולערס פּאָליטישע ווידעאָ־לידער – אייגענע גראַפֿישע בילדלעך מיט אויפֿגעקלעפּטע ווערטער, אויסגעשניטענע פֿון צײַטונגען.

אַ קורצן גרוס פֿון הערטאַ האָט דער מחבר ניט לאַנג צוריק באַקומען אין דרעזדען, וווּ מ׳האָט פֿײַערלעך אָפּגעמערקט זײַן 75סטן געבורטסטאָג, און אויף דער מסיבה אין דעם זאַקסישן לאַנדטאַג האָט מען אים איבערגעגעבן אַ צעטעלע, אָנגעקומען צו זיי מיט דער mail-פּאָסט:

Herta Müller:

Ich schätz ihn und seine Lyrik. Leider werde ich am 7. April in der Schweiz unterwegs sein. Aber grüßen Sie ihn bitte herzlich von mir.

צו דער ״מאַנגעריאַדע״

צו ״מײַן מילכברודער איציק מאַנגער״

״**עפּעס מאָדנע שײַנט עס מיר...״** – יחיאל שרײַבמאַן דערמאָנט אין זײַן ראָמאַן ״זיבן יאָר מיט זיבן חדשים״ (2003) אַן עפּיזאָד פֿון סוף 30ער יאָרן אין בוקאַרעשט: ״אין יענעם זומער האָט נאָטע מאַנגער מיר פּלוצעם אין אַ טאָג אַ זאָג געטאָן בסוד, אַז אין אַ וואָך אַרום קומט איציק צו פֿאָרן אויף אַ פּאָר טעג קיין בוקאַרעשט. בסוד – מחמת איציק וויל ניט, מע זאָל עס וויסן. ער קומט זיך ניט זען מיט קיינעם ניט. ער וויל אַ פּאָר טעג נאָר זײַן מיטן פֿאָטער, מיט שיינדלען דער שוועסטער זייערער, און מיט אים, מיט נאָטען...״.

צו ״מאַנגער און דער רואה־ואינו־ניראה פֿון דעם אַלבערטפּלאַץ״

אויפֿן שטאָטפּלאַץ אויפֿן דרעזד׳נער
שטייט אַ דענקמאָל, אַ סקולפּטור,
ס׳איז דער דיכטער עריך קעסטנער –
אַ מין זעלטזאַמע פֿיגור.

האָט קיין פֿיס ניט, האָט קיין הענט ניט,
האָט קיין ברוסט און האָט קיין קאָפּ,
אַ גלאָז וויסקי (נישט פֿאַרענדיקט) –
איינזאַם ווי אַ מיזאַנטראָפּ.

ער באַגייט זיך אָן די אויגן,
ער דערקוויקט זיך מיט אַ שטראַל,
לינד, באַשיידן, ניט פֿאַרבויגן,
טריוויאַל, פּאַראַדאָקסאַל.

מיט זײַן גוף (אַ שטויסל ביכער)
שטייט ער שטראַם, נאָך אַלץ ניט מיד,
ווי אַן עכטער דײַטש, צי גיכער
ווי אַ שוואָנץ, – דער האַלבער ייִד.

שטייט און שווײַגט מײַן שטומער עריך.
נאָר אַז כ׳גיי פֿאַרבײַ (אַהאַ!) –
טוט ער שטיל אַ פֿרעג מיך, הער איך:
– נו, ווּס ערצעך? מאַ שלאָמכאַ?

ל. ב.

ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען

פֿאַרקירצונגען

ל.ב. - לעוו בערינסקי.

"ס.ה." - "סאָוועטיש היימלאַנד", ייִדישער זשורנאַל, מאָסקווע.

"פֿ־ס" - "פֿאָרווערטס", אַ ייִדישע צײַטונג (ניו־יאָרק).

"ל.נ." - "לעצטע נײַעס", א תּל־אָבֿיבֿער ייִדישע צײַטונג.

"B-O" - "Вести-Окна", אַ תּל־אָבֿיבֿער רוסישע צײַטונג מיט אַ קולטורעלאָגישער בײַלאַגע.

"KH" - "Конец недели", אַ תּל־אָבֿיבֿער רוסישע צײַטונג.

"И.Л." - "Иностранная Литература", דער מאָסקווער זשורנאַל "אויסלענדישע ליטעראַטור".

"Н.с.э." "На стропилах эйнсофа" ("אויף די אין־סוף־קראָקוועס"), אַ פּראָזע־באַנד פֿון ל.ב. אויף רוסיש. דאָנעצק, אוקראַיִנע, 2011.

איטשע גאָלדבערג. פֿון " לעוו בערינסקי - דער דויערנדיקער כּוח פֿון ייִדיש אין אַ נײַעם נוסח. "ייִדישע קולטור" און "ל. נ.", זומער 1999

די רוסישע וועלדער וואָס באַטראַכטן מיך שטום

דער לעצטער גן־עדן־סעזאָן.- "נײַע וועגן" נומ' 1, 1992; די אויטאָרישע איבערזעצונג אויף רוסיש - אין דעם תּל־אָבֿיבֿער זשורנאַל "22", № 142, 2006; אין "Н.с.э"; די דײַטשע איבערזעצונג פֿון אַ. יענדרוש - אין בוך "Experimente mit Weltelementen"

שטילער אויגוסט. דרײַ זוניקע טעג - אין "ס.ה." נומ' 5, 1985; אַן אויטאָרישע איבערזעצונג אויף רוסיש - אין "B-O", 8.2006 און אין "Н.с.э".

גענאַדי עסטרײַך. פֿון "*ביר פֿונעם בלעכענעם טשײַניק*" - אַן איבערזעצונג פֿון ג. **עסטרײַכס** בוך. "Yiddish in the Cold War" (Oxford, 2008)

אַמפֿיטעאַטער

אַ קלאַנגלאָזע זאָנע... דער אָזאָנאָווער לאָך. - אַן אויטאָרישע איבערזעצונג פֿונעם פֿאָרוואָרט צו דער רוסישער פּובליקאַציע פֿון ביאַליקס פּאָעמע "אין שחיטה־שטאָט" אין דער איבערזעצונג פֿון ל. ב. "И.Л.", נומ' 4, 1990, און ווי אַ בײַלאַגע צו דער קעשענעווער צײַטונג "Наш голос", נומ' 3, 1990.

אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז די פּאָעמע ניט באַקאַנט געווען, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקיס רוסישע איבערזעצונג (1904) פֿון ביאַליקס העברעיִשן טעקסט "בעיר ההריגה" האָט מען בשעת דער סאָוועטן־תּקופֿה קיין מאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט, אין די לעקסיקאָנען האָסטו וועגן דעם דיכטער געקענט איבערלייענען נאָר אָזוינע דעפֿיניציעס, ווי די אויבן געבראַכטע אויף ייִדיש, - אָט איז דער רוסישער טעקסט אין דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע:

"Бялик – преимущественно поэт, и как таковой замкнулся в свою романтику консервативного национализма, которая по существу базируется на буржуазных позициях, завуалированных идеей национального единства".
Ш. Гордон. "Литературная энциклопедия". Т. 2. – 1929.

קען מען שוין פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די פּובליקאַציע פֿון ל.ב., נאָך אין אַזאַ וועלט־באַרימטן זשורנאַל, איז געוואָרן דעמלט אַן אמתע סענסאַציע.

שיין און לעבנס־ווירדיק. – דער רוסישער אָריגינאַל־טעקסט איז געשריבן געוואָרן ווי אַ פֿאָרוואָרט צום בוך פֿון מאַרק שאַגאַלס אויסגעקליבענע לידער, פּראָזע־טיילן, אַרטיקלען און בריוו, איבערזעצט פֿון ל. ב.: "Ангел над крышами", מאָסקווע, 1989.

אַן אויטאָרישע איבערזעצונג אויף דײַטש איז אַרײַן אין דער אַלבאָם־פֿאָרמאַט־זאַמלונג
Mark Chagall. "Träume und Dramen". Schleswig-Gottorf, 1994.

אויפֿשטײַג איבער דער סטערניע. – געשריבן געוואָרן אויף רוסיש ווי אַ נאָכוואָרט צו דער ערשטער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד פּובליקאַציע פֿון י. באַשעוויס־זינגערס דערציילונגען – אין "И.Л.", נומ' 4, 1989, און אין דעם בוך "Шоша. Роман и рассказы", מאָסקווע,1991.

אַבֿרהם סוצקעווער. שטריכן און עפּיזאָדן. – ווערט אויף ייִדיש פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל. אַ רוסישער וואַריאַנט מיט פֿאָטאָס און דאָקומענטן – אין "В-О", 8.1.2010.

רויטע רויז פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. – "פֿ־ס", 22.11.2002. גאָר אַן אַנדער אַרטיקל וועגן דאָרע טייטלבוים אויף רוסיש "Поэтесса, рдяный цветок" – אַ פֿאָרוואָרט צו איר בוך "Огненный куст", לידער און אַ פּאָעמע, פֿון ייִדיש – ל. ב., תּל־אָבֿיבֿ, 1992.

אַפּאָלאָגיע פֿון אַ רשע. –אויף רוסיש אין 1994 ,"КН", און אין "Н.с.э.". דער ייִדישער וואַריאַנט – אין דעם בוך "**אַהרן ווערגעליס. סטאַלין און מיכאָעלס**", תּל־אָבֿיבֿ, 2011. אַן **אויסגאַבע** אין דרײַ שפּראַכן: ייִדיש, דײַטש און רוסיש,ביידע איבערזעצונגען פֿון ל. ב.

סאָם אַפּצי סאָמען די זשיקעס אין זשיקעליצעס. –אַ נאָכוואָרט צו מ. פֿעלזענבאַומס בוך "דער נאַכט־מלאך", תּל־אָבֿיבֿ, 1997. אויף רוסיש – אין "В-О", 4.9.1997, און אין "22", №151.

דער נאַרציס פֿון שרון – דוד אַבֿידן. – "פֿ־ס", 14,2,2003; אויף רוסיש – אין דער תּל־אָבֿיבֿער צײַטונג "Итоги", 25.5.1996; אין "В-О", 3.4.2008 און אין "Н.с.э.".

אַ מענטש וואָס – כאָטש האַק אים און בראָק – האָט נאָר געוואָלט "שפּרעכען" ייִדיש. – אין דעם זאַמלבוך "וואָרטבילד", ב־1, לייוויק־פֿאַרלאַג, 2001. רוסיש – אין "В-О" 3.4.2008; אויף דײַטש אינעם אַלמאַנאַך "Die Reise nach Jerusalem". ELS-Forum 2001.

דער פּאָעט מיט אַ האַרץ און אַ פֿויסט. – "פֿ־ס", 26.1.2007. אויף רוסיש – אין "В-О" 8.4.2010.

דער רוסישער שרײַבער הירש־יאַנקל קאַנאָוויטש. – "פֿ־ס", 28.11.2003. רוסיש – "Н.с.э"

אַלעקסאַנדער געלמאַן. – ״פֿ״ס״, 28.10.2003; דער רוסישער וואַריאַנט "Разговор с видом на башню Давида" – אין דעם תּל־אָבֿיבֿער זשורנאַל "Алеф", דעצעמבער 1991, און אין "Н.с.э"

וועגן דעם ווירטואַלן מיקי וואָלף און זײַן reality־ראָמאַן. – ״פֿ״ס״, 13.2.2004. דער רוסישער וואַריאַנט – אין ״22״, №132

דער פֿערטער פֿאַרזיצער פֿון דעם ערדקײַלעך. – ״פֿ״ס״, 9.1.2004. אויף רוסיש – אין דעם זשורנאַל ״22״, №135

״אויף אַ שׂימחה פֿון משוגעים בין איך געראָפֿן געוואָרן...״. – ״פֿ״ס״, 27.9.02

דאָס פֿענצטער גייט אַרויס אין ווײַסעביימער. – ״פֿ״ס״, 25.4.2003. אויף רוסיש – אין "Н.с.э"

אין דער שיף, אויסגעבויט פֿון מענטשן־גופֿים, – ״פֿ״ס״, 29.8.2003. דער אורטעקסט – אַ פֿאָרוואָרט צו דער ערשטער פּובליקאַציע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד פֿון וו. סטוסעס לידער אויף רוסיש, איבערזעצט פֿון ל.ב.) – אין דעם מאָסקווער זשורנאַל "Дружба народов" (״פֿעלקער־פֿרײַנדשאַפֿט״), №4, 1990

די קאַצן־יאָמער־מיניאַטורן פֿון אַנאַטאָלי גאַווריליאָוו. – ״פֿ״ס״, 13.6.2003. אויף רוסיש – אין "КН" №№11, 17, 1994

סאַראַ קירש. אַ פּאָרטרעט אין פֿאַרבן און אַשקאָליר. – ״פֿ״ס״, 1.3.2002. אויף רוסיש – אין "КН", "В-О" און "Н.с.э", 28.5.1994, 4.9.2008

דער לידער־מאַכער וואָס האָט איבערגעקערט אַ דיקטאַטור־מלוכה – ״פֿ״ס״, 9.3.2007, און אין "Н.с.э".

״דער פֿרעמדער קוק״. דאָס לעבן אין אַ גאַז־לאַמטערן. –״פֿ״ס״, 6.9.2002; אויף רוסיש – אין דעם דאָנעצקער זשורנאַל "Дикое поле" (״ווילדפֿעלד״) №14, און אין "Н.с.э".

מאָזעס ראָזען שענקט מיר אַ ״מערסעדעס״. – ״פֿ״ס״ 24.5.2002; אויף רוסיש – אין "В-О", 13.11.2007 און אין "Н.с.э".

מירטשאַ דינעסקו – דער Enfant terrible בײַ טשאַושעסקו. – ״פֿ״ס״, 19.7.02; אַן אַנדער עסיי אויף רוסיש – אין "В-О", 27.11.2008, און אין "Н.с.э"

וועגן אַן אומבאַקאַנטער פּאָעמע פֿון אַ וועלט באַקאַנטן פּראָזאַיִקער. – ״פֿ״ס״, 1.2.2002. אַ רוסישער וואַריאַנט – אין דעם מאָסקווער זשורנאַל "Знамя", №2 1968

אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אין דעם וואַלד פֿון צוויי אותיות. – ״פֿ״ס״, 10.1.2003. אויף רוסיש – אין "В-О" 31.12.2008, און אין "Н.с.э.".

בלויז געקומען אין לאַנד און דערזען עס מיט אייגענע אויגן... – ״פֿ״ס״ 25.6.2004. אויף רוסיש – אין "В-О" 25.12.1997, און אין "Н.с.э.".

לעאָנאַרד שוואַרץ. דער נײַער בבֿל. – "פֿ"ס", 3.5.2002

דער פּראָמינענטער רוסישער דיכטער – אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו. – "פֿ"ס", 12.9.2003. רוסישער וואַריאַנט – אין דער תּל־אָבֿיבֿער צײַטונג "Пятница" 8.2.1996; אין דעם דאָנעצקער זשורנאַל "Дикое поле" №13, (מיט אַ צוגאָב פֿון בריוון־אויסטויש צווישן אַ. פּאַרשטשיקאָוו און ל.ב., מיט קאָמענטאַרן, דאָקומענטאַציע אד"גל); און אין ".H.c.э"

דאָס פֿאַנטאַסטישע, זייער טאַטע־לשון. – "פֿ"ס", 25.7.2003

דרײַ יידישע מאָלערס. טריפּטיך:

זכר שערמאַן און זײַן וועג פֿון "געפֿילטע פֿיש" ביז "Deliberate Eclectism". – "פֿ"ס", 12.3.2004. רוסישער וואַריאַנט – אין דעם תּל־אָבֿיבֿער זשורנאַל "Алеф", אָקטאָבער 1991.

וועגן שׂרפֿות, מאַראַל־רוימען און ליכט־באַפֿרײַונג" – "פֿ"ס", 30.9.2005. אויף רוסיש – אין דער תּל־אָבֿיבֿער צײַטונג "Еврейский камертон", 6.10.2005

ריזיקע רויזן און רויטע טולפּאַנען. – אין דעם זשורנאַל "טאָפּלפּונקט" №1.

הוספֿות

מאַנגעריאַדע. פּענטאַפּטיך

צו מאַנגערס 100־יאָריקן יובילײ. פֿיר פֿון די פֿינף עסייען זענען אין משך פֿון 2001 פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אויף ייִדיש אין "פֿ"ס": **"מײַן מילכברודער איציק מאַנגער"**, 15.6.2001; **"ווו איך שטעל מײַן טראָט..."**, 13.7.2001; **"דער הײַנטיקער ראָק־סטאַר איציק מאַנגער"**, 10.8.2001; **"מאַנגער און דער רואה־ואינו־נראה פֿון דעם אַלבערטפּלאַץ"** 12.10.2001.

דער טעקסט **"דער ערשטער מאָוויסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור"** ווערט דאָ פּובליקירט צום ערשטן מאָל.

אויף רוסיש איז דער עסייען־ציקל פּובליקירט געוואָרן אין "B-O" №1, 4.6.2007 און 21.6.2007. "מײַן מילכברודער איציק מאַנגער" – אין אַ דײַטשער איבערזעצונג פֿון מעליטאַ דעפּנער – אין דער זאַמלונג "Momente in Jerusalem". Bleicher Verlag, Gerlingen 2002.

דאָס צעטרייסלען די לופֿטן. טריפּטיך

וואָס מיינט פֿאַר מיר ליטעראַטור? – ווערט דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל.

אַ בינטל טענות – איך ווייס נישט צו וועמען, און צו זיך אַליין. – אין דעם זשורנאַל "טאָפּלפּונקט", №1

די ייִדישע פּען און דער ייִדישער פּ.ע.נ. – "פֿ"ס", 16.6.2006 און 23.6.2006. אַ רוסישע קאָמפּילאַציע אין "B-O", 5.6.2008

צו די איבערזעצונגען און אילוסטראַציעס

אַלע איבערזעצונגען אויף ייִדיש, חוץ די עקסטרע אָנגעוויזענע, געהערן דעם אויטאָר ל.ב. דער בוך־טאָוול, די גאַנצע פֿיגוראַטיוו־גראַפֿיק און די ווידעאָ־קאָמפּילאַציעס – חוץ די עקסטרע אָנגעוויזענע אָדער "אינטערנעץ־דערלויבטע" – געהערן דעם מחבר.

אַלע קאָליר־בילדער ווערן אין בוך רעפּראָדוצירט ווי שוואַרץ־ווײַסע קאָפּיעס.

אייניקע, מ'קען שוין זאָגן "היסטאָרישע" פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די, וואָס אין די 90ער יאָרן האָבן דעם מחבר איבערגעגעבן דאָרע טייטלבוים ②, און מרדכי צאַנין (④, ⑥) ווערן דאָ פּובליקירט צום ערשטן מאָל.

אויף די בילדלעך אין בוך:

① – לעוו בערינסקי לייענט אויף ייִדיש זײַן פּאָעמע "רענדסבורגער מיקווה" אין דער אַמבאַסאַדע פֿון שלעזוויג־האָלשטײַן אין באָן (Bonn) בײַ דער אַנטהילונג פֿון דער אויסשטעלונג פֿון בילדער און קאָלאַזשן פֿון אינגאַ אַרו צו אַט דער פּאָעמע. די פֿאָרלייענונג און די אויסשטעלונג זענען געווידמעט געווען, מײַ 1995, דער דאַטע "50 יאָר פֿרידן" נאָך דעם 2טן וועלטקריג.

② – לינקס – הערשל מאיר, וויזאַווי – אַנדריי זשדאַנאָוו. מאָסקווע, 60ער יאָרן.

③ – אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו. קאָלאַזש פֿון דעם פֿאָטאָ־קינסטלער איליאַ קייטעלגיסער.

④ – געניאַ און איציק מאַנגער. אויף דער הינטערשטער זײַט פֿאָטאָגראַפֿיע – אַ ווידמונג, וואָס איז אויף דער אילוסטראַציע "צוגעשטעלט" פֿון אונטן: ***"אונדזערע ליבע פֿרײַנט דאָרא און מרדכי צאַנין צום געדענקען. אזוי האָבן מיר אויסגעזען אין 1951. איציק מאַנגער. געניאַ נאַדיר־מאַנגער".***

⑤ – לינקס – מרדכי צאַנין, וויזאַווי – איציק מאַנגער. אַ טייל פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע, וווּ די דריטע פּערזאָן שטייט מיט דער פּלייצע צום צוזעער.

⑥ – ל.ב. אַלס פּערסאָנאַזש פֿון זײַן לידער־זאַמלונג "הינט אויף תּל־אָבֿיבֿער גאַסן".

דער קאָלאַזש אויפֿן טיטלבלאַט "אַמפּיטעאַטער" פּרעזענטירט דעם מחבר אין עפּעס אַ שמועס מיט דעם אָדער אַנדערן ליטעראַט. אויבן אָן – מיט איטשע גאָלדבערג; אויף דער רעכטע זײַל, פֿון אויבן אַראָפּ – מיט: אירזשי גרושאַ (Jiří Gruša), סאַראַ קירש (Sarah Kirsch), יאָסט בלום (Jost Blum), שאַרל דאָבזשינסקי (Charles Dobzynski); אויף דער לינקער זײַל, פֿון אויבן אַראָפּ – מיט: מרדכי צאַנין, כסיאַ יו (Xia Yu), יורגען סערקע (Jürgen Serke), יעקבֿ בעסער; פֿון אונטן קוקט אַרויף דער מחבר ל.ב.

די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון ל.ב. לעבן קעסטנערס דענקמאָל איז געמאַכט געוואָרן שוין אין אַפּריל 2014, נאָך דער פֿאָרלייענונג פֿון דעם אַנטשפּרעכיקן טעקסט אין דעם זעלבן דרעזד'נער קעסטנער־מוזיי.

פערזאָנען־צעטל (קורץ געפּאַסט)

אַמאַדו, זשאָרזשי – 168-163

אַרו, אינגאַ – זז׳ 136, 247, 258

באַשעוויס־זינגער, יצחק – זז׳ 55-59, 71, 91, 96, 97, 126, 174, 234, 245, 255

בירמאַן, וואָלף – זז׳ 133, 137-142

בראָדסקי, אַלעקסאַנדער (מיקי וואָלף) – זז׳ 42, 103-106, 193, 194, 250

גאַווריִלאָוו, אַנאַטאָלי – זז׳ 126-129, 256

גאָלדבערג, איטשע – זז׳ 6, 245, 254, 258

גאַניקאָווסקי, איגאָר – זז׳ 193, 195, 197-199

געלמאַן, אַלעקסאַנדער – זז׳ 96, 99-102, 256

דאָבזשינסקי, שאַרל – זז׳ 60 ,64, 169, 231, 258

דינעסקו, מירטשאַ – זז׳ 146, 156-162, 231, 239, 253, 256

ווערגעליס, אַהרן – זז׳ 60, 69-75, 96, 119, 152, 186, 216, 231, 232, 235...

טייטלבוים, דאָרע – זז׳ 64-68, 249, 255, 258

יעווטושענקאָ, יעווגעני – זז׳ 100, 107, 116-121, 132, 160

כאַליטי, בײַראַם – זז׳ 187-189

מאַנגער, איציק – זז׳ 61, 149, 205-230, 232, 233, 253, 257, 258

מיולער, הערטאַ – זז׳ 143-150, 252

נאַקעל, מאַרטין – זז׳ 173-176

סאַנגווינעטי, עדאָאַרדאָ – זז׳ 169-172

סוצקעווער, אַבֿרהם – זז׳ 6, 60-63, 75, 88, 93, 141, 231, 239, 245, 255

סערקע, יורגען – ז׳ 147, 258

עסטרײַך, גענאַדי – זז׳ 42, 254

פּאַרשטשיקאָוו, אַלעקסיי – זז׳. 182-186, 193, 195, 197, 198, 257, 258

פֿרענקעל, אירענע – זז׳ 200-203

צאַנין, מרדכי – זז׳ 210, 231, 234, 245, 258

קאַלינין, וואַלדעמאַר – זז׳ 189-191

קאַנאָוויטש, גריגאָרי – זז׳ 95-98, 255

קאַפּלאַן, יורי – זז׳ 107-110

קירש, סאַראַ – זז׳ 131-136, 140, 146, 169, 231, 256, 258

ראָזען, מאָזעס – זז׳ 151-155, 158, 159, 256

שאַגאַל, מאַרק – זז׳ 48-54, 57, 60, 62, 71, 77, 91, 96, 136, 160, 189, 201, 255

שוואַרץ, לעאָנאַרד – זז׳ 181, 212, 213, 177-257

שערמאַן, זכר – זז׳ 193-195, 198, 257

אינהאַלט

איטשע גאָלדבערג. אַזוי וווּנדערלעך גענאָסן האָט נאָך קיינער נישט.... 6

די רוסישע וועלדער וואָס באַטראַכטן מיך שטום

דער לעצטער גן־עדן־סעזאָן 9

שטילער אויגוסט. דרײַ זוניקע טעג. 26

גענאַדי עסטרײַך. ביר פֿונעם בלעכענעם טשײַניק 42

אַמפֿיטעאַטער

חסר־מנין: אַ שרײַבער־חבֿרותא מיט קאַרמען נ׳מיטן דרינען

אַ קלאַנגלאָזע זאָנע... דער אָזאָנאָווער לאָך 44

שיין און לעבנס־ווירדיק 48

אויפֿשטײַג איבער דער סטערניע 55

אַבֿרהם סוצקעווער. שטריכן און עפּיזאָדן 60

רויטע רויז פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע 64

אַפּאָלאָגיע פֿון אַ רשע 69

סאָם אַפֿצי סאָמען די זשיקעס אין זשיקעליצעס 76

העברעיִשע היימשטעט – תּל־אָבֿיבֿ, ווירצבורג, קאַליש...

דער נאַרציס פֿון שרון – דוד אַבֿידן 81

אַ מענטש וואָס האָט נאָר געוואָלט – כאָטש האַק אים און בראָק... 85

דער פּאָעט מיט אַ האַרץ און אַ פֿויסט 90

מיטן ייִדישן חוש – אויף קיריליש

דער רוסישער שרײַבער גריגאָרי קאַנאָוויטש 95

אַלעקסאַנדער געלמאַן. צוויי און פֿערציק יאָר אין דער נאָענט... 99

וועגן דעם ווירטואַלן מיקי וווּלף און זײַן reality-ראָמאַן... 103

דער פֿערטער פּאָרזיצער פֿון דעם ערדקײַלעך 107

סאָוועטישע... אַנטיסאָוועטישע...

"אויף אַ שׂימחה פֿון משוגעים בין איך געראָפֿן געוואָרן..." 111

דאָס פֿענצטער גייט אַרויס אין ווײַסעביימער 116

אין דער שיף, אויסגעבויט פֿון מענטשן־גופֿים 122
די קאַצן־יאָמער־מיניאַטורן פֿון אַנאַטאָלי גאַוורילאָוו 126

פֿרײַנד פֿון לאַנד אַשכּנז

סאַראַ קירש. אַ פּאָרטרעט אין פֿאַרבן און אַשקאָליר 131
דער לידער־מאַכער וואָס האָט איבערגעקערט אַ דיקטאַטור־מלוכה 137
״דער פֿרעמדער קוק״. דאָס לעבן אין אַ גאַז־לאַמטערן 143

מײַן מקור־החיים – דאָס לאַנד און די שטאָט...

מאָזעס ראָזען שענקט מיר אַ ״מערסעדעס״ 151
מירטשאַ דינעסקו – דער enfant terrible בײַ טשאַושעסקו 156

זייער היימלאַנד איז – וואָרטלאַנד

וועגן אַן אומבאַקאַנטער פּאָעמע פֿון אַ וועלט באַקאַנטן פּראָזאַיִקער 163
אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אין דעם וואַלד פֿון צוויי אותיות 169
״בלויז געקומען אין לאַנד און דערזען עס מיט אייגענע אויגן...״ 173
בבֿל מאָנט כאָטש איין ליד 177
דער פּראָמינענטער רוסישער דיכטער – אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו 182
דאָס פֿאַנטאַסטישע, זייער טאַטע־לשון. 187

דרײַ ייִדישע מאָלערס

זכר שערמאַן און זײַן וועג פֿון ״געפֿילטע פֿיש״ ביז ״Deliberate Eclectism״ 193
וועגן שׂרפֿות, מאָראַל־רוימען און ליכט־באַפֿרײַונג. 197
ריזיקע רויזן און רויטע טולפּאַנען 200
״Был всегда я бездомным...״ 204

הוספֿות

מאַנגעריאַדע. פּענטאַפּטיך

מײַן מילכברודער איציק מאַנגער 206
״ווי איך שטעל מײַן טראָט...״ 210
דער ערשטער מאָוויסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור 214
מאַנגער און דער רואה־ואינו־נראה פֿון דעם אַלבערטפּלאַץ 218
דער הײַנטיקער ראָק־סטאַר איציק מאַנגער 225

דאָס צעטרייסלען די לופֿטן

וואָס מיינט פֿאַר מיר ליטעראַטור? 231
אַ בינטל טענות – איך ווייס נישט צו וועמען, און צו זיך אַליין 235
די ייִדישע פּען און דער ייִדישער פּ.ע.נ. 240

דערגאַנצונגען צו די טעקסטן און בילדער

פֿון די זכרונות פֿון מאַריִאַ טאָלקושינאַ. 247
צום אַרטיקל ״רויטע רויז פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע״ 249
צו דער ״אַפּאָלאָגיע פֿון אַ רשה״. 249
צום אַרטיקל ״אין דער שיף, אויסגעבויט פֿון מענטשן־גופֿים״ 251
צום אַרטיקל ״דער פֿרעמדער קוק. דאָס לעבן אין אַ גאַז־לאַמטערן״ 252

צו דער ״מאַנגעריאַדע״

צו ״מײַן מילכברודער איציק מאַנגער״ 253
צו ״מאַנגער און דער רואה־ואינו־נראה פֿון דעם אַלבערטפּלאַץ״ 253

ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען 254
צו די איבערזעצונגען און אילוסטראַציעס 258
פּערזאָנען־צעטל 259

לעוו בערינסקי

1939 געב׳ אין קאָושאַן, בעסאַראַביע (צו יענער צײַט – רומעניע).

1953 דעביוטירט מיט רוסישע לידער.

1981 דעביוטירט מיט לידער אויף ייִדיש.

1968-1963 שטודירט אין דעם סמאָלענסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דיפּלאָם: דײַטש־לערער.
1970-1965 שטודירט אין דעם מאָסקווער ליטעראַרישן אינסטיטוט א״נ מ. גאָרקי בײַם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אָפּטיילונג: פּאָעזיע און פּאָעטישע איבערזעצונג. דיפּלאָם: ליטעראַטאָר.
1983-1981 – ייִדיסטיק־שטודיום אויף די העכסטע ליטעראַרישע קורסן בײַם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד. דיפּלאָם: ייִדישער ליטעראַטור־רעדאַקטאָר.
1987 – אינטענסיוו־קורס בײַם בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט: רומעניש ליטעראַטור, פֿאָלקלאָר און געשיכטע.

זינט 1991 – פֿרײַער ליטעראַט און זשורנאַליסט אין ישׂראל.
ליטעראַטור־סטיפּענדיעס אין רענדסבורג (1993 און 1994), בערלין (1995), מינכן (1999).
אָנטיילנעמער פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָעזיע־פֿעסטיוואַלן אין ירושלים, ראָטערדאַם, סאָלאָטורן, באַזל, בוקאַרעשט, קאַטאַניאַ, א״אַ.
צאָלרײַכע פֿאָרלייענונגען אין אייראָפּע.
2001-1988 – פֿאָרזיצער פֿון דעם ייִדישן שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישׂראל.

די וויכטיקסטע ליטעראַטור־פּרײַזן:

1992 – Twentieth Century Award for Achievements, (IBC, Cambridge)

1997 – דוד האָפֿשטיין־פּרײַז; איציק מאַנגער־פּרײַז.

די וויכטיקסטע אויסגאַבעס אויף ייִדיש:

1988 – ״דער זוניקער וועלטבוי״ (לידער און אַ פּאָעמע). מאָסקווע, ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״.

1996 – ״פֿישפֿאַנג אין ווענעציע״ (לידער און פּאָעמעס). תּל־אָבֿיבֿ, לייוויק־פֿאַרלאַג.

אויף רוסיש: ״Собаки на улицах Тель-Авива״ – (״הינט אויף תּל־אָבֿיבֿס גאַסן״, לידער). תּל־אָבֿיבֿ, ״Мория״, 1993.

״Смерть ветряной мельницы״ – (״דער טויט פֿון אַ ווינטמיל״. סאָנעטן). תּל־אָבֿיבֿ, 1997.

״На путях вавилонских״– (״אויף די בבֿלישע וועגן״. געקליבענע לידער און פּאָעמעס). Донецк, Изд-во ״Точка опоры״, 2009.

אויף דײַטש:

״Experimente mit Weltelementen״ (פּאָעזיע און פּראָזע). בערלין, ״Dodo״, 1998.

אויף ייִדיש און רוסיש:

״Calystegia Sepium״ – ליבע־לידער. תּל־אָבֿיבֿ, ״דורגרף״, 1995.

אויף ייִדיש און דײַטש:

״רענדסבורגער מיקווה״ (פּאָעמע). קאָלאַזשן פֿון אינגאַ אַרו. שלעזוויג־האָלשטיין, 1994.

אויף ייִדיש און ענגליש:

״לופֿטבלומען״ (פּאָעמע. בילדער פֿון אירענע פֿרענקעל). ״פּרץ־פֿאַרלאַג״, תּל־אָבֿיבֿ, 2001.

Проза

יִתְגַּדַל...

און דאָס, וואָס ס'איז געבליבן
אין די גרויסע הויפּטשטעט, אויף די מערק
און פֿיזיק־קאַטעדרעס, אין אָרקעסטערס
פּרימאַ־פֿידלער, שעף אין באַנק און אָפֿיס
אויף אַ נײַעם ברעג
פֿון Hudson און Haifa, וואָס צעשוווּמען
האָט זיך ווײַט מיט Children און Women –
דאָס איז
מער קיין פֿאָלק נישט:
דאָס איז...